STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09704

ETIK UN DI MATERIALISTISHE OYFASUNG FUN DER GESHIKHTE

Karl Kautsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וויסענשאַפטליכע ביבליאָטעק

אין צעהן בענד.

אונטער דער רעדאקציע
פון
דר. יצחק אייזיק הורוויטש.

פאַרלאַג „די היים“
ניו יארק — 1919.

באַנד זעקס.

I. — עטיק.

II. — סאָציאָלאָגיע.

קאַרל קאוטסקי:

עטיק

און די מאַטעריאַליסטישע אויפאַסונג פון דער געשיכטע.

אידיש: חיים קאנטראוויץ.

Copyrighted, 1920
FARLAG HEIM, INC.
New York, N. Y.

אינהאַלט

ערשטער קאַפּיטעל:

די עטיק פון אַלטערטום און קריסטענטום — — — — — 9

צווייטער קאַפּיטעל:

די עטיק פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע — — — — — — 22

דריטער קאַפּיטעל:

קאַנטס עטיק.

1. די קריטיק פון דער דערקענטעניש — — — — — 34
2. דער מאָראַלער געזעץ — — — — — — — — — — 40
3. פרייהייט און נויטווענדיגקייט — — — — — — 50
4. די פילאָסאָפיע פון שלום — — — — — — — — 55

פערטער קאַפּיטעל:

די עטיק פון דאַרוויניזם.

1. דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ — — — — — — — 60
2. זעלבסט באַוועגונג און דערקענטעניש פעהיגקייטען 65
3. דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג
אין רעפּראָדאַקציע — — — — — — — — — — 72
4. סאָציאַלע אינסטינקטען — — — — — — — — 75

פינפטער קאפיטעל:

די עטיק פון מארקסיזם.

1. די ווארצלען פון דער מאטעריאליסטישער אויפפא־סונג פון דער געשיכטע — — — — — — — — — — — 89
2. די ארגאניזאציע פון דער מענשליכער געזעלשאפט— 101
א. די אנטוויקלונג פון דער טעכניק.
ב. די טעכניק און די לעבענס־אופנים.
3. די ענדערונגען אין דער מאכט פון די סאציאלע אינסטינקטען — — — — — — — — — — — — — 115
א. די שפראך.
ב. מלחמה און אייגענטום.
4. דער איינפלוס פון די סאציאלע אינסטינקטען — 132
א. אינטערנאציאנאליזם.
ב. די קלאסען צוטיילונג.
5. די גרונדלאגען פון מאראל — — — — — — — — — 148
א. געוואנהייט און מאדע.
ב. די פראדוקציאנס מעטאדען און וואס איז אויפגע־בויט אויף זיי.
ג. די אלטע און נייע מאראל.
ד. דער מאראלער אידעאל.

ערשטער קאפיטעל.

די עטיק פון אלטערטום און קריסטענטום.

די פראבלעם פון עטיק הויבט אן צו פארנעמען דעם אויבען אן אין דער געשיכטע פון דער פילאסאפיע גלייך נאך די פערסישע מלחמות. אויף דעם קליינעם גריכישען פאלק האט זייער באפריי־אונג פון דעם יאך פון פערסישען דעספאטיזם געהאט די זעלבע ווירקונג ווי די מפלה פון רוסישען דעספאטיזם האט געהאט אויף יאפאניע. מיט איין קלאפ זיינען זיי געווארען א וועלט־מאכט, באַ־הערשענדיג די טייכען וועלכע האבען זיי ארומגערינגעלט, און דער־מיט אויך באהערשענדיג דעם מסחר. פונקט ווי מיר זעהען דאס איצט אין יאפאניע, אזוי איז אויך, נאך די פערסישע מלחמות, גריי־כענלאנד, און איבערהויפט אטהען, געווארען דער הויפט־צענטער פון דער וועלט קאמערץ פון זייער צייט. דער קאמערציעלער קא־פיטאליזם האט ארומגעכאפט דאס גאנצע פאלק און האט צוריסען אלע טראדיציאנעלע באציהונגען און באגריפען, וועלכע האבען ביז דער צייט באהערשט דעם יחיד און רעגולירט זיינע טאטען. דער יחיד, און איבערהויפט דער, וואס איז געשטאנען אויף א העכערער געזעלשאפטליכער שטופע, האט זיך פלוצלונג געפונען איבערגע־פלאנצט אין א נייער געזעלשאפט, אין וועלכער ער האט פארלארען יעדע טראדיציאנאלע שטיצע, אין וועלכער ער איז אינגאנצען איבער־געלאזען געווארען צו זיך אליין. און דאך, אין אט דעם צושטאנד וואס האט אויסגעוויזען צו זיין אזוי אנארכיש, האט יעדער איינער געפיהלט ניט נאר א נויטווענדיגקייט פאר באשטימטע געזעצע פון אויפפיהרונג, נאר ער האט טאקי אויך, מעהר אדער ווייניגער, קלאר

אייגנעזעהן. אז ערגעץ טיף אין זיין נשמה ארבייט עפּעס א רעגולאטאר פון אלע זיינע טאטען, וועלכער מאכט מעגליך פאר איהם צו אונטערשיידען צווישען גוטס און שלעכטס, צו שטרעבען צו דאס גוטע און פארמיידען דאס שלעכטע. אט דער רעגולאטאר האט אויסגעקוקט צו זיין עפּעס א גוואלדיג מיסטעריעזע קראפט. צוגעגעבען, אז ער קאנטראלירט די טאטען פון א סך מענשען, אז זיינע אורטיילען וועגען גוט און שלעכט ווערען ארויסגעגעבען אהן דעם קלענסטען אפּהאלט, און באווייזען זיך מיט זייער גאנצער פעסטקייט, בלייבט אבער דאך די פראגע, וואס איז די ווירקליכע נאטור פון אט דעם רעגולאטאר, און וואס איז דער באזיס, אויף וועלכען ער בויט זיינע אורטיילען. שטעלט זיך איינער אט די פראגע, ווערט גלייך אט דער רעגולאטאר וואס לעבט אין דער מענשליכער נשמה, אזוי גוט ווי זיינע אורטיילען, וועלכע קוקען געוועהנליך אויס אזוי נאטירליך און זעלבסט־פארשטענדליך צו יעדען איינעם, פארוואנדעלט אין אן ערשיינונג וועלכע עס איז פיל שווערער צו פארשטעהן ווי א וועלכער עס איז אנדער ערשיינונג אין דער וועלט.

מיר זעהען אלזא, אז זינט די פערסישע מלחמות, הויבט אן די עטיק, אדער די אויספארשונג פון אט דעם מיסטעריעזען רעגולאטאר פון די מענשליכע טאטען — דעם מאראלישען געזעץ — פארנעמען דעם אויבען אן אין דער גריכישער פילאסאפיע. ביז יענער צייט איז די גריכישע פילאסאפיע געווען הויפּטזעכליך א נאטור פילאסאפיע. זי האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו דערקלערען די געזעצען וואס הערשען אין דער נאטור. איצט אבער האט די נאטור אנגעהויבען צו פארלירען אלץ מעהר און מעהר יעדען אינטערעס פאר די פילאסאפען. דער מענש, אדער די עטישע נאטור פון מענשען, איז געווארען דער צענטראל פּונקט פון זייערע פארשונגען. די נאטור פילאסאפיע האט אויפגעהערט צו מאכען א וועלכען עס איז פראגרעס: די נאטור וויסענשאפטען זיינען אפּגעטיילט געווארען פון דער פילאסאפיע: דער גאנצער פראגרעס פון דער אלטער פילאסאפיע איז איצט בלויז געקומען פון דעם שטודיום פון דער גייסטיגער נאטור פון מענשען און זיין מאראל.

די עטיק

שוין די סאפיסטען האבען אנגעהויבען פאראכטען דעם וויסען פון דער נאטור. נאך ווייטער אין דעם הינזיכט איז געגאנגען סאקראטעס, וועלכער האט ערקלערט, אז ער קען גאר נישט לערנען פון די בוימער, אבער זיכער פיל פון די מענשליכע וועזענס און שטאט. פלאטאן האט באטראכט די נאטור פילאסאפיע אלס שפילעריי.

דורך דעם אבער האט זיך אויך געענדערט די מעטאדע פון דער פילאסאפיע. די נאטור פילאסאפיע איז נויטיגערווייזע געווען געצוואונגען צו פארלאזען זיך אויף די באאבאכטונגען פון דער נאטור. אבער, דערקענען די מאראלע נאטור פון מענשען קען מען זיכער אמבעסטען דורך דער באאבאכטונג פון דעם אייגענעם איך. אונזערע חושים קענען זיך טועה זיין, אנדערע מענשען קענען אונז אפנארען, אבער מיר וועלען דאך זיך אליין ניט נארען, אויב מיר ווילען דערגעהן דעם אמת! און אזוי איז אם ענדע אנערקענט געווארען פאר זיכער בלויז דער וויסען, וועלכען מען האט געקראגען פון זיך זעלבסט.

אבער ניט בלויז דער געגענשטאנד און מעטאדע פון דער פילאסאפיע האבען זיך געענדערט, נאר אויך איהרע אויפגאבען. די נאטור פילאסאפיע האט געשטרעבט אויסצופארשען די נויטוועגדיגע פארבינדונגען צווישען אורזאכע און רעזולטאט. איהר שטאנדפונקט איז דערפאר געווען דער שטאנדפונקט פון אורזאכליכקייט (קאוזאליטעט). די עטיק, פארקערט, גיט זיך אפ מיט דעם ווילען און פליכט פון מענשען, מיט צוועקען און ציעלען צו וועלכע ער שטרעבט. דערפאר איז איהר שטאנדפונקט, דער שטאנדפונקט פון א באוואוסטזיניגען ציעל, אדער די טעלעאלאגיע.

אט די נייע אנשויאונגען זעהען זיך, פארשטעהט זיך, ניט אן מיט דערזעלבער שארפקייט אין די פארשידענע שולען פון מענשליכען געדאנק.

עס זיינען דא צוויי מעטאדען ווי אזוי צו דערקלערען דעם מאראלישען געזעץ וואס איז אין אונז. מען קען זיינע ווארצלען זוכען אין די בולטע אימפולסען פון דער מענשליכער טעטיגקייט, און אלס אזא ערשיינט דער שטרעבען צו פארגעניגען און גליק. אין א געזעלשאפט וואס איז באזירט אויף דער פראדוקציע פון סחורה, ווען די

קאַרל קאוטסקי

פריוואַטע פּראָדוציִרער זיינען, אויסערליך, אומאָפּהענגיג איינער פון צווייטען, איז פאַרגעניגען און גליק, און די אַלע באַדינגונגען וואָס זיינען דערצו נויטיג, אויך פּריוואַטע זאַכען. דערפאַר האָט מען דעם וואָרצעל פון דעם מאָראַלישען געזעץ געזוכט אין די באַדערפע־נישען פון יחיד, אין דעם אינדיווידועלען שטרעבען צו גליק און פאַר־גנִיגען. גוט איז דאָס וואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגען דעם יחיד, וואָס העלפט איהם אין זיין זוכען פון גליק, שלעכט איז דאָס וואָס גיט פאַר־קערטע רעזולטאַטען. ווי אַזוי איז דאָס מעגליך, אַז עמיצער זאָל וועלען דאָס שלעכטע? ווי איז דאָס מעגליך, אַז עס זאָלען זיך געפינען מענשען, אונטער אַלע אומשטענדען, וועלכע זאָלען ניט אויסקלייבען דאָס גוטע? דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס עס עקזיסטירען פאַרשידענע סאָרטען פון פאַרגעניגען און גליק. שלעכטס איז דער רעזולטאַט דערפון, וואָס דער מענש קלייבט בעסער אויס אַ נידעריגערען סאָרט פאַרגעניגען אנשטאַט אַ העכערען: ווען איינער איז מקריב אַ העכערען און דויערהאַפטערן סאָרט פאַרגעניגען צו אַ נידעריגערען און פאַרבייגעהענדען; אין אנדערע ווערטער: דאָס שלעכטע איז דער רעזולטאַט פון אונוויסענהייט און קורצזיכטיגקייט. אַזוי צ. ב. ש. האַלט עפּיקור דעם גייסטיגען פאַרגעניגען פאַר אַ העכערען סאָרט ווי דעם פיזישען, דערפאַר, ווייל דער ערשטער איז דויערהאַפטער און קען אונז פאַרשאַפען אַ ריינערע צופרידענקייט. דער פאַר־גנִיגען פון רוה איז, לויט זיין מיינונג, העכער ווי דער פאַרגעניגען פון טעטיגקייט. די רוהיגקייט פון דער נשמה האַלט ער פאַר דאָס העכסטע גליק. דערפאַר דאַרף יעדער איבערפלוס פון פאַרגעניגען אנטמוטיגט ווערען, צוליב דער זעלבער אורזאַכע איז אויך שעדליך יעדער געוויסענסלאָזער טאַט, ווייל דער רעספּעקט, ליעבע און אכטונג צו מיינע שכנים, אַזוי גוט ווי דער וואָהלזיין בכלל פון דער געזעל־שאַפט צו וועלכער איך געהער, זיינען אַליין נויטיגע פאַקטאָרען פאַר דער דערגרייכונג פון מיין אייגענעם וואָהלזיין און גליק: איך קען קיין מאָל דאָס לעצטע ניט דערגרייכען, אויב איך זאָל זיך בלויז זאָרגען וועגען זיך אַליין.

אַט דער בליק אויף דער עטיק האָט זיך אויסגעצייכענט דער־

מיט, וואס ער האט זיך אויסגעצייגט פאר „זעהר נאטירליך“. אט דער בליק איז אם בעסטען געווען צוגעפאסט צו די באדערפעגישען פון די, וועלכע האבען געוואלט זיך צופרידענשטעלען מיט דער דער־קענטעניש פון דער ווירקליכקייט, פון דער וועלט, וואס מיר קענען דערקענען מיט אונזערע חושים, און וועלכע האבען דעם מענשען באטראכט בלויז אלס טייל פון דער אלגעמיינער נאטור. פון דער צווייטער זייט האט אזא אויפאסונג אויף עטיק געמוזט ארויסרופען א מאטעריאליסטישע אויפאסונג אויף דער נאטור בכלל. די באגרינדונג פון דער עטיק אויף דעם שטרעבען פון יחיד נאך גליק און פארגעניגען, ד. ה. אויפ׳ן עגאאיזם, און די מאטעריאליסטישע אויפאסונג אויף דער וועלט, האבען זיך געגענזייטיג פאראויסגעזעצט און איינס דאס צווייטע געשטיצט. די פארבינדונג וואס עקזיסטירט צווישען אט די צוויי עלעמענטען, זעהט זיך אמבעסטען ביי עפיקור׳ען. (270—341 פאר קריסטוס). זיין מאטעריאליסטישע נאטור פילאסאפיע ווערט אפען באשטימט דורך אן עטישען ציעל: בלויז די מאטעריאליסטישע אויפאסונג פון דער נאטור, קען נאך זיין מיינונג, אונז באפרייען פון די שרעקען, וועלכע זיינען ביי אונז אנטשטאנען א דאנק נארישע אבערגלויבענס, בלויז זי קען אונז געבען אט די נשמה רוהיגקייט, אהן וועלכער קיין אמת׳ער גליק איז ניט מעגליך.

פארקערט, די אלע וואס זיינען געווען געגען מאטעריאליזם בכלל, האבען אויך געמוזט זיך אנטזאגען פון זיין עטיק, און פארקערט, די וועלכע האבען זיך ניט געקענט צופרידענשטעלען מיט אט דער עטיק, האבען שוין געמוזט פארווארפען אויך דעם מאטעריאליזם. די עטיק פון עגאאיזם, אדער פון דעם שטרעבען פון יחיד צו גליק, האט געהאט ניט ווייניג שוואכע זייטען. פריהער פון אלעם האט זי ניט ערקלערט ווי אזוי ווערט דער מאראלישער געזעץ, א מאראלישער צוואנג, א פליכט צו טאן גוטס, און ניט בלויז א ראטגעבער צו אויסקלייבען א בעסערען שכל׳דיגערען סארט פארגעניגען אדער א ווייניגער שכל׳דיגען. אויסער דעם איז דער שנעלער, פאזיטיווער מאראלישער אורטייל וועגען גוטס און שלעכטס, אינגאנצען אנדערש ווי יעדער מישוב׳דיגער איבערוועגען פון פארשידענע טא־

טען און אויסגעפינען וועלכע וועט פארשאפען מעהר, און וועלכע וועניגער גליק און נוצליכקייט. אם ענדע, קען מען אויך אפט פ י ה ל ע ן א פליכט צו טאן עטוואס, פון וואס מען קען בשום אופן ניט ערווארטען וועלכע עס איז נוצען. אויב צ. ב. ש. איך ענטזאג זיך צו זאגען א ליגען, הגם דורך דעם וועל איך אויפברייננגען געגען זיך. אויף אימער, די גאנצע עפענטליכע מיינונג, אדער ווען איך ריזיקיר מיין לעבען, אדער ביז זאגאר באריט אוועקגעבען מיין לעבען פאר עטוואס, קען דאך דא זיכער ניט זיין קיין רייד ווענגען א וועלכען עס איז פארגעניגען אדער גליק, וואס זאל סוף כל סוף קענען פארוואנדלען מיינע ליידען אין זייער היפוך.

מיט וואס אבער האבען די קריטיקער פון אט דער דערקלערונג פון עטיק איהר געוואלט פארבייטען? מיט גאר ניט, הגם זיי האבען געמיינט, אז מיט זעהר א סך. דער פאקט וואס זיי זיינען ניט געווען ביכולת צו דערקלערען די מאראלע געזעצען אויף א נאטירליכען אופן, האט פאר זיי געדינט אלס דער בעסטער באוויז, אז דער מענש לעבט ניט נאר אין דער נאטור, נאר אויך אויסער איהר, אז אין איהם לעבען איבערנאטירליכע און אויסערנאטירליכע כחות, אז זיין גייסט איז עפעס איבערנאטירליכעס. פון אט דער פארשטעלונג ווענען עטיק איז אויף דעם אופן ארויסגעוואקסען דער פילאסאפישער אידעאליזם און מאנאטעאיזם: אט דער נייער גלויבען אין גאט.

אט דער נייער גלויבען אין איין גאט איז געווען גאנץ אנדערש ווי דער אלטער פאליטעאיזם: דער אונטערשיד איז באשטאנען ניט בלויז אין דער צאהל געטער, און ער איז ניט אנטשטאנען א דאנק דעם, וואס די פיל־געמעריי איז פארביטען געווארען אויף איין גאט. דער פאליטעאיזם איז א פראבע צו דערקלערען דעם פראצעס פון דער נאטור, זיינע געטער זיינען געווען פארקערפערונגען פון נאטורקרעפטען, זיי זיינען דערפאר געווען ניט איבער דער נאטור און ניט אויסער דער נאטור, נאר אין דער נאטור, און האבען מיט זיך פארגעשטעלט טיילען פון איהר. די נאטור פילאסאפיע האט זיי ביםלעכווייז ארויסגעשטויסען אויף אזוי ווייט, ווי זי האט אויסגעפונען

אנדערע, אומפערזענליכע, אורזאכען פאר די ערשיינונגען פון דער נא־טור, און האט אנטוויקעלט די אידעע פון געזעץ און נויטווענדיגער פארבינדונג פון אורזאכע און רעזולטאט. די געטער האבען דא און דארט געמענגט אויפהאלטען זייער טראדיציאנעלע עקזיסטענץ אפילו אין דער פילאסאפיע, אבער בלויז אלס א סארט אויבערמענשען, וועל־כע שפּילען קיין שום אקטיווע ראליע ניט. אפילו פאר עפיקור'ען, טראָץ זיין מאטעריאליזם, זיינען די געטער ניט געווען טויט, זיי זיי־נען אבער ביי איהם פארוואנדעלט געווארען אין פאסיווע צוקוקער.

אפילו די ניט־מאטעריאליסטישע עטישע ריכטונגען אין דער פילאסאפיע, די וועמעס בעסטער פארשטעהער עס איז געווען פלאטאן (427—347 פאר קר.) און וועמעס מיסטישע עלעמענטען עס איז פיל קלערער אנטוויקעלט געווארען פון די נעא־פלאטאניסטען, אי־בערהויפּט פון פלאטינוס, (240—270 פ. ק.) אפילו אט די ריכ־טונגען האבען זיך ניט גענויטיגט אין די געטער פאר זייערע דערקלע־רונגען וועגען דער נאטור: זיי האבען די געטער באהאנדעלט אויף דעם זעלבען אופן ווי די מאטעריאליסטען. זייער אידעע פון גאט איז ניט ארויסגעקומען אלס רעזולטאט פון דער נויטיגקייט צו דער־קלערען די נאטירליכע וועלט אין וועלכער מיר לעבען. בכדי צו דער־קלערען די עטישע און גייסטיגע נאטור פון מענשען, האבען זיי זיך גענויטיגט אין א גייסטיגען וועזען, וועלכער זאל זיך געפינען אוי־סער און איבער דער נאטור, און פאלגליך אויסער צייט און פלאץ. א גייסטיגער וועזען וועלכער זאל מיט זיך פארשטעלען דעם תמצית פון יעדער מאראל, און וועלכער זאל באהערשען די מאטעריעלע נאטור, פונקט ווי די אריסטאקראטישע פילאסאפען באהערשען די, וועלכע ארבייטען מיט זייערע הענט. און פונקט ווי די ערשטע האבען זיך באטראכט פאר נאבעל, און די צווייטע פאר'ן המון, געוועהנליך און וואולגאר, פונקט אזוי איז פאר זיי די נאטור געווארען געמיין און שלעכט, און דער גייסט גוט און נאבעל. דער מענש געהערט אונ־גליקליכערווייזע צו ביידע וועלטען, סיי צו דער וועלט פון מאטעריע און סיי צו דער וועלט פון גייסט. ער איז האלב חיה און האלב מלאך, און וויגט זיך אימער צווישען גוט און שלעכט. פונקט, אבער,

קארל קאוטסקי

ווי גאט הערשט איבער דער נאטור, אזוי האט אויך די מאראל איז מענשען דעם כח צו בייקומען דאס נאטירליכע, די פארלאנגען פון קערפער, און טריאומפירען איבער זיי. פאלקאמענער גליק איז אבער פונדעסטוועגען פאר דעם מענשען אונדערגרייכבאר, אזוי לאנג ווי ער געפינט זיך אין דעם „טאל פון טרערען", און איז פארשאלטען צו טראגען אויף זיך די מאסע פון זיין קערפער. בלויז דאן, ווען ער באפרייט זיך פון אט דער מאסע, ווען זיין גייסט ווערט באפרייט און קערט זיך אום צוריק צו זיין אורקוואל — צו גאט, — קען ער דערגרייכען דעם גרענעצלאזען גליק.

עס איז קלאר דערפון, אז גאט שפילט דא א גאנץ אנדער ראליע ווי די, וואס ער האט געשפילט אין אלטען פאליטעאיזם. אט דער איינציגער גאט איז שוין ניט קיין פערזאניפיקאציע פון אן ערשיי-נונג פון דער אויסערער וועלט, נאר די זעלבסט-שטענדיגקייט פון דעם גייסטיגען וועזען פון מענשען. פונקט ווי דעם מענשענס גייסטיגער וועזען איז איינס, קען אויך די גאטהייט שוין ניט זיין קיין פילעס. דער איינציגער גאט האט, אין דעם פאלקאמענסטען פילאסאפישען אויסדרוק, ניט קיין אנדער אויפגאבע ווי דערקלערען דעם עטישען געזעץ: זיך אריינמישען אין דער וועלט-ארדענונג, ווי דאס פלעגען טאן די אלטע געטער — איז ניט זיין זאך. דערויף איז גענוג, אז וועי-ניגסטענס פאר'ן פילאסאף, אנציגעמען די נעזעצמעסיגקייט צווישען אורזאכע און רעזולטאט.

עס פארשטעהט זיך, אז וואס מעהר אט דער בליק אויף גאט איז געווארען פאפולער, און איז אריינגעדרונגען אין דער פאלקס-רעלי-גיע, אלץ מעהר האט אט דער איינציגער, העכסטער, איבער־אלץ־הערשענדער גייסט, אנגעהויבען צו קריגען פערזענליכע שטריכען: זיך אנגעהויבען מישען אין דער וועלט-ארדענונג, און די אלטע געטער האבען זיך צוריק אנגעהויבען אריינ'גנב'ענען. איצט טרעטען זיי שוין ארויס אין דער ראליע פון פארמיטלער צווישען גאט און מענש, אין דער ראליע פון מלכים און הייליגע. אבער אפילו איז אט דער פאפולערער פארמע, איז אלץ די פאראכטונג צו דער נאטור פארבלי-בען, און די אנשויאונג, אז דער גייסטיגער, אדער ריכטיגער דער

עטישער תמצית פון מענשען איז פון אן איבערנאטירליכער אפשטא־מונג, איז אלץ פארבליבען אלס בעסטער באווייז פאר דער עקזיסטענץ פון אן איבערנאטירליכער וועלט.

צווישען אט די ביידע ענטגעגענגעזעצטע פאליוסען, פלאטאן און עפיקור, זיינען מעגליך געווען פארשידענע מיטעלפונקט סטא־דיען. די וויכטיגסטע פון זיי איז געווען די ס ט א א י ש ע פ י ל א ס א פ י ע, וועלכע איז באגרינדעט געווארען פון זענא (270—341 פאר קר.). פונקט ווי די פלאטאנישע פילאסאפיע, אזוי איז אויך די סטאאישע געווענדעט געגען דער פראבע צו ערקלערען דעם מאראלישען געזעץ אלס רעזולטאט פון דעם יחיד׳ס שטרעבען צו גליק און פארגעניגען. אין דעם מאראלישען געזעץ האט זי געפונען א העכערע קראפט, וועלכע שטעהט איבער דעם יחיד, און וועלכע איז בכח איהם צו צווינגען צו טאן אזוינע זאכען, וועלכע וועלען איהם זיכער פארשאפען ליידען, שמערצען און אפט אפילו — טויט. אבער להיפוך פון פלאטאנען, האבען די סטאאיקער געהאלטען, אז אט דער מאראלישער געזעץ איז ניט קיין איבערנאטירליכע קראפט, נאר א פראדוקט פון דער נאטור. די טוגענד איז דער רעזולטאט פון דער דערקענטעניש פון דער נאטור. דער מענש דערגרייכט די גליקזע־ליגקייט, ווען זיינע האנדלונגען זיינען אין איינקלאנג מיט דער נא־טור, ד. ה. אין איינקלאנג מיט׳ן גאנצען אוניווערסום, אדער מיט דעם אוניווערסאלען שכל. דערקענען די נאטור און האנדלען שכל׳דיג אין איינקלאנג מיט איהר, זיך פרייוויליג אונטערווארפען אונטער איהר צוואנג, ניט זארגענדיג זיך פאר דעם אייגענעם פארגעניגען אדער שמערצען — דאס איז דער וועג צו גליק, וועלכען דער קלוגער מענש קלייבט פאר זיך אויס. אבער די אויספארשונג פון דער נאטור איז בלויז א מיטעל צו דער אויספארשונג פון טוגענד, און אפילו די נאטור גופא, דערקלערען די סטאאיקער פון שטאנדפונקט פון עטיק. די פראקטישע רעזולטאטען פון דער סטאאישער עטיק, איז ניט דער שטרעבען צו פארגעניגען, נאר די פאראכטונג פון פארגעניגען און אלע וועלטליכע תענוגים. אבער אט די פאראכטונג צו דער וועלט, דארף סוף כל סוף דינען פאר דעם זעלבען צוועק, וועלכער איז ער־

קאַרל קאוטסקי

שינען אַלס דאַס העכסטע פאַר זענאָ'ן, אַזוי גוט ווי פאַר עפּיקור'ן: פאַר דער נשמה רוהיגקייט פון דעם איינצעלנעם מענשען. די עטיק, סיי פון דעם ערשטען, סיי פון דעם צווייטען, איז דער דירעקטער רע־זולטאַט פון זייער באַדערפעניש פון רוהיגקייט.

אין איינקלאַנג מיט איהר מיטעלפּונקט פּאָזיציע, וועלכע די סטאָאישע עטיק האָט פאַרנומען צווישען דער פּלאַטאָנישער און עפּיקור'שער עטיק, איז אויך דאָס בילד פון דער וועלט, וואָס זי צייכענט אויף. דער סטאָאיקער קען ניט זיין גלייכגילטיג צו דער דער־קלערונג פון דער נאַטור. די נאַטור ערשיינט פאַר איהם אַלס אַ באַ־זונדערער סאָרט מאָנאָטעאיסטישער מאַטעריאַליזם, וועלכער זעצט פאָראוים אַ געטליכען אור־כח פון וועלכען די מענשליכע נשמה אנט־שטעהט. אַבער אַט דער אור־כח, דער אור־פייער, איז קערפּערליך, איז ניט אויסער דער נאַטור נאָר אין איהר, און די נשמה איז ניט אומ־שטערבליך, הגם זי עקזיסטירט פיל לענגער ווי דער קערפּער, סוף כל סוף ווערט זי פאַרשלונגען פון דעם אור־פייער.

דער סטאָאיציזם און דער פּלאַטאָניזם זיינען ביידע פאַרוואַנ־דעלט געוואָרען אין עלעמענטען פון קריסטענטום, און האָבען אויף דעם אופן באַזיגט דעם עפּיקור'שען מאַטעריאַליזם. דער עפּיקור'שער מאַטעריאַליזם האָט געקענט בלויז צופרידענשטעלען די יעניגע, וואָס זיינען געווען צופרידען מיט דער ווירקליכקייט, דעם קלאַס אָדער גע־זעלשאַפט, וואָס האָבען אין דער עקזיסטירענדער ווירקליכקייט גע־פונען זייער פרייד און פאַרגעניגען, און האָבען זיך ניט גענויטיגט אין קיין אַנדער אָרדענונג.

די קלאַסען אַבער, פאַר וועמען די ווירקליכקייט האָט אויסגע־זעהן שלעכט און פול מיט ליידען, זיינען געווען געצוואונגען זיך פון איהם צו אנטזאָגען: פּונקט אַזוי נעגאַטיוו האָבען זיך צו איהם געמוזט באַציהען די אָפּשטאַרבענדע אַריסטאָקראַטישע קלאַסען, וועמעס צו־קונפט, אַזוי גוט ווי געגענוואַרט, אויף דער וועלט, וואָלט, פּונקט ווי פאַר די עקספּלואַטירטע קלאַסען, געווען זעהר האָפענונגסלאָז, אויב זיי זאָלען אַנעמען, אַז קיין אַנדער וועלט, אויסער דער מאַטעריעלער איז ניטאָ, און אַז מען קען קיין האָפענונג ניט האָבען אויף דעם אַל־

מעכטיגען גייסט. וואס איז בכח אט די גאנצע וועלט צוצושטערן. שליסליך האט דער מאטעריאליזם געדארפט פארווארפען ווערען פון דער גאנצער געזעלשאפט, ווען זי, די געזעלשאפט, איז שוין געווען אזוי דעגענערירט, אז אפילו די הערשענדע קלאסען האבען שוין דערפון געליטען: אפילו זיי זיינען שוין געקומען צום שלוס, אז דאס גוטע קען ניט קומען פון דער נאטירליכער וועלט, וועלכע קען נאר שאפען שלעכטס. דער איינציגער אויסוועג פאר זיי איז געווען — אדער פאראכטען די וועלט, ווי די סטאאיקער האבען געלערנט, אדער האפען אויף א משיח, „ניט פון ד ע ר וועלט", ווי די קריסטען האבען געלערנט.

די פעלקער וואנדערונג האט אין קריסטענטום ארייגעטראגען א נייעם עלעמענט. דאס ארייגדרינגען פון די בארבארען האט פארביטען די אפשטארבענדע געזעלשאפט פון דער רוימישער אימפעריע, אויף אנ'אנדערער, אין וועלכער דאס איבערבלייבאכץ פון דעם רוימישען פראדוקציאנס אופן און געדאנקענגאנג, צונויפמישענדיג זיך מיט דער יונגער גערמאנישער געזעלשאפט, מיט איהרע נאאיווע לעבענס-פריידיגע אידעען, האבען באשאפען א גאנץ אייגענטימליכע נייע געביידע.

פון איין זייט איז די קריסטליכע קירכע געווארען די קראפט, וועלכע האט צוזאמענגעהאלטען דעם נייעם שטאט. דא האט זיך, ווי עס ווייזט אויס, נאך אמאל ארויסגעוויזען דער אמת וועגען דער אויבערמאכט פון גייסט איבער מאטעריע, ווייל די אינטעליגענץ פון די קריסטליכע גלחים, האט זיך ארויסגעצייגט פאר גענוג שטארק צו איינצוימען און מאכען אונטערטעניג צו זיך, די ברוטאלע קראפט פון די גערמאנישע בארבארען. אט די גראבע קראפט, וועלכע איז אנטשטאנען אין און א דאנק דער מאטעריעלער וועלט, האט זיך פאר די גלחים אויסגעצייגט אלס קוואל פון אל-דאס-בייז, אויב זי זאל ניט רעגולירט און איינגעהאלטען ווערען פון גייסט. דער גייסט, פארקערט, האט זיך זיי געצייגט אלס קוואל פון אל-דאס-גוטס.

אויף דעם אופן האט דער נייער געזעלשאפטליכער צושטאנד, געהאלפען צו פארשטארקערען די פילאסאפישע גרונדלאגען פון קריס-

קאַרל קאַוטסקי

טענטום און פון דער קריסטליכער עטיק. פון דער צווייטער זייט האָט אָבער דער נייער צושטאַנד אַריינגעבראַכט אין דער געזעלשאַפט דעם עלעמענט פון לעבענס פרייזיגקייט און צוטרויען צו זיך זעלבסט, עפּעס וואָס דער קריסטענטום האָט פריהער ניט פאַרמאָגט. די קריסט־ליכע פּרעדיגער זעלבסט, אַם ווייניגסטענס אין דער מאַסע, האָבען ניט געהאַלטען די וועלט פאַר אַ טאָל פון טרערען, ווי פריהער, פאַרקערט, זיי זיינען געווען פול מיט פריידיגען פאַרגעניגען און עפּיקוריזם, הגם אביסעל אַ גראָבליכען, וועלכער האָט ווייניג גע־מיינשאַפטליכעס געהאַט מיט דער אַלטער עפּיקורייאישער פילאָסאָ־פיע. ניט קוקענדיג אָבער דערויף, האָבען די קריסטליכע גלחים געמוזט זיך האַלטען אַן דער קריסטליכער עטיק, אָבער שוין ניט מעהר אַלס אויסדרוק פון זייערע אייגענע געפילען, נאָר בלויז אַלס מיטעל אויפצוהאַלטען זייער הערשאַפט איבער'ן פאָלק. אַלעס אַרום האָט זיי געלערענט, אַז זיי זאָלען אויך אויף ווייטער אַנערקענען די פילאָסאָ־פישע גרונדלאַגען פון אַט דער עטיק, ד. ה. די זעלבסטשטענדיגקייט און אפילו די אויבער־הערשאַפט פון גייסט איבער דער ווירקליכער וועלט. אויף דעם אופן האָט די נייע געזעלשאַפטליכע סיטואַציע פון איין זייט באַשאַפען נייע אימפּולסען פאַר אַ מאַטעריאַליסטישער עטיק און פון דער צווייטער זייט — אַ גאַנצע רייהע אורזאַכען, וועלכע האָבען געשטאַרקט און אויפגעהאַלטען די טראַדיציאָנעלע קריסטליכע עטיק. אַזוי איז אַנטשטאַנען די צווייפאַכע עטיק, וועלכע איז דער כאַראַקטעריסטישסטער סמן פון קריסטענטום, די פאָרמאַלע אַנערקע־נונג פון אַן עטישער סיסטעם, וועלכע איז בלויז טיילווייז דער אויס־דרוק פון אונזערע ווירקליכע עטישע איבערלעבונגען אין ווילען, און פאָלגליך אויך דערפון וואָס רעגולירט אונזערע האַנדלונגען. מאָראַ־לישע היפּאָקריטסווע איז פון איצט אַן געוואָרען אַ שטענדיגע סאָ־ציאַלע אינסטיטוציע, און האָט אין ערגעץ ניט געקריגען אַזאַ בולט'ען אויסדרוק ווי אין קריסטענטום.

עטיק און רעליגיאָן זיינען איצט ערשינען אַלס אונצוטיילבאַר. באמת, איז דער מאָראַלישער געזעץ געווען דער לאַגישער שעפער פון איינציגען גאָט, אין קריסטענטום איז אָבער גאָט, פאַרקערט, ערשי־

די עטיק

נעז אלם שעפער פון דעם מאראלישען געזעץ.

אהן א גלויבען אין גאט, אהן א רעליגיע איז ניטא קיין מאראל. יעדע עטישע פראגע איז געווארען א טעאלאגישע פראגע. היות אבער ווי יעדע אריגינעלע און איינפאכע סאציאלע עמפערונג נעמט נע־וועהנליך אן די פארמע פון א מאראלער עמפערונג, וועלכע קומט ארויס פון דעם געפיהל, אז די עקזיסטירענדע געזעלשאפטליכע ארדענונג איז ניט מאראליש, האט זיך דערפאר יעדע סאציאלע עמפערונג אנגעהויבען מיט א טעאלאגישער קריטיק. דאס איז נאך פארשטארקט געווארען דורך דעם, וואס די קירכע איז געווארען דער אנשטענדיגסטער מיטעל פאר הערשאפט. די רוימישע גייסטליכע זיינען געוועזן די סאמע ערג־סטע און אם מערסטענס פארשפרייטסטע עקספלואטאטארען אין מיטעל־אלטער. אזוי, אז יעדער אויפשטאנד געגען עקספלואטאציע, אין וועלכער פארמע דאס זאל זיך ניט געוועזן אויסדריקען, איז גלייך געריכטעט געווארען געגען דער קירכע.

אפילו נאך דעם פעריאד פון רענעסאנס (15טען און 16טען יאהר־הונדערט), ווען דער פילאסאפישער געדאנק איז ווידער אויפגעלעבט געווארען, זיינען נאך אלץ פאר א לאנגער צייט די פראגען פון עטיק פארבליבען פראגען פון טעאלאגיע.

צווייטער קאפיטעל.

די עטיק פון דער אויפקלערונגס עפאכע.

נאכ'ן רענעסאנס הויבט צוריק אן אויפלעבען דער אינטערעס צו דער נאטור, און דערמיט אויך צו דער פילאסאפיע. פון אט דער צייט ביז אין דעם 18טען יארהונדערט איז די פילאסאפיע איבער־הויפט געווען א נאטור־פילאסאפיע, און אלס אזעלכע האט זי אונזער קענטעניס פון דער וועלט אויפגעהויבען אויף א פיל העכערען שטא־פעל, ווי דער צו וועלכען די אלטע פילאסאפיע האט דערגרייכט. אלס אנפאנגס־פונקט האבען פאר איהר געדינט די ערפאלגען, וועלכע די אראבער האבען געמאכט אין מיטעל־אלטער אויפ'ן פעלד פון דער נאטור־וויסענשאפט, און איהר העכסטען פונקט דערגרייכט זי אין דער פילאסאפיע פון ספינאזא, (1632—1677).

די עטיק האט ביי די דענקער פון דער צייט פארנומען דעם צווייטען פלאץ. זי איז ביי זיי געווען אונטערוואָרפען דער נאטור־וויסענשאפט, פון וועלכער זי איז געווען א טייל. זי ווערט אבער צו־ריק ארויסגערוקט צום אויבען־אן, ווען דער שנעלער וואוקס פון קא־פיטאליזם האט אין דעם 18טען יאהרהונדערט באשאפען אין מעריב־אייראפא פונקט אזא סיטואציע, ווי די שטארקע עקאנאמישע אויפ־בליהונג אין אלטען גריכענלאנד, וואס איז געקומען נאך די פערסישע מלחמות; עס קומט פאר א שנעלע אומענדערונג פון דער גאנצער אלטער עקאנאמישער ארדענונג, און צוזאמען מיט דעם א צוזאמענ־ברוך פון דער גאנצער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע, און די ביז דאן עקזיסטירענדע מאראלישע אנשויאונגען. עס הויבט זיך דאן אן, רעדענדיג אין א מאדערנער שפראך, אן איבערשאצונג פון אלע

ווערטען, און א מיהזאמער נאכדענקען און אויספארשונג פון דעם תמצית און באזיס פון מאראל. גלייכצייטיג הויבט זיך אויך אן. נאטירליך, ניט קיין ווייניגער מיהזאמע אויספארשונג וועגען דעם וועזען פון די נייע פראדוקציאנס מעטאדען. גלייכצייטיג מיט דער ערשיינונג פון עטיק ווערט געבוירען א נייע וויסענשאפט, וועלכע איז אין אלטערטום אינגאנצען אומבאקאנט געווען, א ספעציפישע קינד פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע פון סחורה: די פאליטישע עקאנאמיע.

אין דער עטיק געפינען מיר ווייטער דריי ריכטונגען, וועלכע ווייזען ארויס א פאראלעלע ענליכקייט צו די דריי ריכטונגען פון אל־טערטום: דער פלאטאנישער, עפיקורייאישער און סטאאישער. איצט זיינען דאס געווען די ניט־מאטעריאליסטישע (קריסטליכע), די מאטע־ריאליסטישע, און איינע וועלכע איז געשטאנען צווישען אט די ביידע. דער לעבענסלוסט און דער הונגער נאך פארגעניגענס פון דער וואק־סענדער בורזשואזיע, אם ווענינסטענס פון איהרע פראגרעסיווע עלע־מענטען, און איבערהויפט פון איהר אינטעליגענץ, איז שוין גענוג שטארק געווען פאר אז אפענעם ארויסטריט און פאר אז אפענעם ענט־זאגען זיך אויף ווייטער צו טראגען די היפאקריטישע מאסקעס, וועלכע דער הערשענדער קריסטענטום האט אויף זיי ארויפגעצוואונגען. ווי טרויעריג די געגענווארט זאל ניט געווען צייטענווייז אויסקוקען, האט אבער דאך די וואקסענדע בורזשואזיע געפילט, אז דער בעסטער חלק, די צוקונפט, באלאנגט צו איהר. זי האט אין זיך געפיהלט דעם כח צו פארוואנדלען דעם טאל פון טרערען אין א גן־עדן, אין וועלכען מענשען זאלען קענען פריי נאכפאלגען זייערע נייגונגען. די דענקער פון דער בורזשואזיע האבען געפונען אין דער ווירקליכקייט און אין די נאטירליכע נייגונגען פון די מענשען, ניט דעם קוואל פון אל־דאס־בייז, נאר פון אל־דאס־גוטס. אט די נייע ריכטונג האט אין אנהויב פאר זיך געפונען אנהענגער, ניט נאר אין דעם פראגרעסיווען טייל פון דער בורזשואזיע, נאר אויך אין דער הויף־אריסטאקראטיע, וועל־כע האט דאן באזעסען אזא גרויסע, אבסאלוטע מאכט אין דער רע־גירונג, אז זי האט געהאלטען פאר מעגליך צו ענטזאגען זיך אינגאנ־

קארל קאוטסקי

צען פון דער קריסטליכער היפאקריטסטווא און הנאה האבען פון לע־בען: איבערהויפט נאך ווען פון די ברייטע פאלקס־מאסען זיינען זיי געווען אפגעטיילט דורך א טיפען אפגרונד. אויף די אלגעמיינע בירגער און פויערים האבען זיי געקוקט אלס נידעריגערע וועזענס. ווענען זייער פילאסאפיע וואלט אבסאלוט זיין אומפארשטענדליך: דערפאר מעגען זיי גאנץ רוהיג זייער פילאסאפיע פריי אנטוויקלען. ניט מורא האבענדיג, אז דורך דעם קענען זיי אפשוואכען די קריסט־ליכע רעליגיע אין עטיק, וועלכע זיינען געווען די הויפט־שטיצען פון זייער הערשאפט.

די באדינגונגען פאר אט דער נייער אנשויאונג אויפ'ן לעבען און עטיק האבען זיך מעהר ווי אומעטום אנטוויקעלט אין פראנקרייך. און טאקי אין פראנקרייך האבען זיי געקראגען זייער בעסטען און שארפסטען אויסדרוק. פונקט ווי אין דעם אלטען עפיקוריזם, אזוי אויך ביי די נייע פילאסאפען פון דער אויפקלערונגס־עפאכע. ל א־מ ע ט ר י (1709—1751), האלבאך (1723—1789) און העלוועל־ציוס (1715—1771) שטעהט די עטיק פון עגאאיזם, פון נוצבאר־קייט און פארגעניגען אין אן ענגען לאגישען צוזאמענהאנג מיט דער מאטעריאליסטישער פילאסאפיע. די וועלט, וועלכע מיר דערקענען דורך אונזער ערפאהרונג, איז דאס איינציגע מיט וואס מיר קענען זיך רעכענען.

די אורזאכען פון דעם נייעם עפיקוריזם זיינען אין פיל פרטים געווען ענליך צו די אורזאכען פון דעם אלטען עפיקוריזם. פונקט אזוי ענליך זיינען אויך געווען די שלוסען צו וועלכע ער איז געקו־מען, פונדעסטוועגען זיינען זיי ביידע, אין זייערע הויפט שטריכען געווען פארשידען. דער אלטער עפיקוריזם איז ניט אנטשטאנען אלס צוברעכער פון די טראדיציאנאלע רעליגיעזע גלויבונגען, ער האט זיך צו זיי צוגעפאסט. ער איז ניט געווען די לערע פון א רעוואלוציא־נערען קלאס און געפערדיגט האט ער ניט קריג, נאר דעם פארגעני־גען פון נשמה־רוהיגקייט. דער אידעאליזם און טעאיזם פון פלאטאנען איז פיל מעהר געווען א לערע וואס האט געפיהרט צו דער איבער־

קערעניש אין די רעליגיעזע אנשויאונגען, א לערע פון די אונצופרידענע קלאסען.

אנדערש אבער איז דאס מיט דער פילאסאפיע פון דער אויפקלערונגס צייט. עס איז אמת, אז בעצם איז זי אויך געווען קאנסערוואטיוו, אויך זי האט געזעהן דעם גליק אין דער נשמה רוהיגקייט. אויף אזוי ווייט, ווי זי האט געדינט די אינטערעסען פון דער הויף אריסטאקראטיע, וועלכע האט געלעבט אויפ'ן רעכענונג פון שטאט. איבערהויפט אבער איז זי געווען די פילאסאפיע פון די סאמע אינטעליגענטסטע, אם מערסטענס אנטוויקעלטע און דרייסטע עלעמענטען פון דער וואקסענדער בורזשואזיע. דאס האט איהר צוגעגעבען א רעוואלוציאנערען כאראקטער. ארויסטרעטענדיג גלייך אין אנהויב אלס אפאזיציע צו דער אלטער רעליגיע און עטיק, האט די פילאסאפיע, וואס מעהר עס זיינען געוואקסען די כחות און זעלבסטבאוואוסטזיין פון דער בורזשואזיע אלץ מעהר און מעהר געקראגען דעם כאראקטער פון א לערע, אין וועלכער עס האט זיך אפגעשפיגעלט דער קאמף געגען די גלחים און טיראנען, דער קאמף פאר נייע אידעאלען. עפעס וואס איז דעם אלטען עפיקוריזם געווען אינגאנצען פרעמד.

די מאראלישע אנשויאונגען און די שטופע פון די מאראלישע געפיהלען, ווערען באשטימט נאך דער מיינונג פון די פראנצויזישע מאטעריאליסטען, דורך די לעבענס־באדינגונגען פון די מענשען, איבערהויפט, דורך דער געזעצגעבונג, רעגירונג און ערציהונג. די פערזענליכע אינטערעסען באשטימען שטענדיג דעם מענשען, אבער אט די אינטערעסען קענען ווערען געזעלשאפטליכע, אויב די געזעלשאפט זאל זיין אזוי ארגאניזירט, אז דער פערזענליכער אינטערעס פון יעדען איינעם זאל צוזאמענפאלען מיט דעם אינטערעס פון דער געזעלשאפט, דאן דינען די פארלאנגען פון יחיד דעם אלגעמיינעם וואהלזיין. די אמת'ע טוגענד באשטעהט אין דעם זארגען זיך פאר'ן אלגעמיינעם וואהלזיין, זי קען אבער אויפבליהען בלויז אין אזא געזעלשאפט, וואו דער מענש, ארבייטענדיג פאר'ן אלגעמיינעם וואהלזיין, ארבייט שוין במילא אויך פאר זיין אייגענעם וואהלזיין, וואו דער

קאַרל קאַוטסקי

יחיד זאָל ניט קענען שאַדען דער געזעלשאַפט, ניט שאַדענדיג גלייכ־צייטיג אויך זיך.

די אומפעהיגקייט צו פאַרשטעהן די מעהר דויערהאַפטע, העכערע אינטערעסען פון דער מענשהייט, די אומוויסענהייט וועגען דעם וועלכע איז די בעסטע פאָרמע פון רעגירונג, פון געזעלשאַפט און פון ערציהונג, מאַכט מעגליך אַזאַ צושטאַנד, אין וועלכען דער אַלגעמיינער וואָהלזיין קומט אומפאַרמיידליך אין אַ קאָנפליקט מיט דעם וואָהלזיין פון דעם יחיד. עס מוז געמאַכט ווערען אַן ענדע צו אַט דער אומוויסענהייט, עס מוזען געפונען ווערען פאַרנונפטיגע פאָרמען פון רעגירונג, געזעלשאַפט און ערציהונג, כדי אויף אימער פעסט פאַרזיכערען דעם מענשליכען גליק און טוגענד. אין דעם באַשטעהט דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון פראַנצויזישען מאַטעריאַליזם. ער באַשולדיגט די רעגירונג, אַז זי איז שולדיג אין דעם מענשענס אומאָראַליטעט, אין דעם ווידערשפּרוך צווישען די אינטערעסען פון יחיד און פון דער געזעלשאַפט. דערמיט דערהויבט ער זיך איבער דעם אַלטען עפּיקורייזם, הגם ער שוואַכט אַליין אָפּ דערמיט די פּאָזיציע פון זיין עטיק.

געפינען אַ בעסערע פאָרמע פון רעגירונג אין געזעלשאַפט, איז דאָך נאָך אַן און פאַר זיך ניט גענוג, מען מוז אויך קעמפען פאַר איהר, מען מוז אַרויסטרעטען געגען די עקזיסטירענדע הערשער און באַזייגען זיי, איידער מען קען אויפבויען דאָס קעניגרייך פון טוגענד. פאַר אַזאַ קאַמף איז נויטיג אַ שטאַרקע מאָראַלע ליידענשאַפט, אָבער פון וואַנען וועט זי זיך נעמען, אויב די געזעלשאַפט איז אַזוי שלעכט, אַז זי גיט קיין מעגליכקייט ניט פאַר דעם וואוקס פון מאָראַל און טוגענד? מוז דען ניט אַפריהער עקזיסטירען אַ הויכער צושטאַנד פון מאָראַל איידער עס קען באַשאַפען ווערען אַ העכערע געזעלשאַפט? מוז דען ניט אין אונז אַליין לעבען דער מאָראַלישער אידעאַל, איידער די מאָראַלישע געזעלשאַפט קען ווערען אַ ווירקליכקייט? אָבער, ווי אַזוי קען אַט די מאָראַלע אידעע אנטשטעהן אין אַ זינדיגער וועלט?

אויף אַט די פראַגען קריגען מיר ניט קיין צופרידענשטעלענדע ענטפער.

די עטיק

גאנץ אנדערש ווי די פראנצויזען, האבען די ענגלענדער פון 18טען יארהונדערט געפרובט דערקלערען די מאראלע געזעצען. איז אלגעמיין האבען זיי זיך ארויסגעוויזען פאר ניט אזוי דרייסט, און מעהר געניינט צו קאמפראמיסען, וואס איז אויך אין איינקלאנג מיט דער געשיכטע פון ענגלאנד פון זינט דער רעפארמאציע. די לאגע איז וועלכער זי האט זיך געפונען אלס אן אינזעל־לאנד, איז זעהר גינסטיג געווען פאר איהר עקאנאמישער אנטוויקלונג פון יענער צייט. זיי האבען געמוזט מאכען א סך ים־רייזעס, און דאס איז אין 17טען און 18טען יארהונדערט, א דאנק דער קאלאניאל־סיסטעם, געווען דער שנעלסטער וועג צו רייכטום. דאס האט אויך באפרייט ענגלאנד פון די אלע שוועריגקייטען און חורבנות פון לאנד־מלחמות, וועלכע האבען אזוי אויסגעמאטערט אלע אנדערע רעגירונגען, א דאנק אט די אלע זאכען ווערט ענגלאנד אין 17טען און 18טען יארהונדערט בארייכערט שנעלער ווי אלע אנדערע לענדער, און פארנעמט עקאנאמיש דעם אויבען אן. אויב אבער אין א וועלכער עס איז לאנד אנטשטעהען נייע קלאסען, נייע קלאסען היפוכים, און דערמיט אויך נייע סאציאלע פראבלעמען, פריהער ווי אין אלע אנדערע לענדער, איז דער זעלבסט באוואוסטזיין פון אט די נייע קלאסען געוועהנליך שוואך אנטוויקעלט, און זיי האבען ניט קיין צייט צו באפרייען זיך פון די אלטע פארמען פון דענקען. אזוי אז אויך די קלאסען היפוכים ערשיינען אין אן אומאנטוויקעלטער פארמע. א דאנק דעם קומט אין אזא לאנד דער קלאסען־קאמף ניט גלייך צו אן ענטגילטיגער לעזונג, צו א זיג איבער די אלטע קלאסען, וועלכע האבען דארט ביז דער צייט געהערשט אומבאגרענעצט, און וועלכע האלטען נאך אין סאמע בליהען אין די אנדערע שכונ'ישע לענדער. די נייע קלאסען זיינען נאך ניט פעהיג פאר זעלבסט הערשאפט, ווייל עס קומט זיי נאך גאנץ שווער אן צו באשטימען פאר זיך אליין, זייער פלאץ אין דער געזעלשאפט, זיי שרעקען זיך אליין פאר דער נייקייט פון זייערע שטרעבונגען, און זוכען אפילו שטיצע און אנהאלטס־פונקטען אין די אלטע באדינגונגען.

מיר דאכט זיך, אז מען קען דערפאר פעסטשטעלען דעם פאלגענ־

קארל קאוטסקי

דען געזעץ פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג: די לענדער, וועלכע אנטוויקלען זיך עקאנאמיש פריהער פון אלע זיינען גענייגט צו פארבייטען ראדיקאלע לייזונגען אויף קאמפראמיסען.

אזוי איז מיטעל-אלטער פראנקרייך צוגלייך מיט איטאליע, געשטאנען אן דער שפיץ פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג פון אייראפא. דערפאר איז זי די ערשטע געקומען אין צוזאמענשטויס מיט'ן רוימישען פאפסט. אין איהר רעגירונגס מאכט איז זי די ערשטע ארויסגעטראטען געגען רוים. אבער טאקי דערפאר, ווייל זי איז געווען די ערשטע, האט זיך איהר ניט איינגעגעבען צו גרינדען אן אייגענע נאציאנאלע קירכע, זי האט בלויז געקענט צווינגען דעם פאפסט צו איינגעהן אויף קאמפראמיסען, וועלכע האבען זיך, מיט קליינע אונטערברעכונגען, געצויגען ביז דער איצטיגער צייט. די סאמע ראדיקאלע קעמפער געגען דער מאכט פון פאפסט, זיינען גאר געווען צוויי עקאנאמיש-אפגעשטאנענסטע לענדער, סקאטלאנד און די שווייץ.

זינט פון דער רעפארמאציע האבען דעם פלאץ פון פראנקרייך און איטאליע אלס פיאנערען פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג פארנומען ענגלאנד און סקאטלאנד. און דער קאמפראמיס איז געווארען פאר ענגלאנד און סקאטלאנד דער כאראקטעריסטישער אופן צו לייזען די פראבלעמען פון קלאסען-קאמף. טאקי דערפאר, ווייל דער קאפיטאליזם איז געווארען א גרעסערע מאכט אין ענגלאנד ווי וואו עס איז אין אייראפא, טאקי דערפאר, ווייל דער קאמף געגען פעאדאליזם האט זיך דארט אנגעהויבען פריהער ווי אומעטום, האט ער זיך געענדיגט מיט א קאמפראמיס. דאס ערקלערט אונז ווארום די פעאדאלע סיסטעם פון לאנד-אייגענטום איז נאך אפילו היינט שטארקער אין ענגלאנד, ווי אין א וועלכער עס איז אנדער לאנד אין אייראפא. אן אויסנאם איז אפשר עסטרייך-אונגארן. א דאנק די זעלבע אורזאכען, ד. ה. דער שנעלער עקאנאמישער אנטוויקלונג, האט זיך אויך דער קלאסען-קאמף צווישען דעם פראלעטאריאט און דער בורזשואזיע, פאנאנדערגעפלאקערט אין אזא צייט, ווען ניט דער פראלעטאריער און ניט דער אינדוסטריעלער קאפיטאליסט, האבען זיך נאך ניט אפגעוואהנט פון דעם קליינבירגערליכען ארט דענקען. און אסך אפילו

די עטיק

גאנץ דורכדרינגליכע באאבאכטער האבען צונויפגעמישט ביידע קלא־סען צוזאמען אין איין אינדוסטריעלען קלאס. דער טיפ פון באוואוסט־זיניגען פראלעטאריער, וועלכער איז זיכער אין דער צוקונפט פון זיין קלאס אזוי גוט ווי דער טיפ פון דעם אינדוסטריעלען קאפיטאליסט, וועלכער הערשט אומבאגרענעצט אין דער רעגירונג, זיינען נאך דאן פאלקאם ניט געווען אנטוויקעלט. א דאנק דעם איז דער קאמף צווי־שען אט די צוויי קלאסען, נאך א קורצען פעריאד פון הייסען קאמף, געענדיגט געווארען דורך א קאמפראמיס. די הערשאפט פון דער בורזשואזיע איבער'ן פראלעטאריאט איז, אין משך פון פיל צענדליגע יאהרען, אין ענגלאנד פארבליבען אומבאגרענעצט, פיל מעהר ווי אין א וועלכער עס איז אנדער מאדערנער לאנד.

די ווירקונג פון אט דעם געזעץ קען, פארשטעהט זיך, פונקט ווי יעדער אנדער געזעץ, פארהאלטען ווערען, אדער פארשטארקט ווערען, פון פארשידענע טענדענצען פון צווייטען ראנג, אבער, יעדענפאלס פארבלייבט ער אין קראפט אם וועניגסטענס אויף אזוי פיל, ער זאל אונז קענען פארהיטען פון דער פאפולערער פארשטענדעניס פון דעם היסטארישען מאטעריאליזם, לויט נאך וועלכען עס קומט אויס, אז אין דער לאנד, וועלכע געהט פאראוים אין איהר עקאנאמישער אנטוויק־לונג, מוז דער קלאסען־קאמף ארויסטרעטען שארפער און ביטערער ווי אומעטום.

דער גייסט פון קאמפראמיס, וועלכער האט געהערשט אין ענג־לאנד אין 17טען יארהונדערט, איז אויך אריינגעדרונגען אין זייער מאטעריאליזם, אין זייער אטעאיזם, און אין זייער עטיק. דער קאמף פון די וואקסענדע דעמאקראטישע קלאסען געגען דער מאכט פון דער מאנארכיע, וועלכע זייענדיג אומאפהענגיג פון דער בורזשואזיע, האט זיך איינגאנצען איבערגעגעבען צו דער פעאדאלער אריסטאקראטיע, מיט איהר הויף־אריסטאקראטיע און איהר שטאטס־קירכע, האט זיך אין ענגלאנד אנגעהויבען מיט א גאנצען יארהונדערט פריהער ווי אין פראנקרייך, און דערצו נאך אין אזא צייט, ווען זעהר וועניג מענשען האבען זיך שוין באפרייט פון קריסטליכען ארט דענקען. אויב אין פראנקרייך איז דער קאמף געגען דער ארגאניזירטער שטאטס־מאכט

קאַרל קאַוטסקי

פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאַמף צווישען קריסטענטום און אַטעאיסטישען מאַטעריאַליזם. אין ער אָבער אין ענגלאַנד פאַרבליבען אַ קאַמף פון איין קריסטליכער סעקטע, וועלכע איז דעמאָקראַטיש געגען אַ צווייטער סעקטע, וועלכע איז אָרגאַניזירט אַלס די שטאַט'ס קירכע. אין דער צייט וואָס אין פראַנקרייך האָט די גאַנצע אינטעליגענץ און די קלאַסען וועלכע זיינען פון איהר באַאיינפלוסט געוואָרען זינט דער אויפקלערונגס-צייט, געדענקט ווי מאַטעריאַליסטען און אַטעאיסטען, האָט די ענגלישע אינטעליגענץ געזוכט אַ קאָמפּראָמיס צווישען מאַטעריאַליזם און קריסטענטום. עס איז אמת, אַז דער נייער מאַטעריאַליזם האָט צום ערשטען מאָל געקריגען זיין אויסדרוק אין ענגלאַנד, אין דער לעהרע פון טהאָמאַס האָבס (1588—1679). עס איז אויך אויסער יעדען צווייפעל, אַז ענגלאַנד קען אָנווייזען אויף אַזוינע דענקער, וועמעס דרייסטקייט אין עטישע פראַגען, האָבען ווייט איבערגעיאָגט די סאַמע דרייסטע פראַנצויזישע דענקער, אַזאַ צ. ב. ש. ווי מאַנדעוויל (1670—1733), וועלכער האָט געהאַלטען, אַז מאָראַל איז אַ מיטעל פאַר פאַרשקלאַפונג, וואָס איז אויסגעטראַכט געוואָרען, כדי מען זאָל קענען פאַרשקלאַפען די אַרבייטער, און וועלכער האָט באַטראַכט די זינד אַלס אורקוואַל פון יעדער סאָציאַלער וואָלטאַט. אבער אויף דעם געדאַנק פון דער נאַציאָן האָבען אַט די אידעען געהאַט אַ גאַנץ קליינעם איינפלוס. דער קריסטליכער דענקונגס-אַרט איז אַלץ פאַרבליבען דער סמן פון אַנשטענדיגקייט און יעדער געלערנטער וואָס האָט ניט געוואָלט אַרוים אין קאַמף מיט דער געזעלשאַפט, האָט איהם געמוזט אַנעמען, אָדער אַמוועניגסטענס זיך מאַכען, אַז ער נעמט איהם אַן.

די ענגלענדער האָבען זיך דערפאַר באַצויגען זעהר קריטיש צו דער מאַטעריאַליסטישער עטיק, וועלכע האָט געוואָלט באַגרינדען דעם מאָראַלישען געזעץ אויף דעם פאַרגעניגען אָדער נוצען פון דעם יחיד. אמת, די אינטעליגענטע פאָרשטעהער פון דער אויפוואַקסענדער ענגלישער בורזשואַזיע האָבען געפּרובט ערקלערען דעם מאָראַלישען געזעץ אַלס אַ נ אַ ט י ר ל י כ ע ערשיינונג. זיי האָבען אָבער באַלד איינגעזעהן, אַז זיין צוואַנגס-קראַפט קען ניט דערקלערט ווערען פּשוט

דורד נוצליכקייט, און אז די פראבען צו פאראייניגען די צווינגענדע מאכט פון דער מאראל מיט דער נוצליכקייט אדער פארגעניגען פון יחיד, זיינען אויפגעבויט אויף א צו קינסטליכען פונדאמענט. זיי האבען דערפאר אימער געמאכט אן אונטערשיד צווישען די עגאאיסטישע און סימפאטישע אינטערעסען פון מענשען, און האבען אנערקענט א מאראלען געפיהל, וועלכער טרייבט דעם מענשען צו ארבייטען פאר דעם וואלזיין פון זיינע מיטמענשען. נאך דעם סקאטישען דענקער האטשעסאן, איז אט די טעאריע אמשטארקסטענס פארטיידיגט געווארען פון דעם גרויסען עקאנאמיסט אדאם סמיט. (1790—1723). אין צוויי פון זיינע הויפטארבייטען פארשט ער אויס אט דיביידע אימפולסען פון דער מענשליכער טעטיגקייט. אין זיין „טעאריע פון די מאראלע געפיהלען“ (1759) דערקלערט ער דעם געפיהל פון סימפאטיע אלס דעם וויכטיגסטען פאקטאר, וואס האלט צונויף די געזעלשאפט. אין זיין „רייכטום פון נאציאנען“ נעמט ער אן דעם עגאאיזם, די מאטעריעלע אינטערעסען פון די יחידים, אלס הויפט טרייבקראפט פון מענשליכע טאטען. אט דער לעצטער בוך איז ערשט ערשיענען אין 1776, די פרינציפען אבער וועלכע דער בוך אנטהאלט, זיינען מינדליך פון סמיט'ען אנטוויקעלט געווארען נאך אין 1752 און 1753 אין גלאזגאוו. עס איז קענטיג, אז זיין טעאריע פון געאאיזם און זיין טעאריע פון סימפאטיע שליסען ניט אויס, נאר באגרענעצען איינס דאס צווייטע.

אויב די ענגלענדער האבען אנטקעגענגעשטעלט דעם עגאאיזם אין דעם מאראלישען געפיהל איינס געגען צווייטען, איז דאס געווען, וואס אנבאלאנגט די מאטעריאליסטען א דערנעהענטערונג צום פלאטאניזם און קריסטענטום. דאך איז זייער בליק זעהר וויט געווען פון די לעצטע. לויט דער קריסטליכער לעהרע, איז דער מענש על פי זיין נאטור שלעכט, לויט נאכ'ן פלאטאניזם זיינען אונזערע נאטירליכע פארלאנגען בייז פאר אוממאראלישער און דאס מאראלישע פאר איבערנאטירליך און אומנאטירליך. די ענגלישע מאראליסטען אבער פון 18טען יארהונדערט, אויב זיי האבען אפילו אוועקגעשטעלט

קאַרל קאָוטסקי

דעם מאָראַלישען געפיהל אין געגענזאַץ צום עגאָאיזם, האָבען זיי אָבער ביידען געהאַלטען פאַר נאַטירליכע אינסטינקטען. אפילו דעם עגאָאיזם האָבען זיי געהאַלטען פאַר אַ גאַנץ באַרעכטיגטען אינס־טינקט, וועלכער איז פאַר דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט פונקט אַזוי נויטיג ווי רחמנות. דער מאָראַלישער געפיהל איז פאַר זיי געוועז פונקט אַזאַ נאַטירליכער געפיהל ווי אַלע אַנדערע: אַ סאָרט זעקסטער חוש פון מענשען.

דאָס האָט אָבער די פראַגע בלויז אָפּגערוקט, אָבער ניט גע־לייזט, פונקט ווי דאָס איז געוועזן דער פאַל מיט די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטען. אויף דער פראַגע, פון וואַנען נעמט זיך גראָדע צום מענשען אָט דער באַזונדערער מאָראַלער געפיהל, האָבען די ענג־לענדער ניט געקענט ענטפערן. די נאַטור האָט דעם מענשען דערמיט באַשאָנקען. דאָס האָט געקענט צופרידענשטעלען די, וואָס האָבען זיך נאָך געהאַלטען מיט דער פאָרשטעלונג וועגען אַ באַשאַפער פון דער וועלט, אָבער דאָס האָט אָט דעם באַשאַפער ניט געמאַכט פאַר איבעריג.

די אויפגאַבע פון דער ווייטערער וויסענשאַפטליכער אַנטוויקלונג פון דער עטיק איז אונטער די אומשטענדען געוועזן גאַנץ קלאָר. די פראַנצויזישע און די ענגלישע דענקער האָבען פיל אויפגעטאָן אויפ'ן פעלד פון דער פּסיכאָלאָגישער און היסטאָרישער דערקלערונג פון די איינצעלנע מאָראַלע געפיהלען און אַנשויאונגען. אָבער זיי ביידען האָט זיך ניט איינגעגעבען צו באַווייזען, אַז די מאָראַל איז דער רע־זולטאַט פון אַזוינע אורזאַכען, וועלכע געפינען זיך אין אונזער ער־פאַרונג. עס איז נויטיג געוועזן צו דערהויבען זיך איבער דער ענגלישער שולע און אויספאָרשען די אורזאַכען פון דעם מאָראַלען געפיהל: עס איז אויך נויטיג געוועזן אַריבער־צו־טרעטען די גרענעצען פון דער פראַנצויזישער שולע און אויסגעפינען די אורזאַכען פון מאָראַלע אי־דעאַלען.

די אַנטוויקלונג געהט ניט אין קיין גלייכער ליניע, נאָר אין אַ דיאַלעקטישער. זי באַוועגט זיך אין ווידערשפּרוכען. דער נעקסטער שריט אין דער אַנטוויקלונג פון עטיק, איז געריכט געוואָרען אין אַ געגענגעזעצטער ריכטונג. אַנשטאָט נאָך מעהר אַריינפיהרען די עטישע

די עטיק

נאַטור פון מענשען אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער נויטווענדיג־קייט. האָט זיך פילאָסאָפיע נאָך מעהר דערווייטערט דערפון.

אָט דער שריט איז אין דער דייטשער פילאָסאָפיע דערגרייכט געוואָרען דורך קאַנט'ן (1724—1804). איצט הערט מען אָפט דעם געשריי „צוריק צו קאַנט'ען." אויב אבער מען האָט אין זינען קאַנט'ס עטיק, מעג מען מיט דער זעלבער רעכט שרייען „צוריק צו פּלאַ־טאָנ'ען."

דריטער קאפיטעל.

קאנט'ס עטיק.

1. די קריטיק פון דער דערקענטעניש.

קאנט האט זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן זעלבען באדען ווי די מאַטעריאליסטען. ער האט אנערקענט די ווירקליכקייט פון דער אויסערער וועלט און געהאלטען אז דער אויסגאנגס פונקט פון אונזער ווי־סען איז אונזער זינליכע ערפארונג. אבער דאס וויסען וועלכען מיר קריגען דורך ערפארונג, באשטעהט טיילווייז פון די איינדרוקען וואס די חושים ברענגען אונז, און טיילווייז פון דעם, וואס אונזערע איי־גענע דערקענטעניש פעהיגקייטען שטעלען אונז צו פון זיך אליין. אין אנדערע ווערטער, אונזער דערקענטעניש פון דער וועלט ווערט באַשטימט ניט בלויז דורך דער נאטור פון דער אויסערער וועלט, נאר אויך דורך דער נאטור פון אונזערע דערקענטעניש ארגאנען. פאר אונ־זער דערקענטעניש פון דער וועלט, איז פונקט אזוי נויטיג אן אויס־פארשונג פון אונזערע דערקענטעניש פעהיגקייטען, ווי אן אויספאָר־שונג פון דער אויסערליכער וועלט. דאס ערשטע איז די אויפגאבע פון דער פילאסאפיע; זי איז די וויסענשאפט פון די וויסענשאפטען.

אין דעם אלעמען איז ניטאַ קיין זאך אונטער וואס יעדער מאַ־טעריאליסט וואלט זיך אנטזאגט צו אונטערשרייבען. אלץ, אפשר מיט'ן אויסנאם פון דעם לעצטען זאץ, איז שוין פון פריהער געזאגט געווארען פון די מאטעריאליסטען. אבער דאס איז געזאגט געווארען בלויז אויף דעם אופן ווי עס זיינען צ. ב. ש. ארויסגעזאגט געווארען די געדאנקען וועגען דער מאטעריאליסטישער אויפאסונג פון דער

געשיכטע פאר מארקס'ען. דאס זיינען געווען פרוכטלאזע געדאנקען. קאנט האט דער ערשטער אט די געדאנקען אוועקגעלייגט אלס פונ־דאמענט פאר זיין גאנצער לערע. א דאנק איהם איז די פילאסאפיע ווירקליך געווארען די וויסענשאפט פון אלע וויסענשאפטען, וועמעס אויפגאבע עס איז ניט צו פרעדיגען א וועלכע עס איז באשטימטע פילאסאפיע, נאר דורך דער קריטיק פון אונזער דערקענטעניש אויס־לערנען אונז פילאסאפירען, צו דערקענען דעם פראצעס פון אונזער דער־קענטעניש און צו דענקען מעטאדיש.

אבער קאנט איז אוועק נאך ווייטער. זיין גרעסטע פארדינסט פאר דער פילאסאפיע — די אויספארשונג פון אונזער דערקענטע־ניש פעהיגקייטען, איז פארוואנדעלט געווארען אין דער גרעסטער שטערונג פאר זיין אייגענער פילאסאפיע.

היות די ערפארונג וואס מיר קריגען דורך אונזערע חושים, בא־ווייזט אונז די וועלט ניט ווי זי איז א ז א ו ן פ א ר ז י ך. נאר בלויז ווי זי שטעלט זיך אונז פאר, א דאנק דער אייגענארטיג־קייט פון אונזערע דערקענטעניש פעהיגקייטען, איז קלאר אז די וועלט, א י ן ז י ך א ל י י ן, איז ניט אזוי ווי זי שטעלט זיך אונז פאר. דערפאר אונטערשיידט קאנט צווישען דער וועלט פון ערשיינונגען „פענאמענען“, און די וועלט פון די זאכען ווי זיי זיינען א י ן ז י ך, „נ ו מ ע נ ע ן“, פון דער וועלט וואס מיר קענען באגרייפען מיט אונזער שכל. דאס לעצטע קענען מיר ניט דערקענען, ווייל דאס ליגט אויף יענער זייט פון אונזער ערפארונג, און דערפאר דארפען מיר זיך דערמיט גאר ניט באשעפטיגען. מען קען דאס פשוט נע־מען אלס באוויז, אז די וועלט פון אונזער דערקענטעניש איז באגרע־נעצט דורך דעם כאראקטער פון אונזער דערקענטעניש פעהיגקייט, אז עס איז אמאל רעלאטיוו און קען אונז בלויז געבען רעלאטיווע, און ניט קיין אבסאלוטע אמת'ן, אז אונזער וויסען איז ניט קיין פארענדיגטע דערקענטעניש, נאר אן אומענדליכער פראצעס פון דערקענען.

אבער קאנט האט זיך דערמיט ניט צופרידענגעשטעלט. א שטאר־קער פארלאנג וועלכען ער האט ניט געקענט בייקומען, האט איהם גע־טריבען צו ווארפען א קוק אויף יענער אומבאוואוסטער, ניט אויס־

געפארשטער, וועלט פון נומענען, כדי צו קריגען כאטש די קלענסטע פארשטעלונג וועגען איהר.

ער איז ווירקליך אוועק אזוי ווייט, אז ער האט אנגעהויבען זאַגען גאנץ באשטימטע זאכען וועגען יענער וועלט. דעם וועג צו דעם האט ער געזעהן אין דער קריטיק פון אונזערע דערקענטעניש פעהיגקייטען.

באפרייענדיג די ערפארונג פון אלץ וואס קומט דורך אונזערע חושים, דארף אט די קריטיק אויפדעקען פאר אונז די פארמען פון דערקענטעניש און אנשויאונגען, וועלכע געפינען זיך אין אונזער דערקענטעניש אפריארי, נאך איידער מיר האבען וועלכע עס איז ערפארונג. אויף דעם אופן האט ער אנטדעקט די אידעאליטעט פון צייט און רוים. דאס זיינען ניט קיין באגריפען וועלכע מיר קריגען דורך ערפארונג, נאר בלויז די פארמען פון אונזערע באגריפען וועגען דער וועלט, וואס געפינען זיך בלויז אין אונזערע דערקענטעניש ארגאנען: מיר קענען דערקענען די וועלט בלויז אין די פארמען פון צייט און רוים. דרויסען פון אונזערע דערקענטעניש ארגאנען איז ניטא קיין צייט און ניט קיין רוים. אויף דעם אופן דערגעהט קאנט אזוי ווייט, אז ער זאגט אונז וועגען דער דורכאוים אומבאוואוסטער וועלט פון זאכען אין זיך, עטוואס גאנץ באשטימטעס: אז דארט איז ניטא ניט קיין צייט און ניט קיין רוים.

עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז אט די לאגישע אנטוויקלונג איז איינע פון די גרעסטע פארדינסטען פון דעם מענשליכען גייסט. דאס מיינט נאך אבער ניט, אז דערפאר איז זי דורכאוים אמת. פארקערט, עס איז דא זעהר פיל וואס אויסצוזעצען געגען איהר, און עס זיינען ווירקליך געמאכט געווארען זעהר פיל ערנסטע אויסזעצונגען געגען אט דער אנשויאונג. ווען מען נעמט אן מיט קאנט׳ען די אידעאליטעט פון צייט און רוים, מוז מען קומען צו פיל אומלייזבארע ווידערשפרוכען.

עס איז זיכער, אז אונזער פארשטעלונג וועגען צייט און רוים ווערט באשטימט דורך דעם כאראקטער פון אונזערע דערקענטעניש ארגאנען, אבער עס דוכט מיר, אז דערפון קענען מיר בלויז שליסען,

די עטיק

אז מיר קענען דערקאנען בלויז אזעלכע ערשיינונגען, וואס רופען ארויס אין אונזערע דערקענטעניש ארגאנען די פארשטעלונגען פון צייט און רוים. די אידעאליטעט פון צייט און רוים וואלט דאן בלויז גע־מיינט, פונקט ווי די זאך א י ן ז י ך, א באשטימטער גרענעץ פאר אונזער דערקענטעניש. די ערשיינונגען וועלכע קענען ניט אנ־נעמען קיין צייטליך־רוימליכע פארמען, אויב זיי עקזיסטירען ווירק־ליך, און דאך קענען מיר ניט וויסען — זיינען פאר אונז אונדער־גרייכבאר, פונקט ווי אונזער חוש הראיה קען ניט באגרייפען קיין אולטרא־וויאלעט אדער אולטרא־רויטע שטראלען. ווייל רוים און צייט שטעלען צו די פארמען אין וועלכע אליין נאר אונזערע דערקענ־טעניש ארגאנען קענען דערקענען די וועלט, נעמט קאנט אן, אז רוים און צייט זיינען טאקי אליין די פארמען, און זיי געפינען זיך בלויז אין אונזערע דערקענטעניש־ארגאנען, אין דער ווירקליכער וועלט זיינען זיי אינגאנצען ניטא. אין זיין „פראלעגאמענא צו יעדער צוקונפטיגער מעטאפיזיק" פארגלייכט ער אין איין פלאץ אונזער פארשטעלונג פון רוים, מיט אונזערע פארשטעלונגען פון פארבען, עס שיינט אונז, אז אט דער פארגלייך איז זעהר אן איינגעגעבענער, עס באווייזט אבער ניט דאס וואס קאנט וויל באווייזען.

אויב סינאבאר ווייזט זיך מיר אויס רויט, איז דאס אהן צוויי־פעל באשטימט דורך דער אייגענטימליכקייט פון מיינע זעהונגס־אר־גאנען. דרויסען פון זיי זיינען קיינע קאלירען ניטא. דאס וואס מיר ווייזט זיך אויס אלס קאליר, ווערט ארויסגערופען דורך וואלען פון עטער פון א באשטימטער לענג, וועלכע ווירקען אויף מיין אויג. ווען איינער זאל וועלען באטראכטען אט די וואלען, בנוגע דער פארב, אלס זאך אין זיך, וואס זיי זיינען באמת ניט, דעמאלט וואלט אונזער פע־היגקייט צו זעהן געוועזן ניט א פעהיגקייט צו זעהן די זאכען אין זיך ווי זיי זיינען, נאר אזוי ווי זיי זיינען באמת ניט, ד. ה. אנשטאט זיין א הילף פאר דערקענטעניש, וואלט עס ווערען א הילף צו שאפען אילוזיעס.

אנדערש איז דאס, ווען מיר באטראכטען ניט איין קאליר, נאר עטליכע מיט אמאל, און אונטערשיידען צווישען איינעם און דעם

קאַרל קאַוטסקי

צווייטען. יעדער איינער פון זיי איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך א באַזונדערען עטער־וואַל פון א באַשטימטער לענג. דער אונטער־שיד אין די קאָלירען איז ענליך צו דעם אונטערשיד אין דער לענג פון די וואַלען. אָט דער אונטערשיד געפינט זיך ניט אין מיינע וויזועלע אָרגאַנען. נאָר אין דער דרויסענדיגער וועלט. א דאַנק מיין פעהיגקייט צו זעהן קומען אָט די אונטערשידען אַריין אין מיין באַ־וואוסטזיין אין א באַשטימטער פאָרמע, אין דער פאָרמע פון קאָלי־רען. אַלס מיטעל צו דערקענען אָט די אונטערשידען זיינען מיינע זעה־אָרגאַנען ווירקליכע מיטלען פון דערקענטעניש און ניט פון אילו־זיעס. אָט די אונטערשידען זיינען ניט בלויז ערשיינונגען, די קאָלי־רען גרין, רויט און ווייס, וועלכע איך זעה זיינען פּראָאורזאַכט בלויז פון מיינע זעה אָרגאַנען. אָבער אַז גרין איז אַנדערש ווי רויט איז שוין א סמן פון עפּעס וואָס געפינט זיך אויסער מיר, א סמן פון א ווירקליכען אונטערשיד צווישען די זאַכען.

אויסער דעם קען איך, א דאַנק דעם ספּעציעלען כאַראַקטער פון מיינע אָרגאַנען, דורך זיי בלויז דערקענען די באַוועגונג פון עטער. קיין אַנדער ווירקונג פון דער אויסערער וועלט קען איך דורך זיי ניט דערקענען.

מיט די דערקענטעניש פעהיגקייטען בכלל איז דאָס זעלבע ווי מיט די וויזועלע פעהיגקייטען בפרט. מיט זיי קענען מיר בלויז פאַר־נעמען אַזוינע באַציהונגען צווישען זאַכען, וואָס זיינען בכח אין אונ־זער מאָרך אַרויסרופען די פאָרשטעלונג פון צייט און פּלאַץ. אויף די אַנדערע איינדרוקען, אויב אַזעלכע זיינען דאָ, קענען זיי ניט רעאַגירען. א דאַנק מיינע דערקענטעניש פעהיגקייטען קענען אָט די איינדרוקען אויף א באַשטימטען אופן דערגרייכען מיין באַוואוסט־זיין, און בלויז אויף אַזוי פיל ווערען די קאַטעגאָריעס פון צייט און רוים באַשטימט דורך דעם כאַראַקטער פון מיינע דערקענטעניש אָרגאַ־נען. אָבער די באַציהונגען און אונטערשידען גופא צווישען זאַכען, וועגען וועלכע איך דערוויס זיך פון די רוימליך־צייטליכע פאָרשטע־לונגען און א דאַנק וועלכע פאַרשידענע זאַכען זיינען פאַר מיר, קליין אָדער גרויס, נאָהענט אָדער ווייט, פריהער אָדער שפּעטער, זיינען

די עמיק

װ י ר ק ל י כ ע באציהונגען, און אונטערשידען פון דער אויסערער װעלט, און זיינען ניט באשטימט דורכ'ן כאראקטער פון מיינע דער־קענטעניש ארגאנען.

אויב מיר קענען ניט באגרייפען קיין איין באזונדערע זאך־אין־זיך, און אונזערע דערקענטעניש פעהיגקייטען פארוואנדלען זיך אין דעם פאל אין פעהיגקייטען ניט צו דערקענען, קענען מיר אבער דער־קענען די װירקליכע אונטערשידען פון זאכען. אט די אונטערשידען, זיינען ניט בלויז איינפאכע ערשיינונגען, הגם אונזער באגריף װעגען זיי קריגען מיר דורך ערשיינונגען. זיי עקזיסטירען דרויסען פון אונז און קענען פון אונז דערקענט װערען, הגם נאר אין באשטימטע פאר־מען.

קאנט, פארקערט, האט געדענקט, אז ניט נאר זיינען רוים און צייט באגריפליכע פארמען פאר אונז, נאר אויך אז די רוימליך־צייט־ליכע אונטערשידען אנטשטעהען בלויז אין אונזער מח, און דריקען קיין װירקליכע זאך ניט אויס. װען דאס זאל זיין אמת, װאלטען אלע ערשיינונגען פארגעקומען בלויז אין אונזערע מחות, װייל זיי נעמען דאך אלע אן רוימליך־צייטליכע פארמען פון אונטערשידען. דעמאלט װאלטען מיר בכלל גאר ניט געקענט װיסען װעגען דער אויסערליכער װעלט, מיר װאלטען אפילו ניט געקענט װיסען, אז אן אויסערליכע װעלט עקזיסטירט. אויב דרויסען פון אונז עקזיסטירט א װעלכע עס איז װעלט, דאן דארפען אונזערע דערקענטעניש ארגאנען פארשטע־לען מיט זיך, א דאנק דער אידעאליטעט פון רוים און צייט, ניט קיין אונפאלקאמענעם אייגזייטיגען מעכאניזם, נאר א פאלקאמענעם אפא־ראט, װלעכער באזיצט אלע אייגענשאפטען װאס זיינען נויטיג, כדי אונז ניט צו דערלאזען צו האבען א װעלכען עס איז װיסען װעגען דער װעלט. אבער אזא סארט אפאראט קען זיכער קיין שום געמיינ־שאפטליכעס ניט האבען, מיט דעם װאס מיר רופען דערקענטעניש פעהיגקייט.

קאנט האט ענערגיש געקעמפט געגען בערקלי'ס מיסטישען אי־דעאליזם, און האט גערעכענט, אז דורך זיין „קריטישען" אידעאליזם האט זיך איהם איינגעגעבען דעם ערשטען צו פארטרייבען. באמת האט

זיין קריטיק סוף כל סוף געמאכט צו גאר ניט זיין אייגענעם גרונט־געדאנק, אז די וועלט איז ווירקליך, און מיר קענען פון איהר וויסען בלויז דורך ערפארונג, אויף דעם אופן איז פאר דעם מיסטיציזם, וואס איז ארויסגעווארפען געווארען דורכ'ן פענסטער, ברייט פאנאנדערגעעפענט געווארען די טיר, דורך וועלכער ער איז צוריק אריינגעקומען.

2. דער מאראלער געזעץ.

קאנט איז ארויס פון דעם שטאנדפונקט, אז די וועלט עקזיסטירט ווירקליך דרויסען פון אונז, און ניט נאר אין אונזער מח, און אז דערקענען איהר קענען מיר בלויז שטיצענדיג זיך אויף אונזער ערפארונג. זיין פילאסאפישער פארדינסט האט געדארפט זיין זיין אויספארשונג וועגען די באדינגונגען פון דער ערפארונג און וועגען די גרענעצען פון אונזער דערקענטעניש. אבער, פונקט אט די אויספארשונגען האבען איהם געבראכט דערצו, אז ער אליין זאל אוועקלאזען זיך איבער אט די גרענעצען און אנטדעקען די אומדערקענבארע וועלט, וועגען וועלכער ער האט פינקטליך געוואוסט, אז זי איז פון א גאנץ אנדער מין ווי די וועלט פון אונזערע פארשטעלונגען, אז זי איז אויסער צייט און רוים, און דעריבער אויסער די געזעצען פון אורזאכליכקייט.

אבער צו וואס איז נויטיג געווען אט דער משונה'דיגער שפרונג אויף יענער זייט גרענעץ פון אונזער דערקענטעניש, א דאנק וועלכען ער האט פארלארען דעם פעסטען באדען פון אונטער זיינע פיס? די לאגישע נאכטראכטונגען האבען איהם ניט געקענט שטויסען אויף דעם וועג, ווייל טאקי א דאנק אט דעם שפרונג, האט ער זיך פארפלאנטערט אין א גאנצען לאבירינט פון ווידערשפרוכען, וועלכע האבען פארניכטעט דעם גרונד געדאנק פון זיין אייגענער פילאסאפיע. די אורזאכען וואס האבען איהם געטריבען צו אנערקענען אן איבערחושים'דיגע וועלט זיינען געווען היסטארישע. ער האט דאס געמוזט טאן אונטער אלע אומשטענדען.

די עטיק

אויב פראנקרייך פון 18טען יאָרהונדערט איז אָפּגעשטאַנען פון ענגלאַנד אויף הונדערט יאָר, איז דייטשלאַנד פּונקט אַזוי געווען אָפּגעשטאַנען פון פראנקרייך. אויב די ענגלישע בורזשואַזיע האָט זיך מעהר ניט געגויטיגט אין דעם מאַטעריאַליזם, ווייל זי האָט גע־קענט אויך אָן איהם, אויף'ן רעליגיעזען באָדען, בייקומען די פעאָדאַל־אַבסאָלוטיסטישע שטאַטס־מאַכט אין קירך, איז אָבער די דייטשישע בורזשואַזיע פון יענער צייט נאָך ניט געגוג שטאַרק געווען כדי ארויס־געהן אין אַן אָפענעם קאַמף מיט דער שטאַטליכער מאַכט און מיט איהר קירך. זי האָט דערפאַר פאַר'ן מאַטעריאַליזם מורא געהאַט. דער מאַטעריאַליזם איז געקומען אין 18טען יאָרהונדערט אין דייטש־לאַנד, פּונקט ווי אין רוסלאַנד, ניט אַלס פילאָסאָפיע פון קאַמף, נאָר אַלס פילאָסאָפיע פון פאַרגעניגען, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו די נויטען פון דעם אויפגעקלערטען דעספּאָטיזם: ער איז אויפגעוואַקסען אין די פּרינציפּיעלע הויפען זייט ביי זייט מיט אַ זעהר באַגרענעצטען אַרטאַדאָקסאַליזם. די בורזשואַזיע אָבער האָט, אפילו אין די פּערזאָ־נען פון איהרע געוואַגטסטע און אומאָפּהענגיגסטע פאַרשטעהער, אויפגעהאַלטען די רעשטלאַך פון איהר קריסטליכען באַוואוסטזיין, פון וועלכען זי האָט זיך בשום אופן ניט געקענט באַפרייען.

דאָס האָט געמוזט אַרויסרופען ביי די דייטשישע פילאָסאָפען אַ סימפּאַטיע צו דער ענגלישער פילאָסאָפיע. אויף קאַנט'ען האָט זי ווירקליך געהאַט אַ זעהר גרויסען איינפלוס. איך געדענק עפּעס ניט, אַז ער זאָל ווען עס איז אין זיינע אַרבייטען דערמאָנען אַ פראַנ־צויזישען מאַטעריאַליסט פון 18טען יאָרהונדערט, דערפאַר אָבער צי־טירט ער מיט אַ באַזונדערען פאַרגעניגען די ענגלישע דענקער פון 17טען און 18טען יאָהרהונדערט ווי צ. ב. ש. לאָק, בערקלי, יום און פּריסטלי.

אָבער צווישען דער דייטשישער און ענגלישער פילאָסאָפיע איז פונדעסטוועגען געווען אַ גרויסער אונטערשיד. די ענגלענדער האָבען פילאָסאָפירט אין דער צייט פון אַ גרויסען פּראַקטישען פאָרטשריט און פּונקט אַזאַ גרויסען פּראַקטישען קאַמף. די פּראַקטיק האָט אוועק־גענומען זייערע אַלע גייסטיגע כחות, און זייער פילאָסאָפיע האָט גע־

קאַרל קאוטסקי

טראַגנען בולט'ע סמנים פון פראַקטישע אויסרעכענונגען: די ענגלישע פילאָסאָפען האָבען זיך מעהר אויסגעצייכענט אויף די פעלדער פון עקאָנאָמיע, פּאָליטיק, און די נאַטור־וויסענשאַפטען, ווי אויף דעם פעלד פון דער פילאָסאָפיע.

קיין זאַך האָט אָבער ניט געשטערט די דייטשישע דענקער צו קאָנצענטרירען דעם גאַנצען כח פון זייער דענקען אויף די טיפסטע און אבסטראַקטסטע פּראָבלעמען פון דער וויסענשאַפט. קיינער, אויסער די גרענעצען פון דייטשלאַנד, האָט זיך דערפאַר מיט זיי ניט געקענט גלייכען אין דעם. דאָס דערקלערט זיך ניט דורך א וועלכער עס איז אייגענשאַפט פון דער גערמאַנישער ראַסע, נאָר בלויז דורך די באַדינגונגען פון דער צייט. אין 16טען און אין די ערשטע דריי פערטעל פון 17טען יאָרהונדערט האָבען די גרעסטע פילאָסאָפען און דענקער געלעבט אין איטאַליע, פראַנקרייך, האָלאַנד און ענגלאַנד, און ניט אין דייטשלאַנד. בלויז דער שטילשטאַנד, וואָס איז אָנגעקומען נאָך דעם דרייסיג־יאָהריגען קריג האָט געבראַכט דערצו, אז די דייטשישע פילאָסאָפיע זאָל איבערשטייגען אלע אנדערע. אזוי איז אויך מארקסעס „קאַפּיטאַל" אנשטאַנען אין דער רעאַקציאָנערער עפּאָכע נאָך דעם 1848טען יאָהר.

ניט קוקענדיג אויף זיין סימפּאַטיע צו דער ענגלישער פילאָסאָפיע, האָט זיך אָבער קאַנט מיט איהר ניט געקענט צופרידענשטעלען, ער האָט זיך צו איהר באַצויגען פּונקט אזוי קריטיש, ווי צום מאַטעריאַליזם.

אַלס שוואַכסטער פּונקט פון דיביידע, האָט זיך פאַר איהם געמוזט אויסווייזען זייער עטיק. איהם האָט זיך געדוכט, אז עס איז בשום אופן ניט מעגליך צו שאַפען א פאַרבינדונג צווישען מאַראַלען געזעץ און דער נאַטור, ד. ה. מיט „דער וועלט פון ערשיינונגען". כדי צו דערקלערען דעם מאַראַלען געזעץ, האָט זיך איהם גערדוכט, אַז עס איז נויטיג אַן אנדער וועלט, א וועלט, וואָס איז אויסער צייט און רוים, א וועלט פון ריינעם גייסט, א וועלט פון פרייהייט להפּוך צו דער וועלט פון ערשיינונגען, וואו עס הערשט דער צווינגענדער געזעץ פון אורזאַך און רעזולטאַט.

די עטיק

פון דער צווייטער זייט האט דער קריסטליכער גאָפּיל אין איהם, דער רעזולטאט פון דער רעליגיעזער ערציהונג וואס ער האט געקריגען, אויפגעוועקט אין איהם די באדערפעניש צו געפינען אן אנדער וועלט, וועלכע זאל האבען פלאץ פאר גאט און אומשטערבליכקייט. צונעבענדיג, אז גאט און אומשטערבליכקייט זיינען דורכאויס איבעריג אין דער וועלט פון אונזער ערפארונג, האט ער געמוזט זוכען אן אנדער וועלט, אויסער דער ערפארונג. א צייטלאזע, א רוימלאזע וועלט פון „זאכען אין זיך" איז פונקט געווען וואס ער האט געדארפט.

די בעסטע באווייזען פאר דער עקזיסטענץ פון גאט און אומשטערבליכקייט אין דער צווייטער וועלט וואס איז דרויסען פון אונזער ערפארונג, האט קאנט געקראגען פון דעם מאראלען געזעץ. פונקט ווי פלאטאנ'ען, איז דאס אנטזאגען זיך פון דער נאטוראליסטישער דערקלערונג פון עטיק און דער גלויבען אין א באזונדערער וועלט פון גייסטער, אדער אויב איהר ווילט, אין א גייסטיגער וועלט נויטיג איינס פאר דאס צווייטע און שטיצען זיך געגענזייטיג.

אבער, ווי אזוי גיט זיך קאנט'ען איין אריינצובליקען אין יענער וועלט? די קריטיק פון דער ריינער פארנונפט האט איהם געגעבען בלויז די מעגליכקייט צו דערקלערען, אז זי איז רוימלאז און צייטלאז; וואס עס איז אלזא נויטיג געווען, איז אט די רוימלאזיגקייט מיט עפּעס אויסצופילען. קאנט האט דא אויך געפונען אן אויסוועג.

די אומדערקענבארע וועלט פון זאכען־אין־זיך קען, אמווענינגסטענס טיילווייז, דערקענט ווערען, אויב מיר זאלען קענען פעסטשטעלען אמווענינגסטענס א י י ן זאך־אין־זיך. קאנט געפינט דאס פאר אונז. דאס איז די מ ע נ ש ל י כ ע פ ע ר ז ע נ ל י כ־ ק י י ט. איך בין פאר מיר אליין, גלייכצייטיג אי אן ערשיינונג, אי א זאך־אין־זיך. מיין ריינער פארנונפט (שכל) איז א זאך־אין־זיך. אלס טייל פון דער זינליכער וועלט בין איך אונטערווארפען אונטער די געזעצען פון אורזאכען און רעזולטאטען. ד. ה. אונטער די געזעצען פון נויטווענדיגקייטען, אבער אלס זאך־אין־זיך, בין איך פריי, ד. ה. מיינע טאטען ווערען ניט באשטימט דורך די אורזאכען פון

קאַרל קאַוטסקי

דער זינליכער וועלט, נאָר דורך דעם מאָראַלען געזעץ, וואָס לעבט אין מיר, און וועלכער קומט פון דער ריינער פאַרנונפט. ער דערקלערט ניט „דו מוזט“, נאָר „דו דאַרפסט“. אָבער דאָס וואָלט דאָך ניט מעגליך זיין, אויב איך קען דאָס ניט אויספירען, ד. ה. אויב איך בין ניט פריי.

די מאָראַלע פרייהייט פון מענשען איז א זעהר פאַרפּלאָנטערטע זאַך. זי פאַרשלעפּט אונז איז ניט וועניגער ווידערשפּרוכען ווי די אידעאַליטעט פון רוים און צייט. די זאַך איז, אַז אַט די פרייהייט דריקט זיך אוים אין טאַטען, וועלכע זיינען טיילען פון דער וועלט פון ערשיינונגען, אלס אַזוינע מוזען זיי אַריינגעצויגען ווערען אין דער קייט פון אורזאַכען און רעזולטאַטען. און פאָלגליך ווערען זיי נויטווענדיגע. הייסט דאָס אלזאָ, אַז איינע און די זעלבע טאַטען זיינען גלייכצייטיג אי פרייע, אי נויטווענדיגע. אויסער דעם אַנטשטעהט דאָך אַט די פרייהייט אין דער צייטלאָזער וועלט, בעת אורזאַכען און רעזולטאַטען זיינען שטענדיג אין א באַשטימטער צייט, קומט אוים אַז די זעלבע טאַט האָט אי א צייטלאָזע אי א צייטליכע אורזאַכע.

אָבער וואָס איז דאָס, אַט דער מאָראַלער געזעץ, וועמעס ווירקונג, אַרויסגעהענדיג פון דער וועלט פון זאַכען־אין־זיך, פון דער וועלט וואָס מיר קענען בלויז באַגרייפען מיט׳ן שכל, פאַרשפּרייט זיך אויף דער וועלט פון די ערשיינונגען און מאַכט איהר אונטערטעניג צו זיך? ווייל ער נעמט זיך פון דער וועלט פון פאַרנונפט, קען זיין באַשטימונג אויך זיין נאָר א פאַרנונפטיגע.

ער קען זיין בלויז ריין־פאָרמאַל, ווייל ער מוז זיין דורכאוים פריי פון יעגער שיכות מיט דער חושים׳דיגער וועלט, וואָס וואָלט איהם גלייך אַריינגעצויגען אין די שיכות׳ען פון אורזאַכען און עפעקט, און וואָלט איהם דורך דעם באַרויבט פון זיין פרייהייט.

„אָבער“ זאָגט קאַנט אין זיין קריטיק פון דער פּראַקטישער פאַרנונפט, „מיט׳ן אויסנאַם פון דער מאַטעריע גופא פון געזעץ, איז אין איהם קיין אַנדער זאַך ניטאָ אויסער די געזעצגעבערישע פאָרמע. פאָלגליך איז די געזעצגעבערישע פאָרמע, אויף ווי פיל זי איז אַנט־

האלטען אין דעם מאקסים. דאס איינציגע וואס קען געבען א גרונד פאר דעם פרייען ווילען.“

דערפון פירט ער ארויס דעם פאלגענדען „גרונד־געזעץ פון דעם ריינעם פראקטישען פארנונפט.“

„האנדעל אזוי, אז דער מאקסים פון דיינע טאטען זאל צו יע־דער צייט קענען דינען אלס פרינציפ פון אלגעמיינער געזעצגעבונג“.

דער פרינציפ איז גאר ניט קיין נייער, דאס איז בלויז אן אי־בערזעצונג אין א פילאסאפישער שפראך פון דעם אלטען שפרוך־ווארט. „באהאנדעל אנדערע אזוי ווי דו ווילסט אנדערע זאלען דיך באהאנדלען“. נייע איז דא בלויז די דערקלערונג, אז אט דער שפריך־ווארט איז אן אנטדעקונג פון דער וועלט פון פארנונפט, וועלכען עס האט זיך איינגעגעבען פון איהר ארויסרייסען בלויז דורך דער אנ־ווענדונג פון א גוואלדיגער פילאסאפישער טיפזיניגקייט, און אז דאס איז אנווענדבאר ניט נאר אויף מענשען „נאר אויך אויף אלע ברואים וועלכע באזיצען א שכל און א ווילען, זאגאר איינשליסענדיג דעם אומענדליכען וועזען, אלס די העכסטע אינטעליגענץ.“

אומגליקליכערווייזע, אבער האבען די באווייזען פאר אט דעם געזעץ, וואס ווערט אנגעווענדעט אפילו אויף דער העכסטער אינ־טעליגענץ, א גרויסען חסרון. ער דארף זיין „אומאפהענגיג פון אלעם וואס איז שייך צו דער חושים׳דיגער וועלט“ דאס איז אבער לייכטער צו זאגען ווי דורכפירען. פונקט ווי מען קען ניט דורך א לופט־פאמפ באקומען קיין אבסאלוט לופטלאזען רוים, ווייל ער וועט שטענדיג אנטהאלטען אין זיך עטוואס לופט, אויב אפילו אין אזא קליינער מאס. אז מיר זאלען עס כמעט ניט קענען דערקענען, פונקט אזוי קענען מיר ניט באגרייפען קיין געדאנק וואס איז אינגאנצען אפגעריסען פון דער חושים׳דיגער וועלט. דער מאראלער געזעץ איז אין דעם ניט קיין אויסנאם.

דער באגריף גופא פון מאראלען געזעץ שליסט אין זיך איין בא־דינגונגען, וועלכע זיינען פארבונדען מיט דער חושים׳דיגער וועלט. דאס איז ניט קיין געזעץ פון דעם פ ר י י ע ן ו ו י ל ע ן אין זיך, נאר דער געזעץ פון זיינע פארלאנגען בנוגע מיינע נ א־

קארל קאוטסקי

ה ע נ ט ע. ער זעצט זיי פאראוים, פאר מיר אבער זיינען אט די ערשיינונגען א טייל פון דער זינליכער וועלט.

די פארמולירונג פון דעם מאראלען געזעץ געהט נאך ווייטער. האנדעל אזוי, אז דער פרינציפ פון דיינע טאטען זאל קענען צו יעדער צייט דינען פאר א פרינציפ פון אלגעמיינער געזעצגעבונג.״ דאס זעצט פאראוים ניט נאר די עקזיסטענץ פון מענשען אויסער מיר, נאר אויך דעם ווילען, אז יענע מענשען זאלען האנדלען אויף א באַשטימטען אופן. ז י י מ ו ז ע ן האנדלען אזוי ווי דער מאראלער געזעץ ה י י ס ט מ י ר. דא ווערט אנגענומען ניט נאר די מעגליכקייט און וואונשבארקייט פון א געזעלשאפט בכלל, נאר אויך א וואונשבארקייט פון א באשטימטען געזעלשאפטליכען צושטאנד.

אז אזא נויטווענדיגקייט ליגט באמת באהאלטען אלס גרונד פאר זיין פראקטישען פארנונפט, און אז זי באשטימט ווירקליך זיין רוימלאזען און צייטלאזען געזעץ, האט זיך איין מאל קאנט אליין מודה געווען. פאלעמיזירענדיג געגען די וואס ווילען באגרינדען די מאראל אויף פארגעניגען, זאגט ער אין זיין „קריטיק פון פראקטישען פארנונפט:״

„עס איז צו באוואונדערען ווי אזוי האבען דאס קלוגע מענשען געקענט דענקען, אז דאס שטרעבען צו גליק איז אן אלגעמיינער פראקטישער געזעץ, אויפ׳ן גרונד דערפון וואס אט דאס שטרעבען איז אלגעמיין, און פאלגליך איז אויך אלגעמיין דער מאקסים דורך וועלכען יעדער איינער מאכט זיין שטרעבען צו גליק פאר דעם באשטימטען מאטיוו פון זיין ווילען. אין דער צייט וואס אין אלע אנדערע פאלען מאכט אן אוניווערסאלער נאטור־געזעץ אלעס הארמאניש, וועט אבער אין דעם פאל, ווען מיר ווילען צושרייבען אן אלגעמיינהייט פון געזעץ צו אט דעם מאקסים, ארויסקומען פונקט דער היפוך פון הארמאניע, די שטארקסטע געגנערשאפט און פולע צושטערונג פון דעם מאקסים גופא און זיינע צוועקען. ווייל דער ווילען פון אלעמען האט שוין דעמאלט ניט איינעם און דעם זעלבען געגענשטאנד, נאר יעדער איינער האט זיך זיין אייגענעם. (זיין אייגענעם וואלזיין) וואס קען זיך אפשר אפט גאנץ רוהיג צוזאמענלעבען מיט די צוועקען פון

די עטיק

די אנדערע, וואס זיינען אבער ניט געווען פאר א געזעץ, ווייל די אפטע אויסנאמען, וועלכע איינער קען מאכען, זיינען ענדלאז און מען קען זיי ניט ארומנעמען מיט איין אלגעמיינער באשטימונג. אויף דעם אופן קומט ארויס פונקט אזא הארמאניע, וועלכע עס מאלט א באַקאנטע פאראדיע אויף דער גייסטיגער איינשטימיגקייט פון א פאר פאלק, וואס זיינען אנטשלאסען צו מאכען אן ענדע צו זיך: „א. וואונדערבארע הארמאניע, וואס ער וויל, וויל זי אויך."

אלזא, הייסט עס, אז פארגעניגען קען ניט ווערען דער מאקסים וואס זאל קענען דינען אלס פרינציפּ פון אלגעמיינער געזעצגעבונג, ווייל דאס וואלט געבראכט צו א סאציאלער דיסהארמאניע. דער מאַראלער געזעץ קען הייסט דאס באשאפען א הארמאנישע געזעלשאפט. אזא געזעלשאפט מוז, פארשטעהט זיך, מעגליך זיין, אויב ניט וואלט דאך זיין אן אונזין צו וועלען איהר באשאפען.

דער קאנטישער מאראלישער געזעץ נעמט פאלגליך אן אין פאראויס די וואונשבארקייט און מעגליכקייט פון א הארמאנישער געזעלשאפט. אויסער דעם נעמט ער אויך אן, אז דער מאראל־געזעץ איז טאקי אליין דער מיטעל, דורך וועמעס הילף אזא געזעלשאפט קען באשאפען ווערען, און דאס קען ד ע ר ג ר ײ כ ט   װ ע ר ע ן דורך דעם וואס יעדער יחיד וועט אננעמען באשטימטע געזעצען פון אויפפירונג. דערפון קען מען זעהן אויף וויפיל קאנט איז ניט גערעכט, ווען ער נעמט אן, אז דער מאראלער געזעץ איז אומאפהענגיג פון וועלכע עס איז באדינגונגען פון דער זינליכער וועלט, און איז דערפאר א פרינציפּ וואס איז אנווענדבאר אויף אלע צייטלאזע און רוימלאזע גייסטער, איינשליסענדיג אפילו גאט אליין.

אין דערווירקליכקייט איז קאנט'ס מאראלער געזעץ דער רעזולטאט פון גאנץ באשטימטע געזעלשאפטליכע באדערפעניששען. היות ווי ער איז אנטשטאנען א דאנק דאס שטרעבען צו א הארמאנישער געזעלשאפט, קען מען פון איהם דעדוצירען דעם אידעאל פון א הארמאנישער געזעלשאפט. דאס האט געגעבען פאר מאנכע א געלעגענהייט צו דערקלערען קאנט'ען פאר'ן באגרינדער פון סאציאליזם.

קאַרל קאוטסקי

אין זיין נייעסטען בוך „די עטיק פון דעם רייַנעם ווילען" חזר'ט דאָס הערמאַן קאָהען נאָך אַמאָל איבער. באמת אָבער איז קאַנט פּונקט אַזוי ווייט פון סאָציאַליזם, ווי עס זיינען געווען די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטען פון 18טען יאָרהונדערט, און אפשר נאָך ווייטער. לויט די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטען איז די מאָראַל באַשטימט געוואָרען דורך דעם צושטאַנד פון שטאַט און געזעלשאַפט, דער קאַמף אַלזאָ פאַר אַ העכערער מאָראַל האָט געמוזט אויך זיין אַ קאַמף געגען דער הערשענדער מאַכט. לויט נאָך קאַנט'ען אָבער באַהערשט די געזעלשאַפט, וואָס געפינט זיך אין צייט און רוים, אַ מאָראַלען געזעץ וואָס געפינט זיך אויסער צייט און רוים, און וועלכער דיקטירט זיינע פאַרלאַנגען ניט צו דער געזעלשאַפט, נאָר צו די יחידים. אויב די מאָראַל פון יחיד איז ניט גוט גענוג, דאַרף מען אין דעם באַשולדיגען ניט דעם שטאַט אָדער די געזעלשאַפט, נאָר דעם אומשטאַנד וואָס דער מענש איז ניט קיין מלאך, נאָר אַ האַלב־חיה, און וואָס זיין טירישע נאַטור שטרעבט איהם שטענדיג צו דעגראַדירען. קעמפען געגען דעם קען ער בלויז דורך אַן אינערליכער זעלבסט דערהויבונג און זעלבסט־רייניגונג. די פּערזענליכקייט מוז זיך אַליין פאַרפאָלקאָמענען כדי די געזעלשאַפט זאָל זיך קענען פאַרבעסערען. עס איז קלאָר, אַז אַננעמענדיג קאַנט'ען פאַר'ן באַגרינדער פון סאָציאַליזם, צווינגען מיר דעם סאָציאַליזם אַנצונעמען גאַנץ זאַנדערבאַרע פאָרמען. ווען מיר באַטראַכטען די ווייטערע אַנטוויקלונג וואָס דער מאָראַלער געזעץ האָט ביי איהם דורכגעמאַכט, ווערען די זאַנדערבאַרקייטען בשום אופן ניט פאַרקלענערט. דער מאָראַלער געזעץ רופט אַרויס די געבורט פון יער פּערזענליכקייט און חשיבות פון דעם מענשען. דערפון פאָלגט אויך די פאָראָרדענונג:

„האַנדעל אַזוי, אַז די מענשהייט, אין דיין אייגענער פּערזאָן, אַזוי גוט ווי אין דער פּערזאָן פון יעדען אַנדערען, זאָל פאַר דיך שטענדיג דינען אַלס אַ ציל און ניט נאָר אַלס אַ מיטעל."

„אָט די ווערטער" — זאָגט קאָהען — „דריקען אויס דעם טיפסטען זין פון דעם קאַטעגאָרישען אימפעראַטיוו: זיי אַנטהאַלטען די מאָראַלע פּראָגראַם פון דער נייער צייט און פון דער גאַנצער צו־

קונפּטיגער וועלט־געשיכטע... די אידעע וועגן דער מענשהייט אלס ציל, ווערט אויף דעם אופן פאַרוואַנדעלט אין דער אידעע פון סאָציאַליזם, אין וועלכער יעדער מענש ווערט באַשטימט אלס אַן ענדציל, אלס א ציל פאַר זיך אַליין."

אין דעם פאַל איז די פּראָגראַם פון דער „גאַנצער צוקונפטיגער וועלט־געשיכטע" זעהר ענג פאַרשטאַנען געוואָרען. דער צייטלאָזער מאָראַלער געזעץ וועגן דעם, אַז דער מענש דאַרף שטענדיג דינען ניט נאָר אלס מיטעל, נאָר אויך אלס צוועק, האָט א זין בלויז אין אַזאַ געזעלשאַפט וואו דער מענש קען זיין פּשוט בלויז א מיטעל פאַר א צווייטענס באַדערפעניסען. אין א קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וואו אַט די מעגליכקייט פאַרשווינדט, ווערט איבעריג קאַנט'ס פּראָגראַם „פאַר דער גאַנצער צוקונפטיגער וועלט־געשיכטע". וואָס זשע מיינט דאָס? פּשוט, אַדער מיר דאַרפען ניט דערוואַרטען די פאַרווירקליכונג פון סאָציאַליזם, אַדער עס וועט קיין וועלט געשיכטע ניט זיין.

קאַנט'ס מאָראַלער געזעץ איז געווען א פּראָטעסט געגען דער גאַנץ קאָנקרעטער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, מיט איהר פאַרשקלאַפונג פון דער פּערזענליכקייט און חשיבות פון מענשען, און קען מיט'ן זעלבען ערפאָלג פאַרעכענט ווערען אלס פּרינציפּ פון ליבעראַליזם אדער אַנאַרכיזם. דער געדאַנק וועלכער איז אין דעם פּרינציפּ אַנטהאַלטען, איז פּונקט אַזוי ניט ניי ווי דער אויבען געבראַכטער געדאַנק בנוגע דער אַלגעמיינער געזעצגעבונג. דאָס איז בלויז די פילאָסאָפישע פאָרמולירונג פון דער אידעע פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט" וועלכע רוסאָ האָט פיל פריהער אַנטוויקעלט, און וועלכע מיר קענען שוין אפילו געפינען אין דעם אַלטען קריסטענטום. אויך דאָ האָט קאַנט בלויז דעם פאַרדינסט, וואָס ער האָט געגעבען א באַזונדערע פאָרמע פאַר אַן אַלטען פּרינציפּ.

די חשיבות פון דעם מענשען נעמט זיך פון דעם פאַקט, וואָס דער מענש איז א טייל פון דער איבער־זינליכער וועלט, און וועלכער שטעהט אלס מאָראַלער וועזען, אויסער און איבער דער נאַטור. די מענשליכע אינדיווידואַליטעט מיינט — „פרייהייט און אומאָפּהענגיגקייט פון דעם מעכאַניזם פון דער גאַנצער נאַטור" אַזוי, אַז „די פּערזענליכ־

קייט, וועלכע געהערט צו דער זינליכער וועלט, איז אונטערוואַרפען אונטער דער אייגענער אינדיווידואַליטעט אויף וויפיל זי געהערט גלייכצייטיג אויך צו דער איבערזינליכער וועלט." מען דאַרף זיך דער־פאַר ניט וואונדערען אויף דעם וואָס „דער מענש, וועלכער געהערט צו ביידע וועלטען דאַרף זיך באַציהען מיט דער גרעסטער אכטונג צו זיין צווייטער העכערער באַשטימונג, און צו די געזעצען וואָס פאָלגען דערפון."

הייסט עס, אַז מיר זיינען מיט מזל צוריק אַנגעקומען צו דער אַלטער קריסטליכער באַגרינדונג פון דער גלייכהייט פון אַלע מענ־שען דורך דעם וואָס מיר זיינען אַלע קינדער פון דעם זעלבען אַל־מעכטיגען גאָט.

3. פרייהייט און נויטווענדיגקייט.

אין דער צייט וואָס מיר אַנטזאָגען זיך אַנצונעמען די צוויי וועל־טען אין וועלכע עס לעבט דער מענש, לויט נאָך קאַנט און פּלאַטאָן, האַלטען מיר אָבער דאָך פאַר אמת דעם געדאַנק, אַז דער מענש לעבט אין צוויי גאַנץ באַזונדערע וועלטען, און אַז דער מאָראַלער געזעץ באַוואוינט בלויז איינע פון זיי, וועלכע איז ניט די וועלט פון אונזערע ערפאַרונגען. אָבער ניט קוקענדיג דאָרויף איז אויך אַט די צווייטע וועלט ניט קיין איבערנאַטירליכע.

די פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט. דאָס זיינען די צוויי וועלטען אין וועלכע דער מענש לעבט. די געגענ־וואַרט איז דער גרענעץ צווישען זיי. די גאַנצע ערפאַרונג פון דעם מענשען ליגט אין זיין פאַרגאַנגענהייט. ערפאַרונג — איז פאַרגאַנ־גענהייט. די אַלע באַציהונגען וואָס די פאַרגאַנגענע ערפאַרונג האָט אויסגעאַרבייט ליגען אונפאַרמיידליך פאַר איהם, אָדער בעסער געזאָגט הינטער איהם. ער איז ניט בכח זיי אומענדערען אפילו אויף אַ האָר, ער קען בלויז אַנערקענען זייער נויטווענדיגקייט. די עמפּירי־שע וועלט, די וועלט פון דערקענטעניש, איז פאָלגליך די וועלט פון נויטווענדיגקייט.

די עטיק

אנדערש איז דאס מיט דער צוקונפט. די ערפארונג קען אונז גאר ניט דערצעהלען וועגען דער צוקונפט. זי ליגט פאר אונז א פרייע, און עפענט פאר אונז אויף א וועלט, אין וועלכער מיר טרעטען אריין ניט אלס ד ע ר ק ע נ ע נ ד ע, נאר אלס האנדלענדע מענשען. עס איז אמת, אז איך קען די ערפארונג פון דער פארגאנגענהייט אנווענדען אויף דער צוקונפט; איך קען קומען צום שלוס, אז די צוקונפט איז פונקט אזוי באשטימט דורך דער נויטווענדיגקייט, ווי די פארגאנגענהייט. אבער, פונקט ווי כדי צו דערקענען די וועלט מוז איך פון פריהער אננעמען איהר נויטווענדיגקייט, אזוי מוז איך, כדי צו האנדלען אין איהר, אננעמען א געוויסע מאס פון פרייהייט. אויב אפילו אויף מיינע האנדלונגען וועט ארויפגעצוואונגען ווערען א געוויסער דרוק, וועט דאך פאר מיר אלץ בלייבען די ברירה, צי איך זאל זיך דעם דאזיגען דרוק אונטערווארפען אדער ניט. אין מיינע הענט בלייבט מיר שטענדיג דער לעצטער מיטעל. איך קען אויסמיידען דעם צוואנג דורך א פרייוויליגען טויט. האנדלען, מיינט שטענדיג אויסקלייבען צווישען פארשיעדענע מעגליכקייטען, אפילו דעמאלט, ווען פאר מיר זיינען דא בלויז צוויי מעגליכקייטען: האנדלען אדער ניט. האנדלען, מיינט אננעמען און זיך אנטזאגען, פארטיידיגען און אנפאלען. דער אויסוואל אבער, נעמט פון פריהער אן די מעגליכקייט פון אויסוואל, פונקט אזוי ווי דער אונטערשיד צווישען וואס איך נעם אן און פון וואס איך אנטזאג זיך צווישען דאס גוטע און שלעכטע. דער מאראלער אורטייל איז אן אומזין אין דער וועלט פון דער פארגאנגענהייט, אין דער וועלט פון ערפארונג, וואו קיין אויסוואל איז ניטא, וואו עס הערשט בלויז די אייזערנע נויטווענדיגקייט. אין דער וועלט אבער פון דער צוקונפט, אין דער דאזיגער קעניגרייך פון פרייהייט איז ער אומפארמיידליך.

נאך מעהר, האנדלונג זעצט פאראויס ניט נאר דעם געפיל פון פרייהייט, נאר אויך א באשטימטען ציל, פונקט ווי אין דער וועלט פון דער פארגאנגענהייט הערשט די סעקווענץ פון אורזאך און רעזולטאט (קאזואליטעט) אזוי הערשט אין דער וועלט פון האנדלונגען, פון דער צוקונפט, די אידעע פון א ציל (טעלעאלאגיע).

קארל קאוטסקי

דער געפיהל פון פרייהייט איז אן אומפארמיידליכע פסיכאלאגישע נויטווענדיגקייט פאר יעדער האנדלונג, און קען ניט אפגעשאפט ווערען דורך קיין דערקענטעניש, דער שטרענגסטער פאטאליזם. אזוי גוט ווי די טיפסטע איבערצייגונג, אז דער מענש איז אליין א נויטוועדיגער פראדוקט פון דער סביבה, קען אונז ניט צווינגען צו אויפהערען ליבען און האסען, זיך פארטיידיגען און אטאקירען.

דער מענש אבער האט ניט אויף דעם קיין אויסשליסליכען מאנאפאל. דאס איז פונקט אזוי אמת פאר די אנדערע לעבעדיגע וועזענס, זיי באזיצען אויך, פונקט ווי דער מענש, די פרייהייט פון ווילען, אט דעם סוביעקטיווען, אומפארמיידליכען געפיל פון פרייהייט, וועלכער שטראמט ארויס פון אונזער אומוויסענהייט בנוגע דער צוקונפט. אין דער נויטיגקייט צו ווירקען אויף איהר, פונקט ווי דער מענש, האבען אויך די אנדערע לעבעדיגע באשעפענישען, א געוויסע פארשטעלונג וועגען דער פארבינדונג וואס הערשט צווישען אורזאך און רעזולטאט, און שליסליך, אויך די אידעע פון א באשטימטען ציל. אין דער הינזיכט פון פארשטעהן די פארגאנגענהייט און איהר נויטווענדיגקייט פון איין זייט און פון פאראויסזעהן די צוקונפט און באשטימען געוויסע צילען פאר זיין טעטיגקייט, אונטערשיידט זיך דער ווילדער מענש, פיל וועניגער פון די חיות ווי פון די קולטורעלע מענשען.

די באשטימונגען פון געוויסע צילען פאר מיינע האנדלונגען, שטעהען אבער ניט, אז און פאר זיך, אויסער די גרענעצען פון נויטווענדיגקייט, פון אורזאך און רעזולטאט. די צילען וועלכע איך שטעל מיר, געהערען דער צוקונפט, דער קעניגרייך וואו עס הערשט, דאכט זיך, פרייהייט. אבער די באשטימונג פון די צילען געהערען צו דער פארגאנגענהייט פון דער מינוט אז ווען זיי זיינען באשטימט געווארען, פונקט ווי יעדער אנדער געדאנק וועלכען איך האב שוין פון פריהער. דאס קען דערפאר דערקענט ווערען אלס רעזולטאט פון באשטימטע אורזאכען. דער פאקט, אז די דערגרייכונג פון די צילען ליגט נאך אין דער צוקונפט אין דער ספערע פון אומזיכערהייט, ד. ה. אין א געוויסען זין אין דער ספערע פון פרייהייט, בייט די זאך אפילו

די עטיק

אויף א האר ניט אום. ווי ווייט מיר זאלען ניט זיין פון דער דער־גרייכונג פון אונזערע צילען, זייער באשטימונג אבער ליגט אלץ אין דער פארגאנגענהייט. אין דער קעניגרייך פון פרייהייט געפינען זיך בלויז די צילען, וועלכע מיר האבען זיך נאך ניט געשטעלט און ווע־גען וועלכע מיר ווייסען נאך דערווייל גאר ניט.

די וועלט פון באשטימטע צילען קען אלזא ניט אוועקגעשטעלט ווערען אלס וועלט פון פרייהייט אין געגענזאץ צו דער וועלט פון נויטוועגדיגקייט. פאר יעדען ציל וואס מיר שטעלען זיך, אזוי גוט ווי פאר די מיטלען וואס מיר באנוצען פאר די דערגרייכונג פון א ציל, זיינען די אורזאכען שוין פון פריהער געגעבען געווארען, און זיי קענען אונטער באשטימטע אומשטענדען דערקענט ווערען.

פונדעסטוועגען קען מען ניט אונטערשידען די קעניגרייכען פון פרייהייט און נויטוועגדיגקייט בלויז אלס פארגאנגענהייט און צו־קונפט. דער אונטערשיד פאלט אפט צוזאמען מיט'ן אונטערשיד צווישען דער נאטור און דער געזעלשאפט, אדער צו זיין פינקטלי־כער, צווישען דער געזעלשאפט און יענער צווייטער נאטור, פון וועל־כער די געזעלשאפט איז א טייל.

ווען מיר באטראכטען די נאטור אין דעם ענגען זין, אפגעזונ־דערט פון דער געזעלשאפט און נאכהערביידען אין זייער שיכות צו דער צוקונפט, דערזעהען מיר גלייך א וויכטיגען אונטערשיד. די נאטור־באדינגונגען ענדערען זיך פיל לאנגזאמער ווי די סאציאלע. אין דער נאטור עקזיסטירט א גאנצע רייהע איינפאכע ערשיינונגען, וועמעס געזעצמעסיגקייט מען קען פארהעלטניסמעסיג לייכט דערקע־נען. די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען אבער זיינען מערסטענס גוואל־דיג פארפלאנטערט, איבערהויפט ווען מענשען הויבען אן פילאסא־פירען, אין דער צייט פון דער פראדוקציע פון סחורה.

מיר זיינען דערפאר געצוואונגען אננעמען, אז אונזערע האנד־לונגען בנוגע דער צוקונפט, וועלכע שיינען צו זיין פריי, זיינען נויט־וועגדיג אויף וויפיל עס אנבאלאנגט דער נאטור. ווי אומקלאר די צו־קונפט זאל מיר ניט אויסקוקען, בין איך אבער דאך זיכער, אז נאכ'ן ווינטער וועט קומען דער זומער, אז מארגען וועט די זון אויפגעהן,

קאַרל קאוטסקי

אז מאָרגען וועל איך וועלען עסען, אז ווינטער וועל איך פילען אַ באַ־דערפעניש אין וואַרימקייט א. אז. וו. מיינע האנדלונגען וועלען קיין מאָל ניט זיין געריכטעט אויף פאַרמיידען דאָס אונפאַרמיידליכע, נאָר פאַרקערט, אויף צופרידענשטעלען זיי. איך מוז אַלזאָ, טראָץ דער איינענשיינליכער פרייהייט, אנערקענען, אז מיינע האנדלונגען זיי־נען, בנוגע דער נאַטור, נויטוועדיגע און פאַראויס באשטימטע. דער געבוי פון דער אויסערליכער נאַטור און פון מיין קערפער שאַפט א גאַנצע רייהע פון באדערפענישען, וועלכע צווינגען אויף מיר אַרויף א געוויסען ווילען צו געוויסע האנדלונגען, וועלכע קענען פאַראויס באַשטימט ווערען, ווייל זיי אנטשטעהען אין איינקלאַנג מיט מיין ער־פאַרונג.

אַנדערש איז אבער די זאַך בנוגע מיינע נאַהענטע, בנוגע מיינע סאָציאַלע טאַטען. דאָ איז שוין ניט אזוי לייכט צו זעהן די אַלע אויסערליכע און אינערליכע אורזאַכען, וועלכע באשטימען (דעטער־מינירען) מיינע טאַטען. דאָ קום איך אין צוזאַמענשטויס ניט מיט די מעכטיגע כחות פון דער נאַטור, צו וועלכער איך מוז זיך אונטערגע־בען, נאָר מיט מענשען, אַזוינע ווי איך אַליין בין, וועלכע באַזיצען ניט על פּי זייער נאַטור, קיין גרעסערע כחות ווי איך. געגען זיי פיהל איך זיך פריי, אבער אויך זיי, און זייערע באַציהונגען צו זייערע נאַהענטע, דאַכט זיך מיר, זיינען פריי. צו זיי פיהל איך ליעבע אָדער האַס, וועגען זיי, און וועגען מיינע באַציהונגען צו זיי, זאָג איך אַרויס מאָראַלע אורטיילען.

די וועלט פון פרייהייט און פון מאָראַלען געזעץ, איז וואַרשיינ־ליך אינגאַנצען אַנדערש ווי די וועלט פון דער אנערקענטער נויט־ווענדיגקייט, אבער דאָס איז ניט קיין צייטלאָזע און רוימלאָזע וועלט, נאָר בלויז א באַזונדער טיילכעלע פון דער חושים'דיגער וועלט, באַ־טראַכט פון א באַזונדערען שטאַנדפּונקט. דאָס איז די וועלט באַטראַכט ווי זי באַרירט אונז, אויף וועלכער מיר דאַרפען ווירקען, און וועלכע מיר דאַרפען אומענדערען: דאָס איז פריהער פון אַלעם די וועלט פון סאָציאַלע באַציהונגען.

אַבער דאָס וואָס איז היינט צוקונפט, איז שוין מאָרגען פאַר־

גאנגענהייט, אַזוי אַז דאָס וואָס עס רעכענט זיך היינט פאַר פריי, ווערט מאָרגען דערקענט אַלס אַ נויטווענדיג באַשטימטע זאַך. דערמיט אָבער אַליין, הערט אויף דער מאָראַלער געזעץ וועלכער רעגולירט אונ־זערע טאַטען, צו זיין אַן אורזאַכלאָזע אורזאַכע. ער איז אין דער וועלט פון ערפאַרונג און קען דערקענט ווערען אַלס אַ נויטווענדיגער רעזולטאַט פון אַ וועלכער עס איז אורזאַכע, און בלויז אַלס אַזעל־כער, קען ער דערקענט ווערען בכלל און ווערען אַ געגענשטאַנד פאַר דער וויסענשאַפט.

אריבערטראַגענדיג דעם מאָראַלען געזעץ פון דער זינליכער אין דער איבערזינליכער וועלט, האָט קאַנט ניט נאָר ניט געהאָלפען איהם וויסענשאַפטליך דערקענען, נאָר ער האָט אַלע וועגען דערצו פאַרשטעלט. אויב מיר וועלען אַנגעהן ווייטער מיט דער לייזונג פון דער רעטעניש, פון דעם מאָראַלישען געזעץ, מוזען מיר פריהער פון אַלעם באַזייטיגען אַט די שטערונגען. מיר מוזען, אַזוי צו זאָגען, אַרי־בערטרעטען איבער קאַנט'ען.

4. די פילאָסאָפיע פון שלום.

די שוואַכסטע זייט פון קאַנט'ס פילאָסאָפיע איז זיין עטיק, אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט זיין עטיק געהאַט אַ גוואַלדיגען היס־טאָרישען ערפאָלג; דאָס איז דערפאַר ווייל זי איז געווען צוגעפּאַסט צו די וויכטיגסטע פאָדערונגען פון איהר צייט.

דער פראַנצויזישער מאַטעריאַליזם איז געווען די פילאָסאָפיע פון קאַמף געגען אַלע טראַדיציאָנעלע מעטאָדען פון דענקען און אַ דאַנק דעם אויך, געגען אַלע אינסטיטוציעס וואָס האָבען זיך הינטער זיי באַהאַלטען. אַ דאַנק זיין ביטערען האַס צום קריסטענטום, איז דער פראַנצויזישער מאַטעריאַליזם, געוואָרען דער לאָזונג פון קאַמף ניט נאָר געגען דער קירכע, נאָר אויך געגען אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע כחות וואָס זיינען מיט איהר געווען צונויפגעבונדען.

קאַנט'ס קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט, האָט אויך אַרויס־געטריבען דעם קריסטענטום פון זיין טעמפעל. אָבער זיין קריטיק פון

פראקטישען פארנונפט. וועלכע האט אנטדעקט דעם מאראלען גע־זעץ, האט פון דאס ניי ברייט און מיט יראת הכבוד אויפגעעפענט פאר איהם די טירען. אויף דעם אופן ווערט די פילאסאפיע פאר־וואנדעלט, א דאנק קאנט'ען פון א קאמפס־מיטעל געגען די טראדיציא־נעלע פארמען פון דענקען און פון דער געזעלשאפט, אין א מיטעל צו אויסגלייכען די ווידערשפרוכען.

די מיטלען פון דער אנטוויקלונג איז קאמף. די אויסגלייכונג פון ווידערשפרוכען באצייכענט מיט זיך אז אפשטעל אין דעם אנט־וויקלונגס־פראצעס. דערפאר איז קאנט'ס פילאסאפיע געווארען א קאנסערוואטיווער פאקטאר.

בעסער פון אלעמען און פריהער פון אלעמען האט זיך מיט די שלוסען פון קאנט'ס פילאסאפיע באנוצט די ט ע א ל א ג י ע. באוויזענדיג די מעגליכקייט צו מאכען שלום צווישען דער וויסענ־שאפט און דער רעליגיע, האט די דאזיגע פילאסאפיע באפרייט די טעאלאגיע פון די שוועריגקייטען וועלכע די וויסענשאפט האט פאר איהר באשאפען.

„קיין איין וויסענשאפט“ זאגט צעלער „האט ניט אזוי שטארק געפיהלט דעם איינפלוס פון קאנט'ס פילאסאפיע ווי די טעאלאגיע. דא האבען קאנט'ס פרינציפען געפונען דעם אמבעסטענס צוגעגרייטען האפען פאר זיך. דערביי האבען זיי אויך פארטיפט און פארבעסערט זייער געדאנקען־גאנג, אין וואס עס האט זיך דאן געפיהלט א שטארקע באדערפעניש.“ (געשיכטע דער דייטשען פילאזאפי 1873 ז. 519).

פונקט נאך דער פראנצויזישער רעוואלוציע האט זיך געפיהלט די באדערפעניש אין אזא טעאלאגיע וועלכע זאל זיך קענען פארמעס־טען אין כחות מיט'ן מאטעריאליזם, און פארטרייבען איהם פון די מוחות פון דער אינטעליגענץ.

צעלער זאגט ווייטער דאס פאלגענדע:

„קאנט'ס בליק אויף דער רעליגיע איז געווען צוגעפאסט צו די מאראלע אזוי גוט ווי צו די אינטעלעקטועלע פאדערונגען פון דער צייט. ביי די פראגרעסיווע עלעמענטען האט זיין פילאסאפיע געפונען אן אפקלאנג א דאנק איהר שכל'דיגקייט (פארנונפטיגקייט) און איהר

די עטיק

פולער אומאפהענגיגקייט פון דאס פאזיטיווע און א דאנק איהר רייז־פראקטישער טענדענץ, ביי די רעליגיעזע — מיט איהר מאראלישער שטרענגקייט, און איהר אכטענדען בליק אויף דעם קריסטענטום און זיינע שעפער. די דייטשישע טעאלאגיע האט זיך ווירקליך אוועקגעשטעלט אויפ׳ן באדען פון דער קאנט׳ישער פילאסאפיע. „זיין מאראלע טעאלאגיע, איז אין פארלויף פון עטליכע יאר געווארען דער באזיס, אויף וועלכען די פראטעסטאנטישע טעאלאגיע האט זיך אויסשליסליך געשטיצט, און אפילו אויך א גרויסער טייל פון דער קאטוילישער... די קאנט׳ישע פילאסאפיע האט געהאט א פעסטען און ברייטען איינפלוס אויף דער דייטשישער ערציהונג א דאנק דעם וואס די גרעסטע טייל טעאלאגען האבען אין פארלויף פון א האלבען יאר הונדערט זיך אויף איהר געשטיצט.“

וואָרלענדער ציטירט אין זיין געשיכטע פון פילאסאפיע, די ווערטער פון דעם טעאלאג ריטשעל, וועלכער ערקלערט אז:... דערפאר, האט די וויטערדיגע אנטוויקלונג פון קאנט׳ס מעטאדע פון דערקענטעניש און עטיק אויך א באדייטונג *פאר דער פראקטישער ווידערשטעלונג פון פראטעסטאנטיזם.* (ב. 2 ז. 476).

די גרויסע רעוואלוציע האט באשאפען פאר קאנט׳ס ווירקונג א גינסטיגע לאגע. איבערהויפט איז אט די ווירקונג שטארק געווען אין די צוויי דורות נאכ׳ן טראר. נאכהער הויבט אט דער איינפלוס אז ביסלאכווייז פאלען. אנהויבענדיג פון די דרייסיגער יארען פון 19טען יארהונדערט, ווערט די בורזשואזיע אין דייטשלאנד אזוי שטארק, אז זי קען שוין אויך ארויס אין קאמף מיט די הערשענדע פארמען פון גערויק און שטאט. אויך ביי איהר איז שוין דא מוט גענוג צו דערקלערען, אז די זינליכע וועלט איז די איינציגע ווירקליכע, אזוי אנטשטעהען דורך דער העגעלשער דיאלעקטיק, נייע פארמען פון מאטעריאליזם. וועלכער דריקט זיך אוים אין דייטשלאנד שארפער ווי אומעטום, דערפאר, ווייל די דייטשישע בורזשואזיע איז געבליבען הינטערשטעליג אין פארגלייך מיט דער פראנצויזישער און ענגלישער: זי האט נאך ניט אויסגעקעמפט פאר זיך די שטאטליכע

מאַכט, זי האָט נאָך אַט דעם קאַמף ערשט גערדאַפט אויסקעמפען, און האָט זיך דערפאַר גענויטיגט אין אַ קאַמפּס פילאָסאָפיע, און ניט אין קיין פילאָסאָפיע פון שלום.

פאַר די לעצטע עטליכע צענדליג יאָר האָט זיך דער בורזשואַזיעס באַדערפעניש אין קאַמף אָפּגעשוואַכט. הגם זי האָט ניט דערגרייכט אַלץ צו וואָס זי האָט געשטרעבט, האָט זיך איהר אַבער איינגעגעבען צו דערגרייכען גענוג גינסטיגע אומשטענדען, כדי זי זאָל זיך קענען פאַנאַנדערבליהען. דער ווייטערדיגער שטאַרקער קאַמף און בכלל אַלע אָנפאַלען אויף דער עקזיסטירענדער אָרדענונג קען זיין וועניגער נוצ־ליך פאַר איהר, ווי פאַר איהר גרויסען שונא — דעם פּראָלעטאַ־ריאַט, וועלכער וואַקסט זיך אַלץ מעהר און געפערליכער פאַנאַנדער און נויטיגט זיך אין אַן איינענער קאַמפּס־פילאָסאָפיע. דער מאַטעריאַליזם איז אַלץ מעהר צוגעפּאַסט צום פּראָלעטאַריאַט, וואָס מעהר די אַנט־וויקלונג פון דער זינליכער וועלט צייגט דעם גאַנצען אַבסורד פון דער הערשענדער אָרדענונג, און זאָגט פאָראויס דעם זיעג פון פּראָלע־טאַריאַט.

די פילאָסאָפיע פון שלום געפינט זיך איצט אַלץ מעהר און מעהר אָנהענגער אין די רייהען פון דער בורזשואַזיע, וועלכע לעבט, אויף דעם אופן, אויף דעם קאַנטעאיזם. דער איינפלוס פון שאָפּענהויער׳ן וועלכער הויבט זיך אָן אין דער צייט פון דער רעאַקציע נאָכ׳ן 1848טען יאָר, מאַכט פריי דעם וועג פאַר דער דאַזיגער ווידעראויפלעבונג.

אין דער לעצטער צייט האָט קאַנט׳ס עטיק אויך אָנגעהויבען אַריינדרינגען אין דער עקאָנאָמיע און סאָציאַליזם. די בורזשואַזע עקאָנאָמיע איז געצוואונגען צו זוכען פאַר זיך שוץ אין דער קאַנט׳ישער עטיק, דערפאַר ווייל די קלאַסישע עקאָנאָמיע, אַנטדעקענדיג די געזע־צען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, האָט אַלץ קלערער און קלערער באַוויזען די אונפאַרמיידליכקייט פון קלאַסען־קאַמף און דעם אונטער־גאַנג פון קאַפּיטאַליזם. דער קאַנטישער מאָראַלער געזעץ, שטעהענ־דיג אויסער צייט און פּלאַץ האָט געדאַרפט אויסגלייכען די קלאַסען היפּוכים און שטערען די רעוואָלוציעס, וועלכע קומען פאָר אין צייט און רוים.

די עטיק

גלייכצייטיג מיט דער עטישער ריכטונג אין דער עקאנאמיע איז אויך געקומען דער עטישער סאציאליזם, א שטרעבונג וואס איז אנטשטאנען אין אונזערע אייגענע רייהען. צו פארשטיקען די קלאסען היפוכים, און צו טרעפען זיך אמוועניגסטענס מיט א טייל פון דער בורזשואזיע „אויפ'ן האלבען וועג". אט די פאליטיק פון שלום האט אויך אנגעהויבען מיט'ן אויסגעשריי „צוריק צו קאנט'ען" און מיט אנטזאגען זיך פון מאטעריאליזם, וועלכער לייקענט כלומרשט אפ די פרייהייט פון ווילען.

ד י ה י ס ט א ר י ש ע ס א צ י א ל ע ט ע נ ד ע נ ץ פון קאנט'ס מאראלען געזעץ איז געווען שטענדיג, ניט קוקענדיג אויף דעם קאטעגארישען אימפעראטיוו, א טענדענץ צו פארגלעטען און שלום צו מאכען צווישען די היפוכים און ניט צו באזייגען זיי דורך קאמף.

פערטער קאפיטעל.

די עטיק פון דארוויניזם.

1. דער קאמף פאר עקזיסטענץ.

קאנט האט פונקט ווי פלאטאן, צוטיילט דעם מענשליכען מין אויף צוויי טיילען; אויף א טהירישען אדער נאטירליכען, און א מלאכים ענליכען אדער איבערנאטירליכען. אבער די באדערפעניש צו פארשטעהן די וועלט און אונזערע גייסטיגע פונקציעס, אלס אן איינהייט און ווירקליכקייט איז געוועזן אזוי שטארק, דער פארלאנג צו באפרייען זיך פון אלע אויסערנאטירליכע פאקטארען, אדער קירצער געזאגט, דער מאטעריאליסטישער ארט דענקען, האט זיך געווארצעלט אזוי טיף אין די באדינגונגען פון יענער צייט, אז קאנט האט איהם אויף קיין לאנגער צייט ניט געקענט אפשוואכען. די וואונדערבארע פאנאנדערבליהונג פון די נאטור־וויסענשאפטען, גלייך נאך קאנט'ס טויט, האט געגעבען דעם ערשטען שטויס פאר א גאנצער רייהע אנטדעקונגען, וואס האבען אלץ מעהר און מעהר פארפילט דעם אפגרונד, וועלכער טיילט אפ דעם מענשען פון דער נאטור. צווישען אנדערע זאכען האבען אט די נייע אנטדעקונגען אויך באוויזען, אז די מלאכים־ענליכע שטריכען אין מענשען קען מען געפינען אויך אין דער וועלט פון חיות, ד. ה. אז אויך דאס זיינען ריין נאטירליכע ערשיינונגען.

די מאטעריאליסטישע עטיק פון 19טען יאהרהונדערט, אויף וויפיל זי איז פארבליבען אין די ראמען פון די נאטור־וויסענשאפטען איז ניט אוועק ווייטער ווי אין 18טען יארהונדערט. ניט אין דייטשלאנד וואו זי האט אנגענומען אפענע און דרייסטע פארמען, ניט אין ענגלאנד, און איצט, אויך ניט אין פראנקרייך, וואו זי האט פאר זיך

די עטיק

איצט געפונען א באשיידענערען און באהאלטענערען אויסדרוק. אזוי צ. ב. ש. האט פייערבאך באגרינדעט זיין מאראל אויף דעם מענשענס שטרעבען צו גליק. אוגוסט קאנט, דער גרינדער פון פאזיטיוויזם, האט איבערגענומען פון די ענגלענדער זייער צוטיילונג אויף עגאאיס־טישע און מאראלע, אדער „אלטרואיסטישע" געפיהלען, וועלכע ווארצלען זיך ביידע גלייך אין דער מענשליכער נאטור.

א גרויסען און וויכטיגען שריט פארווערטס אין אט דער ריכטונג האט צום ערשטען געמאכט ד א ר וו י ן. אין זיין בוך וועגען דער „אנטשטעהונג פון מענשען", האט ער באוויזען, אז די אלטרואיסטישע געפיהלען זיינען ניט קיין אויסשליסליך מענשליכע אייגענשאפט, מען קען זיי אויך געפינען אין דער טהירישער וועלט, און אז סיי ביי מענ־שען, סיי ביי חיות ווערען זיי ארויסגערופען דורך די זעלבע אורזא־כען: די זעלבע אורזאכען דורך וועלכע עס דערקלערט זיך בכלל די ערשיינונג און אנטוויקלונג פון פעהיגקייטען ביי אלע לעבעדיגע באַ־שעפענישען, וועלכע האבען דעם כח פון זעלבסט־באוועגונג. דורך דעם איז במעט אינגאנצען צושטערט געווארען דער לעצטער צוים וואס האט אפגעטיילט דעם מענשען פון דער חיה. דארווין האט זיינע אנטדעקונגען ניט אנטוויקעלט ווייטער אין דער זעלבער ריכטונג, פונדעסטוועגען דארפען זיי פאררעכענט ווערען צווישען די גרעסטע און פרוכטבארסטע אנטדעקונגען פון מענשליכען גייסט: זיי האבען אויך געגעבען א מעגליכקייט צו אנטוויקלען א נייע קריטיק פון אונזער דערקענטניש.

באטראכטענדיג די ארגאנישע (לעבעדיגע) וועלט, שטויסען מיר זיך גלייך אן אויף אן אייגענשאפט, דורך וועלכער זי אונטערשיידט זיך פון דער אומארגאנישער (ניט לעבעדיגער) וועלט. אין דער אר־גאנישער וועלט געפינען מיר צוועקמעסיגקייט. אלע ארגאנישע וועזענס זיינען אויפגעבויט און באשאנקען, מעהר אדער ווייניגער, מיט צוועקמעסיגקייט, אבער דער ציל, וועלכען זיי דארפען דינען, ליגט ניט אויסער זיי. די וועלט אלס גאנצע האט ניט קיין ציל. דער ציל ליגט אין דעם יחיד גופא, זיינע טיילען זיינען געבויט און צוגע־פאסט אזוי, אז זיי זאלען דינען דעם יחיד אלס א גאנצען. דער ציל

און די צוטיילונג פון אַרבייט אַנטשטעהט גלייכצייטיג. די צוטיילונג פון אַרבייט איז פונקט אַזוי וויכטיג פאַר'ן אָרגאַניזם, ווי די זעלבסט־באַוואוסטהייט, איינס ציהט מיט דאָס צווייטע. די צוטיילונג פון אַרבייט אונטערשיידט דעם לעבעדיגען אָרגאַניזם פון די ניט לעבעדיגע ווי צ. ב. ש. פון קריסטאַל. קריסטאַלען זיינען אויך יחידים פון אַ באַשטימטער פאָרמע, זיי וואַקסען, אויב זיי געפינען נאָר די מאַטעריאַלען און די גינסטיגע באַדינגונגען, וועלכע זיינען פאַר זייער וואַקסען נויטיג, זיי זיינען אָבער סימעטריש דורך און דורך. דער נידעריגסטער פון די לעבעדיגע אָרגאַניזמען אָבער, איז אַ קייקעלע ווייניגער קאָמפּליצירט און ווייניגער קענטיג ווי אַ קריסטאַל, דערפאַר אָבער איז זיין אויסערליכער טייל אינגאַנצען אַנדערש ווי דער אינערליכער, און ערפילט גאַנץ אַנדערע פונקציעס ווי דער צווייטער. געוועהנליך צייגט זיך עס וואונדערבאַר. וואָס די צוטיילונג פון אַרבייט איז צילבאַוואוסט, ד. ה. נוצליך פאַר'ן יחיד און גיט איהם די מעגליכקייט צו לעבען, אָדער פאַרלייכטערט אַמווענינגסטענס זיין לעבען. באמת, וואָלט זיין מעהר וואונדערבאַר, ווען עס זאָל ניט זיין אַזוי. ווען די יחידים וואָלטען אויפגעהאַלטען זייער עקזיסטענץ און וואָלטען זיך פאַרמערט, אָהן אַ צילבאַוואוסטער פאַנאַנדערטיילונג פון אַרבייט, וועלכע וואָלט פאַרשווערט, אָדער אפשר אינגאַנצען אוממעגליך געמאַכט זייער עקזיסטענץ.

אָבער וואָס איז די אַרבייט, וועלכע די אָרגאַנען פון אָרגאַניזם דאַרפען טאָן? זייער אַרבייט איז דער ק אַ מ ף פ א ר ד ע ר ע ק ז י ס ט ע נ ץ, דאָס איז אָבער ניט, ווי מען וויל דאָס אָפט אויסטייטשען, אַ קאַמף מיט אַ נ ד ע ר ע יחידים פון זעלבען מין, נאָר אַ קאַמף מיט דער גאַנצער נאַטור. די נאַטור געפינט זיך אין אַ שטענדיגער באַוועגונג, איהרע פאָרמען האַלטען זיך אין איין בייטען, און אין אַט דעם פּראָצעס פון אונאויפהערליכע ענדערונגען, קענען נאָר די יחידים איינהאַלטען זייערע פאָרמען, וועלכע זיינען בכח צו אַנטוויקלען פאַר זיך באַזונדערע אָרגאַנען, מיט וועלכע זיי זאָלען זיך קענען פ א ר ט י י ד י ג ע ן געגען די אויסערליכע סכנות וואָס לויערען אויף זיי, און וועלכע זאָלען קענען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון

יענע פון זייערע טיילען, וועלכע זיי זיינען געצוואונגען אימער אפצוגע־בען דער אויסערליכער וועלט. אמבעסטען און אמזיכערסטען ווערען אויפגעהאלטען די יחידים און גרופען, וועמעס פארטייד־גונגס־וואפען און מיטלען צו באקומען פאר זיך שפייז, זיינען אממערסטענס צילבאוואוסט. ד. ה. די וועלכע זיינען בעסער צוגעפאסט צו דער אויסערליכער וועלט, וועלכע קענען אמבעסטען פארמיידען איהרע געפארען און געפינען שפייז. דער אומאויפהערליכער פראצעס פון צופאסונג און דער אויס־וואל פון די מעהר־צוגעפאסטע, באשאפט, אונטער נארמאלע אומ־שטענדען, אן אלץ מעהר וואקסענדע צוטיילונג פון ארבייט. וואס מעהר עס איז אין א וועלכען עס איז ארגאניזם אנטוויקעלט די צו־טיילונג פון דער ארבייט, אלץ מעהר פאלקאם צייגט ער אונז אויס צו זיין. די שטענדיגע פארפאלקאמענונג פון דער ארגאנישער וועלט איז דערפאר ביז איצט געווען דער רעזולטאט פון דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ, און ועט, ווארשיינליך, נאך אויף לאנג אזוי פאר־בלייבען, ביז די באדינגונגען פון אונזער פלאנעט וועלען זיך ראדיקאל ענדערען. פונדעסטוועגען האבען מיר קיין רעכט ניט צו האלטען אז די פארפאלקאמענונג פאר אן אייביגען געזעץ, ווייל דאס וואלט גע־הייסען צושרייבען דער וועלט אזא ציל, וואס איז אין איהר באמת ניטא.

די אנטוויקלונג מוז אויך ניט געהן אלע מאל מיט דער זעלבער שנעלקייט. עס קענען פון צייט צו צייט אנקומען אזוינע פעריאדען, אין וועלכע פארשידענע ארגאניזמען, יעדער איינער אויף זיין אופן, וועלען דערגרייכען די העכסטע שטופע פון צוועקמעסיגקייט און די בעסטע צופאסונג צו די הערשענדע באדינגונגען. אזוי לאנג ווי אט די באדינגונגען וועלען עקזיסטירען, וועלען זיך די ארגאניזמען וויי־טער ניט אנטוויקלען; די פארמע וועלכע זיי האבען ביז איצט דער־גרייכט, וועט פארוואנדעלט ווערען אין א שטענדיגען טיפ, וועלכער וועט זיך פארמעהרען אהן קיינע ענדערונגען. די וייטערע אנטוויק־לונג הויבט זיך ערשט אן, ווען די סביבה ווערט באדייטענד פאר־ענדערט, און עס ערשיינען אין דער נאטור אזוינע ענדערונגען, וועל־

כע צושטערען דעם גלייכגעוויכט פון דער ארגאנישער וועלט. אזוינע ענדערונגען קומען אן פון צייט צו צייט, אמאל זיינען זיי פלוצליכע, איינצעלנע און באדייטענדע, אן אנדערש מאל — פיל־צאליגע און אומבאמערקבארע, אבער סיי די ערשטע, סיי די לעצטע שאפען אן אנדער לאגע, ווי צ. ב. ש. אן ענדערונג אין דעם פלוס פון ים, אין דער אויבערפלעך פון דער ערד, אדער גאר אין דער פאזיציע, וועלכע אונזער פלאנעט פארנעמט אין דעם אוניווערסום, וואס ענדערט דעם קלימאט, פארוואנדעלט געדיכטע וועלדער אין זאמדיגע מדבריות, באדעקט טראפישע לענדער מיט אייז און אז. וו. אט די ענדערונגען שאפען א נויטווענדיגקייט זיך צו צופאסען צו דער נייער פארענדערטער סביבה, פאראורזאכען איבערוואנדערונגען אין נייע פלעצער. א דאנק דעם ווערט דער ארגאניזם איבערגעפלאנצט אין א נייער סביבה, און דורך דעם פלאקערט זיך אפט פאנאנדער א קאמף צווישען די אלטע איינוואהנער און די נייע, נאר וואס אנגעקומענע. די שלעכט צוגעפאסטע און אומפעהיגע יחידים קומען אין אזא צייט אום, עס ווערט באשאפען א נייע צוטיילונג פון ארבייט, נייע פונקציעס, נייע ארגאנען, אדער עס ענדערען זיך די אלטע. אבער ניט אלע מאל זיינען דאס די העכערע ארגאניזמען, וועלכע קענען בעסער אט דעם קאמף אויסהאלטען. אין יעדער צוטיילונג פון דער ארבייט איז פארוויקעלט א געוויסע איינזייטיגקייט. די הויך אנטוויקעלטע ארגאנען, וועלכע זיינען צוגעפאסט צו באשטימטע לעבענס באדינגונגען, ווייזען זיך אפט ארויס, אונטער אנדערע באדינגונגען, פאר פיל ווייניגער נוצליך, ווי די ווייניגער אנטוויקעלטע, וועלכע זיינען אונטער די נייע אומשטענדען, אפשר ווייניגער ווירקזאם, אבער דערפאר פילזייטיגער און קענען זיך לייכטער צופאסען צו דער נייער סביבה. מיר באאבאכטען דערפאר גאנץ אפט, ווי עס שטארבען אויס הויך אנטוויקעלטע מינים פון לעבעדיגע וועזענס און פלאנצען, אין דער צייט, וואס די נידעריגערע מינים נעמען איבער די ווייטערע אנטוויקלונג פון העכערע ארגאניזמען. דער מענש שטאמט אפט ווארשיינליך, אויך ניט פון די העכערע מינים מענשען־ענליכע אפען, וועלכע שטארבען איצט אויס, נאר פון דעם נידעריגערען מין פון פיר־הענטיגע חיות.

2. זעלבסט־באוועגונג און דערקענטעניש פעהיגקייטען.

גאנץ פריי האבען זיך די ארגאניזמען צוטיילט אויף צוויי גרויסע גרופען: די וועלכע האבען פאר זיך אנטוויקעלט די ארגאנען פון זעלבסט־באוועגונג, און די וועלכע האבען דאס ניט, ד. ה. חיות און פלאנצען. עס איז קלאר אז די זעלבסט־באוועגונג איז א מעכטיגער פאקטאר אין דעם קאמף פאר עקזיסטענץ. דאס גיט דעם לעבעדיגען וועזען א מעגליכקייט צו געהן זוכען פאר זיך שפייז, אנטלויפען פון א געפאר, און באהאלטען זיינע קינדער אין אזעלכע פלעצער וואו זיי זאלען אמבעסטען זיין באשיצט פון געפאר און פארזיכערט מיט שפייז.

דערקענטעניש־פעהיגקייט און זעלבסט־באוועגונג מוזען געהן האנט אין האנט. איינס אהן דאס צווייטע זיינען זיי אינגאנצען נוצלאז, ערשט ביידע צוזאמען קענען זיי ווערען א וויכטיגער מיטעל אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ. די פעהיגקייט צו באוועגען זיך איז אינגאנצען נוצלאז, אויב איך בין ניט פעהיג צו דערקענען די וועלט, אין וועלכער איך באוועג זיך. וואס וואלט דעם הירש געווען פאר א נוץ פון זיינע פיס, ווען ער זאל ניט קענען דערקענען זיינע שונאים און ניט די פלעצער וואו ער קען קריגען שפייז? פון דער צווייטער זייט וואלט פאר די פלאנצען יעדע דערקענטעניש־פעהיגקייט געווען נוצלאז, אויב די גראז זאל קענען זעהן, הערען אדער פיהלען די אנקומענדע בהמה, וואלט עס איהר אבער פארט ניט געהאלפען צו אנטלויפען פון דער אנקומענדער געפאר.

זעלבסט־באוועגונג און אינטעלעקט זיינען אלזא אונצוטיילבאר. איינס אהן דאס צווייטע איז נוצלאז. וואס די אנטשטעהונג פון אט די ביידע פעהיגקייטען זאל ניט געווען זיין, זיכער אבער איז, אז זיי ערשיינען און אנטוויקלען זיך צוזאמען. קיין זעלבסט־באוועגונג אהן דערקענטעניש־פעהיגקייטען, פונקט ווי עס איז ניטא קיין דערקענטעניש אהן זעלבסט־באוועגונגס־פעהיגקייטען. ביידע צוזאמען דינען זיי

קאַרל קאוטסקי

איינעם און דעם זעלבען צוועק: די פארשטארקונג און פארלייכטער־רונג פון דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ פון יחיד.

אלס אזעלכע מיטלען און בלויז אלס אזעל־כע, אנטוויקלען זיי זיך אין זייערע ארגאנען, און פארפאלקאמענען זיך אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ. אפילו די אמהעכסטענס אנטוויקעלטע אינטעליגענץ האט נים אזוינע אייגענשאפטען, וועלכע זאלען נים קענען באנוצט ווערען אין קאמף פאר דער עקזיסטענץ. דערמיט דערקלערט זיך די איינזייטיגקייט און די אייגענטימליכקייט פון אונזער דערקענטעניש.

פאר א סך פילאסאפען, קען זיין, איז זעהר וויכטיג צו דערקע־נען די זאך־אין־זיך. פאר אונזער עקזיסטענץ אבער איז גאר נים וויכ־טיג, וואס עס זאל פארשטאנען ווערען אונטער דעם באגריף. וואס עס איז אבער זעהר וויכטיג פאר יעדען וועזען, וואס איז באשאנקען מיט זעלבסט־באוועגונג, איז אז ער זאל ריכטיג קענען אונטער־שיידען זאכען, און ריכטיג באגרייפען זייערע געגענזייטיגע שיכות'ן. וואס שארפער זיינע דערקענטעניש־פעהיגקייטען זיינען. אין דעם פאל, אלץ גרעסערע נוצען ברענגען זיי איהם. פאר דער זינג־פויגעל איז אינגאנצען נים וויכטיג, וואס זיינען די זאכען־אין־זיך, וועלכע זי נעמט אן פאר יאגאדעס, רויב־פויגעל (קארשון) אדער שטורעם. פאר איהר עקזיסטענץ איז אבער דורכאויס יא נויטיג, אז זי זאל קענען אונטערשיידען צווישען א יאגאדע, רויב־פויגעל און שטורעם, און אלע אנדערע זאכען מיט וועלכע זי איז ארומגערינ־געלט, ווייל אהן דעם וואלט זי נים געקענט געפינען פאר זיך קיין שפייז, נים אויסמיידען איהר שונא, און נים געפינען איהר נעסט אין צייט. די דערקענטעניש־פעהיגקייטען פון די לעבעדיגע וועזענס, זיינען אלזא די אומפארמיידליכע פעהיגקייט צו אונטערשיידען צווי־שען פארשידענע זאכען אין רוים.

עס איז אבער פאר זיי פונקט אזוי נויטיג צו קענען אונטער־שיידען די סעקווענץ פון זאכען אין צייט. איבערהויפט זייער נויט־ווענדיגע סעקווענץ אלס אורזאך און רעזולטאט. די אויפהאלטונג פון דער עקזיסטענץ קען נאר דאן זיין דער אלגעמיינער רעזולטאט

די עטיק

פון באוועגונג. אויב דאס לעצטע איז אנגעווענדעט אויף דער דערגרייכונג פון באשטימטע, נאהענטע אדער ווייטע רעזולטאטען, וועלכע קענען פיל לייכטער דערגרייכט ווערען, וואס מעהר דער יחיד איז באקאנט מיט דער פארבינדונג צווישען די רעזולטאטען און זייערע אורזאכען. נעמענדיג נאך אמאל אונזער פריהערדיגעןביישפיל מיט דער זינג־פויגעל. זאגען מיר, עס איז נאך ווייניג וואס זי קען אונטערשיידען א יאגאדע, א רויב־פויגעל און א שטורעם פון אנדערע זאכען. זי דארף נאך אויך וויסען, אז פון א יאגאדע ווערט מען זעטיג, אז די דערנעהענטערונג פון א רויב־פויגעל איז א געפאר. אז די ערשטע קליינינקע פויגעלע, וועלכע זי וועט כאפען, וועט זיין איהר רויב, און אז דער רעזולטאט פון אנקומענדע וואלקענס, וועט זיין א שטורעם, א רעגען און א האגעל.

אפילו ביי די נידעריגסטע וועזענס, וועלכע באזיצען די קלענסטע פעהיגקייטען צו אונטערשיידען און צו באוועגען זיך, איז אנטוויקעלט די פארשטעלונג פון אורזאכליכקייט. אויב די ערד ציטערט, איז דאס א סמן פון געפאר פאר דעם ווארים, און ער איילט זיך צו אנטלויפען.

הייסט דאס אלזא, אז כדי די דערקענטעניש־פעהיגקייטען זאלען קענען ברענגען נוצען פאר׳ן לעבעדיגען וועזען אין זיין אנטוויקלונג, איז נויטיג, אז זיי זאלען זיין בכח צו אנווייזען איהם אונטערשידען אין רוים און אין צייט, אזוי גוט ווי די אורזאכליכע פארבינדונג פון ערשיינונגען.

אבער דאס איז נאך ניט אלץ. אלע טיילען פון קערפער דינען איין און דעם זעלבען יחיד און איין און דעם זעלבען צוועק: די אויפהאלטונג פון דעם יחיד׳ס עקזיסטענץ. די צוטיילונג פון ארבייט טאר קיין מאל ניט קומען צו אזא צושטאנד, אז די באזונדערע טיילען זאלען ווערען זעלבסטשטענדיגע: דאס וואלט געבראכט צו דער פאנאנדערפאלונג פון יחיד. וואס שטארקער די איינצעלנע טיילען וועלען זיין צווישען זיך פארבונדען, און וואס מעהר איינהייטליך עס וועט זיין איבער זיי די דעה, אלץ גרעסער און בעסער וועלען זיין די רעזולטאטען פון דער ארבייטסצוטיילונג. דערפון פאלגט די נויטווענדיגקייט פאר דער איינהייט

קארל קאוטסקי

פון באוואוסטזיין. ווען יעדער טייל פון קערפּער זאל באזיצען א באזונדערע דערקענטעניש־פעהיגקייט, אדער ווען יעדער איינער פון אונזערע חושים, וועלכע ברענגען אונז וויסען וועגען דער אויסערליכער וועלט, זאל האבען זיין אייגענעם באוואוסטזיין, וואלט אונזער דערקענטעניש פון דער וועלט און די צוזאמענארבייטונג פון די פארשיידענע קערפּערליכע טיילען, פיל פארשווערערט געווארען. די מעלות פון דער ארבייטס־צוטיילונג וואלטען דאן אדער איינגאנצען פארשוואונדען, אדער זיך פארוואנדעלט אין חסרונות: די שטיצע, וועלכע די ארגאנען קריגען איינס פון דאס צווייטע, וואלט אויפגעהערט. אנשטאט דעם וואלטען זיי בלויז איינס דאס צווייטע געשטערט.

אם ענדע דארפען אונזערע דערקענטעניש־פעהיגקייטען זיין בכח צונויפצוזאמלען ערפארונג און עס פארגלייכען. מיר קערען זיך צוריק צו אונזער פויגעל. צו אויסגעפינען אויף צוויי אופנים, וואס איז פאר איהר די בעסטע שפּייז, וואו קען זי עס אם לייכטסטען געפינען, וועלכע שונאים זיינען פאר איהר געפערליך, ווי אזוי קען זי זיי אויסמיידען און אז. וו. קען זי דאס ערשטענס אויסגעפינען דורך איהר אייגענער ערפארונג: צווייטענס, זיך צוקוקענדיג צו דער ערפארונג פון די עלטערע פויגלען, וועלכע האבען שוין די ערפארונג פון פריהער. קיינער ווערט ניט געבוירען קיין קענער. וואס ברייטער עס איז די ערפארונג פון יחיד, און וואס מעהר ארדענונג עס איז אין זיין ערפארונג, אלץ לייכטער וועט פאר איהם זיין צו אויפהאלטען זיך אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ. צו דעם איז נויטיג א זכרון און א פעהיגקייט צו פארגלייכען פריהערדיגע איינדרוקען, מיט שפּעטערדיגע, אויסגעפינען וואס איז אין זיי געמיינשאפטליך, און אויסטיילען פון זיי דאס וויכטיגע פון דאס אונוויכטיגע. אין אנדערע ווערטער, עס איז נויטיג צו דענקען. די באאבאכטונג אינפארמירט אונז דורך אונזערע חושים דעם אונטערשיד צווישען זאכען און זייערע אייגענשאפטען, — דער געדאנק אינפארמירט אונז וועגען דאס אלגעמיינע, וואס איז געמיינשאפטליך אין אלע זאכען.

„דאס אלגעמיינע“ (אוניווערסאלע) זאגט דיעטצגען. „איז דער

אינהאַלט פון אַלע באַגריפען, פון יעדען וויסען, פון דער גאַנצער וויי־סענשאַפט, פון אַלע פּראַצעסען פון גערדאַנק. דער אַנאַליז פון דער דענקונגס־פעהיגקייט באַווייזט אונז אויף דעם אופן, אַז דאָס איז די פעהיגקייט צו געפינען דאָס אַלגעמיינע און דאָס באַזונדערע.״

אַט די אַלע אייגענשאַפטען פון דער דענקונגס־פעהיגקייט געפי־נען מיר אויך אין דער טהירישער וועלט. עס איז אמת, אַז זיי דער־גרייכען דאָרטען ניט צו אַזאַ הויכער שטופע פון אַנטוויקלונג, ווי ביים מענשען, און אָפט איז גאַנץ שווער פאַר אונז זיי צו דערקע־נען, ווייל עס איז ניט אַלע מאָל אַזוי לייכט צו אונטערשיידען צווי־שען באַוואוסטזיניגע און אומבאַוואוסטזיניגע האַנדלונגען, צווישען איינפאַכע רעפלעקס־טאַטען און אינסטינקטיווע באַוועגונגען, וועלכע שפּילען אַ גרויסע ראָליע אפילו ביים מענשען.

אויב מיר געפינען אַט די אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען אַלס צו־טיילבאַרע באַגלייטער פון דער זעלבסט־באַוועגונג, שוין אין דער טהירישער וועלט, דאַרפען אָבער, פון דער צווייטער זייט, שוין דאָר־טען עקזיסטירען די זעלבע באַגרענעצונגען, וועלכע עס קען ניט איבער־בערשפּרייזען אפילו דער פאָרשטאַנד פון דעם העכסט אַנטוויקעלטען ציוויליזירטען מענשען.

די כחות און פעהיגקייטען, וואָס ווערען צוגעקריגען אין דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, קענען, פאַרשטעהט זיך, דינען ניט נאָר פאַר דער פאַרזיכערונג פון דער עקזיסטענץ, נאָר אויך פאַר אַנדערע צוועקען, אויב נאָר די זעלבסט־באַוועגונג, די דערקענטעניש־פעהיג־קייט, און דער אינסטינקטיווער לעבען פון אָרגאַניזם (וועגען וועלכען מיר וועלען רעדען שפּעטער) זיינען גענוג הויך אַנטוויקעלט. אַזוי קען צ. ב. ש. דער יחיד באַנוצען זיינע מוסקולען, וועלכע זיינען ביי איהם אַנטשטאַנען כדי צו כאַפּען זיין רויב און זיך פאַרטיידיגען געגען זיין שונא — אויף שפּילען זיך און טאַנצען. אָבער בלויז דער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, וועלכער שאַפט אַט די כחות און פעהיגקייטען, גיט זיי צו זייער באַזונדערען כאַראַקטער. שפּילעריי און טענץ אַנט־וויקלען ניט קיין באַזונדערע מוסקולען.

דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערען וועגען די אינטעלעקטועלע

כחות און פעהיגקייטען. יעדע פון זיי האָט זיך אנטוויקעלט אַלס א צוגאָב צו דער זעלבסט־באוועגונג, כדי מעגליך צו מאַכען פאַר דעם יחיד די אמבעסטענס צוגעפּאסטע באוועגונג אין דער אַרומיגער וועלט, פונדעסטוועגען קענען זיי אָבער דינען אויך פאַר אַנדערע צוועקען. צו דעם איז נויטיג א ריינע דערקענטעניש, אָהן דער צומישונג פון וועלכע עס איז פּראַקטישע אויסרעכענונגען, וועגען די רעזולטאַטען וועלכע דאָס קען ברענגען. אָבער אונזערע אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען אנטוויקלען זיך אין קאמף פאַר דער עקזיסטענץ, ניט כדי זיי זאָלען קענען דינען אַלס אָרגאַנען פון ריינער דערקענטעניש, נאָר כדי זיי זאָלען קענען צוועקמעסיג רעגולירען אונזערע באוועגונגען. וואָס מעהר זיי דערפיהלען זייערע אויפגאַבען צו רעגולירען צוועקמעסיג אונזערע באוועגונגען, אַלץ וועניגער דינען זיי פאַר אָרגאַנען פון ריינער דערקענטעניש. זייענדיג פון אַנפאַנג אָן פארבונדען מיט דער זעלבסט־באוועגונג, אנטוויקלען זיך די אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען אַם מעהרסטענס נאָר אין דער פאַרבינדונג; בלויז אין פאַרבינדונג מיט דער זעלבסט־באוועגונג קען די דערקענטעניש דערגרייכען איהר פאָלקאָמענהייט. די פאַרפאָלקאָמענונג פון די מענשליכע דערקענטעניש־פעהיגקייטען און פון דעם מענשליכען וויסען איז אויך אויפ'ן ענגסטען אופן פאַרבונדען, ווי מיר וועלען דאָס זעהן ווייטער, מיט דער פאַרפאָלקאָמענונג פון דער מענשליכער פּראַקטיק.

די פּראַקטיק גאַראַנטירט אונז אויך די זיכערהייט פון אונזער וויסען. אזוי שנעל ווי מיין וויסען מאַכט פאַר מיר מעגליך אַליין צו באַשאַפען באַשטימטע רעזולטאַטען, הערט אויף דער שיכות צווישען אורזאַך און רעזולאַט צו זיין פאַר מיר אַן איינפאַכער צופאַל, אָדער ערשיינונג, אָדער א פאָרמע פון דערקענטעניש, ווי דאָס ווייזט זיך אויס פאַר'ן ריינעם געדאַנק אָדער אנשויאונג. די פּראַקטיק דערהויבט דעם וויסען פון אָט די שיכות'ען צו דער שטופע פון **זיכערען** וויסען וועגען עפּעס וואָס איז **דאָ** אין דער **ווירקליכקייט**.

די גרענעצען פון אונזער פּראַקטיק זיינען, פאַרשטעהט זיך, אויך די גרענעצען פון אונזער זיכערען וויסען.

די עטיק

דאָס וואָס די טעאָריע און פּראַקטיק זיינען אָפּהענגיג איינס פון דאָס צווייטע, און וואָס בלויז דורך זייער געגענזייטיגער אריינדרינגונג קען מען דערגרייכען די העכסטע רעזולטאַטען אונטער די געגעבענע אומשטענדען, איז בלויז א נויטווענדיגער רעזולטאַט פון דעם, וואָס די באַוועגונג און דערקענטעניש האָבען זיך פון אָנפאַנג אָן געמוזט אנטוויקלען צוזאַמען. מיט דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, האָט די ארבייטס צוטיילונג געבראַכט צו דער צוטיילונג פון אָט דער נאַטירליכער איינהייט און צו דער באַשאַפונג פון קלאַסען. אויף דעם חלק פון איינינע איז אויסגעפאַלען איבערהויפּט די באַוועגונג, אויף דעם חלק פון די אַנדערע — דער באַוואוסטזיין. מיר האָבען שוין אָנגעוויזען ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דער פילאָסאָפיע דורך דער באַשאַפונג פון צוויי וועלטען, איינע אַ העכערע אַ גייסטיגע און די צווייטע — אַ נידעריגערע, קערפּערליכע וועלט.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אָט די פאַנאַנדערטיילונג פון די פונקציעס האָט אינגאַנצען ניט געקענט דורכגעפיהרט ווערען ביי קיין יחיד, און די געגענוואַרטיגע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג שטרעבט צו מאַכען אַן ענדע צו אָט דער צוטיילונג אויף באַזונדערע קלאַסען, און צוזאַמען דערמיט אויך מאַכען אַן ענדע צו דער דואַליסטישער פילאָסאָפיע, די פילאָסאָפיע פון ריינעם וויסען. אפילו דער טיפסטער אַבסטראַקטער וויסען, וואָס האָט, דאַכט זיך, גאָר קיין שיכות ניט צו דער פּראַקטיק, ווירקט אויף איהר, און ווערט באַווירקט פון איהר. איינע פון די אויפגאַבען פון דער קריטיק פון דער מענשליכער דערקענטעניש איז צו דערקלערען אָט די ווירקונג. אונזער וויסען אָבער פאַרבלייבט פּונקט ווי פריהער אַ וואָפען אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, און אַ מיטעל צו צוגעבען אונזערע באַוועגונגען וואָס מעהר צוועקמעסיגע פאָרמען און ריכטונגען, אומאָפּהענגיג דערפון, צי קומען אָט די באַוועגונגען פאָר אין דער געזעלשאַפט אָדער אין דער נאַטור.

„די פילאָסאָפען" זאָגט מאַרקס, „האָבען בלויז פאַרשידען אויסגעפאַסט די וועלט, וויכטיג אָבער איז צו ענדערען די וועלט."

קארל קאוטסקי

3. דער אינסטינקט פון זעלבסטדער־האלטונג אין רעפראדוקציע.

די פעהיגקייט פון זעלבסט־באוועגונג און פון דערקענטעניש, זיינען אונצוטיילבאר אלס וואפען אין דעם קאמף פאר דער עקזיס־טענץ. זיי אנטוויקלען זיך צוזאמען, און וואס מעהר עס פארגרע־סערט זיך די באדייטונג פון אט די צוויי וואפען, פארקלענערט זיך די באדייטונג פון אנדערע, וועלכע זיינען וועניגער וויכטיג פאר'ן ארגאניזם, ווי צ. ב. ש. זיין פרוכטבארקייט און די לענג פון לעבען. פון דער צווייטער זייט, וואס מעהר עס פארשווינדען די לעצטע, אלץ מעהר וואקסט די באדייטונג פון די ערשטע צוויי פאקטארען אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ, וועלכער העלפט זיי אלץ מעהר און מעהר אין זייער אנטוויקלונג.

אבער זעלבסט־באוועגונג און דערקענטעניש קענען אן און פאר זיך ניט דינען אלס וואפען אין דעם קאמף פאר עקזיסטענץ. וואס קומט מיר ארויס אין דעם קאמף פון מיינע שטארקע מוסקולען, שנע־לע פיס, שארפע נעפיהלען און גרויסען שכל, אויב איך פיהל ניט קיין באדערפעניש צו באנוצען זיי פאר מיין דערהאלטונג? אויב דער אנזעהן פון עסען, דער באוואוסטזיין פון א געפאר, ארט מיר ניט, און שטויסען מיך ניט צו א וועלכער עס איז באוועגונג? די זעלבסט־באוועגונג און די אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען ווערען ערשט דאן וואפען אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ, ווען דער ארגאניזם ווייזט ארויס א פארלאנג פאר זעלבסט־דערהאלטונג. דאן ווערט דורך יעדען ווייסען, וואס איז נאר וויכטיג פאר דער דערהאלטונג פון דעם ארגאניזם ארויסגערופען דער ווילען צו אונטערנעמען די באוועגונגען וואס זיינען נויטיג דערצו, און דורך דעם ווערט ארויסגערופען די באוועגונג גופא.

די זעלבסט־באוועגונג און די אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען איז אינגאנצען נוצלאז פאר דער עקזיסטענץ פון יחיד, אויב ער זאל ניט באזיצען דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג, און דער לעצטער וואלט, פארקערט, אויך געווען נוצלאז אהן די ערשטע צוויי. די אלע

די עטיק

דריי פאקטארען זיינען אויפ'ן ענגסטען אופן צווישען זיך פארבונדען. יעצען פאראויס איינס דעם צווייטען און אנטוויקלען זיך צוזאמען. דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג איז דער פרימיטיוווס־טער און נויטיגסטער פון אלע טהירישע אינסטינקטען. אהן איהם וואלט ניט מעגליך געווען די עקזיסטענץ פון לעבעדיגע וועזענס, אפילו פאר א קורצער ווייל, אפילו אויב זיי זאלען באזיצען דעם כח פון זעלבסט־באוועגונג און דערקענטעניש. אט דער אינסטינקט באַ־הערשט דעם גאנצען לעבען פון אלע לעבעדיגע וועזענס. די סאציאלע אנטוויקלונג, וועלכע גיט איבער די אנטוויקלונג פון די דערקענטעניש פעהיגקייטען צו איין קלאס, און די פראקטישע באוועגונג צו א צוויי־טען, און באשאפט דערמיט ביי דעם ערשטען קלאס דעם געפיהל פון דער דערהויבונג פון גייסט און פאראכטונג צו דער „גראבער מא־טעריע", פארגעהט אפט אזוי וויט אין איהר אפגעזונדערטקייט פון די דערקענטעניש־פעהיגקייטען, אז פון פאראכטונג צו דער פראקטיק, געהט זי איבער צו דער פאראכטונג פון לעבען גופא. אבער אט דעם סארט דערקענטעניש האט זיך קיין מאל ניט איינגעגעבען בייצוקו־מען דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג און פאראליזירען די לעבענס־שאפענדע פראקטיק. מיט וועלכע פילאסאפישע ארגומענטען מען זאל ניט וועלען באגרינדען דעם פאקט פון זעלבסטמארד, ווייזט זיך אבער אימער ארויס, אז די אורזאכע פון יעדען פראקטישען אקט פון „נעמען זיך דאס לעבען", איז א געוויסע קראנקהייט, אדער א פאר־צווייפעלטע געזעלשאפטליכע לאגע, יעדענפאלס ניט קיין פילאסאפי־שע אידעע. דורכ'ן פשוט'ען פילאסאפירען קען מען דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג ניט באזיגען.

אבער הגם אט דער אינסטינקט איז דער פרימיטיוווסטער און דער אממערסטענס פארשפרייטסטער פון די אלע אינסטינקטען וואס אנטוויקלען זיך אין קאמף פאר דער עקזיסטענץ, איז ער אבער ניט דער איינציגער. ער דינט בלויז פאר דער אויפהאלטונג פון יחיד. דער יחיד אבער לעבט ניט לאנג, ער פארשווינדט ניט איבערלאזענדיג קיין סמן פון זיין אינדיווידואליטעט הינטער זיך, אויב ער פארמערט זיך ניט. אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ ווערען

אויפגעהאלטענע בלויז אזוינע מינים, וועלכע לאזען א צוקונפטיגען דור נאך זיך.

די פארמערונג פ ו ן פ ל א נ צ ע ן און די נידעריגערע מינים פאדערט ניט קיין שום באוועגונג און קיין שום דערקענטעניש. דאס ווערט אבער אנדערש ביי לעבעדיגע מינים. אזוי שנעל ווי דער פראצעס פון רעפראדוקציע ווערט א געשלעכטליכער און עס באטיי־ ליגען זיך אין איהם צוויי יחידים, וועלכע מוזען זיך פאראייניגען כדי צו לייגען אייער און זריעה אויף איינעם און דעם זעלבען ארט, אוי־ סער'ן קערפער, אדער כדי איבערצוגעבען די זריעה אין דעם קערפער פון דעם יחיד, וואס אנטהאלט די אייער אין זיין קערפער. דאס פא־ דערט א ווילען, אן אימפולס צו געפינען איינער דעם צווייטען, און זיך פאראייניגען. אהן דעם וואלט קיין געשלעכטליכע רעפראדוקציע ניט פארגעקומען, וואס שטארקער דאס איז אין די פעריאדען, וועלכע זיינען גינסטיג פאר דער רעפראדוקציע, אלץ שנעלער וועט עס פאר־ קומען און אלץ בעסער זיינען די אויסזיכטען אויף א קומענדען דור און אויף דער אויפהאלטונג פון מין. פארקערט, די אויסזיכטען ווע־ לען זיין זעהר שלעכטע פאר די יחידים און מינים, ביי וועמען דער אינסטינקט פון רעפראדוקציע איז שוואך אנטוויקעלט. אויף א גע־ וויסער שטופע פון אנטוויקלונג מוז דערפאר דער נאטירליכער אויס־ וואל אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ אויסארבייטען, און אלץ מעהר פארשטארקען דעם אינסטינקט פון רעפראדוקציע אין דעם קע־ ניגרייך פון לעבעדיגע וועזענס.

כדי צו פארזיכערען זיך מיט א גרויסען קומענדען דור, איז אט דער אינסטינקט אליין נאך ווייניג. מיר האבען שוין געזעהן, אז וואס מעהר עס וואקסען די באוועגונגס און אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען ביים יחיד, אלץ מעהר ווערט פארקלענערט די צאהל פון דער זריעה וואס דער יחיד פראדוצירט אין פארלויף פון זיין לעבען. פון דער צווייטער זייט, וואס מעהר עס אנטוויקעלט זיך די צוטיילונג פון אר־ בייט און וואס קאמפליצירטער עס ווערט דער ארגאניזם, אלץ א לענ־ גערע צייט פאדערט זיך פאר זיין אנטוויקלונג און וואוקס. אפט ווערט א טייל פון אט דער צייט איבערגעטראגען אין דער מוטערס בויך.

אבער דאס איז זעהר באגרענעצט. אפילו בלויז פון שטאנדפונקט פון ראַיס, קען דער מוטערס קערפּער אין זיך ניט טראגען א צווייטען. וואס איז גרויס ווי איהר אייגענער. זי מוז פון זיך ארויסשטויסען דאס קינד פיל פריהער, איידער עס דערגרייכט א באדייטענדען וואוקס. די פעהיגקייטען פון באוועגונג און דערקענטעניש אנטוויקלען זיך אבער פיל שפּעטער ווי אלע אנדערע, ביי דעם יונגען וועזען, און ווען ער פארלאזט דעם איי־צודעק, אדער דער מוטערס בויך, וועלכע האט איהם פארהיט, איז ער מערסטענס נאך זעהר שוואך און אומאנטוויקעלט. די איי, וואס איז פון דער מוטער ארויס־געשטויסען געווארען, איז אינגאנצען אהן וועלכע עס איז באוועגונג אדער אינטעליגענץ. די אויפפּאסונג אויף איהרע קינדער, דאס באהאל־טען און פארטיידיגען די איי, אדער די יונגע קינדער, באזארגען זיי מיט שפּייז און א. ז. וו. ווערט די וויכטיגסטע אויפגאבע פון דער מוטער. פונקט ווי דער אימפּולס פון רעפּראָדוקציע, אזוי איז די מוטערליכע ליעבע פאר איהרע קליינע קינדער אין דער טהירישער וועלט אנטוויקעלט געווארען אלס אן אומפּארמיידליכער מיטעל צו פארזיכערען די ווייטערע עקזיסטענץ פון דעם מין.

אט די אינסטינקטען האבען קיין געמיינשאפטליכעס ניט מיט דעם אינדיווידועלען אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג; אפט קו־מען זיי זאגאר אין קאנפליקט, און ווען זיי זיינען שטארק גענוג, קע־נען זיי אפילו איהם באזיגען. עס איז קלאר, אז אונטער די זעלבע גלייכע באדינגונגען, וועלען זיך גיכער און בעסער פארמערען, און איבערגעבען זייערע אייגענשאפטען בירושה, יענע יחידים און מינים, ביי וועמען דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג קען ניט שא־דען דעם אימפּולס פון רעפּראָדוקציע און קינדער־ליעבע.

4. סאציאלע אינסטינקטען.

גלייכצייטיג מיט די אינסטינקטען, וועלכע זיינען אייגענטימליך פאר די העכערע מינים, אנטוויקעלט דער קאמף פאר דער עקזיסטענץ

קאַרל קאוטסקי

אין פאַרשידענע באַזונדערע מינים, אויך אַנדערע באַזונדערע אינס־טינקטען, וועלכע ווערען באַשטימט דורך די באַזונדערע באַדינגונגען פון זייער לעבען, ווי צ. ב. ש. דער אינסטינקט צו וואַנדערען, וועגען וועלכען מיר וועלען דאָ ניט רעדען. אונז אינטערעסירען דאָ בלויז די אינסטינקטען וועלכע זיינען איבערהויפּט וויכטיג פאַר דער באַטראַכ־טונג פון אונזער געגענשטאַנד: דאָס זיינען די ס אַ צ י אַ ל ע א י נ ס־ט י נ ק ט ע ן.

גרויסע צונויפזאַמלונגען פון די זעלבע אָרגאַניזמען געפינען מיר שוין אפילו ביי די גאָר נידעריגסטע מינים: די מיקראָבען. דאָס ווערט דערקלערט דורכ'ן פּשוט'ען פאַקט פון רעפּראָדוקציע. ביי די אָרגאַניזמען, וועלכע באַזיצען ניט קיין זעלבסט־באַוועגונג, איז נאַ־טירליך, אַז זייערע קינדער זאָלען פאַרבלייבען אויף דיזעלבע פּלע־צער ווי זייערע עלטערען, אויב ערגעץ אַ צופאַל איז דער אוי־סערליכער נאַטור, ווי אַ לויפענדע וואַסער, אַ ווינט אָדער עפּעס אַנ־דערש, האָט נאָר ניט אָוועקגעטראָגען די קערנער אין אַן אַנדער פּלאַץ. ווי באַוואוסט, פאַלט דער עפּעל ניט ווייט פון בוים. אויב מען עסט דעם עפּעל נאָר ניט אויף, און ער פאַלט אויף אַ גינסטיגען באָ־דען, וועלען פון זיינע קערנער אויסוואַקסען יונגע בוימלאַך, גלייך ארום דער אַלטען בוים. אבער אויך ביי די מינים וועלכע באַזיצען זעלבסט־באַוועגונג, פאַרבלייבט אויך דער יונגער דור מיט די עלטערען, אויב אויסערליכע אומשטענדען צושיידען זיי ניט. דער צוזאַמענלעבען פון יחידים פון זעלבען מין, וועלכע איז די פּרימיטיווסטע פאָרמע פון סאָציאַלען לעבען, איז אויך די פּרימיטיווסטע פאָרמע פון לעבען בכלל. די פאַנאַנדערטיילונג פון די אָרגאַניזמען, וועלכע האָבען אַן אַלגעמיינעם אנטשטעהונגס־קוואַל, איז אַ שפּעטערער אַקט.

די אורזאַכען דערפון קענען זיין פאַרשידענע. די נאָהענטסטע און איינפלוסרייכסטע איז דאָס פעלען פון שפּייז. יעדער פּלאַץ קען געבען נאָר אַ באַשטימטע סומע פון שפּייז, אויב אַ וועלכער עס איז מין פאַרמערט זיך אויף אַזוי פיל, אַז ער טרעט איבער די שפּייז־גרע־נעצען פון דער געגענד, מוז אַ טייל זיינער, אָדער אויסשטאַרבען פון

הונגער, אדער אויסזוכען פאר זיך אנ׳אנדער געגענד. די צאל פון ארגאניזמען פון זעלבען מין, וואס לעבען אין איין און דעם זעלבען פלאץ, קען ניט אריבערוואקסען א באשטימטען גרענעץ.

עס זיינען אבער אויך פאראן אזוינע מינים, פאר וועמען אפ־געזונדערטקייט, די צוטיילונג אין באזונדערע פארלאך, וועלכע לע־בען גאנץ באזונדער פון אלע אנדערע, איז א פארצוג אין זייער קאמף פאר דער עקזיסטענץ. אזוי צ. ב. ש. פאר דעם מין, צו וועלכען עס געהערט די קאץ, וועלכע ליגט פארבאהאלטען ווארטענדיג אויף איהר קרבן, און כאפט איהם דורך אן אונערווארטעטען שפרונג, וואלט דער צוזאמענלעבען פון פילע יחידים זעהר שווער געמאכט, אויב ניט איינ־גאנצען אוממעגליך, צו קריגען שפייז; דער ערשטער שפרונג אויפ׳ן ערשטען קרבן, וואלט איבערגעשראקען און פארטריבען אלע אנדערע. פארקערט פאר וועלף, וועלכע שפרינגען ניט אונערווארטעט אויף זיי־ער קרבן, נאר וועלכע מאטערען איהם אויס ביז׳ן טויט, איז דער צו־זאמענלעבען אין גרויסע באנדעס, זעהר ניצליך; איינער טרייבט דעם קרבן צום צווייטען, דער צווייטער פארשטעלט איהם דעם וועג און א. ז. וו. די קאץ אבער קען פיל ערפאלגרייכער זיין אין איהר געיעג ווען זי איז אליין.

פון דער צווייטער זייט עקזיסטירען אנדערע לעבעדיגע וועזענס אפגעזונדערטהייט, דערפאר ווייל זיי קענען אויף דעם אופן זיך בעסער באהאלטען און אנטלויפען פון א שונא. די פאסטקעס, וועלכע מענשען שטעלען אוועק פאר פארשידענע חיות, האבען צ. ב. ש. געווירקט אזוי, אז פיל מינים, וועלכע פלעגען פריהער לעבען אין גע־זעלשאפטען, קענען איצט געפונען ווערען בלויז אפגעזונדערטהייט; אזוינע ווי די ביבערען אין אייראפא. דאס איז פאר זיי דער איינצי־גער וועג צו פארבלייבען אומבאמערקט.

גלייכצייטיג עקזיסטירען אבער אויך פיל מינים, פאר וועמען דער געזעלשאפטליכער לעבען איז זעהר נוצליך. מיר האבען פריהער דערמאנט די וועלף. זיי געהען אויף געיעג באנדעסווייז בלויז דאן, ווען שפייז איז דא זעהר ווייניג, אום ווינטער איבערהויפט. אבער

זומער, ווען מען קען קריגען שפּייז פיל לייכטער, לעבען זיי פאַרלאַכ־ווייז. זייער רויבערישע נאַטור איז אימער געגוינגט צו קאַמף און גוואַלדטאַטען, און דערפאַר קענען זיי ניט שטימען, און זיך ניט צו־זאַמענלעבען מיט אַנדערע.

די גראַז־עסענדע חיות זיינען אַ דאַנק דעם כאַראַקטער פון זייער שפּייז, פיל פרידליכער. דאַס פאַרלייכטערט זיי ווייטער זיך צוזאַ־מענקלייבען, אָדער, ריכטיגער, צו פאַרבלייבען צוזאַמען מיט'ן יונגען דור. ווייל זיי זיינען שוצלאָזער ווי אַנדערע, געפינען זיי אין זייער צוזאַמענלעבען נייע כלי זין אין זייער קאַמף פאַר עקזיסטענץ. די פאַראייניגונג פון אסך שוואכע כחות צוזאַמען, קען באַשאַפען אַ נייע גרויסע מאַכט, דורך זייער צוזאַמענלעבען האָבען אַלע, אויך די שוואַ־כע, דעם נוצען וועלכען עס ברענגען די איינצעלנע, באַזונדערס שטאַר־קע יחידים: ווען די שטאַרקסטע קעמפען איצט פאַר זיך, קעמפען זיי גלייכצייטיג אויך פאַר די שוואַכסטע, ווען די מעהר ערפאַרענע זאָרגען וועגען דער אייגענער זיכערהייט און זוכען פאַר זיך בעסע־רע פּלעצער, וואו עס איז לייכטער צו קריגען שפּייז, זאָרגען זיי זיך גלייכצייטיג אויך פאַר די אונערפאַרענע. דאַ ווערט שוין מעגליך איינצופירען אַ צוטיילונג פון אַרבייט צווישען די פאַראייניגטע יחידים, ווי קורץ אַזאַ צוטיילונג זאָל ניט געדויערען פאַרגרעסערט עס אָבער דאָך די מאַכט און זיכערהייט פון דער געזעלשאַפט. עס איז אוממעגליך גלייכצייטיג אי אויפמערקזאַם זיך היטען פאַר שונאים אי רוהיג עסען. אין דער צייט פון שלאָף, צ. ב. ש., מוז יעדער היי־טען זיך אויפהערען. אין אַ געזעלשאַפט אָבער איז גענוג איין וואַכ־מאַן, כדי אַלע זאָלען קענען עסען און שלאָפען רוהיג.

די פאַראייניגונג פון פיל יחידים, פאַרוואַנדעלט זיך אַ דאַנק דער צוטיילונג פון אַרבייט אין אַ קערפּער, וואָס האָט פאַרשידענע אָרגאַ־נען, וועלכע פירען אַלע אויס איין אַלגעמיינע צוועקמעסיגע אַרבייט. זייער אַלעמענס צוועק איז די אויפהאַלטונג פון גאַנצען קערפּער, די פאַראייניגונג ווערט אַן אָ ר ג אַ נ י ז ם. דערפון אָבער פאָלגט נאָך ניט, אַז דער נייער אָרגאַניזם (די געזעלשאַפט) איז פּונקט אַזאַ סאָרט אָר־

גאַניזם ווי דער טהירישער אָדער פון די פּלאַנצען: פאַרקערט, ער איז אַן אָרגאַניזם פון אַ גאַנץ באַזונדערען סאָרט, און צווישען איהם און די פריהער אנגערופענע צוויי—איז דאַ פּונקט אַזאַ גרויסער אונטערשיד ווי צווישען אַ חיה און אַ פּלאַנץ. די חיה, פּונקט אַזוי גוט ווי אַ פּלאַנץ, באַשטעהט פון צעלען. וועלכע האָבען ניט קיין אייגענעם באַוואוסט־זיין אָדער באַוועגונג — די געזעלשאַפט אָבער באַשטעהט פון יחידים, וועלכע זיינען באַשאַנקען מיט ביידע זאַכען. פון דער צווייטער זייט האָט דער לעבעדיגער אָרגאַניזם אַלס גאַנצער, די פעהיגקייט פון זעלבסט־באַוועגונג און באַוואוסטזיין, אָבער די געזעלשאַפט, אַזוי גוט ווי דער אָרגאַניזם פון דער פּלאַנץ — האָט דאָס ניט. די יחידים, פון וועלכע די געזעלשאַפט באַשטעהט, קענען אָבער איבערגעבען צו איינצעלנע מיטגלידער די אויספירונג פון מאַנכע פונקציעס, אַ דאַנק וועלכע די געזעלשאַפטליכע כחות ווערען אונטערטעניג צו איין ווילען און רופען אַרויס האַרמאָנישע באַוועגונגען אין דער געזעלשאַפט.

דער בונד צווישען יחיד און געזעלשאַפט איז פיל שוואַכער ווי צווישען אַ צעל און דעם גאַנצען אָרגאַניזם פון אַ חיה אָדער אַ פּלאַנץ. דער יחיד קען זיך אַנטזאַגען פון איין געזעלשאַפט און זיך אַנשליסען אַן אַ צווייטער, ווי מיר קענען דאָס זעהן פון דער עמיגראַציע. פאַר אַ צעל, אָבער, איז דאָס ניט מעגליך; פאַר איהר איז זיך אָפּטיילען פון דאָס גאַנצע — די זעלבע זאַך ווי שטאַרבען אַן אויסנאַהם זיינען בלויז עטליכע געצעהלטע צעלען, ווי צ. ב. ש. די קערנער און אייער אין דעם רעפּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. די געזעל־שאַפט קען אויך אונגעשטערט אריינגעמען אין זיך נייע יחידים. אַהן וועלכע עס איז ענדערונגען אין איהרע פאָרמען, פאַר דעם לעבעדיגען קערפּער אָבער איז דאָס איננאַנצען אוממעגליך. אַם ענדע, קענען די יחידים, וועלכע שטעלען צוזאַמען די געזעלשאַפט, אין געוויסע פאַלען, ענדערען די אָרגאַנען און אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, דאָס איז אַבסאָלוט ניט מעגליך אין דער וועלט פון חיות אָדער פּלאַנצען.

אויב אַלזאָ די געזעלשאַפט איז אַן אָרגאַניזם, איז זי אָבער ניט קיין טהירישער אָרגאַניזם. זוכען צו דערקלערען וועלכע עס איז ניט איז באַזונדערע ערשיינונגען אין דער געזעלשאַפט, צ. ב. ש. פּאָלי־

טישע, דורך די געזעצען פון טהירישע אָרגאַניזמען, איז פּונקט אַזוי זינלאָז, ווי צו דערקלערען אַלע אייגענשאַפטען פון טהירישען אָרגאַ־ניזם דורך די געזעצען פון פלאַנצען־לעבען. דאָס, פאַרשטעהט זיך, שליסט ניט אויס די מעגליכקייט, אַז די פאַרשידענע אָרגאַניזמען זאָ־לען האָבען געוויסע געמיינשאַפטליכע שטריכען.

דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזם, פּונקט אַזוי ווי דער טהירי־שער, וועט פיל לייכטער אויסהאַלטען דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס מעהר איינהייט עס וועט זיין אין זיינע באַוועגונגען, וואָס שטאַר־קער עס וועט זיין דער צוזאַמענבונד פון זיינע טיילען, און וואָס מעהר האַרמאָניע עס וועט צווישען זיי הערשען. די געזעלשאַפט אָבער האָט ניט קיין געזונטען סקעלעט, וועלכער זאָל אויפהאַלטען די ווייכערע טיילען, ניט קיין פאַראייניגענדע פעל, ניט קיין בלוט־צירקולאַציע, וועלכע זאָל שפּייזען אַלע טיילען, ניט קיין האַרץ וואָס זאָל רעגולי־רען אַלעס, ניט קיין מאַרך וואָס זאָל צוגעבען אַן איינהייטליכקייט פאַר זיין דערקענטעניש, ווילען און באַוועגונגען. זיין איינהייטליכ־קייט און האַרמאָניע, פּונקט ווי זיין צונויפגעבונדענקייט, שטראַמט אַרויס בלויז פון די טאַטען און פאַרלאַנגען פון זיינע מיטגלידער. אָבער די איינהייט פון די פאַרלאַנגען וועט אַלץ מעהר פאַרזיכערט ווערען, וואָס מעהר עס וועט אַרויסשטראַמען פון איין שטאַרקען אינסטינקט.

ביי די לעבעדיגע מינים, ביי וועלכע די געזעלשאַפטליכע פאַר־איינינונג ווערט אַ מעכטיגער כלי־זין אין זייער קאַמף פאַר עקזיס־טענץ, אַנטוויקעלט אַט די פאַראייניגונג גופא געזעלשאַפטליכע, סאָציאַלע אינסטינקטען, וועלכע דערגרייכען ביי מאַנכע מינים און יחידים צו אַזא מערקווירדיגער קראַפט, אַז זיי זיינען בכח צו אַרי־בערשטייגען דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג און רעפּראָ־דוקציע, אויב די לעצטע קומען אין אַ קאָנפליקט מיט זיי.

דעם אָנהויב פון די סאָציאַלע אינסטינקטען קענען מיר זוכען אין דעם אינטערעס, וועלכער ווערט געשאַפען ביים יחיד צו זיינע מיט־מענשען, אַ דאַנק דעם פּשוט'ען פאַקט פון צוזאַמענלעבונג, אַ דאַנק דעם וואָס ער איז צו זיי צוגעוואָהנט פון קינדהייט אָן. פון דער צוויי־

די עטיק

טער זיים מוזען אנטשטעהן קירצערע אדער לענגערע, אינטימע פאר־בינדונגען צווישען פארשידענע יחידים פון זעלבען מין, א דאנק דער רעפראדוקציע און זארג פאר די יונגערע דורות. פונקט ווי אט די פארבינדונגען זיינען געווען דער אויסגאנגס־פונקט פאר די געזעלשאפ־טען, אזוי קענען די אימפולסען, וועלכע זיינען אין איינקלאנג מיט זיי, דינען אלס אויסגאנגס־פונקט פאר דער אנטוויקלונג פון די סאציאלע אינסטינקטען.

די אינסטינקטען קענען זיין אפהענגיג אן פארשידענע לעבענס־באדינגונגען, פארשידען ביי פארשידענע מינים, עס זיינען אבער דא א גאנצע רייהע אינסטינקטען, וועלכע זיינען די באדינגונגען פאר דער אויפבליהונג פון יעדער סארט געזעלשאפט. אזא אינסטינקט איז קודם כל געוויס די זעלבסט־אויפאפערונג, די איבערגע־געבענהייט צו דער געזעלשאפט. נאך דעם קומט מוטיגקייט, ביים פארטיידיגען די אלגעמיינע אינטערעסען, טרייהייט צו דער געזעלשאפט, דאס אונטערוואַרפען זיך אונטער דעם געזעלשאפט־ליכען ווילען, דאן קומט געהארכזאמקייט און דיסציפלין, אויפ־ריכטיגקייט צו דער געזעלשאפט. אפנארענדיג, אדער געבענ־דיג פאלשע סיגנאלען, שטעלסטו אין געפאר די געזעלשאפט, אדער פארשווענדעסט איהרע כחות, און אם ענדע אמביציע, דאס פיהלען פון געזעלשאפטליכען לויב אדער פארוואורף. די אלע זיינען סאציאלע אינסטינקטען, וועלכע מיר געפינען שוין אויך אין די טהי־רישע געזעלשאפטען, וואו זיי זיינען אפט גאנץ בולט אויסגעדריקט.

אבער אט די סאציאלע אינסטינקטען זיינען דאך ניט קיין אנדער זאך ווי די העכסטע טוגענדען, וועלכע שטעלען צוזאמען דעם סכום פון דעם מאראלען געזעץ. אפשר פעהלט דא דער געפיהל פון גערעכטיגקייט, ד. ה. דער שטרעבען צו גלייכהייט. אין די טהי־רישע געזעלשאפטען קען זיך אט דער געפיהל נאטירליך ניט אנט־וויקלען, ווייל זיי ווייסען בלויז אזוינע אונגלייכהייטען, וועלכע זיינען נאטירליכע און אינדיווידועלע, אבער ניט אזעלכע, וואס זיינען ארויס־גערופען געווארען דורך געזעלשאפטליכע באדינגונגען. דער מאראלער

קאַרל קאַוטסקי

געזעץ, לויט וועלכע דיין חבר טאָר קיינמאָל פאַר דיר ניט זיין קיין מיטעל צו אַ ציל. וועלכע אונזערע קאַנטיאַנער רעכענען פאַר דעם גרעסטען פאַרדינסט פון קאַנט'ס געניאַליטעט, און פאַר דער „מאָראַלער פּראָגראַם פון דער נייער צייט, אין דער גאַנצער צוקונפטיגער וועלט-געשיכטע" איז אין דער טהירישער געזעלשאַפט אַ זעלבסט פאַרשטענדליכע זאַך. בלויז די אַנטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט האָט באַשאַפען די באַדינגונגען, אונטער וועלכע דער מיט-מענש איז געוואָרען אַ פשוט'ע געצייג פאַר די אינטערעסען פון אַ צווייטען.

דאָס וואָס עס האָט זיך קאַנט'ען אויסגעוויזען אַלס די שאַפונג פון דער העכערער וועלט פון די גייסטער, איז בעצם אַ פּראָדוקט פון דער טהירישער וועלט. אַז די סאָציאַלע אינסטינקטען זיינען ענג צוזאַמענגעוואַקסען מיט דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, און אַז אין אַנפאַנג האָבען זיי געדינט בלויז פאַר דער דערהאַלטונג פון מין, קען מען זעהן אַפילו פון דעם, אַז זייער ווירקונג ווערט אָפט אויסגעשפּרייט בלויז אויף די יחידים, וועמעס אויפהאַלטונג עס איז נוצליך פאַר דעם גאַנצען מין. אַ גאַנצע רייהע פון חיות, וועלכע זיינען מקריב זייערע לעבענס, כדי צו ראַטעווען זייערע קינדער, אָדער זייערע שוואַכערע חברים, דער'הרג'ענען ניט פאַרטראַכטענדיג זיך זייערע קראַנקע אָדער אַלטע חברים, וועלכע זיינען שוין נוצלאָז פאַר דער דערהאַלטונג פון דעם מין. אָדער וועלכע פאַלען צו לאַסט דער געזעלשאַפט. דער „מאָראַלער געפיהל", די „סימפּאַטיע", ווערען אויף אַט די עלעמענטען ניט אויסגעשפּרייט. פיל ווילדע שבטים טוען דאָס זעלבע.

דער מאָראַלער געזעץ איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי דער אינסטינקט פון דער חיה, דערפון נעמט זיך זיין געהיימניספולע נאַטור, פון דאַנען נעמט זיך אַט די אינערליכע שטימע אין אונז, וועלכע שטעהט אין קיין פאַרבינדונג ניט מיט קיין דרויסענדיגען אימפּולס, אָדער מיט וועלכע עס איז אינטערעסען: דאָס איז יענער דעמאָן — אָדער גאָט, וועמעס אַנוועזענהייט האָבען געפיהלט אין זיך די אַלע מאָראַליסטען, וואָס האָבען ניט געוואָלט זייער עטיק באַגרינדען אויף עגאָאיזם אָדער פאַרגעניגען. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז אַט דער

די עטיק

אינסטינקט איז א זעהר געהיימניספולער, אבער דאך ניט מעהר גע־הײמניספול פון דער געשלעכטליכער און מוטער־ליעבע, פון דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג און דעם עצם פון ארגאניזם בכלל, און פיל אנדערע זאכען, וועלכע געהערען צו דער וועלט פון „ערשיינונגען", וועלכע קיינעם וועט זיכער ניט איינפאלען צוצורע־כענען צו דער איבער־זינליכער וועלט.

דער פאקט וואס דער מאראלער געזעץ איז פונקט אזא לעבענס־אינסטינקט, ווי דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג און רע־פראדוקציע, דערקלערט אונז דעם עצם פון זיין מאכט איבער אונז, דאס דערקלערט אונז זיין צוואנג, אונטער וועלכען מיר ווארפען זיך אונטער, ניט איבערטראכטענדיג. דאס איז די אורזאך פון אונזערע שנעלע אורטיילען, וועלכע מיר גיבען ארויס אין יעדען פאל באזונדער וועגען דער גוטסקייט אדער שלעכטסקייט פון א געוויסען טאט; דער־מיט דערקלערט זיך אויך די פעסטקייט און ענערגישקייט פון אונזערע מאראלע אורטיילען, און דאס איז די אורזאכע ווארום עס איז זיי אזוי שווער צו באגרינדען, ווען דער שכל הויבט נאר אן זיי אנאלי־זירען און זוכען זייערע ווארצלען. ערשט דאן קומט מען סוף כל סוף צום שלום, אז אלץ פארשטעהן — מיינט אלץ פארגעבען, אז אלץ איז נויטווענדיג, אז קיין זאך איז ניט גוט און ניט שלעכט.

אונזערע מאראלע אורטיילען, אזוי גוט ווי אונזער געפיהל פון פ ל י כ ט און ג ע װ י ס ע ן, קומען ארויס, פונקט ווי דער מאראלער געזעץ, ניט פון אונזער דערקענטעניש, נאר פון אונזער אינסטינקטיווען לעבען.

די סאציאלע אינסטינקטען דערגרייכען ביי מאנכע מינים אזא מאכט, אז זיי ווערען שטארקער ווי אלע אנדערע. ווען זיי טרעטען אריין אין א קאנפליקט מיט די איבעריגע, דאן טרעטען זיי ארויס אלס פ ל י כ ט ע ן. דאס אבער שטערט ניט, אז א וועלכער עס איז בא־זונדערער אינסטינקט, ווי צ. ב. ש. דער אינסטינקט פון זעלבסט־דער־האלטונג אדער רעפראדוקציע, זאל אויף א באשטימטער צייט קריגען די אויבערמאכט, ווערען שטארקער ווי דער סאציאלער אינסטינקט און איהם באזיגען. אזוי שנעל ווי יעדע געפאר פארשווינדט, פארשווינדט

קארל קאוטסקי

אויך דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג, פונקט אזוי פאר־שווינדט אויך דער אינסטינקט פון רעפראָדוקציע, נאָך דעם ווי דער נויטיגער אקט איז פאראיבער. דער סאָציאַלער אינסטינקט אבער פארבלייבט ווי פריהער, און הערשט ווייטער איבער'ן יחיד און ווירקט אויף איהם אלס שטימע פון געוויסען אָדער חרטה. די מיינונג, אז דער געוויסען איז בלויז די מורא פאר די מיטמענשען און זייערע מיינונגען, אדער די מורא פאר פיזישען צוואנג, איז דורכאויס א פאלשע. דער געוויסען לאָזט פון זיך הערען אויך אין דעם פאַל ווען פון דעם שלעכטען טאַט וועט קיינער קיין מאָל ניט וויסען, נאָך מעהר, גאנץ אָפט פיהלט מען געוויסענסביסע פאר טאטען, וועלכע אַלע אנדערע מענשען האלטען פאר זעהר לויב־ווירדיג. דאָס קען זאגאר אמאָל זיך ארויסווייזען אין א פאראכטונג צו אזוינע טאַטען, וועלכע ווערען אונטערנומען בלויז אוים מורא פאר איינעמס מיטמענשען, און זייער עפענטליכער מיינונג.

די געזעלשאפטליכע מיינונג, לויב און פארוואורף, זיינען אָהן צווייפעל זעהר איינפלוסרייכע פאקטאָרען, אבער זייער ווירקונג זעצט פאראוים א געוויסען סאָציאלען אינסטינקט: אמביציע; שאפען אבער אליין סאָציאלע אינסטינקטען קענען זיי ניט.

מיר האבען קיין שום גרונד ניט צו דענקען, אז בלויז דער מענש האט א געוויסען, עס וואלט אונז זעהר שווער אָנגעקומען צו דער־קענען עס אפילו ביים מענשען, ווען יעדער איינער וואלט עס ניט געפיהלט אין זיך. דער געוויסען ווייזט זיך דאָך קיינמאָל ניט ארויס אָפען, נאָר שטענדיג אין דער טיפעניש פון אונזער נשמה. ניט קור־קענדיג אבער אויף דעם, נעמען פיל פארשער אָן, אז אויך ביי חיות איז דאָ א סאָרט געוויסען. אין זיין בוך „די אנטשטעהונג פון מענ־שען" זאגט דארווין:

„אויסער ליעבע און סימפאטיע, ווייזען די חיות ארויס נאָך אנדערע איינענשאפטען, וועלכע מיר וואלטען אין מענשען אָנגערופען מאָראלע, און איך שטים איין מיט אגאסיז'ען, אז הינט באזיצען עט־וואס, וואס איז זעהר ענליך צו א געוויסען. הינט זיינען, אָהן צוויי־פעל, באשאנקען מיט א כח פון זעלבסט־קאָנטראָל, וועלכער איז ניט

איינגאנצען דער רעזולטאט פון מורא. ווי בראובאך האט שוין באַ־
מערקט, האלט זיך א הונט איין פון גנב'ענען שפייז, דאן ווען זיין
באלעבאס איז ניטא אין דער היים."

אויב דער געוויסען און די געפיהלען פון פליכט זיינען רעזולטאַ־
טען פון א דויערהאפטער איבערהערשאפט פון די סאציאלע אינס־
טינקטען ביי פילע לעבעדיגע מינים, און אויב אט יענע אינסטינקטען
זיינען עם די, דורך וועלכע די יחידים פון א געגעבענעם מין ווערען
באשטענדיגער און דויערהאפטער באשטימט, אין דער צייט וואס די
אַנדערע אינסטינקטען וואקלען זיך אפט, איז אבער דער כח פון די
סאציאלע אינסטינקטען פון אזא וואקלעניש אויך ניט אינגאנצען
פריי. איינע פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען איז דאס, וואס די
אינטענסיוויטעט פון די סאציאלע אינסטינקטען ביי חיות ווערט
שטארקער, אזוי שנעל ווי זיי פאראייניגען זיך אין גרויסע אגרעגאטען.
אזוי צ. ב. ש. איז עס שוין פון לאנג באקאנט אז אין א גרויסער פאר־
זאמלונג הערשט אן אנדער שטימונג, ווי אין א קליינער, און אז א גרוי־
סער עולם באגייסטערט דעם אראטאר. ניט נאר זיינען מענשען מו־
טיגער, ווען זיי זיינען א סך צוזאמען, (דאס וואלט מען געקענט דער־
קלערען דערמיט, וואס יעדער איינער האפט אויף א גרויסער שטיצע
פון זיין חבר,) נאר זיי זיינען אויך גרויסמוטיגער, מעהר זעלבסט־
אויפאפפערענד און מעהר ענטהוזיאסטיש. אמת, ווען זיי בלייבען ווי־
דער אליין, טרעפט אפט, אז זיי ווערען נאך ניכטערער, עגאאיסטי־
שער און פחדנ'ישער ווי פריהער. דאס איז אמת ניט נאר בנוגע מענ־
שען, נאר אויך בנוגע סאציאלע טהירען.

אין זיין בוך „די געזעלשאפט ביי חיות" ציטירט עספינאס א
באאבאכטונג וועלכע פארעל האט געמאכט:

„די מוטיגקייט פון יעדען שוואלב ווערט פארגרעסערט אין דער
פראפארציע צו דער צאל פון זיינע חברים און פריינד, און פארקלע־
נערט זיך אין פראפארציע צו זיין אפגעזונדערטקייט פון די איבעריגע.
א מיטגליד פון א געדיכט באזעצטען שוואלבען־נעסט איז פיל מוטי־
גער ווי א צווייטער, וועלכער וואהנט אין א נעסט מיט גאנץ וועניג
איינוואהנער. דער זעלבער שוואלב, וואס איז בארייט צעהן מאל

צו שטאַרבען צווישען זיינע חברים, איז זעהר פּחדנ׳יש, און אנטלויפט פון יעדער געפאַר, אַנטלויפט אפילו פון א פיל שוואַכערען שוואַלב. אזוי שנעל ווי ער איז אוועק א צוואַנציג טריט פון זיין היים.״

דאַס מיינט ניט, אַז מיט א שטאַרקער אַנטוויקעלטען סאָציאַלען געפיהל מוז זיין פאַרבונדען א העכערע דערקענטעניש־פעהיגקייט. פאַרקערט, די אינסטינקטען פאַרטונקלען זאָגאַר אביסעל די פּינקט־ליכקייט פון באַאָבאַכטונג פון דער אויסערליכער וועלט. מערסטענס גלויבט מען גערען אין דאַס, וואָס מען וויל גלויבען, אָבער גאַנץ אָפט שרייט מען אויך זעהר שטאַרק איבער דאַס פאַר וואָס מען שרעקט זיך. א דאַנק די אינסטינקטען, צייגען זיך אונז אוים מאַנכע זאַכען פאַר צו גרוים און אַנדערע פאַר זעהר נאָהענט, און נאָך אַנדערע ווע־רען אינגאַנצען איגנאָרירט. עס איז באַקאַנט, אַז דער אינסטינקט פון רעפּראָדוקציע, קען אויף א צייט פאַרבלענדען און טויב מאַכען מאַנכע חיות. די סאָציאַלע אינסטינקטען, וועלכע ערשיינען ניט אזוי אינטענסיוו און ניט אין אַזאַ שאַרפער פאָרמע, פאַרבלענדען אלס א כלל ווענינגער די דערקענטעניש פעהיגקייטען, אָבער אונטער געווי־סע אומשטענדען, קענען זיי אויסאיבען אויף די לעצטע א זעהר גרוי־סען איינפלוס. עס איז גענוג צ. ב. ש. צו דערמאָנען די דיסציפּלין און איבערגעבענהייט ביי שעפּסען, וועלכע פאָלגען נאָך בלינד נאָכ׳ן באָק, וואוהין ער זאָל ניט געהן.

דער מאָראַלער געזעץ קען פּונקט אזוי גוט אָפּנאַרען אונזער דער־קענטעניש, ווי יעדער אַנדער אינסטינקט. ער אליין איז ניט דער רע־זולטאַט און ניט דער שעפער פון פאַרנונפט. דאָס אזוי גערופענע הויכע און געטליכע איז אונז באַלאַנגט צו דערזעלבער קאַטעגאָריע ווי דאָס ערדישע און טייפעלשע. די נאַטור פון דעם מאָראַלען געזעץ איז די זעלבע ווי די נאַטור פון דעם אינסטינקט פון רעפּראָדוקציע. קיין זאַך קען ניט זיין לעכערליכער, ווי דאַס זינגען לויב צום ערשטען און זיך אָפּקערען מיט עקעל און פאַראַכטונג פון צווייטען. אָבער עס איז פאַלש צו דענקען, אַז דער מענש מוז און קען פאָלגען אַלע זיינע אינס־טינקטען, אַז איינער פון זיי איז פּונקט אזוי גוט ווי דער אַנדערער. דאָס לעצטע איז בלויז אמת אויף ווי פיל מען קען קיין אינסטינקט ניט

פארדאמען. דאָס מיינט אויך ניט, אז זיי קענען ניט קומען אין קאנפליקט איינס מיט דאָס צווייטע. וועלכער פון זיינע אינסטינקטען עס זאל אין אַ געגעבענעם מאמענט זיגען, וואס וועלען זיין די פאלגען פון אט דעם זיג פאר'ן יחיד און פאר דער געזעלשאפט, איז אפהענגיג פון זעהר אסך אומשטאנדען. אין דעם קען ניט העלפען ניט די עטיק פון פארגעניגען, און ניט די עטיק פון דעם מאראלען געזעץ, וועלכע שטעהט אויסער צייט און פלאץ.

אויב אבער דער מאראלער געזעץ איז אַ סאציאלער אינסטינקט, וועלכער איז אין אונז אויסגעארבייט געווארען, פונקט ווי אלע אנדערע אינסטינקטען, אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ, דאן פארלירט די איבערנאטירליכע וועלט יעדע שטיצע אין דעם מענשליכען געדאנק. שוין די נאטור־פילאסאפיע האט ארונטערגעזעצט פון טראן די איינפאכע פאליטעאיסטישע געטער. אויב עס האט, ניט קוקענדיג דארויף געקענט אנטשטעהן אַ נייע פילאסאפיע, וועלכע האט ניט נאר פון דאָס ניי אויפגעוועקט דעם גלויבען אין גאט און אין דער איבערזינליכער וועלט, נאר האט נאך איהר שטארקער און פעסטער באגרינדעט ווי דאָס האבען געטאן פלאטאן אין אלטערטום און קאנט ערב דער פראנצויזישער רעוואלוציע, איז די אורזאכע דערפון געווען דער מאראלער געזעץ, וועלכען עס איז ניט גענוג געווען צו דערקלערען דורך פארגעניגען און „מאראלען געפיהל“ — די איינציגע „נאטירליכע“ אורזאכען, וועלכע מען האט פאר זיין דערקלערונג געפונען. דארווין האט געמאכט אַן ענדע צו דער צוטיילונג פון מענשען, אויף אַ נאטירליכער חיה פון איין זייט, און איבערנאטירליכען הימעל־וועזען פון דער צווייטער.

דאָס האט נאך אבער ניט געלייזט די גאנצע עטישע פראבלעם. דורך דער הילף פון די סאציאלע אינסטינקטען איז לייכט צו דערקלערען דעם מאראלען צוואנג, די פליכט און דעם געוויסען, אזוי גוט ווי די גרונד־טיפען פון טוגענד. מען קען אבער דורך זיי ניט דערקלערען דעם מ א ר א ל ע ן א י ד ע א ל. אין דער טהירישער וועלט קען מען קיין סמן דערפון ניט געפינען. בלויז דער מענש איז בכח צו שאפען פאר זיך אידעאלען און שטרעבען צו זייער פאר־

קאַרל קאוטסקי

ווירקליכונג. פון וואנען אבער נעמען זיי זיך? זיינען זיי פאראָרדענט געוואָרען צום מענש פון אייביג אָן אלס א געזעץ פון דער נאַטור, אָדער פון אייביגען שכל, אלס עטוואס וואס דער מענש אליין שאפט ניט, נאָר וועלכע טרעטען ארויס אלס הערשענדע מאכט איבער איהם, און צייגען איהם די צילען, צו וועלכע ער מוז קומען אלע נעהענטער און נעהענטער? דאָס איז, בעצם, געווען דער בליק פון אלע דענקער פון 18טען יאָרהונדערט: פון די אטעאיסטען, אזוי גוט ווי פון די דעאיסטען, פון די מאטעריאליסטען, אזוי גוט ווי פון די אידעאליסטען: אָט דער בליק איז פארוואנדעלט געוואָרען אפילו ביי די אויסגעהאַל־טענסטע מאַטעריאַליסטען אין אַ טענדענץ אַנצונעמען אַן איבערנאַ־טירליכע קראַפט, וועלכע, הגם זי האָט קיין שום געמיינשאפטליכעס מיט דער נאַטור, שוועבט איבער דער מענשליכער געזעלשאפט. די אידעע פון עוואָלוציע אין דער מענשליכער און טהירישער וועלט, האָט אַזאַ סאָרט אידעאליזם, אין דעם מויל פון אַ מאטעריאליסט, פאַר אַן אונזין.

דערווייל אבער, נאָך איידער דאַרווין האָט באגרינדעט זיין עפּאָ־כע מאכענדע טעאָריע, איז אנטשטאַנען די לערע, וואס האָט אויפ־געדעקט דעם סוד פון מ אַ ר אַ ל ע ן א י ד ע אַ ל, דאָס איז גע־ווען די לערע פון מ אַ ר ק ס און ע נ ג ע ל ס.

פינפטער קאפיטעל.

די עטיק פון מאַרקסיזם.

1. די וואַרצלען פון דער מאַטעריאַליס־טישער אויפפאַסונג פון דער געשיכטע.

דער שנעלער וואוקס פון די נאַטור־וויסענשאפטען, זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז ענג פאַרבונדען מיט דער אויפבלי־הונג פון קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבען. די קאַפּיטאַ־ליסטישע גרויס אינדוסטרי שטיצט זיך אַלץ מעהר און מעהר אויף דער נאַטור־וויסענשאַפט, זי איז דערפאַר פאַראינטערעסירט, אַז דער לעצטער זאָלען ניט פעלען קיין מיטלען און מענשען. די נייע טעכניק גיט דער וויסענשאפט ניט נאַר נייע געגענשטאַנדען נאַר אויך נייע מעטאָדען. דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרקער האָט איהר אויך געגע־בען ניט ווענינ מאַטעריאַל. אויף דעם האָט די נאַטור־וויסענשאַפט צוגעקריגען כחות און מיטלען פאַר דער זיגרייכער דורכפירונג פון דער עוואָלוציאָנס אידעע.

נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג ווי פאַר דער נאַטור־וויסענשאַפט האָט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע געהאַט פאַר דער געזעלשאַפטס וויסענשאַפט, פאַר די אַזוי גערופענע גייסטיגע וויסענשאַפטען. ביי איינינע פאַרשטעהער פון דער נאַטור־וויסענשאַפט האָט די עוואָלו־ציאָנס־אידעע נאָך פריהער געקריגען אַ מעכטיגען אויסדרוק. אין די גייסטיגע וויסענשאַפטען אבער, האָט מען איהר, ביז דער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע געקענט געפינען בלויז אין אַן אנפאַנגליכער

פאַרמע. ערשט נאָך דער רעוואָלוציע האָט זי זיך געקענט אין זיי אַנטוויקלען.

ביז דער רעוואָלוציע זיינען די גייסטיגע וויסענשאַפטען — ווי פילאָסאָפיע, רעכט, געשיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, — געווען פאַר דער בורזשואַזיע פריהער פון אַלץ אַ קאַמפּס־מיטעל געגען די הער־שענדע פּאָליטישע און סאָציאַלע כחות, וועלכע זיינען איהר געווען פיינדליך, און וועמעס ווארצלען זיינען געווען אין דער פאַרגאַנגענ־הייט. דיסקרעדיטירען די פאַרגאַנגענהייט און אין געגענזאַץ צו איהר אַרויסשטעלען די נייע, אַנקומענדע צילען פון דער בורזשואַזיע אַלס דאָס איינציג גוטע און נוצליכע — דאָס איז געווען די הויפּט אויפגאַבע פון דער דאַמאָלסטדיגער וויסענשאַפט.

זינט פון דער רעוואָלוציע האָט זיך דאָס געענדערט. זי האָט דער בורזשואַזיע געגעבען דאָס סאַמע וויכטיגסטע, וואָס איז געווען פאַר איהר נויטיג. גלייכצייטיג, אָבער, האָט זי פאַר איהר אויך אויפגע־דעקט נייע סאָציאַלע כחות, וועלכע האָבען געוואָלט געהן ווייטער פון איהר, געפאָדערט מעהר ווי דאָס וואָס די רעוואָלוציע האָט געגע־בען. אַט די נייע כחות האָבען זיך איהר אויסגעצייגט צו זיין גע־פערליכער ווי די אַלטע באַזיגטע. צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש מיט די לעצטע, איז געוואָרען דאָס וויכטיגסטע פאַר דער בורזשואַזער פּאָליטישער חכמה. פאַר דעם צוועק איז אָבער נויטיג געווען, אַז זיי־ערע אורטיילען וועגען דער פאַרגאַנגענהייט זאָל ביסלאַכווייז ווערען מילדער.

פון דער צווייטער זייט האָט די רעוואָלוציע שטאַרק אַנטוישט די אידעאַלאָגען. ווי גרויס עס זאָל ניט געווען זיין דער ערפאָלג פון דער בורזשואַזיע, האָט זי פאָרט ניט באַרעכטיגט די אַלע האָפענונ־גען, וועלכע זיינען געלייגט געוואָרען אויף איהר. זי האָט ניט גע־בראַכט די קעניגרייך פון „מאָראַל", דעם אַלגעמיינעם וואָלזיין און גליק, וועלכע זיינען ערוואַרטעט געוואָרען אַלס רעזולטאַט פון דעם זיעג איבער דער אַלטער אָרדענונג. קיינער האָט מעהר ניט געוואַגט צו האָפען אויף דאָס נייע, וואָס מעהר עס איז געווען אונצופרידענ־שטעלענד די געגענוואַרט, אַלץ מעהר שרעקליכער זיינען געווען די

עראינערונגען פון דער נאהענטער פארגאנגענהייט, וועלכע האט די געגענווארט באשאפען, אלץ שעהנער האט אויסגעזעהן די ווייטע פארגאנגענהייט. ווי באקאנט, האט דאס אין דער קונסט באשאפען דעם ראמאנטיזם. אן ענליכע ריכטונג איז אויך אנטשטאנען אין די גייסטיגע וויסענשאפטען. עס הויבט זיך אן די אויספארשונג פון דער פארגאנגענהייט, אבער שוין ניט מעהר כדי איהר פאראורטיילען, נאר כדי איהר צו פארשטעהן, ניט כדי אויפדעקען דעם אונזיין אין איהר, נאר כדי צו באווייזען פארנונפטיגקייט.

אבער די רעוואלוציע האט איהר ארבייט געטאן צו גוט, אז עמיצער זאל קענען חלומ'ען וועגען אויפשטעלען צוריק די צושטערטע באדינגונגען. אויב אפילו דאס פארגאנגענע איז געווען פארנונפטיג, האט מען אבער געמוזט צוגעבען, אז דאס איז געווארען אומפארנונפטיג און אומערטרעגליך. אויף דעם אופן האט דאס פארנונפטיגע און נויטווענדיגע אין דער געזעלשאפט אויפגעהערט זיין עטוואס אומפארענדערליכעס. עס אנטשטעהט דער געדאנק וועגען דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג. (סאציאלע עוואלוציע).

פריהער ווי אומעטום האט זיך דאס באוויזען אין דער אויספארשונג פון דער פאר־רעוואלוציאנערער דייטשלאנד. אין דייטשלאנד איז דער דערמאנטער פראצעס אריבערגעגאנגען אומבאמערקבארער ווי אומעטום. דער רעוואלוציאנערער געדאנק איז אין דייטשלאנד ניט אריינגעדרונגען אזוי טיף, האט דארט ניט געלאזען אזוינע טיפע ווארצלען ווי אין פראנקרייך; די רעוואלוציע האט ניט געווירקט אזוי שטארק און האט וועניגער אויפגעטרייסעלט די כחות און אנשויאונגען פון דער פארגאנגענהייט; און איבערהויפט איז זי געווען מעהר א חרוב־מאכענדע ווי א באפרייענדע.

אבער, צו דער אויספארשונג פון דער פאר־רעוואלוציאנערער דייטשלאנד, זיינען באלד צוגעקומען אויספארשונגען פון אנדערע ענליכע עפאכען. אין אמעריקא, האט די יונגע רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען, צום אנפאנג פון 19טען יארהונדערט זיך שוין אזוי אנטוויקעלט, אז דארט האט זיך אויסגעבילדעט א באזונדערער קלאס

פון אינטעליגענטען, אַ באַזונדערע וויסענשאַפט און בעלעטריסטיק. אין וואָס אַמעריקאַ האָט זיך איבערהויפּט אונטערשיידט פון אייראָ־פּאַ, איז געווען דער לעבען זייט ביי זייט פון דער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע פון די ווייסע, מיט דעם באַרבאַריזם פון די אינדיאַנער. דאָס איז געוואָרען אַ געגענשטאַנד, וואָס האָט שטאַרק צוגעצויגען די קינסטלער און וויסענשאַפטס־לייט. קורץ נאָך דער אַנטשטעהונג פון דייטשישען ראָמאַנטיזם, באַווייזט זיך אין אַמעריקאַ דער אינדישער ראָמאַן, און באַלד נאָך דעם די אַנטשטעהונג פון דער היסטאָרישער שולע אין דער רעכטס וויסענשאַפט, דאָס ווידער־אויפלעבען פון די אַלטע לעגענדען און זאַגען, און די פאַרגלייכענדע שפּראַך־פאָרשונג אין דייטשלאַנד, הויבט זיך אָן די וויסענשאַפטליכע אויספאָרשונג פון די סאָציאַלע צושטאַנדען און שפּראַך פון די אינדיאַנער אין אַמע־ריקאַ.

די באַפעסטיגונג פון דער ענגלישער הערשאַפט אין מזרח אינ־דיע האָט שוין פריהער באַשאַפען אַ מעגליכקייט, אָדער ריכטיגער, אַ נויטווענדיגקייט דאָרטען אויסצופאָרשען די שפּראַך, זיטען, און סיסטעם פון רעכט. אין אָנפאַנג פון 19טען יאָרהונדערט ווערט די באַקאַנטשאַפט מיט סאַנסקריט שטאַרק פאַרשפּרייט און דער־גרייכט אויך דייטשלאַנד. דאָס האָט אויפגעלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דער פאַרגלייכענדער שפּראַך־פאָרשונג, וועלכע האָט פון איהר זייט מעגליך געמאַכט אַ גאַנצע רייהע וויכטיגע אַנטדעקונגען וועגען דעם פּרימיטיווען לעבען פון די אינדאָ־גערמאַנישע פעלקער.

דאָס אַלעם האָט מעגליך געמאַכט אַז ערנסטע באַציהונג צו די באַשרייבונגען, וואָס ציוויליזירטע באַאָבאַכטער האָבען געגעבען וועגען די ווילדע שבטים, אַזוי גוט ווי צו די אַנטדעקטע געוועהר און גע־צייג פון די אויסגעשטאָרבענע פעלקער; ביז דאַן האָט מען זיי באַ־טראַכט בלויז אַלס קוריאָז, איצט אָבער זיינען זיי פאַרוואַנדעלט גע־וואָרען אין מאַטעריאַלען צו פאַרלענגערען אין דער פאַרגאַנגענהייט די שוין אַזוי אויך לאַנגע קייט פון דער מענשליכער אַנטוויקלונג, און צו אויספילען פיל פּוסטע בלעטער אין איהר.

אין אָט דער גאַנצער היסטאָרישער אַרבייט, האָט אָבער געפעלט

די עטיק

דער געגענשטאַנד, וועלכער האָט ביז איצט געהערשט אין דער גאַנ־צער היסטאָרישער ליטעראַטור: עס האָט געפעלט דער באַמערקונגס־ווערטהער מענשליכער אינדיווידואום. אין די געשריבענע קוואַלען פון וואַנען מען האָט ביז יענער צייט אויסשליסליך געשעפּט דעם גאַנ־צען וויסען פון דער מענשליכער געשיכטע, פלעגט דערמאַנט ווערען בלויז דאָס אויסערגעוועהנליכע, ווייל דעם היסטאָריקער, וועלכער האָט דערצעהלט די פּאַסירונגען פון זיין צייט, האָט זיך געדאַכט, אַז בלויז דאָס איז וויכטיג. ווער וועט עס נעמען פאַרשרייבען דאָס גע־וועהנליכע, אַלטעגליכע, אַלעמען באַוואוסטע! דער אויסערגעוועהנ־ליכער מענש, און אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג ווי צ. ב. ש. א מלחמה אָדער א רעוואָלוציע — בלויז דאָס האָט זיך אויסגעדאַכט פאַר דעם כראָניקער, איז וואָס עס קען אינטערעסירען די צוקונפטיגע דורות. דערפאַר איז פאַר די טראַדיציאָנעלע היסטאָריקער, וועמעס אויפגאַ־בע עס איז אייגענטליך געווען, מעהר אָדער וועניגער, ריכטיג אַרונ־טערשרייבען די היסטאָרישע קוואַלען, דער גרויסער מענש איז געווען די באַוועגענדע קראַפט פון דער געשיכטע. אין דער צייט פון פעאָדאַ־ליזם איז דאָס געווען דער קעניג, דער מיליטערישער קאָמאַנדיר, דער גרינדער פון א רעליגיאָן און דער גייסטליכער. אין דעם 18טען יאָר־הונדערט, ווען די בורזשואַזע אינטעליגענץ האָט די אַלע אויסגערע־כענטע פאַרדאַמט אַלס שולדיגע אין אַל־דאָס־בייז, האָט זי דערהויי־בען דערפאַר די פילאָסאָפען אַלס געזעצגעבער און לערער, אַלס די אויסשליסליכע טרעגער פון אמת׳ן פּראָגרעס. דער גאַנצער פּראָג־רעס אָבער האָט אויסגעקוקט צו זיין א ריין אויסערליכער, א סאָרט ענדערונג פון בגדים. די עפּאָכע פון דעם גריכישען זיג איבער זיי־ערע פערסישע אונטערדריקער, וואָס איז אויך די צייט, ווען די היס־טאָרישע קוואַלען און געשיכטס־שרייבעריי איז אַממערסטענס אַנט־וויקעלט געוואָרען, איז פאַר זיי געווען דער קולמינאַציאָנס־פּונקט פון דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג. פון יענער צייט פאַנגט זיך אָן די פאַנאַנדערפאַלונג פון די געזעלשאַפטען אין די לענדער, וואָס ליגען נאָהענט צום מיטעל־לאַנדישען ים, און דאָס געהט אַזוי באַרג אַראָפּ, ביז דעם באַרבאַריזם אין דער צייט פון דער פעלקער־וואַנדע־

קאַרל קאַוטסקי

רונג. נאָך דעם געהט די אנטוויקלונג פון די אייראָפּייאישע פעלקער זעהר לאַנגזאַם. אפילו אין 18טען יאָרהונדערט האָט זיך די געזעלשאַפט ניט אויפגעהויבען איבער דער אַלטער קלאַסישער וועלט, וועלכע האָט נאָך אין מאַנכע זאַכען, ווי אין דער פּאָליטיק, פילאָסאָפיע און קונסט געקענט דינען פאַר איהר אַלס ביישפּיל.

די גאַנצע געשיכטע האָט אויסגעזעהן ווי אַן אומאויפהערליכע ענדערונג פון ערשיינונגען, אַז אונענדליכער דרעהען זיך אין דעם זעלבען קרייז, אַזוי ווי אָבער די איינצעלנע פּערזענליכקייט קען זיך אימער שטעלען גרויסע צילען, גרעסערע ווי די, וואָס זי קען דערגרייכען, און אַזוי ווי מערסטענס ווערען אַט די צילען ניט דערגרייכט, האָט אַט דער קרייז אויסגעקוקט ווי אַ שרעקליכע טראַגי־קאָמעדיע, אין וועלכער די בעסטע און שטאַרקסטע מענשען איז אויסגעקומען צו שפּילען אַ זעהר טרויעריגע ראָליע.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס אָבער געוועזען מיט דער פּרימיטיווער געשיכטע. זי, אַזוי גוט ווי איהרע באַזונדערע טיילען, ווי די געשיכטע פון רעכט, די פאַרגלייכענדע שפּראַך־פאָרשונג, די עטנאָגראַפיע, האָט געפונען אין די מאַטעריאַלען וואָס זי האָט געדאַרפט באַאַרבייטען, ניט דאָס אויסערגעוועהנליכע און אינדיווידועלע, נאָר דאָס אַלטעגליכע און געוועהנליכע. אָבער טאַקי אַ דאַנק דעם קען די פּרימיטיווע געשיכטע נאָכפאָלגען די ליניע פון דער אומאונטערבראָכענער אנטוויקלונג. וואָס מעהר עס פאַרמעהרען זיך די מאַטעריאַלען, וועלכע זי האָט אויפגעזאַמעלט, וואָס מעהר זי קען פאַרגלייכען ענליכעס צו ענליכעס, אַלץ מעהר געפינט זי אויס, אַז די אנטוויקלונג איז ניט קיין צופעליגע, נאָר אַ געזעצמעסיגע. דער מאַטעריאַל, מיט וועלכען זי באַנוצט זיך, באַשטעהט פון איין זייט פון די פאַקטען פון דער טעכנישער איינאָרדענונג פון לעבען, און פון דער צווייטער — פון די פאַקטען פון רעכט, זיטען און רעליגיאָן. פעסטשטעלען די געזעצמעסיגקייט, האָט געמיינט, ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי צו ברענגען די טעכניק אין אַן אורזאַכליכער פאַרבינדונג מיט די רעכטליכע, עטישע און רעליגיעזע אנשויאונגען, ניט שטיצענדיג זיך דערביי אויף אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונגען און פּערזענליכקייטען.

די עטיק

די געזעצמעסיגקייט איז גלייכצייטיג אויך אנטדעקט געווארען דורך דער סטאטיסטיק.

אזוי לאנג ווי די דארף־געמיינדע איז געוועזן די וויכטיגסטע עקאנאמישע אינסטיטוציע, איז קיין שום באדערפעניש פאר סטאטיסטיק ניט געוועזן. אין דער דארף־געמיינדע איז געוועהנליך זעהר לייכט געוועזן פאר יעדען אליין אלץ באאבאכטען. אויב מען האט זיך יע מיט סטאטיסטיק באנוצט, איז עס זעהר צווייפעלהאפט, אויב דאס האט געקענט פירען צו ווייטערע וויסענשאפטליכע באאבאכטונגען. די געזעצמעסיגקייט האט זיך אין אזוינע קליינע צאהלען ניט געקענט ארויסווייזען. דאס האט גדארפט געענדערט ווערען, ווען דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאנס־אופן האט באשאפען דעם מאדערנעם שטאט, וועלכער איז שוין ניט ווי אמאל, פשוט א צונויפזאמלונג פון שטעט און דערפער, נאר אן איינהייטליכער ארגאניזם, וועלכער האט וויכטיגע עקאנאמישע פונקציעס דורכצופירען. אויסער דעם איז אונטער דער ווירקונג פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס־אופן, ניט נאר דער שטאט פארוואנדעלט געווארען אין אן אינערליכען מארק, נאר עס ווערט אויך גלייכצייטיג אנטוויקעלט דער וועלט־מארק. דאס באשאפט זעהר קאמפליצירטע באציהונגען, וועגען וועלכע עס וואלט זעהר שווער זיין עפעס צו וויסען אהן דער הילף פון דער סטאטיסטיק. אין אנפאנג דינט די סטאטיסטיק פאר ריין פראקטישע צוועקען (פאר דער צונויפזאמלונג פון שטייערען און רעקרוטען, פאר פארזיכערונגס־געזעלשאפטען) זי הויבט אבער באלד אן אריינדרינגען אין מעהר און מעהר פעלדער פון לעבען, ביז וואנען זי זאמעלט צונויף אזא גרויסע צאהל פון באאבאכטונגען, וועלכע ציינען אויף א געזעץ־מעסיגקייט, וועלכע האט זיך געמוזט ווארפען אין די אויגען פון די, וואס האבען זיך גענומען דעם מאטעריאל באארבייטען. אין ענגלאנד האט זיך שוין אם ענדע פון 17טען יארהונדערט, אין דער צייט פון פעטי, באוויזען די „פאליטישע אריפמעטיק", אין וועלכער די גרעסטע ראליע האט אבער געשפילט די אפשאצונג. אין אנפאנג פון 19טען יארהונדערט זיינען שוין די מעטאדען פון דער סטאטיסטיק געוועזן גענוג פארפאלקאמט, און די פעל־

קאַרל קאַוטסקי

דער פון איהר אנוועגדונג זיינען שוין געווען אזוי פארשידענאַרטיג. אז מען האָט שוין געקענט מיט דער גרעסטער זיכערהייט אנטדעקען די געזעצען, וועלכע באהערשען די טאַטען פון גרויסע מאַסען מענשען. אין די דרייסיגער יאַרען האָט דער בעלגיער, קעטלע, דער ערשטער געמאַכט אַ פּראָבע צו באשרייבען אויף דעם אופן די פיזיאָלאָגיע פון דער מענשליכער געזעלשאַפט.

די באשטימענדע מאָמענטען און די ענדערונגען פון די מענשליכע האנדלונגען האָבען זיך מערסטענס ארויסגעציינט צו זיין מאַטעריעלע, געוועהנליך, עקאָנאָמישע ענדערונגען. אזוי צ. ב. ש. איז באוויזען געוואָרען, אַז די פאַרמערונג, אָדער פאַרמינדערונג פון פאַרברעכענס, פון זעלבסטמאָרדען און חתונות, איז אָפּהענגיג אַן די פרייזען אויף ברויט.

דאָס מיינט ניט, אַז די עקאָנאָמישע מאָטיווען זיינען די איינציגע אורזאכע פון חתונות בכלל. עס קען גאָר קיינעם ניט איינפאַלען צו פאַררעכענען דעם געשלעכטס־אינסטינקט פאַר אַן עקאָנאָמישען מאָטיוו. אבער די ענדערונג אין דער יערליכער צאָל חתונות, ווערט ארויסגערופען דורך די ענדערונגען אין דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון לאַנד.

אויסער די שוין דערמאָנטע נייע וויסענשאַפטען, דאַרף דאָ נאָך אויך דערמאָנט ווערען וועגען דעם נייעם אופן פון געשיכטס־שרייבעריי בכלל. דער קלאַסען כאַראַקטער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען אזוי קלאָר, אַז איהרע היסטאָריקער האָבען ניט נאָר געמוזט דאָס אנערקענען, נאָר פיל פון זיי האָבען זיך גענומען אויספאָרשען די ראָליע פון קלאַסען־קאַמף אין אַנדערע פּעריאָדען פון דער מענשליכער געשיכטע, שטרעבענדיג אין דעם צו געפינען דעם אימפּולס פון דער מענשליכער אנטוויקלונג. אבער די קלאַסען זיינען דאָך אַ פּראָדוקט פון דעם עקאָנאָמישען געבוי פון דער געזעלשאַפט, און דערפון קומט ארויס דער אנטאַגאָניזם צווישען זיי — דער קלאַסען־קאַמף. וואָס עס בינדט צונויף יעדען קלאַס באַזונדער, טיילט איהם אָפּ פון אַנדערע קלאַסען, און באשטימט זיין אנטאַגאָניזם צו זיי — איז זיינע באַזונדערע קלאַסען־אינטערעסען.

דאָס איז אינגאַנצען אַ נייער סאָרט אינטערעס, וועגען וועלכען קיי־
נער פון די מאָראַליסטען פון 18טען יאָרהונדערט, אָהן אונטערשיד צו
וועלכער ריכטונג ער זאָל ניט געווען געהערען, האָט ניט געוואוסט.

דער סכום פון אַט די אַלע ערפאָלגען און אנטדעקונגען, וועלכע
זיינען, אמת, געמאַכט געוואָרען שטיקלעכווייז און אומקלאָר, האָבען
שוין אָבער אין די 40־גער יאָרען פון 19טען יאָרהונדערט באַשאַפען
אַלע נויטיגע עלעמענטען פאַר דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג
פון געשיכטע. עס האָט נאָר אויסגעפעלט דער מייסטער, וועלכער זאָל
זיי קענען באַהערשען און פאַראייניגען אין איין גאַנצער סיסטעם.
דאָס האָבען געטאָן קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

נאָר אַזוינע טיפע דענקער ווי מאַרקס און ענגעלס האָבען אַזאַ
אַרבייט געקענט אויפנעמען, און אין דעם באַשטעהען זייערע פער־
זענליכע פאַרדינסטען. אָבער דאָס וואָלט ניט מעגליך געווען, ניט
ענגעלסען און ניט מאַרקסען, צו דערגרייכען אין 18טען יאָרהונדערט,
איידער די נייע וויסענשאַפטען האָבען זיך באַרייכערט מיט דער גע־
נוגענדער סומע פון די נייע רעזולטאַטען. פון דער צווייטער זייט
האָבען אַזוינע געניאַלע מענשען ווי קאַנט אָדער העלוועציוס פונקט
אַזוי געקענט אנטדעקען די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער
געשיכטע, אויב די נויטיגע וויסענשאַפטליכע באַדינגונגען דערפאַר
זאָלען אין זייער צייט געווען זיין רייף. מאַרקס'ען און ענגעלס'ען
וואָלט זיך אפילו אין די פערציגער יאָרען פון 19טען יאָרהונדערט
ניט איינגעגעבען צו מאַכען זייער אנטדעקונג, ניט קוקענדיג אויף
זייער געניאַליטעט און די גרויסע פאַרבאַרייטונגס־אַרבייט, וועלכע די
וויסענשאַפט האָט אויפגעטאָן, אויב זיי זאָלען זיך ניט געווען שטעלען
אויפ'ן שטאַנדפונקט **פון פראָלעטאַריאַט**, ד. ה. אויב
זיי וואָלטען ניט געווען זיין קיין **סאָציאַליסטען**. דאָס איז
געווען אומבאַדינגט נויטיג כדי צו אנטדעקען די אָנגערופענע אויפ־
פאַסונג פון דער געשיכטע. אין דעם זין איז דאָס אַ פּראָלעטאַרישע
פילאָסאָפיע, און די אַלע אַנדערע אנשויאונגען, וואָס געהען להפוך צו
איהר, זיינען בורזשואזע פילאָסאָפיעס.

די געבורט פון דער רעוואָלוציאָנערער אידעע אין די סאָציאַלע

קאַרל קאוטסקי

וויסענשאַפטען איז פונקט צוזאַמענגעפאַלען מיט דעם פעריאָד פון רעאַקציע. די פראַגע וועגען דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט איז אויפ'ן טאָגעס־אָרדענונג ניט געשטאַנען. די עוואָלוציאָנס־אידעע האָט בלויז געדינט צו דערקלערען די געזעלשאַפטליכע אנטוויקלונג ביז דער צייט, און האָט אין אַ געוויסען זין באַרעכטיגט און אַפט אַפילו אידעאַליזירט די פאַרגאַנגענהייט. אַ רעאַקציאָנערער ווינט בלאָזט אין די ערשטע יאָרען פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט פון ראָמאַנטיזם, אַזוי גוט ווי פון דער היסטאָרישער שולע פון דער רעכטס־וויסענשאַפט, ווי פון דער גאַנצער אויספאַרשונג פון דער פאַרגאַנגענהייט בכלל. (עס איז גענוג זיך דערמאָנען אַן שאָפּענהאַוערס בודיזם) מיט'ן זעלבען גייסט איז אויך דורכגעדרונגען די פילאָסאָפיע. וועלכע האָט די אידעע פון עוואָלוציע געמאַכט פאַר איהר צענטראַל פונקט; איך האָב דאָ אין זינען די פילאָסאָפיע פון העגעל'ן. אויך זי האָט געדאַרפט בלויז זיין אַ לויב־געזאַנג פאַר דער אנטוויקלונג אין דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע געפינט איהר שלום אין דער, פון גאָט געזאַלבטער, מאָנאַרכיע. אַלס אַ רעאַקציאָנערע פילאָסאָפיע איז זי געצוואונגען געווען צו זיין אַן אידעאַליסטישע, ווייל די געגענוואַרט, די ווירקליכקייט, איז געווען אין ווידערשפרוך צו איהרע רעאַקציאָנערע טענדענצען.

אידעאַליסטישע פילאָסאָפיע פון עוואָלוציע איז געוואָרען אוממעגליך, ווען די ווירקליכקייט, ד. ה. די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט זיך אנטוויקעלט אויף אַזוי פיל, אַז זי האָט זיך, להפוך פון אַט די טענדענצען, גאַנץ שטאַרק געלאָזט פיהלען. זי האָט געמוזט אָפּטרעטען איהר פּלאַץ צו אַ מעהר אָדער ווייניגער אָפענעם מאַטעריאַליזם. אָבער בלויז דעם פּראָלעטאַרישען שטאַנדפּונקט איז מעגליך געווען איבערצוטראָגען דעם געדאַנק פון דער סאָציאַלער עוואָלוציע אין אַ מאַטעריאַליסטישער שפּראַך, ד. ה. צו דערקענען אין דער געגענוואַרט די געזעלשאַפטליכע אנטוויקלונג, וואָס קומט פאַר לויט נויטווענדיגע נאַטירליכע געזעצען. די בורזשואַזיע האָט זיך געמוזט אנטזאָגען פון יעדען געדאַנק וועגען דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, און האָט געמוזט פאַרוואַרפען יעדע פילאָסאָ־

פיע, וואָס האָט אונטערזוכט די אנטוויקלונג פון דער פאַרגאַנגענ־הייט, ניט נאָר כדי איהר צו פאַרשטעהן, נאָר כדי צו געפינען אין איהר די טענדענצען פון דער נייער ק ו מ ע נ ד ע ר געזעלשאַפט, און דורך דעם אויסשמידען די כלי זין פ אַ ר ׳ ן ק אַ מ ף מ י ט ד ע ר ג ע ג ע נ װ אַ ר ט און ברענגען די געזעלשאַפט פון דער צוקונפט.

אַזוי שנעל ווי עס איז נאָר פאַראיבער דער פעריאָד פון דער גייסטיגער רעאַקציע נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זיך צו דער בורזשואַזיע צוריק אומגעקערט דער געפיהל פון זעלבסט־באַוואוסטזיין און מאַכט. זי האָט געמאַכט אַן ענד צום ראָמאַנטיזם אין דער קונסט און פילאָסאָפיע, און האָט פּראָקלאַמירט דעם מאַטע־ריאַליזם, אבער צום היסטאָרישען מאַטעריאַליזם האָט זי ניט געקענט צוקומען. ווי שטאַרק דער לעצטער זאָל ניט געווען זיין באַגרינדעט דורך די צייט־באַדינגונגען, האָט ער אבער אַלץ, טאַקי אַ דאַנק אַט די באַדינגונגען, געקענט ווערען די פילאָסאָפיע בלויז פון פּראָלעטאַריאַט, און האָט דערפאַר געדאַרפט פאַרשטויסען ווערען פון דער וויסענ־שאַפט אויף וויפיל זי איז געווען אונטער׳ן איינפלוס פון דער בור־זשואַזיע. די נעגאַטיווע באַציהונג צום היסטאָרישען מאַטעריאַליזם איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילו דער סאָציאַליסטישער מחבר פון דער געשיכטע פון מאַטעריאַליזם, פרידריך אלבערט לאַנגע, דערמאָנט מאַרקס׳ען בלויז אַלס פּאָליטישען־עקאָנאָם, און ניט אַלס פילאָסאָף.

די אידעע פון עוואָלוציע, הגם אַלגעמיין אַנערקענט אין דער נאַטור־וויסענשאַפט, און גאַנץ נוצליך פאַר מאַנכע אַפּטיילונגען פון די גייסטיגע וויסענשאַפטען, איז אבער פאַר דער וויסענשאַפט אַלס גאַנצע, פאַרבליבען אַ טויטער בוכשטאַב, אויף ווי פיל זי איז געווען אַ בורזשואַזע וויסענשאַפט. די בורזשואַזיע האָט דערפאַר ווייטער ווי העגעל׳ס פילאָסאָפיע ניט געקענט אַוועקגעהן. זי האָט אויסגע־אַרבייט אַ מאַטעריאַליזם, וואָס איז באַדייטענד שוואַכער ווי דער מאַ־טעריאַליזם פון 18טען יאָרהונדערט, ווייל ער איז אַ ריין נאַטור־ווי־סענשאַפטליכער און שאַפט ניט קיין אייגענע טעאָריע פון געזעל־שאַפט. ווען אַט דער אָרגאַנישער מאַטעריאַליזם האָט זיך אַרויסגע־

קארל קאוטסקי

וויזוי פאר אומנוצבאר, האט זי זיך אומגעקערט צום אלטן קאנטיאַ־ניזם, וועלכער איז אפגערייניגט געווארן פון אלע זיינע טעות׳ן דורך דעם ערפאלג פון דער וויסענשאפט, וועמעס עטיק עס איז אבער פאר־בליבן די זעלבע ווי אמאל. דאס לעצטע איז געווארן די הויפט וואפע געגען דער מאטעריאליסטישער טעאריע פון דער סאציאלער עוואלוציע.

אין דער עקאנאמישער וויסענשאפט האט זיך די בורזשואזיע געוואקלט צווישן דער היסטארישער אויפפאסונג, וועלכע אנער־קענט די געזעלשאפטליכע אנטוויקלונג נאר אנערקענט ניט קיין נויט־ווענדיגע געזעצן פון אט דער אנטוויקלונג און אויפפאסונג, וועלכע אנערקענט די נויטווענדיגקייט פון געזעלשאפטליכע געזעצן און לייקענט אפ די געזעלשאפטליכע אנטוויקלונג: די אויפפאסונג, וועל־כע האלט, אז אין דער פסיכאלאגיע פון דעם איזאלירטן פרימיטי־ווען מענטשן קען מען שוין געפינען אלע עקאנאמישע קאטעגאריעס פון דעם מאדערנעם מענטשן. צו אט דער אויפפאסונג קומט נאך צו די נאטור־וויסענשאפטליכע, וועלכע שטרעבט צוריקצופירן די געזעצן פון דער געזעלשאפט צו די ביאלאגישע געזעצן, ד. ה. צו די געזעצן פון פלאנצן און טהירישע ארגאניזמען. בעצם מיינט דאס דאסזעלבע ווי אפלייקענען די געזעצן פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג.

פון זינט די בורזשואזיע איז געווארן קאנסערוואטיוו, איז די מאטעריאליסטישע טעאריע פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג מעגליך בלויז פון דעם פראלעטארישן שטאנדפונקט.

עס איז אמת, אז דער מאדערנער דיאלעקטישער מאטעריאליזם איז א גאנץ באזונדערער און אונטערשיידט זיך גאנץ באדייטענד פון דעם נאטור־וויסענשאפטליכען. פילע פון זיינע פריינד ראטען איהם טאקע, דערפאר פארבייטען דעם ווארט מאטעריאליזם אין זיין נאמען מיט אן אנדערען כדי עס זאלען ניט פארקומען קיין מיספארשטענ־דענישען. אויב אבער מארקס און ענגעלס האבען כסדר אנגעהאל־טען דעם נאמען „מאטעריאליזם" איז דאס געווען צוליב דער זעלבער אורזאכע, צוליב וועלכער זיי האבען זיך אנטזאגט צו ענדערען דעם

נאמען פון „קאמוניסטישען מאניפעסט" אויף „סאציאליסטישען" מיט'ן נאמען סאציאליזם דעקט מען איצט צו אזוי פיל פארשידענע סחורות, פון וועלכע מאנכע זיינען גאנץ ווערטלאז, ווי צ. ב. ש. דער קריסטליכער און נאציאנאלער סאציאליזם. דער ווארט קאמוניזם אבער באצייכענט גאנץ קלאר די צילען פון פראלעטאריאט, וועלכער פיהרט אז דעם רעוואלוציאנערען קאמף פאר זיין באפרייאונג.

פארבייטען דעם נאמען „דיאלעקטישער מאטעריאליזם" אויף אן אנדערען, ווי צ. ב. ש. „דיאלעקטישער מאניזם" „קריטיציזם" אדער „רעאליזם". וואלט מיינען פארבאהאלטען זיין אנטאגאניזם צו דער בורזשואזער געזעלשאפט. דער ווארט מאטעריאליזם, האט די גאנצע צייט, זינט דער הערשאפט פון קריסטענטום, געדינט אלס נאמען פאר דער פילאסאפיע פון ק א מ ף געגען די הערשענדע כחות. דערפאר טאקי האט ער אזא שלעכטען נאמען ביי דער בורזשואזיע, אבער טאקי דאס באוועגט אונז, די אנהענגער פון דער פראלעטארישער פילאסאפיע, זיך צו האלטען ביי דעם נאמען, וועלכער איז בעצם אויך גאנץ גוט צוגעפאסט צו איהר.

אז אויפפאסונג פון עטיק, וועלכע שטראמט ארויס פון אט דער פילאסאפיע, קען גערעכענט ווערען פאר א מאטעריאליסטישער.

2. די ארגאניזאציע פון דער מענשליכער געזעלשאפט.

א) די אנטוויקלונג פון דער טעכניק.

אין דעם פריהערדיגען קאפיטעל האבען מיר איבערגעלאזען דעם מענשען אויפ'ן גרענעץ, וועלכער טיילט איהם אפ פון אלע אנדערע לעבעדיגע באשעפענישען. לאמיר איהם איצט באטראכטען אין דער סטאדיע פון זיין אנטוויקלונג, פון שטאנדפונקט פון דער מאטעריאליסטישער אויפפאסונג פון דער געשיכטע. וואס דערהויבט איהם איבער די אנדערע לעבעדיגע באשעפענישען? איז צווישען איהם און זיי בלויז פאראן אן אונטערשיד אין גראד אדער אין זייער עצם? ניט אלס דענקענדער און ניט אלס מאראלישער וועזען אונטערשיידט

זיך דער מענש פון די אנדערע לעבעדיגע װעזענס. אבער — אפשר איז דער אונטערשיד אין דעם, װאָס דער מענש פ ר אָ ד ו צ י ר ט, ד. ה. אפשר באשטעהט דער אונטערשיד אין דעם װאָס דער מענש פאסט צו די מאטעריאלען, װעלכע ער געפינט אין דער נאַטור פאר זיינע צװעקען, דורך דעם װאָס ער בייט זייערע פארמען? אבער אויך אַט די טעטיגקייט געפינען מיר אין דער װעלט פון חיות, שוין ניט רעדענדיג װעגען פילע אינסעקטען, װי צ. ב. ש. די בינען, געפינען מיר ביי פילע פון די װארים־בלוטיגע חיות. ניין, אפילו ביי מאנכע פיש, א סאָרט פון פראָדוקטיװער טע־טיגקייט, נעמליך, די פראָדוקציע פון װאָהנונגען און באהאלטונגס־פלעצער, נעסטען, אונטערערדישע געביידעס און אז. װ. אמת, אַט די פראָדוקטיװע טעטיגקייט איז צו א הויכען גראַד דער רעזולטאַט פון גע'ירשנ'טע אינסטינקטען און אייגענשאפטען, אבער אין געװיסע פאלען װערט זי אזוי צװעקמעסיג צוגעפאסט, אז דאָ מוז אָהן צװייפעל שפּילען א ראָליע דער באװאוסטזיין און דער װיסען פון אור־זאכליכע פארבינדונגען.

איז דאָס אפשר דער פאקט, װאָס דער מענש באנוצט געצייג, װאָס אונטערשיידט איהם פון די אַנדערע? ניין, אויך דאָס ניט! ביי אפען געפינען מיר דעם אַנפאנג פון באנוצען געצייג: זיי געברויכען צװייגלאַך פאר זייער פארטיידיגונג, שטיינער כדי צו צוברעכען ניס, און א. ז. װ. זייער אינטעליגענץ און די אַנטװיקלונג פון הענט, מאכט עס פאר זיי מעגליך.

אַלזאָ, הייסט דאָס, אז ניט דורך פ ר אָ ד ו צ י ר ע ן ג ע־ב ר ו י כ ס ־ מ י ט ל ע ן, ניט דורך ב א נ ו צ ע ן ג ע צ י י ג, אונטערשיידט זיך דער מענש פון די אנדערע לעבעדיגע באשעפעני־שען. מיט װאָס דער מענש אונטערשיידט זיך יע פון זיי אַלעמען, איז דערמיט װאָס ער פ ר אָ ד ו צ י ר ט ג ע צ י י ג, װעלכע דינען איהם פאר פראָדוקציאָנס־צװעקען, אזוי גוט װי פאר פארטיידיגונג אדער אַנגריף. די אנדערע חיות קענען אין בעסטען פאַל באנוצען די געצייג װעלכע זיי געפינען פארטיגע אין דער נאַטור; ערפינדען קענען זיי ניט. זיי קענען פראָדוצירען זאכען פאר זייער באלדיגען גע־

ברויד, אויפבויען פאר זיך וואהנונגען, צונויפזאמלען שפייז, זיי קענען אבער ניט דענקען אפילו אויף אזוי ווייט, צו פראָדוצירען זאכען וועלכע זאָלען ניט דינען פאר זייער באַלדיגען געברויך, נאָר פאר דער פראָדוקציע פון געברויכס־זאכען.

ווען ער הויבט אָן פראָדוצירען פראָדוקציאָנס־געצייג, דאַן הויבט אָן די מענשליכע חיה ווערען אַ מענשליכער מענש. דורך דעם געהט ער אינגאַנצען אַוועק פון דער וועלט, כדי צו גרינדען זיין אייגענעם קעניגרייך, אַ קעניגרייך מיט אַ גאַנץ באַזונדערען אופן פון אנטוויקלונג, וועלכע איז אינגאַנצען פרעמד פאַר דער איבעריגער נאַטור, און וועלכע קען ערגעץ אַנדערש ניט געפונען ווערען.

אזוי לאַנג ווי דער טהיר פראָדוצירט בלויז מיט דער הילף פון די אָרגאַנען, מיט וועלכע די נאַטור האָט איהם באַשאַנקען, אָדער באַנוצט זיך בלויז מיט אזוינע געצייג, וועלכע ער געפינט פאַרטיגע אין דער נאַטור, קען ער ניט איבערטרעטען די גרענעצען, וועלכע די נאַטור האָט פאַר איהם באַשטימט. זיין אנטוויקלונג קען נאָר פאָרקומען דורך דער ווייטערער אנטוויקלונג פון זיין אָרגאַניזם, דורך דער פאַרפאָלקאָמענונג פון אָרגאַנען — דעם מאַרך אַריינגערעכענט. דאָס איז אַ לאַנגזאַמער און אומבאַוואוסטזיניגער פראָצעס אָנגעטריבען דורך דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, און וועלכען ער קען ניט פאַרשנעלערען דורך זיין באַוואוסטזיניגער טעטיגקייט.

פאַרקערט איז דאָס מיט'ן מענשען. דורך דעם וואָס ער פראָדוצירט געצייג, באַנוצענדיג דעם וואָרט אין דעם ברייטסטען זין, שאַפט ער זיך דערמיט באַוואוסטזיניג און אויסגערעכענטערהייט נייע אָרגאַנען, אָדער ער פארשטאַרקט און מאכט נוצליכער זיינע נאַטירליכע אָרגאַנען. אזוי, אז ער קען ניט נאָר פיל לייכטער און בעסער פראָדוצירען די זעלבע זאכען, וועלכע זיינע אָרגאַנען פלעגען פראָדוצירען, נאָר אויך דערגרייכען אזוינע רעזולטאַטען, וועלכע וואָלטען פריהער בשום אופן ניט מעגליך געווען. אַזוי ווי אבער דער מענש איז ניט נאָר אַ חיה, וואָס איז באַשאַנקען מיט אַ העכערער אינטעליגענץ און מיט הענט, וואָס זיינען דורכאויס נויטיג פאר דער פראָדוקציע פון געצייג, נאָר אויך אַ געזעלשאַפטליכע חיה, ווערט די אנטדעקונג און

קארל קאוטסקי

באשאפונג פון א וועלכער עס איז געצייג, וואס ווערט געמאכט פון א ספעציעל־באגאבטען יחיד — א מארקס, א קאנט אדער און אריס־טאטעל, ניט פארלארען נאך זיין טויט. זיין גרופע נעמט אויף די ענטדעקונג און זעצט איהר פאר, און געווינט דורך דעם א פארצוג אין איהר קאמף פאר דער עקזיסטענץ. זייערע קומענדע דורות זיינען א דאנק דעם, מעהר ערפאלגרייך און קעמפען פאר זיך אויס בעסערע פאזיציעס, א דאנק וועלכע זיי קענען זיך בעסער אויפהאלטען און זיך פארמערען, ווי די אנדערע גרופען פון דעם זעלבען מין. דער גאנצער שארפזין וואס די גרופע פארמאגט, ווערט אנגעווענדעט אויף אויסצובעסערען די פריהערדיגע אנטדעקונגען, אדער אויף צו מאכען נייע.

אויב די אנטוויקלונג פון הענט, און א געוויסע מאס פון איני־טעליגענץ, האבען געמאכט מעגליך פאר'ן מענשען די אנטדעקונג און באשאפונג פון געצייג, האט זיין סאציאלער כאראקטער באשאפען די נויטיגע באדינגונגען פאר דער כסדר'דיגער אנזאמלונג פון נייע, און פאר דער פארבעסערונג פון די אלטע אנטדעקונגען, ד. ה. פאר דער אונאויפהערליכער אנטוויקלונג פון דער טעכניק. דער לאנגזאמער, אומבאוואוסטזיניגער און אומבאמערקבארער פראצעס פון דער אנט־וויקלונג פון די ארגאניזמען אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ, וועלכער הערשט אין דער גאנצער איבעריגער ארגאנישער וועלט, טרעט אפ, אין דער מענשליכער געזעלשאפט, אלץ מעהר און מעהר אן א זייט, איבערלאזענדיג זיין פלאץ צום פראצעס פון באוואוסטזיניגער אומענדערונג, צופאסונג און פארפאלקאַ־מענונג פון זיינע ארגאנען. מעסטענדיג מיט אונזער מאדערנער מאס, זעהט אט די אנטוויקלונג פון אנפאנג אויס אלס א זעהר לאנגזאמע און אומבאמערקבארע, אבער שוין אפילו דאן איז זי אוועק מיט פיל שנעלערע טריט, ווי דער נאטירליכער אויסוואל. פון דער צייט אן ווערט דער טעכנישער פראגרעס דער פונדאמענט פון דער גאנצער מענשליכער אנטוויקלונג. אויף איהם, און ניט אויף עפעס א געהיימ־ליכען פונק, רוהט אלץ וואס אונטערשיידט דעם מענשען פון דער חיה.

יעדער נייער שריט אויפ'ן וועג פון טעכנישען פראגרעס איז א באוואוסטזיניגער און ווילענדיגער. דאס איז דער רעזולטאט פון דעם מענשענס שטרעבען קינסטליך צו פארגרעסערען זיינע כחות, און וואס מעהר זיך דערהויבען איבער די גרענעצען, וועלכע די נאטור האט פאר איהם באשטימט. אבער יעדער טעכנישער פראגרעס, שלעפט מיט זיך מיט, נויטווענדיגערווייזע, אזוינע רעזולטאטען, וואס זיינע איניציאטארען האבען נים געוואלט און ניט געקענט וועלען, ווייל זיי האבען נים געקענט אפילו זיי ערווארטען. אט די רעזולטאטען קען מען אנרופען, אזוי גוט ווי די רעזולטאטען פון נאטירליכען אויס־וואל, די צופאסונג צו דער סביבה, דא אבער מיינט דאס צו א קינסט־ליכער סביבה, וועלכע ווערט פארענדערט פון דעם מענשען זעלבסט. ביי אט דער צופאסונג שפילט א גרויסע ראליע דער באוואוסטזיין, די באקאנטשאפט מיט דער נייער סביבה און איהרע באדערפענישען, אבער ניט די ראליע פון אן אומאפהענגיגען לייטענדען אימפולס.

ב) די טעכניק און די לעבענס־אופנים.

לאמיר פרובען קלערער מאכען דאס וואס מיר האבען פריהער געזאגט דורך פארשטעלען זיך וואס האבען געדארפט זיין די רעזול־טאטען פון דער ערשטער ערפאלגרייכער אנטדעקונג פון א געצייג, ווען דער מענש האט צום ערשטען מאל קאמבינירט א שטיין מיט א שטעקען, וועלכע די אפען באנוצען איינציגווייז, און פון זיי געמאכט א האמער אדער א האק. עס איז זעלבסט פארשטענדליך, אז וואס מיר וועלען דא זאגען, איז בלויז א היפאטעזע, ווייל מיר האבען וועגען אט דעם פראצעס קיין שום ריכטיגע ידיעות נים. דאס דארף דינען נים פאר קיין באווייז, נאר בלויז פאר אן אילוסטראציע. מיר וועלען עס דערפאר מאכען וואס איינפאכער און לייכטער, מיר וועלען צ. ב. ש. נים נעמען אין אנבאטראכט די פיש־כאפעריי, וועלכע האט, אהן צווייפעל, געהאט א גרויסע ווירקונג אויפ'ן פרימיטיווען מענשען.

אזוי שנעל ווי דער פרימיטיווער מענש האט נאר געקראגען א שפיז, האט ער שוין געקענט ארויס אין געיעג אויף גרויסע חיות. ביז

קארל קאוטסקי

דער צייט איז זיין גאנצע שפייז באשטאנען פון די פרוכטען, וואס ער האט געפונען אויף די בוימער, פון אינסעקטען, און ווארשיינליך פון פויגעלשע אייער און יונגע פויגעלאך. איצט אבער קען ער שוין הרג'ענען גרויסע חיות, און פלייש ווערט זיין וויכטיגסטע שפייז. די מערסטע גרויסע חיות וואהנען אבער אויף דער ערד און ניט אויף בוימער, דערפאר פארלאזט דאן דער מענש זיינע בוימער, זיין עולמות העליונים, און קומט אראפ אויף דער ערד. נאך מעהר, די חיות, וואס זיינען אמבעסטען צוגעפאסט פאר דעם מענשענס צוועקען, זיינען זעהר וועניג אין די פרימיטיווע וועלדער, זיי געפינען זיך מערסטענס אין די פלעצער וואו זיי געפינען גרויסע לאנקעס און פרעירעס. וואס מעהר אלזא דער מענש פארנעמט זיך מיט געיעג, אלץ מעהר מוז ער פארלאזען די אומבארירטע טראפישע וועלדער, צו וועלכע ער איז ביז איצט געווען צוגעבונדען.

אט די באשרייבונג, איז, ווי איך האב שוין געזאגט, א רייז היפאטעטישע. די אנטוויקלונג האט געקענט פארקומען אויך אין דער פארקערטער ארדענונג. פונקט ווי די ערפינדונג פון געצייג און געוועהר האבען געקענט דעם מענשען צווינגען צו איבערוואנדערען פון די אומבארירטע געדיכטע וועלדער, אין פלעצער, וועלכע זיינען פרייער און באוואקסען מיט גראז און זעלטענע בוימער, אזוי האט פונקט געקענט זיין פארקערט: די אורזאכען, וואס האבען דעם מענשען ארויסגעטריבען פון זיין פרימיטיווער וואהנונג, האט געקענט דינען אלס דער ערשטער שטויס צו אנטדעקען געצייג און געוועהר. לאמיר אננעמען פאר א ביישפיל, אז די צאל מענשען האט איבערגעוואקסען די צאל שפייז, וואס זיי קענען אין א באשטימטען ארט קריגען, אדער אז די אייז-באדעקטע בערג פון צענטראל אזיע האבען אראפגעזונקען טיף ארונטער, און האבען דערמיט ארויסגעשטויסען דעם פרימיטיווען מענשען פון זיינע וועלדער, און פארטריבען אין די מיט גראז באוואקסענע טהאלען, וואס געפינען זיך גלייך דערביי, אדער אז א דאנק דער אלץ וואקסענדער טרוקענקייט פון קלימאט, איז דער פרימיטיווער וואלד שיטערער געווארען, און עס האט זיך אלץ מעהר באוויזען די בוימערלאזע, מיט גראז באוואק־

די עטיק

סענע שטיקער ערד. אין די אלע פאלען האט זיך דער מענש געמוזט אנטזאגען פון זיין פריהערדיגען לעבען אויף בוימער, און האט גע־מוזט זיך אנהויבען באוועגען אויף דער ערד; ער האט שוין איצט גע־מוזט זוכען פאר זיך חיות אלס שפייז, ניט קענענדיג זיך באנוגענען מיט די פרוכטען פון די בוימער. דער נייער לעבענס־ארט האט איהם געטריבען זיך אלץ מעהר און מעהר באנוצען מיט שטיינער און שטע־קענס, און האט איהם דערמיט געגעבען דעם ערשטען אנשטויס פאר דער ערפינדונג פון די ערשטע געצייג און געוועהר.

וועלכען אנטוויקלונגס־גאנג מיר זאלען ניט אננעמען, דעם ערשטען אדער דעם צווייטען — און זיי האבען געקענט פארקומען ביידע אין פארשידענע פלעצער — יעדענפאלס, איין זאך ווערט פון זיי קלאר, און דאס איז אז צווישען די נייע פראדוקציאנס־מיטלען און א נייעם אופן פון לעבען איז זיינע באדערפענישען, עקזיסטירט אן ענגע געגענזייטיגע פארבינדונג. יעדער איינער פון אט די פאקטארען רופט, אומפארמיידליך, ארוים דעם צווייטען; יעדער איינער פון זיי ווערט נויטיגערווייזע אן אורזאך פון אן ענדערונג, וועלכע שליסט אין זיך אליין ווייטער איין נייע קומענדע ענדערונגען. אזוי צ. ב. ש. ברענגט מיט זיך יעדע ערפינדונג רעזולטאטען, וועלכע גיבען אן אנ־שטויס פאר ווייטערע ערפינדונגען, און דערמיט אויך פאר נייע באַ־דערפענישען, פאר א נייעם אופן פון לעבען, און א. ז. וו. א גאנצע קייט פון אן אומענדליכער אנטוויקלונג, וועלכע ווערט רק פארשידענ־ארטיגער און שנעלער, וואס מעהר זי געהט פארווערטס, און וואס מעהר זי וואקסט זיך פאנאנדער, אלץ גרעסער זיינען די מעגליכקייטען און אלץ לייכטער ווערען געמאכט נייע ערפינדונגען.

לאמיר איצט באטראכטען די רעזולטאטען, וועלכע האבען גע־מוזט קומען פון דער אנטשטעהונג פון געיעג אלס קוואל פון מענשלי־כער שפייז, און פון זיין ארויסוואנדערונג פון די אומבארירטע טרא־פישע וועלדער.

אויסער פלייש האט דער מענש אין זיין שפייז קארטע אויך ארייגגענומען די פרוכטען פון די בוימער, ווארצלען, גראז, קארען און אז. וו. אין דעם פרימיטיווען וואלד איז ניט מעגליך צו קולטיווי־

רען פלאנצונגען, סיידען מען זאל פריהער אפרייניגען דעם וואלד, און דאס איז איבער די כחות פון פרימיטיווען מענשען. ער האט בכלל גאר ניט געקענט קומען צו אזא געדאנק. ער האט זיך געשפייזט מיט די פרוכטען פון די בוימער, צו פלאנצען אבער פרוכט־בוימער, וועלכע וועלען ערשט ברענגען פרוכט אין עטליכע יאר שפעטער, איז נויטיג שוין א ישוב און א הויכע מאס פון קולטור, וואס דער פרימיטיווער מענש האט נאך ניט באזעסען.

פארזעען אבער גראזען אויף פעלדער און לאנקעס, איז פיל לייכטער, און קען געטאן ווערען מיט די פרימיטיווסטע מיטלען. אויסער דעם האט דער געדאנק פון פארזעען גראז געקענט צו איהם לייכטער קומען, ווייל דאס וואקסט אויס אין פארלויף פון א פאר וואכען. אין דעם פאל זיינען אורזאך און רעזולטאט אזוי נאהענט, און עס איז אזוי לייכט זיי באמערקען, און זיך אין זיי איבערצייגען, אז אפילו דער מענש פון דער פאר־היסטארישער עפאכע האט געקענט דערווארטען אליין צו באנוצען זיך מיט די רעזולטאטען פון זיין ארבייט.

פון דער צווייטער זייט אבער, זינט דער מענש האט פארלאזען זיינע טראפישע וועלדער, איז ער געווארען אונטערווארפען צו אלע קלימאטישע ענדערונגען. אין די געדיכטע וועלדער זיינען די ענדערונגען אין דער טעמפעראטור צווישען טאג און נאכט, ניט אזוי שארף באמערקבאר ווי אויף די לײדיגע לאנקעס, וואו די לופט ווערט בייטאג אנגעברענט פון די הייסע זונען־שטראלען, און ביינאכט קומט א שטארקע אפקיהלונג. דער שטורעם איז ניט אזוי קענטיג אין די אומבארירטע וועלדער, ווי אין די בוימער־לאזע געגענדען, און געגען רעגען און האגעל גיט די פרייע לאנקע פיל וועניגער באשיצונג ווי די געדיכט באוואקסענע וועלדער. אויף דער פרייער לאנקע מוז דער מענש דערפיהלען א באדערפעניש אין א באהעלטעניש־פלאץ און קליידער, זאכען, וואס זיינען אינגאנצען פרעמד געוועזן דעם איינוואוינער פון די טראפישע וועלדער. אויב די מענשען־ענליכע אפען בויען פאר זיך נעסטען, וואו זיי זאלען זיך קענען ביי נאכט אפרוהען, האט דער מענש געמוזט געהן פיל ווייטער. ער האט געמוזט אויפבויען פארטיי־

דיגונגס־וועגט און א דאך איבער זיי, אדער ער האט געמוזט פאר זיך זוכען א באהעלטעניש ערגעץ אין א הייל. פון דער צווייטער זייט, האט ער זיך איינגעוויקעלט אין די פעלען פון די דער׳הרג׳עטע חיות, וועלכע פלעגען איהם איבערבלייבען נאך דעם ווי די פלייש פלעגט אויפ־געגעסען ווערען. די באדערפעניש צו באשיצען זיך פון קעלט, האט געצוואונגען דעם מענשען זיך פארטראכטען וועגען דעם באזיץ פון פייער. אז מען קען איהם אויסנוצען פאר דער טעכניק, האט זיך דער מענש ערשט שפעטער דערוואוסט, לערנענדיג דאס ביס־לאכווייז, די ווארימקייט וועלכע דאס האט ארויסגעגעבען, האט אבער דער מענש גלייך געפיהלט. מיר וועלען אפשר קיין מאל זיכער ניט וויסען ווי אזוי דער מענש האט אנטדעקט דעם געברויך פון פייער. זיכער איז אבער, יע־דענפאלס, אז דער מענש פון די טראפישע לענדער האט זיך אין איהם ניט גענויטיגט אלס מיטעל פון ווארימקייט, און ער וואלט איהם טאקי אויך ניט געקענט אויפהאלטען שטענדיג, א דאנק דער שטענדיגער דארטיגער פייכטקייט. בלויז אין די מעהר טרוקענע געגענדען, וואו עס האבען זיך געפונען א סך טרוקענע ברען־מאטעריאלען, האבען גע־קענט פארקומען פייערען, פון בליצען, אדער נאך גיכער פון די פונ־קען, וועלכע די שטיינערנע פרימיטיווע געוועהר האבען ארויסגעגעבען. אדער פון דער היץ, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורך בויערען לעכער אין האלץ. — און דאס האט באקענט דעם מענשען מיט דעם געברויך פון פייער.

ווי מיר זעהען, האט זיך געענדערט דאס גאנצע לעבען פון מענ־שען, זיינע באדערפענישען, זיין וואוינונג, זיין שפייז, און ווי עס איז נאר געמאכט געווארען די ערשטע ערפינדונג, אזוי שנעל ווי עס איז נאר ערפונדען געווארען דער שפיז אדער די האק. (שטיינערנע), האט עס גלייך געפירט צו פילע אנדערע ערפינדונגען.

דער באוואוסטזייז האט אין די אלע ענדערונגען געשפילט א גרויסע ראלע, דאס מיינט אבער דער באוואוסטזיין פון אנדערע שפע־טערדיגע דורות, ניט פון יענע, וואס האבען ערפונדען דעם שפיז און די האק, און די אויפגאבען, וועלכע די שפעטערדיגע דורות האבען

זיך געשטעלט, זיינען אויך ניט געווען די, וואָס די פריהערדיגע האָ־בען זיך געשטעלט: זיי זיינען אומפאַרמיידליך ערשיענען פון זיך אליין, גלייך נאָך דעם ווי עס איז געמאַכט געוואָרען אַן ערפינדונג.

מיט די ענדערונגען אין די וואוינונגען, באַדערפעניסען, שפּייז, און דעם גאַנצען אופן פון לעבען, זיינען נאָך אַלץ ניט אויסגעשעפּט די ווירקונגען, וועלכע די ערפינדונגען האָבען אויפ׳ן מענשליכען לעבען.

ג) דער אָרגאַניזם פון חיות און דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזם.

די צוטיילונג פון דער ארבייט אין דעם לעבעדיגען אָרגאַניזם איז באַגרענעצט, ווייל די באַזונדערע אָרגאַנען זיינען צונויפגעוואַקסען מיט דעם גאַנצען קערפּער, און קענען ניט געענדערט ווערען, פּונקט ווי זייער צאָל קען ניט באַגרענעצט ווערען. דאָס באַשטימט די גרע־נעצען פאַר דער פאַרשידענאַרטיגקייט פון די פונקציעס, וועלכע דער טהירישער אָרגאַניזם קען אויספירען. עס איז צ. ב. ש. דורכאויס אוממעגליך אַז דערזעלבער ארגאַן זאָל קענען באַנוצט ווערען צו האַל־טען זאַכען, צו לויפען אָדער צו פליהען, ניט רעדענדיג שוין וועגען דער ווייטערער ספּעציאַליזאַציע.

די געצייג קען אָבער אַ מענש יאָ בייטען. ער קען זיי צופּאַסען צו אַ וועלכען עס איז באַשטימטען צוועק. ווען ער איז פאַרטיג דער־מיט, לייגט ער עס אָפּ אַן אַ זייט, און דאָס קען איהם ניט שטערען גלייך צו טאָן אַן אַנדער אַרבייט מיט אַנדערע געצייג. די צאָל פון זיינע געצייג איז אויך ניט קיין באַשרענקטע. ווי דאָס איז דער פאַל מיט זיינע קערפּערליכע אָרגאַנען.

אין דעם אָרגאַניזם פון אַ חיה איז ניט בלויז באַשרענקט די צאָל פון אָרגאַנען, נאָר אויך די מאָס פון דער ק ר אַ פ ט, מיט וועלכע יעדער איינער פון זיי קען זיך באַוועגען. די קראַפט פון אַ וועלכען עס איז אָרגאַן קען אין קיין פאַל ניט איבערשטייגען די קראַפט פון

דעם גאַנצען אָרגאַניזם, זי מוז פּאַרקערט שטענדיג זיין ווינציגער, ווייל דער קערפּער מוז דאָך ערנעהרען אַלע אָרגאַנען, און קען זיך צו־פיל ניט אָפּגעבען מיט איינעם. די קראַפט אבער וואָס באַוועגט אַ געוויסע געצייג, מוז זיך ניט באַנוגענען מיט דעם כח פון איין מענשען, ווייל די געצייג עקזיסטירט דרויסען פון דעם מענשען, קענען זיך פאראייניגען פילע מענשען צוזאַמען, כדי עס צו באַוועגען. זיי קענען זיך באַנוצען מיט אַנדערע, ניט מענשליכע, כחות, ווי צ. ב. ש. מיט אַנדערע חיות, מיט וואַסער, ווינד אָדער פּאַרע.

די אַנטוויקלונג פון דעם מענשענס קינסטליכע אָרגאַנען, איז גע־גענזאַץ צו דער אַנטוויקלונג פון די נאַטירליכע אָרגאַנען פון אַ לעבע־דיגען אָרגאַניזם, איז דערפאַר אומבאַגרענעצט, אַמוועניגסטענס, אין די גרענעצען פון דעם מענשליכען באַגריף. זיי זיינען בלויז באַגרענעצט דורך דער מאָס פון די באַוועגענדע כחות, וועלכע די זון און די ערד גיבען איבער אין דעם מענשענס ממשלה.

דאָס וואָס די קינסטליכע אָרגאַנען פון מענשען זיינען אָפּגע־טיילט פון זיין קערפּער, האָט נאָך אויך אַנדערע פאָלגען. ווען די אָר־גאַנען זיינען צונויפגעוואַקסען מיט'ן טהירישען אָרגאַניזם מיינט דאָס, אַז אַט די זעלבע אָרגאַנען זיינען פאַראַן ביי יעדען יחיד. אַז אויסנאַם זיינען בלויז די אָרגאַנען פון רעפּראָדוקציע, בלויז דאָ קען זיין אַ צוטיילונג פון אַרבייט אין דער טהירישער געזעלשאַפט, מיינט פּשוט, אַז מאַנכע יחידים נעמען איבער אויף אַ באַשטימטע צייט, באַשטימטע פונקציעס, ווי צ. ב. ש. אַלס היטער, אָדער פירער און א. ז. וו. ניט באַנוצענדיג דערביי אַזוינע אָרגאַנען וואָס זאָלען זיין אַנדערש ווי די וואָס אַלע אַנדערע יחידים באַנוצען.

די ערפינדונג פון געצייג מאַכט אבער מעגליך, אַז אין דער מענשליכער געזעלשאַפט זאָלען באַשטימטע יחידים באַנוצען כסדר, אָדער מעהר ווי אַלע אַנדערע, באַשטימטע געצייג, וועלכע זיי קענען באַנוצען בעסער ווי אַלע אַנדערע. מיר קומען דערפאַר צו דער פאָרמע פון אַרבייטס־צוטיילונג אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, וועלכע איז אין גאַנצען פאַרשידען פון דער אומבאַדייטענדער פאָרמע, וואָס הערשט אין דער טהירישער געזעלשאַפט. און די לעצטע, טראָץ דער

אַרבייטס־צוטיילונג, פאַרבלייבט דער יחיד אַלץ א וועזען. וואָס באַ־זיצט די אַלע אָרגאַנען, וועלכע זיינען פאַר איהם נויטיג, כדי צו דער־האַלטען זיין לעבען. אין דער מענשליכער געזעלשאַפט איז ניט אַזוי— און וואָס מעהר עס אַנטוויקעלט זיך די אַרבייטס־צוטיילונג, אַלץ וועניגער איז דאָס אַזוי. וואָס מעהר עס אַנטוויקעלט זיך די געזעלשאַפט, איז אַלץ גרעסער די צאָל פון די אָרגאַנען, וועלכע זי באַזיצט פאַר דער דערגרייכונג פון די לעבענס־מיטלען, וועלכע זי מוז האָבען, כדי פאַרטצוזעצען איהר לעבענס־אַרט. אָבער אַלץ מעהר ווערען די אָרגאַנען, אין וועלכע זי נויטיגט זיך, און אַלץ וועניגער זיינען די זעלבסט־שטענדיגע אָרגאַנען וועלכע דער יחיד באַזיצט. א דאַנק דעם ווערט פאַרגרעסערט די מאַכט פון מענשען איבער דער נאַטור, עס ווערט אָבער אויך פאַרגרעסערט די אומבאַהאָלפענקייט פון דעם יחיד, אויסער דער געזעלשאַפט, אַלץ מעהר אָפּהענגיג ווערט ער פון איהר. די טהירישע געזעלשאַפט. זייענדיג אַליין א רעזולטאַט פון א נאַטירליכען וואוקס, קען קיין מאָל ניט דערהויבען איהרע מיטגלידער איבער דער נאַטור. די מענשליכע געזעלשאַפט אָבער, איז פאַר׳ן איינצעלנעם מענש א באַזונדערע וועלט, וואָס איז אינגאַנצען אַנדערש פון דער איבעריגער נאַטור, און וועלכע, ווי עס דאַכט זיך איהם, באַשטימט מעהר זיין עקזיסטענץ ווי די נאַטור, וואָס מעהר עס וואַקסט די אַר־בייטס־צוטיילונג, אַלץ מעהר פאַרעכענט ער זיך, שטיצענדיג זיך אויף דער געזעלשאַפט אַלס איהר גליכען.

דאָס לעצטע איז פּראַקטיש פּונקט אַזוי אומבאַגרענעצט ווי דער טעכנישער פּראָגרעס זעלבסט. איהרע גרענעצען זיינען — די פאַר־שפּרייטונג פון דעם מענשליכען מין.

מיר האָבען פריהער געזעהן, אַז די טהירישע געזעלשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר א גאַנץ באַזונדערען סאָרט אָרגאַניזם, אַנדערש ווי די אָרגאַניזמען פון חיות און פלאַנצען; איצט זעהען מיר, אַז די מענש־ליכע געזעלשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייגענאַרטיגען אָרגאַניזם, וועלכער אונטערשיידט זיך ניט וועזענטליך, ניט נאָר פון טהירישען און פלאַנצען־אָרגאַניזם. נאָר אויך פון דער טהירישער געזעלשאַפט.

די עטיק

דערביי זיינען איבערהויפט וויכטיג צוויי וויכטיגע מאָמענטען. אין וועלכע זיי אונטערשיידען זיך. מיר האָבען נאָר וואָס געזעהן, אז דער טהירישער יחיד באַזיצט אַלע אָרגאַנען, וועלכע זיינען נויטיג פאַר זיין עקזיסטענץ, אין דער צייט, וואָס דער מענשליכער יחיד קען זיך אָהן דער הילף פון דער געזעלשאַפט ניט באַגעהן. די ראַביזאָן קרוזאָס, וועלכע שאַפען אַליין פאַר זיך, אָהן וועלכע עס איז מיטלען, אַלץ וואָס זיי באַדאַרפען, געפינען זיך בלויז אין קינדערמעשיות און אין די וויסענשאַפטליכע אַרבייטען פון די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען, וועלכע גלויבען, אז דער בעסטער אופן ווי אזוי צו אַנטדעקען די געזעצען פון דער געזעלשאַפט — איז דורך איגנאָרירען זיי. לויט זיין גאַנצען וועזען איז דער מענש אָפּהענגיג אַן דער געזעלשאַפט, זי הערשט איבער איהם, און זיין אייגענאַרטיגקייט קען דערקלערט ווערען בלויז דורך דער אייגענאַרטיגקייט פון דער געזעלשאַפט.

אָבער די אייגענאַרטיגקייט פון דער געזעלשאַפט האַלט זיך אין איין בייטען, וויי̇ל די מענשליכע געזעלשאַפט, להפוך פון דער טהירישער, אַנטוויקעלט זיך א דאַנק די ערפאַלגען, וואָס זי מאַכט אין דער טעכניק. די טהירישע געזעלשאַפט אַנטוויקעלט זיך וואַרשיינליך, בלויז אויף אזוי פיל, ווי פיל דער גאַנצער מין אַנטוויקעלט זיך.

די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט געהט מיט פיל שנעלערע טריט. עס קען אָבער ניט זיין קיין גרעסערער טעות ווי פאַרגלייכען די אַנטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט צו דער אַנטוויקלונג פון דעם יחיד און אונטערשידען דאָרט, פעריאָדען פון קינדהייט, יוגענד, עלטער און טויט. אזוי לאַנג ווי עס האָבען זיך ניט אויסגענומען די כחות וועלכע די ערד באַזיצט, אזוי לאַנג, הייסט דאָס, ווי עס איז ניט פאַרשוואונדען דער באַזיס פון טעכנישען פּראָגרעס, קומט נאָך אונז ניט אויס צו וואַרטען אויף דער עלטער און נאַטירליכען טויט פון דער געזעלשאַפט: מיט דעם וויי̇טערדיגען פּראָגרעס פון דער טעכניק וועט זי זיך אַלץ מעהר און מעהר אַנטוויקלען, און אין דעם זין איז זי אומשטערבליך.

יעדע געזעלשאַפט באַשטעהט פון א טעכנישען אַפּאַראַט, וועל־

קאַרל קאַוטסקי

כּען זי קען באַנוצען, און פון די מענשען, וועלכע ברענגען איהם אין באַוועגונג, פאַר אַ דעם צוועק טרעטען מענשען אריין צווישען זיך אין די פאַרשידענאַרטיגסטע באַציהונגען. אַזוי לאַנג ווי אַט דער אַפּאַראַט האַלט זיך נאָך אין פאַרפאַלקאָמענען, און אַזוי לאַנג ווי די מענשען, וועלכע באַוועגען איהם, ווערען ניט געמינדערט, ניט אין צאָל, ניט פיזיש און ניט גייסטיג, קען קיין רעד ניט זיין וועגען דעם טויט פון דער געזעלשאַפט.

אַזאַ זאַך האָט נאָך קיין מאָל ניט געטראָפען אַלס פּערמאַנענ־טער צושטאַנד מיט קיין געזעלשאַפט. אמת, אָפט האָט געטראָפען, אַז אַ דאַנק באַזונדערע אורזאַכען, מיט וועלכע מיר ווע לען זיך באַ־קענען שפּעטער, זיינען די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען, וועלכע זיי־נען אַרויסגערופען געוואָרען דורך די געזעלשאַפטליכע נויטען, פאַר־שטיינערט געוואָרען, און זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין שטערונ־גען פאַר דעם פּראָגרעס פון דעם טעכנישען אַפּאַראַט, אַזוי גוט ווי פאַר דעם וואוקס פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, סיי אין זייערע פיזישע און גייסטיגע כּחות, און האָבען אָפט אפילו געבראַכט צו רעגרעסיווע באַוועגונגען. אבער רעדענדיג מיט אַ היסטאָרישער שפּראַך, קען עס לאַנג ניט אָנהאַלטען. פריהער אָדער שפּעטער מוזען די קייטען פון דער אַנטוויקלונג צוריסען ווערען, אָדער דורך אַן אינער־ליכער באַוועגונג, דורך אַ רעוואָלוציע, אָדער, וואָס עס טרעפט אָפּ־טער, דורך אַן אויסערליכען שטויס, דורך אַ מלחמה. דערביי בייט אָפט די געזעלשאַפט אַ טייל פון איהרע מיטגלידער, אָדער איהרע גרענעצען, אָדער איהר נאָמען. דעם באַאָבאַכטער דאַכט זיך דאַן אויס, אַז די געזעלשאַפט איז אָפּגעשטאָרבען. באמת אבער — אויב שוין יע באַנוצען זיך מיט אַ ביישפּיל פון טהירישען לעבען — האָט זי בלויז געליטען פון אַ קראַנקהייט, פון וועלכער זי איז נאָכהער אַרויס אַ געשטאַרקטע. אַזוי צ. ב. ש. איז די געזעלשאַפט פון דער צייט פון דער רוימישער אימפּעריע ניט אָפּגעשטאָרבען, נאָר באַנייענדיג איהרע כּחות דורך די באַרבאַרישע בלוט, איז זי צוזאַמען מיט אַ טייל נייע מענשען, צוגעטראָטען, נאָך דער פעלקער וואַנדערונג, צו פאַרבעסע־רען און אויסברייטערען איהר טעכנישען אַפּאַראַט.

3. די ענדערונגען אין דער מאכט פון די סאציאלע אינסטינקטען.

א) די שפראך.

להיפוך צו דער געזעלשאפט פון חיות, האלט זיך די מענשליכע געזעלשאפט אין א שטענדיגען ענדערען־זיך, עס איז דערפאר קלאר אז אויך די מענשען האלטען זיך אין איין ענדערען. די ענדערונגען וועלכע קומען פאר אין די לעבענס באדינגונגען מוזען ווירקען אויף דער מענשליכער נאטור, די ארבייטס צוטיילונג מוז מאכנע פון זיינע נאטירליכע ארגאנען אנטוויקלען פיל מעהר ווי אנדערע, און אנדערע פארענדערען. אזוי צ. ב. ש. האט די אנטוויקלונג פון דער מענשען־ענליכער אפע, פון א פרוכט־עסענדער חיה און א חיה וואס ערנערט זיך מיט אנדערע קלענערע חיות, וועלכע געפינען זיך אויף דער ערד, געמוזט מיט זיך ברענגען די אנטוויקלונג פון די הינטערשטע הענט און פיס. פון דער צווייטער זייט, פון זינט דער ערפינדונג פון געצייג, איז קיין חיה ניט אונטערוואָרפען געוואָרען אונטער אזוי פיל, און אזוינע שנעלע, ענדערונגען פון איהר נאטירליכער סביבה, ווי דער מענש. קיין איין לעבעדיגען וועזען איז ניט אויסגעקומען צו לייזען אזעלכע גרויסע, און אימער וואקסענדע, פּראבלעמען פון צופאסען זיך צו דער נייער סביבה, און קיינעם, איז ניט אויסגעקומען זיך אזוי פיל באנוצען מיט דעם באוואוסטזיין, ווי דעם מענשען. פון די ערשטע שריט וואס ער מאכט אויפ'ן וועג פון ערפינדען געצייג, ווייזט זיך גלייך ארויס אז ער שטעהט פיל העכער, איבער אלע אנדערע לעבע־דיגע וועזענס, א דאנק זיין מעגליכקייט זיך צופאסען און דערקענען: עס פארשטעהט זיך אז אין דעם לויף פון זיין געשיכטע האט ער גע־מוזט אט די אייגענשאפטען זיינע, אנטוויקלען ביז צו א גאר הויכען גראד.

אויב די ענדערונגען אין דער געזעלשאפט קענען אויך ענדערען דעם מענשליכען ארגאניזם, זיינע הענט, פיס און מארך, קענען זיי נאך פיל מעהר ענדערען זיין באוואוסטזיין און זיינע מיינונגען וועגען גוט

און שלעכט, ווענען נוצליך און שעדליך, ווענען מענגליכעס און אוממעג־ליכעס.

די דערהויבונג פון מענשען איבער אלע אנדערע לעבעדיגע וועזענס הויבט זיך אָן מיט דער ערפינדונג פון געצייג. אבער פאר דעם צוועק איז גאָרניט נויטיג געווען אז דער מענש זאָל שליסען א געזעלשאַפטליכען קאָנטראַקט, ווי מען האָט געדענקט אין 18טען יאָהר־הונדערט, אדער ווי מאַנכע יוריסטען פון 20טען יאָהר־הונדערט, גלויבען נאָך אלץ. ער טרעט אריין אין דער סטאַדיע פון זיין מ ע נ ש־ל י כ ע ר אנטוויקלונג שוין אלס געזעלשאַפטליכע חיה, מיט שטאַרק אנטוויקעלטע סאָציאַלע אינסטינקטען. דער ערשטער עטישער איינפלוס וואס די געזעלשאַפט האָט געהאַט, איז געווען דער איינפלוס אויף ד ע ר מ א כ ט פון די סאָציאַלע אינסטינקטען. אין איינקלאַנג מיט דעם כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט, ווערען אָט די אינסטינקטען אדער אָפּגעשוואַכט אדער פארשטאַרקט. עס איז א גרויסער טעות צו דענקען אז די סאָציאַלע אינסטינקטען ווערען אימער פארשטאַרקט, מיט דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

דאָס איז אפשר אמת בנוגע דעם אנהויב פון דער אנטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. אַלע אימפּולסען וועלכע האָבען שוין אין דער וועלט פון חיות אנטוויקעלט סאָציאַלע אינסטינקטען, פארבלייבען אויך אין דער געזעלשאַפט, אבער צו זיי ווערען צוגעגעבען נאָך אנדערע נייע: די אלגעמיינע צוזאַמענארבייטונג, קאָאָפּעראַציע. די קאָאָפּעראַציע זעלבסט האָט געמוזט ארויס רופען די באַגעגענזייטיגער פאַרשטענדעניס; ד. ה. די אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך. דערפעניש איז א נייעם אינסטרומענט פון סאָציאַלע באַציהונגען און די אנדערע געזעלשאַפטליכע חיות קענען זיך באַגעהן מיט ווייניג מיטלען פון געגענזייטיגער פארשטענדעניס, דורך אויסדריקען פרייד, אדער שרעק, אומרוהיגקייט, כעס און א. ז. וו. יעדער יחיד איז ביי זיי א באַזונדער זאך וואס קען עקזיסטירען פאר זיך אליין. אַבער אַזוינע קלאַנגען זיינען דורכאויס ניט גענוג פאר א געמיינשאַפטליכען שאַפען, פאר דער פאַנאַנדערטיילונג פון פארשידענע ארבייטען, אדער פאר דעם געגענזייטיגען אויסטויש פון פּראָדוקטען. זיי זיינען ניט גענוג

די עטיק

פאר אזוינע יחידים וועלכע קענען בשום אופן ניט אויסקומען אן דער הילף פון אנדערע. די ארבייטס צוטיילונג איז ניט מעגליך אהן דער שפראך, וועלכע דריקט אוים ניט נאר געפיהלען נאר אויך זאכען און פראצעסען. די ארבייטס צוטיילונג קען זיך בלויז אנטוויקלען, אין דער מאס אין וועלכער עס ארבייט זיך אוים די שפראך; און ציהט מיט נאך זיך די באדערפעניש אין דעם.

די ווערטער וואס באצייכענען ט ע ט י ג ק י י ט, איבער־הויפט מענשליכע טעטיגקייט האבען זיך אנטוויקעלט פריהער ווי די וואס באצייכענען זאכען.

די צייט־ווערטער קומען פריהער ווי די הויפט־ווערטער די ערש־טע זיינען די ווארצלען פון וואנען די צווייטע שטאמען אפ.

אט וואס עס זאגט וועגען דעם ל. גײגער:

„ווען מען פרעגט זיך ווארום די נעמען פון ליכט און קאלירען זיינען געקומען שפעטער ווי די ווערטער פאר פארבען די קאלירען, איז דער ענטפער אז דער מענש האט פריהער פון אלעם באשריבען זיינע טהאטען, אדער די טהאטען פון זיינע מיטמענשען; זיין אויפ־מערקזאמקייט איז צוגעצויגען געווארען צו זאכען וואס האבען פאסירט צו איהם, אדער אין דער שכנות'דיגער געגענד וועלכע האט איהם דירעקט אינטערעסירט, אין דער צייט וואס ער האט נאך קיין געפיהל און קיין דערקענטעניש פעהיגקייטען ניט געהאט פאר אזעלכע קאמפ־ליצירטע עמפינדונגען ווי ליכט און שאטען, שיינענדע זאכען און בליץ. באטראכטענדיג די גרויסע צאהל באגריפען וועלכע מיר האבען דא גע־בראכט, באמערקען מיר, אז זיי אלע קענען צוריקגעפיהרט ווערען צו א זעהר באגרענעצטער צאל פון מ ע נ ש ל י כ ע ב א ו ו ע ג ו נ ג ע ן. דאס דערקלערט ווארום די פארשטעלונגען פון נאטור זאכען, אנט־וויקלען זיך אין אזא מערקווירדיג־ארום־און־ארום וועג פון באאבאכ־טונגען פון דער מ ע נ ש ל י כ ע ר ט ע ט י ג ק י י ט, וועלכע איז אויך וועלכען עס איז אופן עהנליך צו זיי, אדער שאפט זאכען וועלכע באזיצען כאטש א ווייטע עהנליכקייט צו זיי. דערפאר איז א בוים — עטוואס וואס איז אפגעשיילט, די ערד — עטוואס צוריבענעס, דער קארן וואס וואקסט אויף איהר — עטוואס וואס האט קיין שא־

לעבן ניט, דערפאַר זיינען די באַגריפען פון ערד, ים און אַפּט אויך פון המיעל אַן אַפּשטאַמונג פון איין און דער זעלבער גרונד פאַרשטעלונג וועגען עפּעס צוריבענעס, אנגעפּאַרבטעס, אַ סאָרט האַלב געדיכטע ליים־פּליסיגקייט.״ (דער אורשפּרונג דער שפּראַכע. ז. 3־151).

אַט דער וועג פון דער אַנטוויקלונג פון שפּראַך וועט פאַר אונז אויסזעהן גאַנץ נאַטירליך ווען מיר וועלען נעמען אין אַנבאַטראַכט אַז די ערשטע אויפגאַבע פון דער שפּראַך, צו מאַכען מעגליך די געגענזייטיגע פאַרשטענדעניס פון מענשען אין דעם פּראָצעס פון זייער געמיינשאַפטליכע טעטיגקייטען און באַוועגונגען. די ראָליע פון דער שפּראַך, אַלס געהילף אין דעם פּראָדוקציאָנס פּראָצעס ערקלערט אונז אויך וואָרום די פּרימיטיווע שפּראַך איז אַזוי אָרים אין איהרע באַצייכענונגען פון פאַרבען. גלאַדסטאָן און אַנדערע האָבען אויף דעם גרונד אַנגענומען אַז די גריכען פון האָמער'שען פּעריאָד, און אַנדערע פּרימיטיווע פעלקער האָבען זעהר ווייניג געקענט אונטערשיידען צווישען פאַרשידענע פאַרבען. דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות. עקספּערימענטען האָבען באַוויזען אַז די באַרבאַרען באַזיצען אַ זעהר אַנטוויקעלטען געפיהל פאַר פאַרבען. זייער טעכניק אָבער איז זעהר שוואַך אַנטוויקעלט, די צאָל פון פאַרבען וועלכע זיי קענען פּראָדוצירען איז זעהר קליין, און דערפאַר זיינען זייערע נעמען פאַר פאַרבען אויך זעהר ווייניג.*)

גרענט עלען צייגט אַז אַז אפילו נאָך איצט ווערען די נעמען פון קאָלירען פאַרמערט, וואָס מעהר די קאָליר־טעכניק וואַקסט. די נעמען פון קאָלירען דינען פריהער פון אַלץ, ניט פאַר דער באַשרייבונג פון דער נאַטור, נאָר פאַר דער טעכניק.

עס איז אוממעגליך צו פאַרשטעהן די אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך אָהן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס מעטאָדען. פון די לעצטע איז דאָס אויך אָפּהענגיג צי זאָל אַ וועלכע עס איז שפּראַך

---

*) „ווען דער מענש קען זיך שוין באַנוצען מיט די קאָליר־שטאָפען, וועט דער נאָמען פון אָט די קאָליר־שטאָפען גאַנץ לייכט אָננעמען ביי איהם דעם כאַראַקטער פון אַן אָביעקטיוו. אויף דעם אופן אַנטשטעהען די ערשטע נעמען פון קאָלירען״. (גרענט עלען, דהי קאָלאָר סענס, ז. 254).

פארבלייבען בלויז דער דיאלעקט פון א קליינעם שטבט אדער ווערען א וועלט־שפראך, אויף וועלכער עס זאלען רעדען מיליאנען מענשען.

די אנטוויקלונג פון דער שפראך איז גלייכצייטיג אן אויסערגעוועהנליך שטארקער מיטעל פון דעם סאציאלען צוזאמענבונד, פון א פארשטארקונג און אימער קלערערען באוואוסטזיין פון די סאציאלע אינסטינקטען. עס איז אמת אז גלייכצייטיג ברענגט זי מיט זיך אויך אנדערע רעזולטאטען: זי ווערט א מעכטיגער מיטעל איינצוהאלטען דעם ערווארבענעם וויסען, זיין פארשפרייטונג, און אויפהאלטונג פאר די קומענדע דורות. נאר מיט איהר הילף איז פאר אונז מעגליך צו שאפען באגריפען און דענקען וויסענשאפטליך, זי מאכט מעגליך די געבורט פון דער וויסענשאפט, און דערמיט אויך דעם זיג פון דער וויסענשאפט איבער דער נאטור. ערשט איצט קריגט דער מענש די מאכט איבער דער נאטור, און אן אויסגעדראכטע אומאפהענגיגקייט פון איהרע אויסערליכע איינפלוסען, און דאס רופט ביי איהם ארויס די אידעע פון פרייהייט. מיר וועלען זיך דא ערלויבען אביסעלע אוועקגעהן אהן א זייט. שאפענהאוער באמערקט זעהר ריכטיג אז:

„די חיה בילדעט פארשטעלונגען נאר דורכ'ן אויג, און פאלגליך אויך בלויז אזוינע מאטיווען וואס קומען דורכ'ן אויג, דערפאר וואַרפט זיך אזוי אין די אויגען די אפהענגיגקייט פון זיינע ווילענס־אקטען אן זיינע מאטיווען. דאס איז דער פאל אויך ביי מענשען, ער (האבענדיג אין זינען דעם יחיד) ווערט אויך באוועגט פון מאטיווען, וועלכע ווירקען מיט א שטרענגער נויטווענדיגקייט, אבער מערסטענס זיינען עס אבסטראקטע פארשטעלונגען, ד.ה. באגריפען, אדער געדאנקען וועלכע זיינען די רעזולטאטען פון פריהערדיגע עמפינדונגען. דאס גיט איהם א געוויסען סארט פרייהייט, אין פארגלייך מיט די חיות, ווייל ער ווערט באוועגט ניט פון דער ווירקליכער סביבה וואס ער קען זעהען מיט זיינע אויגען, נאר פון געדאנקען וועלכע ער האט באקומען פון פריהערדיגער ערפאהרונג, אדער וואס זיינען צו איהם איבערגעגעבען געווארען דורך לערנען. דערפאר זיינען די מאטיווען וועלכע באוועגען איהם צו טאטען ניט אזוי איינגעשיינליך. ער טראגט איהם אין זיין אייגענער קאפ. דאס גיט צו, ניט נאר צו אלע זיינע טאטען,

קאַרל קאַוטסקי

נאָר אויך צו אַלע זיינע באַוועגונגען, אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער ווי די פון די חיות; גלייכצייטיג דאַכט זיך ציהט זיך דאָס מיט דינערע און וועניגער מערקבאַרע פעדים. דערפאַר טראַגען אַלע זיינע באַוועגונגען די סמנים פון אויסגערעכענטקייט, און דאָס גיט זיי צו דעם כאַראַקטער פון אומאָפּהענגיגקייט, און טיילט זיי פיל אָפּ פון די חיה׳שע באַוועגונגען. אַבער אַט די אַלע גרויסע אונטערשידען זיינען אָפּהענגיג אויסשליסליך פון זיינע פעהיגקייטען פאַר אַבסטראַקטע פאָרשטעלונגען און באַגריפען" (פרייסשריפט איבער די גרונדלאַגע דער מאָראַל, 1860 ז. 148).

די פעהיגקייטען אָבער פאַר אַבסטראַקטע פאָרשטעלונגען זיינען אינגאַנצען אָפּהענגיג אָן דער שפּראַך. מעגליך אַז די אָרימקייט פון דער שפּראַך האָט פאַראורזאַכט די ערשטע פאָרשטעלונג. אין דער נאַטור עקזיסטירען בלויז איינצעלנע זאַכען, די שפּראַך איז אָבער צו אָרים אַז זי זאָל קענען יעדע באַזונדערע זאַך אָנרופען מיט אַ נאָמען, דערפאַר מוז דער מענש מיט איין־און־דעם־זעלבען נאָמען אָנרופען די אַלע זאַכען וואָס זיינען ענליך איינס צום צווייטען; אָבער דורך דעם טוט ער, אומבאַוואוסטזיניג, אַ וויסענשאַפטליכע אַרבייט, סינטעטיזירענדיג דאָס ענליכע און אָפּטיילענדיו די אומענליכע. די שפּראַך איז געוואָרען ניט נאָר אַן אָרגאַן פון געגענזייטיגער פאַרשטענדיגונג, נאָר אויך אַן אָרגאַן פון ג ע ד א נ ק. אפילו ווען איינער רעדט ניט מיט אַ צווייטען, נאָר דענקט פאַר זיך אַליין, מוז ער אויך זיינע געדאַנקען באַקליידען אין באַשטימטע ווערטער.

אויב די שפּראַך גיט דעם מענשען אַ פאָרהעלטענמעסיגע פרייהייט אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע לעבעדיגע וועזענס, מיינט דאָס בלויז אַז זי אַנטוויקעלט צום העכסטען פונקט דאָס וואָס דער מאָרך האָט אָנגעהויבען.

ביי די נידעריגערע וועזענס זיינען באַוועגונגס־נערוועז דירעקט פאַרבונדען מיט די עמפּפינדונגס־נערוועז. יעדע דרויסענדיגע אָנרע־גונג רופט גלייך און דירעקט אַרויס אַ באַוועגונג. אָבער ביסלעכווייז אַנטוויקעלט זיך דער נערוועז־צענטער, וועלכער ווערט דער הויפּט צענטער פון דער גאַנצער נערוועז סיסטעם. ער נעמט אויף אַלע אָנ־

רעגונגען און מוז זיי ניט באלד איבערגעבען צו די באוועגונגס־נערוועז, ער קען זיי צונויפזאמלען און איבער ארבייטען. די העכערע וועזענס קענען אויף דעם אופן אַנזאמלען ערפארונגען, מיט וועלכע ער קען זיך באנוצען, און אינסטינקטען וועלכע ער קען אונטער געוויסע באדינ־גונגען זאגאר איבערגעבען בירושה צו די קומענדע דורות.

אויף דעם אופן ווערט, דורך דעם מארך, פארטונקעלט דער צו־זאמענבונד צווישען די דרויסענדיגע אנרעגונגען און דער באוועגונג. אַבער א דאנק דער שפראך, דורך וועלכער עס ווערט מעגליך איבער־געבען ערפארונגען צו אנדערע, די באשאפונג פון אַבסטראקטע באגרי־פען, וויסענשאַפטליכע וויסען, און איבערצייגונגען, קען מען אין מאנכע פאלען אינגאנצען ניט זעהן די פארבינדונג צווישען דער עמ־פינדונג און באוועגונג.

דאָס זעלבע קומט אויך פאָר אין דער עקאָנאָמיע. די פרימיטיווע פאָרמען פון סחורה צירקולאציע איז דער אויסטויש פון פראָדוקטען וועלכע דינען פאר'ן פערזענליכען געברויך, אדער פאר דער פראָדוק־ציע. איינער גיט דאָ דעם געברויכס ארטיקעל, און א צווייטער נעמט איהם, דער ציל פון דעם אויסטויש — דער געברויך — איז דאָ קלאָר.

דאָס ווערט פארענדערט מיט דער אנטשטעהונג פון געלט אלס מיטעל פאר דער צירקולאציע. עס ווערט מעגליך צו פארקויפען און ניט גלייך קויפען, פונקט ווי דער מארך מאכט מעגליך געוויסע אַנרע־גונגען צו ווירקען אויפ'ן אָרגאניזם און דאך ניט ארויסרופען קיין באל־דיגע באוועגונג. פונקט ווי דער לעצטער מאכט מעגליך צו אנזאמלען א גאנצע צאָל פון ערפארונגען און אינסטינקטען, וועלכע קענען אפילו איבערגעגעבען ווערען בירושה, אזוי קען מען אויך דורך געלט אָנ־זאַמלען א גאנצען אוצר. פונקט ווי די אנזאמלונג פון אוצרות פון ערפארונג און אינסטינקטען, גיט, אונטער די נויטיגע סאָציאלע באַ־דינגונגען, די מעגליכקייטען פאר דער אנטוויקלונג פון דער וויסענ־שאַפט און די אויבערהערשאפט פון מענשליכען גייסט איבער דער נאַטור, אזוי גיט אויך די אַנזאמלונג פון געלט־אוצרות א מעגליכקייט, אונטער געוויסע געזעלשאפטליכע באדינגונגען, צו פארוואנדלען געלט אין קאפיטאל. דאָס הויבט אויף ביז א געוויסען גראד די פראָדוקטי־

קאַרל קאַוטסקי

וויטעט פון דער מענשליכער ארבייט, און פארשאפט איז פארלויף פון אייניגע הונדערט יאהר פיל גרעסערע ענדערונגען ווי עס איז מעגליך געוועזן פריהער אין הונדערטער־טויזענדער יאָרען.

עס זיינען דאַ פילאָסאָפען וואָס מיינען אַז עלעמענט, מאַרד, שפּראַך, דערקענטעניש פעהיגקייטען און אידעען, וועלכע שטעלען צו־זאַמען די פאַרבינדונג צווישען די עמפּינדונגען און באַוועגונגען, זיי־נען ניט נאַר איינפאַכע מיטלען, פאַר אַ צוועקמעסיגערער און ערפאָלג־רייכערער ווירקונג אויף די דאַזיגע פאַרבינדונגען, אין די אינטערעסען פון יחיד און פון דער געזעלשאַפט, נאָר אַז זיי רופען ארויס זעלבסט־שטענדיגע כחות און זיינען אפילו די שעפער פון דער וועלט. פונקט ווי אַט די פילאָסאָפען, זיינען אויך דאַ עקאָנאָמיסטען וואָס מיינען אַז געלט — דער דאָזיגער מיטעל־פונקט אין דער סחורה־צירקולאַציע, וואָס מאַכט מעגליך אין דער פאָרם פון קאַפּיטאַל צו אנטוויקלען די פּראָדוקטיווע כחות פון מענשען — שאַפט אַליין די צירקולאַציע, איז אַליין דער שעפער פון אַט די כחות, און פון אַלע ווערטען, וואָס ווערען פּראָדוצירט אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי דורך דער פּרימיטי־ווער האַנט־ארבייט.

די טעאָריע פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון קאַפּיטאַל בארוהט אויף אַ געדאַנקען פּראָצעס וואָס איז ענליך צו דעם געדאַנקען גאַנג וועגען דעם פרייען ווילען און וועגען דעם מאָראַלען געזעץ וועלכער רעגולירט אונזערע האַנדלונגען אויסער צייט און רוים. דער קאַמף וועלכען מאַרקס האָט אָנגעפירט געגען ביידע געדאַנקען גאַנגען איז דערפאַר בלויז דער רעזולטאַט פון דער פאָדערונג פון לאָגיק.

ב) מלחמה און אייגענטום.

צוזאַמען מיט דער געמיינשאַפטליכקייט פון ארבייט און שפּראַך, טרעט ארויס אלס מיטעל פאַר דער ווייטערער אנטוויקלונג פון די סאָ־ציאַלע אינסטינקטען, די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט דורך מלחמה.

מיר האָבען קיין גרונד ניט אָנצונעמען אַז דער פּרימיטיווער

מענש איז געווען קריגעריש געשטימט. די הארדעס פון אפען — מענשען וועלכע האבען זיך צונויפגעטראפען אויף איין־און־דעם־זעל־בען ערנערונגס פלאץ, האבען זיך אפשר געקריגט צווישען זיך, און איינס, דעם צווייטען פארטריבען. אבער אז עס זאל קומען אזוי ווייט אז איינער דעם צווייטען זאל ערמארדען — געפינען מיר ניט קיין ביישפיל ביי די אפען וועלכע לעבען היינט צו טאג. עס איז אמת, אז בנוגע די מענער־גארילאס גיט מען איבער, אז צייטענווייז טרע־טען זיי אריין צווישען זיך אין אזוינע פארביטערטע געשלעגען, אז איינער מוז בלייבען טויט. דאס זיינען אבער געשלעגען פאר א פרוי — ניט פאר ערנערונגס־פלעצער.

גאנץ אנדערש ווערט דאס ווען דער מענש ווערט א יעגער, וועל־כער באזיצט כלי זין וואס קענען מארדען, און וואס ווערט בכלל גע־וואהנט צו פארגיסען בלוט און אוועקנעמען פרעמדע לעבענס. עס קומט נאך צו, צו דעם נאך איין אומשטאנד אויף וועלכען ענגעלס האט שוין אנגעוויזען ווען ער האט דערקלערט דעם קאניבאליזם, דאס איז די ניט באשטענדיגקייט פון דער ערנערונג. אין די טרא־פישע לענדער איז דא געוויקסען איבער גענוג. אין די גראזיגע טאלען אבער קען מען ניט אזוי געפינען וואָרצלען אדער פרוכטען אויף צו עסען, און דאס פאנגען פון רויב איז מערסטענס א צופאל. די רויב־חיות האבען א דאנק דעם אנטוויקעלט די פעהיגקייט צו הונגערען אן אויסערגעוועהנליכע לאנגע צייט. דער מענשליכער מאגען אבער איז אויף דעם ניט פעהיג. די נויט באוועגט דערפאר א וועלכען עס איז ווילדען שבט ארוים אין א קאמף אויף לעבען און טויט מיט א שכניש'ען שבט, וועלכער האט פארנומען א געגענד וואס איז גוט פאר'ן געיעג. די ביטערקייט פון קאמף און דער שמערצליכער הונגער טרייבען זיי סוף כל סוף צו דעם, אז ניט נאר זאלען זיי מ א ר ד ע ן, נאר אויך א ו י פ ר ע ס ע ן זייער שונא.

אויף אט דעם אופן, שאפט דער טעכנישער פראגרעס א מענ־ליכקייט פון צוזאמענשטויסען וואס זיינען געווען אינגאנצען פרעמד צו דעם מענש־אפע. דאס איז שוין א קאמף ניט מיט וועזענס פון אן אנדער מין, נאר פון איין־און־דעם־זעלבען מין. אפט זיינען אט

קאַרל קאוטסקי

די קאמפען פיל ביטער־ער און בלוטיגער ווי דער קאמף מיט די לעאָ־פּאַרדען און פּאַנטערעס, נעגען וועלכע די גרעסערע אפען קענען גאַנץ גוט ביישטעהן.

עס איז א גרויסער טעות, אַנצונעמען אז דער פּראָגרעס פון דער קולטור און די פאַרמערונג פון וויסען, מוז מיט זיך ברענגען אויך א פאַרגרעסערטע הומאַניטעט. מען קען זאָגען אז די אַפּע איז הומאַנער, און פאַלגליך מענשליכער, ווי דער מענש. די ערמאָרדונג פון מיט־מענשען פאַר עקאָנאָמישע גרונדען זיינען די ספּעציפישע רעזולטאַטען פון דער אַנטוויקלונג פון קולטור און טעכניק פון כלי זין. אפילו איצט ווערט נאָך דער גרעסטער טייל פון דער גייסטיגער ארבייט פון מענ־שען אוועקגענומען פאַר דער פאַרפּאָלקאָמענונג פון די מאָרד־אינסטרו־מענטען.

בלויז אונטער ספּעציעלע אומשטענדען, ביי ספּעציעלע קלאַסען באַווייזט זיך, דורך דער וויטערער אַנטוויקלונג פון דער קולטור דאָס וואָס מיר רופען אָן די ראַפינירטקייט פון מאָנערען. די אַנטוויקלונג פון דער ארבייטס צוטיילונג גיט איבער די ארבייט פון מאָרדען מענ־שען און חיות צו באַשטימטע קלאַסען, יעגערס, קצבים, הענקערס, סאָלדאַטען און א. ז. וו. זיי אַלע פאַרנעמען זיך מיט בלוט פאַרגיסונג אַדער אַלס ספּאָרט, אַדער ווי אַ באַשעפטיגונג. די אַנדערע ווערען אינגאַנצען באַפרייט פון דער נויטווענדיגקייט און אפילו מעגליכקייט צו פאַרגיסען בלוט, אַזוי ווי צו ב. ש. די וועגעטעריאַנישע פּויערים וואָס וואָהנען אין די טאָלען ביי די טייכען־ברעגען אין אינדיע. די נאַטור זעלבסט מאַכט פאַר זיי אוממעגליך צו האָבען גרויסע סטאַדעס פיה, און דערפאַר איז פאַר זיי דער אָקס צו טייער אַלס משא־שלעפּער, אַדער די בהמה אַלס מילך געבעריז, אז זיי זאָלען זיי דער׳הרגנ׳ען. דאָס איז אויך דער פּאַל מיט דער גרעסטער טייל פון די שטאָט איינ־וואוינער פון די אייראָפּייאישע שטאַטען, זינט עס איז פאַרניכטעט געוואָרען די שטאַט רעפּובליק, עס איז באַשאַפען געוואָרען א געדונ־גענע ארמעע און עס איז אַנטשטאַנען די פּראָפעסיע פון קצבים, זיינען זיי אינגאַנצען באַפרייט פון דער נויטווענדיגקייט צו הרגנ׳ען

די עטיק

א וועלכע עס איז לעבעדיגע באשעפעניש. איבערהויפט איז די אינ־טעליגענץ אין פארלויף פון הונדערטער יאהרען אזוי אפגעוואהנט גע־ווארען פון פארגיסען בלוט, אז דאס רופט ביי זיי אפילו ארויס א געפיהל פון עקעל. זיי שרייבען דאס צו, צו זייער העכערער אינטע־ליגענץ, וועלכע, הייסט דאס, וועקט אין זיי, איידעלערע געפיהלען. אבער פאר די לעצטע יאהרען איז אין דער מערהייט פון די איירא־פייאישע שטאטען צוריק איינגעפיהרט געווארען די אלגעמיינע מי־ליטער דינסט, די מלחמות זיינען צוריק געווארען פעלקער־קריגען, און דאס האט ווייטער געמאכט אן ענדע צו דער איידעלקייט פון די גע־פיהלען פון דער אינטעליגענץ. פון דער צייט אן זיינען זיי פיל פאר־גרעבט געווארען: זיי שטעלען זיך מעהר ניט קעגען טויט־שטראף, וועלכע איז אין די פופציגער יאהרען פון 19טען יאהר־הונדערט פון אלעמען פאראורטיילט געווארען, און זיי זוכען אפילו צו אנטשול־דיגען און זינגען לויב־געזאנגען, צו די אלע גרויזאמקייטען פון קא־לאניאלע מלחמות, וועלכע וואלטען מיט א פופציג יאהר צוריק, אמ־ווענינגסטענס אין דייטשלאנד, אוממעגליך געווען.

ווי עס זאל ניט זיין, זיכער אז מלחמה שפילט ניט, היינט, ביי די מאדערנע פעלקער, די ראלע וועלכע זי האט געשפילט ביי די נא־מאדישע, פיה־פיטערענדע אדער יעגערישע שבטים. שאפענדיג גרוי־זאמקייטען און בלוט דורשטיגקייטען בנוגע דעם שונא, שאפט אבער אויך די מלחמה א פארשטארקערטען צוזאמענבונד צווישען די מיט־גלידער פון אט דעם שבט אדער געזעלשאפט. וואס גרעסער עס איז די געפאר פאר דעם יחיד, מצד דעם שונא, אלץ מעהר אפעהנגיג פיהלט ער זיך, אן דער געזעלשאפט, שבט אדער משפחה, וועלכע זיינען נאר אליין אימשטאנד איהם צו באשיצען. צוזאמען מיט דעם וואקסט אויך די סאציאלע באדייטונג פון טוגענד, זעלבסט אויפאפערונג, און מוטיגקייט, אין נאמען פון דער געזעלשאפט. וואס בלוטיגער עס איז דער קריג צווישען איין שבט און דעם צווייטען, אלץ מעהר וועט די סיסטעם פון אויסוואל ווירקען. זיגען וועט ניט נאר דער שטארקסטער שבט, נאר דער וואס האט די קלוגסטע, די אממערסטענס זעלבסט אויפאפערענדע, און דיסציפלינירטע מיטגלידער. אויף דעם אופן וויר־

קען די מלחמות אין די פּרימיטיווע צייטען, צו פאַרשטאַרקען די סאָ־ציאַלע אינסטינקטען אין מענשען.

אין דעם לויף פון דער מענשליכער אנטוויקלונג בייטען זיך אויך די פאָרמען פון מלחמות. עס בייטען זיך אויך די אורזאַכען. די ערשטע אורזאַכען פון מלחמות, די אומזיכערקייט און ניט־גענוגקייט פון שפּייז, פאַרשווינדט מיט דער ווייטערער אנטוויקלונג פון ערד אַרבייט און פיה־צוכט. עס אנטשטעהט אנשטאַט דעם אַ נייע אור־זאַך פון קריג: דאָס אייגענטום, דער באַזיץ פון ר י י כ ט י מ ע ר, ניט קיין פּריוואַטע אייגענטום, נאָר פון גאַנצען שבט. זייט ביי זייט מיט די שבטים וועלכע וואוינען אין פרוכטבאַרע געגענדען, וואוי־נען אַנדערע אין אומפּרוכטיגע געגענדען. זייט ביי זייט מיט וואַנ־דערענדע, קריגערישע און אָרימע פיה־פיטערער, באַגעגענען זיך פויערים, וואָס זיינען שוין אפּגעוואָהנט געוואָרען פון באַגעהן זיך מיט כלי זין, וועמעס באַלעבאַטישקייט עס שאַפט פאַר זיי אַן איבערפלוס פון פּראָדוקטען, און א. ז. וו. מלחמות ווערען דעמאָלט פאַרוואַנדעלט אין רויבערייען, און פאַרטיידיגונג קעגען רויבערייען. אַט דעם כאַ־ראַקטער האָבען מלחמות בעצם נאָך אפילו ביז היינט צו טאָג.

אַט די סאָרט מלחמה אפילו האָט אַ גוטע ווירקונג אויף דער פאַרשטאַרקונג פון די סאָציאַלע אינסטינקטען. אָבער, נאָר ביז דער צייט, ביז וואַנען דער אייגענטום איז דער אייגענטום פון גאַנצען שבט. מיט דער אנטשטעהונג פון באַזונדערע קלאַסען אין דער גע־זעלשאַפט, הערט די מלחמה אויף צו פאַרשטאַרקען די סאָציאַלע אינס־טינקטען, און מלחמות ווערען אַלץ מעהר און מעהר „די זאַך“ פון די הערשענדע קלאַסען, וועלכע שטרעבען צו אויסברייטערען די ספערען פון זייער עקספּלואַטאַציע, אָדער צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַן אַנ־דער הערשענדען קלאַס אין אַ שכנ׳יש לאַנד. פאַר די אונטערדריקטע קלאַסען זיינען אַט די מלחמות מערסטענס אַ פראַגע פון עקזיסטענץ, און אָפט ניט אפילו וועגען אַ בעסערער אָדער ערגערער עקזיסטענץ, נאָר בלויז — ווער וועט זיין זייער הערשער. פון דער צווייטער זייט ווערט די אָרמעע פאַרוואַנדעלט אָדער אין אַן אַריסטאָקראַטישער, אין וועלכע די מאַסע באַטייליגט זיך ניט, אָדער — אויב די מאַסען באַ־

טיילינען זיך יא — אין א גערונגענער, אדער געצוואונגענער ארמעע, וועלכע ווערט באהערשט דורך דעם הערשענדען קלאס. זיי דארפען מקריב זיין זייערע לעבענס, ניט פאר דער פארטיידיגונג פון זייערע אייגענע פארמעגענס, זייערע אייגענע פרויען און קינדער, נאר פאר פרעמדע, אפט פיינדליכע, אינטערעסען. אזוינע ארמעען זיינען ניט צוזאמענגעבונדען דורך סאציאלע אינסטינקטען, נאר דורך דער מורא פאר דעם הארטען, שטראפענדען געזעץ. זיי זיינען צוטיילט דורך דעם האס פון דער מאסע צו זייערע פיהרער, און דער גלייכגילטיג־קייט, און זאגאר אונצוטרויען פון די לעצטע, צו זייערע אונטער־טאנען.

אויף אט דער שטופע הערט די מלחמה אויף צו זיין א שול וואו די סאציאלע אינסטינקטען פון דער מאסע אנטוויקלען זיך. זי ווערט א שול וואו עס ווערט קולטיווירט די פאראכטענדע האלטונג פון די קריגערישע צו די דאזיגע קלאסען, ווייל זי לערענט די הערשענדע קלאסען צו באגעהן זיך מיט איהרע באהערשטע ווי די פיהרער פון דער ארמעע — מיט זייערע סאלדאטען, ברענגען זיי ביז צו בלינ־דער אונטערטעניגקייט און אהן רחמנות באלעבאטעווען איבער זייערע כחות און אפילו איבער זייערע לעבענס.

אט די אנטוויקלונג פון קריג איז, ווי מיר האבען שוין געזאגט, דער רעזולטאט פון ד'ער אנטוויקלונג פון אייגענטום, וואס איז אליין דער רעזולטאט פון דער אנטוויקלונג פון דער טעכניק.

יעדע זאך, וואס ווערט געשאפען אין דער געזעלשאפט, אדער וואס איז נויטיג כדי עפעס צו פראדוצירען, מוז דאך פאר־וואלטעט ווערען פון עמיצען: דאס קען זיין אדער פון א גרופע אדער פון א יחיד. דער אופן פון פארוואלטונג איז באשטימט פריהער פון אלץ דורך דער נאטור פון דער זאך, דורך דער נאטור פון דער פראָ־דוקציאנס־מעטאדע, און פון פראדוקט זעלבסט. ווער עס האט אליין פאר זיך געמאכט כלי זין, האט זיי אליין באנוצט; דאס זעלבע איז בנוגע דעם וואס האט פאר זיך אליין קליידער געמאכט. פון דער צוויי־טער זייט איז דאס פונקט אזוי נאטירליך געווען, אז דאס הויז וואס איז געבויט געווארען מיט די געמיינשאפטליכע כחות פון גאנצען

שבט, זאל פון גאנצען שבט באוואוינט ווערען. אויף דעם אופן זיי־נען פארשידענע פארמען פון באזיצען און באנוצען פארשידענע זאַ־כען, וועלכע זיינען איינגעפיהרט געווארען אין די פריהסטע צייטען, איבערגעגאנגען פון דור צו דור, און זיינען געווארען איינגעוואר־צעלטע געוואהנהייטען.

אזוי זיינען אנטשטאנען די געזעצען פון געוואהנהייט, וואס האַ־בען זיך שפעטער נאך מעהר אויסגעברייטערט. ווען קריגערייען ווע־גען די מעטאָדען פון באנוצען, אדער ווער עס זאל באנוצען געוויסע זאכען, פלעגען אויסברעכען, פלעגען די מיטגלידער פון גאנצען שבט דאס באשטימען. דער געזעץ איז ניט אנטשטאנען א דאנק א פריי־הער אויסגעטראכטער געזעצגעבונג, אדער א סאציאלען קאנטראקט, נאר פון געוואהנהייט, וועלכע איז באזירט אויף די טעכנישע באַ־דינגונגען. דארט וואו דאס איז געווען ניט גענוג, האט ער זיך גע־שטיצט אויף דעם אורטייל פון דער געזעלשאפט. אויף דעם אופן אנטשטעהען שטופענוויין די קאמפליצירטע געזעצען פון אייגענטום אויף די פארשידענע פראדוקציאנס־מיטלען און געזעלשאפטליכע פראדוקטען.

אין אנפאנג איז די קאמוניסטישע פארמע פון אייגענטום גע־ווען אלגעמיין, איבערהויפט אויף די פראדוקציאנס־מיטלען, ערד וועלכע פלעגט באארבייט ווערען געמיינשאפטליך, וואסער אפּאַראַ־טען, הייזער און אפילו פיה און אנדערע זאכען. דער געמיינשאפטלי־כער אייגענטום האט געמוזט גוואלדיג פארשטארקען די סאציאלע אינסטינקטען, און דעם אינטערעס פון יעדען יחיד צו דער געזעל־שאפט. אבער גלייכצייטיג האט זי אויך געמוזט פארשטארקען די אונטערטעניגקייט און אפּהענגיגקייט פון יחיד, צו זיין געזעלשאפט.

גאנץ אנדערש ווירקט דאס פריוואט אייגענטום פון באזונדערע משפחות אדער יחידים, אזוי שנעל ווי ער אנטוויקעלט זיך נאר אויף אזוי פיל, אז ער הויבט אן ארויסשטויסען דעם געמיינשאפטליכען אייגענטום. דאס פאסירט דעמאלט ווען די פארשידענע מלאכות הויבען זיך אן, א דאנק דער וואקסענדער צוטיילונג פון דער ארבייט, אפּטיילען פון דער אגריקולטורעלער באלעבאטישקייט, פון וועלכער

זיי זיינען פריהער געווען א טייל, ווען זיי הויבען אן ווערען זעלבסטשטענדיג און פארצווייגען זיך אלץ מעהר און מעהר.

אט די אנטוויקלונג מיינט אז אויסברייטערונג פון דער געזעלשאפטליכער ספערע, א דאנק דער צוטיילונג פון דער ארבייט און די פארגרעסערונג פון דעם צאל מענשען, וועלכע שטעלען די געזעלשאפט צוזאמען, דורך דעם וואס זיי ארבייטען איינער פאר'ן צווייטען. ד. ה. וואס זיי זיינען געגענזייטיג אפהענגיג איינער פון צווייטען. אבער אט די אויסברייטונג פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט דריקט זיך אויס ניט אין אן אויסברייטונג פון דער *געמיינשאפטליכער* ארבייט, נאר אין דעם, וואס פון דער געמיינשאפטליכער ארבייט טיילען זיך אפ באזונדערע צווייגען, וועלכע ווערען די באזונדערע באשעפטיגונגען פון באזונדערע מענשען, וועלכע פראדוצירען זאכען וואס זיי אליין פארברויכען ניט, און בייטען אויס זייערע פראדוקטען אויף אנדערע, וואס זיי אליין קענען פארברויכען.

די געמיינשאפטליכע פראדוקציע און געמיינשאפטליכע פראדוקציאנס־מיטלען פון די גרויסע געזעלשאפטען, וואס נויטיגען זיך ניט אין קיינעמס הילף, ווי צ. ב. ש. די מארקען אדער די משפחה־קאאפעראציע, ווערען ארויסגעשטויסען דורך דער אינדיווידועלער פראדוקציע, און דעם פריוואט אייגענטום פון יחידים, אדער פארלאך מיט זייערע קינדער, וועלכע פראדוצירען *סחורות*, ד. ה. פראדוקטען וועלכע זיינען באשטימט ניט פאר זייער אייגענעם געברויך, נאר צום פארקויפען.

דערמיט ווערט אריינגעבראכט א נייער עלעמענט אין דער געזעלשאפט. צוזאמען מיט פריוואט אייגענטום, וועלכער האט עקזיסטירט אויך פריהער, הגם אין א ווייניגער אנטוויקעלטער פארמע, הויבט זיך די קאנקורענץ צווישען פארשידענע אונטערנעמער פון דער זעלבער צווייג פון דער אינדוסטרי. זיי קעמפען צווישען זיך פאר בעסערע פאזיציעס אויפ'ן מארק.

גאנץ אפט נעמט אן קאנקורענץ און מלחמה אלס פארמען פון דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ, וועלכער ווערט כלומרשט געפיהרט אין דער גאנצער נאטור. באמת אבער זיינען זיי ביידע אנטשטאנען

קאַרל קאוטסקי

אַ דאַנק דעם טעכנישען פּראָגרעס, און זיינע זיינען כאַראַקטעריסטי־שע סמנים. זיי אונטערשיידען זיך פון דעם קאַמף פאַר דער עקזיס־טענץ אין דער אָרגאַנישער וועלט דורך דעם, וואָס דער לעצטער איז אַ קאַמף פון יחידים אָדער גאַנצע געזעלשאַפטען קעגען דער נאַ־טור וואָס רינגעלט זיי אַרום, קעגען די לעבעדיגע און ניט לעבעדיגע נאַטור־כחות; פון דעם קאַמף געהען שנעלער אַרויס די זיגער און קע־נען זיך פאַרמערען די וואָס זיינען בעסער באַוואָפּענט און בעסער צוגעפּאַסט צו די עקזיסטירענדע צושטאַנדען. דאָס איז אָבער בשום אופן ניט קיין קאַמף צווישען יחידים פון דעם זעלבען מין. אויב מיר זאָלען ניט רעכענען מאַנכע רויב־חיות, און אפילו ביי די לעצטע שפּילט אַט דער קאַמף בלויז אַ צווייטע־גראַדיגע ראָלע אין זייער קאַמף פאַר'ן לעבען, מיט אויסנאַם פון דעם קאַמף אין דעם סעק־סועלען נאַטירליכען אויסוואַל. בלויז ביי מענשען, אַ דאַנק די פאַר־פּאָלקאָמענונג פון זיינע כלי־זין, פאַרנעמט דער קאַמף קעגען יחידים פון דעם זעלבען מין, דעם אויבען־אַן אַלס מיטעל אין דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. עס איז אָבער אויך דאָ פאַראַן אַ גרויסער אונ־טערשיד צווישען מלחמה און קאָנקורענץ. אַ מלחמה איז אַ קאַמף וואָס ווערט געפיהרט צווישען צוויי באַזונדערע געזעלשאַפטען; זי פאַראורזאַכט אַן אונטערברעכונג פון דער פּראָדוקציע און קען דער־פאַר ניט ווערען קיין שטענדיגע אינסטיטוציע. זי זעצט פאָראויס, אַמוועניגסטענס וואו עס איז נאָך ניטאָ קיין שאַרפער קלאַסען־אַנטאַ־גאָניזם, אַ שטאַרקע געזעלשאַפטליכע צוגעבונדענקייט, און העלפט דערמיט די פאַרשטאַרקונג פון די סאָציאַלע אינסטינקטען. די קאָנ־קורענץ אָבער איז אַ קאַמף צווישען באַזונדערע יחידים אין דער זעל־בער געזעלשאַפט. אַט דער קאַמף דינט אַלס רעגולאַטאָר, הגם אַ זעהר אייגענטימליכער, וועלכער העלפט אויפצוהאַלטען די געזעלשאַפטליכע קאָאָפּעראַציע פון די באַזונדערע, אינדיווידועלע אונטערנעמער, און צווינגט אַט די פּריוואַטע פּראָדוצירער צו פּראָדוצירען אימער די זאַ־כען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער געזעלשאַפט, ד. ה. וואָס עס איז נויטיג אונטער די געגעבענע געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען. אויב מלחמה מיינט אַ צייטווייליגער איבעררייס פון דער פּראָדוקציע, איז

אבער די קאָנקורענץ זיין שטענדיגער, נויטווענדיגער באַגלייטער, אַר־מעטום וואו די פּראָדוקציע איז נאָר אַ סחורה־פּראָדוקציע.

די קאָנקורענץ איז, אַזוי גוט ווי די מלחמה, אַ פאַרלוסט פון כחות, אבער גלייכצייטיג איז זי אויך אַ מיטעל, דורך וועלכען עס ווערט דערגרייכט די גרעסטע אנשטרענגונג פון די פּראָדוקציאָנס־כחות און זייער שנעלסטע פארפאָלקאָמענונג. איהר עקאָנאָמישע באַ־דייטונג איז דערפאַר אומגעהויער, ביז דער צייט ווען זי באַשאַפט אַזוינע קאָלאָסאַלע פּראָדוקציאָנס־כחות, פאַר וועלכע די גרענעצען פון דער סחורה־פּראָדוקציע ווערען צו ענג, פּונקט ווי עס זיינען אַמאָל ענג געוואָרען די גרענעצען פון דער פּרימיטיווער געזעלשאַפטליכער אָדער קאָאָפּעראַטיווער באַלעבאַטישקייט פאַר דער פאַנאַנדער גע־וואַקסענער אַרבייטס־צוטיילונג. די איבער־פּראָדוקציע, אַזוי גוט ווי די קינסטליכע באַגרענעצונג פון דער פּראָדוקציע דורך די אָרגאַניזאַ־ציעס פון אונטערנעמער, זיינען דער בעסטער באַווייז, אַז די צייט ווען די קאָנקורענץ האָט מיטגעהאָלפען דער פּראָדוקציע, און דערמיט אויך דער געזעלשאַפטליכער אנטוויקלונג, איז שוין פאַראיבער.

אַבער אפילו ביז דער צייט האָט זי דאָס געטאָן בלויז דורך דעם וואָס זי האָט אַרויסגערופען די גרעסטע אויסברייטונג פון דער פּראָ־דוקציע. גלייכצייטיג אבער האָט די קאָנקורענץ צווישען יחידים פון דער זעלבער געזעלשאַפט געווירקט זעהר שלעכט אויף די סאָציאַלע אינסטינקטען. די זאַך איז וואָס אין דעם קאַמף געווינט אַמלייכטס־טען דער וואָס האָט ווייניגער אין זינען וועלכע עס איז געזעלשאַפט־ליכע אויסרעכענונגען, און קימערט זיך איבערהויפּט וועגען זיינע אינדיווידועלע אינטערעסען. עס איז דערפאַר גאַנץ נאַטירליך, אַז דער מענש פון דער אַנטוויקעלטער סחורה־פּראָדוקציע סיסטעם, זאָל האַל־טען דעם עגאָאיזם פאַר דעם איינציגען נאַטירליכען אינסטינקט אין מענשען, און די סאָציאַלע אינסטינקטען פאַר — אָדער באַהאַלטענעם עגאָאיזם, אָדער ווי עפּעס וואָס איז אויסגעטראַכט געוואָרען פון די גלחים, כדי זיי זאָלען קענען הערשען איבער מענשען, אָדער אַלס עט־וואָס איבערנאַטירליכעס און מיסטישעס. אויב די סאָציאַלע אינס־טינקטען האָבען נאָך אַ וועלכע עס איז ווירקונג אין דער מאָדערנער

געזעלשאַפט, דאַרף מען דאָס צושרייבען בלויז צו דעם וואָס די אַל־געמיינע סחורה־פּראָדוקציע איז נאָך אַ פאַרהעלטעניסמעסיג יונגע ער־שיינונג, (נאָך קיין 100 יאָהר ניט אַלט) און אויך צו דעם וואָס גלייכצייטיג מיט דער פאַרשווינדונג פון דעם פּרימיטיווען דעמאָ־קראַטישען קאָמוניזם און מלחמה, הערט אויף צו זיין אַן אורזאַך פאַר סאָציאַלע אימפּולסען, עפענט זיך אַ נייער קוואַל אויף, און נאָך אַ שטאַרקערער ווי דער פריהעריגער — דאָס איז דער קלאַסען־קאַמף, פון די עקספּלואַטירטע פאָלקס־מאַסען. אַט דער קאַמף ווערט געפיהרט ניט פון געדונגענע אָדער געצוואונגענע זעלנער, נאָר פרייווילינגע קעמפער פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען.

4. דער איינפלוס פון די סאָציאַלע אינסטינקטען.

א) אינטערנאַציאָנאַליזם.

מיט דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט בייטען זיך פיל מעהר די ספערען איז וועלכע עס ווירקען די סאָציאַלע אינס־טינקטען, ווי זייער שטופע פון אינטענסיוויטעט. די טראַדיציאָנעלע עטיק האָט באַטראַכט דעם מאָראַלען געזעץ אַלס די קראַפט וואָס רעגולירט די באַציהונגען צווישען מענש און מענש. האַבענדיג אימער אין זינען דעם יחיד און ניט די געזעלשאַפט האָט זי ניט באַמערקט, אַז דער מאָראַלער געזעץ רעגולירט ניט די באַציהונג צווישען מענש און מענש בכלל, נאָר די באַציהונגען צווישען מענשען פון דער זעלבער געזעלשאַפט. ווען מיר וועלען זיך דערמאָנען די אנטשטעהונג פון סאָציאַלע אינסטינקטען וועט פאַר אונז קלאָר ווערען אַז דאָס איז ווירקליך אַזוי. די סאָציאַלע אינסטינקטען זיינען מיטלען פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון געזעל־שאַפטליכען צובונד און פאַר דער פאַרגרעסערונג פון די געזעלשאַפט־ליכע כחות. די חיה פיהלט די סאָציאַלע אינסטינקטען בלויז בנוגע די מיטגלידער פון דער סטאַדע אין וועלכע זי געפינט זיך. די מיט־גלידער אבער פון אנדערע סטאַדעס קימערען איהר גאַנץ ווייניג. די

די עטיק

סאַציאַלע רויב־חיה ווייזט זאַגאַר ארויס א פיינדשאַפט צו א מיטגליד פון א צווייטער גרופּע. אזוי צ. ב. ש. היטען די הינט פון יעדער גאַס אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַז קיין הונט פון א צווייטער גאַס זאָל צו זיי ניט קענען אַריינקומען. קומט אַ הונט אין אַ פרעמדער גאַס ווערט ער גלייך פאַרטריבען און אָפט אויך צוריסען אויף שטיקער.

אזוי שנעל ווי עס באַווייזט זיך גייעג און מלחמה ביי מענשען, טרעטען די מענשליכע גרופּען אַריין אין די זעלבע באַציהונגען. איינע פון די וויכטיגסטע פאָרמען פון קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ ווערט איצט דער קאַמף פון איין גרופּע קעגען דער צווייטער פון זעלבען מין. ווער עס איז ניט קיין מיטגליד פון מיין גרופּע איז אַ שונא. די סאָציאַלע אינסטינקטען ווירקען דעמאָלט ניט לטובת איהם, נאָר געגען איהם. וואָס שטאַרקער זיי זיינען, אַלץ שטאַרקער ווערט דער בונד פון די מיטגלידער צווישען זיך און זייער געגנערשאַפט צום שונא, און אַלץ ענערגישער קעמפען זיי געגען דעם פרעמדען. די סאָציאַלע מצוות, געגענזייטיגע הילף, זעלבסט־אויפאָפּפערונג, די ליעבע צום אמת, און א. ז. וו. ווערען אַנגעווענדעט בלויז אויף די מיטגלידער פון דער אייגענער גרופּע, אבער ניט אויף פרעמדע*).

אויב דער מאָראַלער געזעץ ווערט אַנגעווענדעט בלויז אויף מיטגלידער פון איינעמס אייגענער געזעלשאַפט, זיינען אבער די גרענעצען פון אַט דער געזעלשאַפט קיינמאָל ניט באַשטימט פון פאָראויס. זיי ברייטערען זיך אויס צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון דער ארבייטס־

*) ווען איך האָב אַט דעם פאַקט קאָנסטאַטירט דער „נייער צייט“ האָט מען מיר אויפגעוואָרפען אַז איך וויל שאַפען א באַזונדערען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען מאָראַלען פּרינציפּ להיפוך צו דעם אויביגען מאָראַלען געזעץ, וועלכער פאָדערט גערעכטיגקייט פאַר אַלעמען. באמת אבער האָב איך בלויז געזאָגט דאָס וואָס האָט שטענדיג געלעבט אין דעם מענשליכען האַרץ אַלס מאָראַלער געזעץ, פון זינט אונזערע אור־עלטערען זיינען געוואָרען מענשען, נעמליך, אַז די סאָציאַלע אינסטינקטען מוזען ניט אַנגעווענדעט ווערען אויף אַ שונא. עס איז אָבער ניטאָ קיין אורזאַך ווארום אימיצער זאָל זיין אויפגערעגט קעגען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דערפאַר, ווייל נאָך אַלעמען איז ניטאָ נאָך אַ פּאַרטיי וואָס זאָל אַזוי ברייט פאַרשטעהן דעם באַגריף־געזעלשאַפט, ווי זי, וועלכע זאָל אַרומכאַפּען אַלע נאַציאָנען און אַלע ראַסען און די ספּערען פון איהר סאָלידאַריטעט.

צוטיילונג, צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער מענשליכער אַרבייט, און דער פאַרפאַלקאָמענונג פון די מיטלען פון מענשליכער צוזאַמענקונפט. עס פאַרגרעסערען זיך די צאָל מענשען, וועלכע קענען זיך ערנערען אין אַ באַשטימטער געגענד, און וועלכע קענען אין אַ באַשטימטער טעריטאָריע אַרבייטען איינער פאַר'ן צווייטען. און איינער מיט'ן צווייטען, און אויף דעם אופן ווערען זיי צווישען זיך פאַרבונדען געזעלשאַפטליך. גלייכצייטיג ווערט אויך פאַרגרעסערט די צאָל פון טעריטאָריעס, פון וועלכע די איינוואוינער טרעטען אריין צווישען זיך אין באַשטימטע באַציהונגען, כדי צו אַרבייטען איינער פאַר'ן צווייטען און שאַפען געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס. אם ענדע וואַקסט אויך די גרויס פון די טעריטאָריעס, וועלכע זיינען צווישען זיך פאַרבונדען, און שאַפען דויערהאַפטע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, מיט אַן אַלגעמיינער שפּראַך, אַלגעמיינע מנהגים און געזעצען.

נאָכ'ן טויט פון אלכסנדר מוקדון האָבען די פעלקער פון מזרח פון דעם מיטעלענדישען ים שוין מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אינטערנאַציאָנאַלען קרייז, מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך (די גריכישע). נאָך דער אַנטשטעהונג פון דער רוימישער אימפּעריע האָבען אַלע לענדער וואָס ליגען אַרום דעם מיטעלענדישען ים, צוזאַמענגעשטעלט נאָך אַ גרעסערען אינטערנאַציאָנאַלען קרייז, אין וועלכען עס זיינען פאַרשוואונדען אַלע נאַציאָנאַלע באַזונדערהייטען, און וועלכער האָט זיך גערעכענט פאַר דעם פאָרשטעהער פון דער גאַנצער מענשהייט. די נייע רעליגיע וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער, איז גלייך ביי איהר געבורט אַרויסגעטראָטען אַלס וועלט־רעליגיע, איהר גאָט, פאַר וועמען אַלע מענשען זיינען גלייך, נעמט אַרום די גאַנצע וועלט. אַט די רעליגיע האָט זיך געווענדעט צו אַלע מענשען און האָט אַלעמען דערקלערט פאַר ברידער, קינדער פון איין גאָט.

באמת אָבער איז דער מאָראַלער געזעץ אָנגעווענדעט געוואָרען בלויז אויף די מיטגלידער פון דעם אייגענעם קולטור־קרייז, אויף „קריסטען“ און „גלויביגע“. דער שווער פּונקט פון קריסטענטום

די עטיק

האט זיך, מיט דער פעלקער־וואנדערונג, אריבערגעטראגען אלץ ווייטער אין מערב און צפון. אין מזרח און דרום האט זיך געשאפען א נייער קולטור־קרייז, מיט אן אייגענער מאראל: דער איסלאם, וועלכער האט זיך גערוקט אלץ מעהר אין אזיע און אפריקע, פונקט ווי דער קריסטענטום אין אייראפא.

אין דער איצטיגער צייט ברייטערט זיך אט דער קרייז אויס אלץ מעהר א דאנק דעם קאפיטאליזם, און ווערט אן אלוועלטליכער. אין איהם געהען אריין בודיסטען, מוסולמאנער, פארסען און קריסטען: די לעצטע הערען אלץ מעהר אויף צו זיין אמת׳ע קריסטען.

אויף דעם אופן ווערט געשאפען דער פונדאמענט פאר דער ענדליכער פארווירקליכונג פון דער מאראלער אנשויאונג וועגען דער גלייכהייט פון אלע מענשען, אז די סאציאלע אינסטינקטען און מצוות דארפען אנגעווענדעט ווערען אויף אלע מענשען אהן אויסנאם: אט די אנשויאונג איז שוין פראקלאמירט געווארען פון קריסטענטום, אבער צו פריה, אזוי אז זי האט ניט געקענט פארווירקליכט ווערען, און א דאנק דעם איז אט דער געדאנק פארבליבען פאר די ברייטע מאסען קריסטען בלויז א פוסטע פראזע. דער גרונד פאר דער אלגעמיינמענשליכער מאראל ווערט באשאפען, ניט א דאנק דעם וואס דער מענש ווערט מאראלישער, וואס מען זאל מיט דעם אויסדרוק ניט מיינען, נאר א דאנק דער אנטוויקלונג פון דעם מענשענס פראדוקציאנס כחות, דער אויסבייטונג פון דער געזעלשאפטליכער ארבייטס צוטיילונג, און די פארפאלקאמענונג פון די וועגען דורך וועלכע מענשען פון ווייטע פלעצער קענען זיך צוזאמענטרעפען. אבער די מאראל קען נאך אפילו איצט ניט ווערען די מאראל פון אלע מענשען אפילו אין די לענדער וואס זיינען אמבעסטען אנטוויקעלט עקאנאמיש. אין עצם איז זי אפילו איצט נאר די מאראל פון דעם קלאסען־באוואוסטען פראלעטאריאט, ד. ה. דעם טייל פון דעם פראלעטאריאט וועלכער האט זיך אין געדאנק און געפיהל באפרייט פון דער איבעריגער מאסע פון דער באפעלקערונג, און וועלכע האט אויסגעארבייט אן אייגענע מאראל להפוך צו דער מאראל פון דער בורזשואזיע.

עס איז אמת אז קאפיטאל שאפט א מאטעריאלען באזיס פאר

אן אלגעמיינע מענשליכע מאראל, ער שאפט עס אבער דורך דעם וואס ער האלט כסדר אין טרעטען די זעלבע מאראל מיט די פיס. די קאַ־פיטאליסטישע פעלקער וואס געהען אריין אין דעם קרייז פון דער אייראפייאישער געזעלשאפט, קענען נאר פארשפרייטען זייער מאראַ־לען אירעאל, דורך אויסברייטען די ספערען פון זייער עקספלואטאציע, און דאס איז מעגליך בלויז דורך דער הילף פון באנוצען גוואלד־מיטלען. זיי באשאפען דעם פונדאמענט פאר א וועלט שלום — דורך וועלט מלחמות, צו דער אלגעמיינער סאלידאריטעט פון אלע פעלקער פירען זיי דורך עקספלואטירען אלע פעלקער, דאס איינשליסען פון אלע קאלאניעס אין דעם קרייז פון דער אייראפייאישער קולטור, דערגרייכען זיי דורך אונטערדריקען די קאלאניעס מיט די ווילדסטע און בארבארישסטע מיטלען. בלויז דער פראלעטאריאט וואס נעמט קיין אנטייל ניט אין דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע, וועלכער איז געצוואונגען מיט איהר צו קעמפען, וועט אויפבויען, אויפ׳ן גרונד פון די וועלט פארקערס־מיטלען, און וועלט האנדעל, וועלכע דער קאפיטאל האט באשאפען, נייע געזעלשאפטליכע פארמען, אין וועלכע די גלייכהייט פון אלע מענשען פאר דעם מאראלען געזעץ, וועט פאר־וואנדעלט ווערען פון א פרומען וואונש אין א ווירקליכקייט.

ב) די קלאסען צוטיילונג.

די ווירקונג פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג, דריקט זיך, אלזא אויס אין דעם, וואס עס ווערט אלץ מעהר און מעהר אויסגע־ברייטערט דער געזעלשאפטליכער קרייז אין וועלכען עס ווירקען די סאציאלע אינסטינקטען און טוגענדען, ביז וואנען עס נעמט ארום די גאנצע מענשהייט. גלייכציימיג אבער שאפט אט די זעלבע אנט־וויקלונג אין די גרענעצען פון דעם געזעלשאפטליכען קרייז, ניט נאר פריוואטע אינטערעסען וועלכע שוואכען אפ די סאציאלע אינסטינק־טען, נאר גאנצע באזונדערע קלאסען אין דער געזעלשאפט, וועלכע הגם זיי פארשטארקען די סאציאלע אינסטינקטען און טוגענדען אין זייער אייגענעם קרייז, קענען אבער פיל שאדען די זעלבע אינסטינקטען

די עטיק

בנוגע די אלע אנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, אדער אמוועניגסטענס, די מיטגלידער פון די אנדערע פיינדליכע קלאסען.

די אנטשטעהונג פון קלאסען איז אויך א רעזולטאט פון דער ארבייט׳ס צוטיילונג. שוין די געזעלשאפט פון חיות איז ניט דורכאוים אן איינהייטליכער קערפער. זי שליסט שוין אין זיך איין פארשידענע גרופען, וועמעס באדייטונג פאר, און אין דער געזעלשאפט איז פארשידען. אבער אט די גרופען־טיילונג בארוהט נאך אלץ אויף נאטירליכע אונטערשידען. צו זיי דארף פריהער פון אלעם צוגערעכענט ווערען דער אונטערשיד פון ג ע ש ל ע כ ט. נאכהער, פון ע ל ט ע ר. אין די גרענעצען פון יעדען געשלעכט געפינען מיר גרופען, פון קינדער, האלב דערוואקסענע, יונגע לייט און אלטע מענשען. די איינפיהרונג פון געצייג פארטיפט דעם אונטערשיד צווישען די גרופען דורך דעם וואס יעדע גרופע ספעציאליזירט זיך אויף באשטימטע געצייג. אזוי צ. ב. ש. ווערט מלחמה און יאגד, די ארבייט פון מענער, וועלכע קענען דאס טאן לייכטער איידער די פרויען וואס זיינען שטענדיג פארנומען מיט די קינדער. עס איז זיכער אז דאס און ניט דער פרוי׳ס שוואכקייט, האבען געבראכט דערצו אז די מלחמה און יאגד זאלען ווערען דער מאנאפאל פון די מענער, ביי דעם גרעסטען טייל פון פעלקער. ווען מיר באגעגענען אין דער געשיכטע און מיטהאלאגיע פרויען יעגער און קריגערינס, זיינען דאס אלע מאל מיידלאך. עס פעלט ניט די פרויען קיין כח, גדולד אדער מוטיגקייט, נאר די מ ו ט ע ר ש א פ ט מאכט פאר זיי אוממעגליך צו פיהרען דעם אומזיכערען לעבען פון יעגער אדער קריגער. א דאנק איהר מוטערשאפט איז די פרוי געצוואונגען צו זיצען אויף איין ארט, און דערפאר פאלען אויף איהר די אלע פליכטען וואס זיינען פארבונדען מיט א באשטענדיגען וואהנונגס־פלאץ, ווי דאס פארזייען פון די פעלדער, און די זארגען וועגען דער היים.

אין איינקלאנג מיט דער באדייטונג וועלכע עס האבען אין א באשטימטער צייט, מלחמה און יאגד פון איין זייט און אקער־בוי און די היימישע באלעבאטישקייט פון דער צווייטער, און לויט נאך

קאַרל קאַוטסקי

דעם אנטייל וואָס יעדער געשלעכט נעמט אין די דאָזיגע ארבייטען. בייטען זיך די ראָלען וועלכע עס שפּילען די מענער און פרויען אין דער געזעלשאַפט. אבער די ראָלע פון איינעמס אָדער אַ צווייטענס עלטער ווערט אויך באַשטימט פון דעם פּראָדוקציאָנס אופן. אויב דעם אויבען־אָן פאַרנעמט די יאַגד, וואָס איז ווייט ניט קיין זיכערע ערנע־רונגס־קוואַל און פיהרט אָפט צו גרויסע וואַנדערונגען, ווערען אַלטע לייט אַ שווערינקייט פאַר דער געזעלשאַפט. אָפט דער׳הרג׳עט מען זיי, און צייטענווייז פרעסט מען זיי אפילו אויף.

אנדערש איז דאָס ווען מענשען באַזעצען זיך אויף איין באַשטימ־טען פּלאַץ און די ערד ארבייט און פיה־צוכט ברענגען זיי אריין גענוג מיטלען צום לעבען. דעמאָלט קענען די אַלטע לייט גאַנץ רוהיג פאַרבלייבען אין דער היים, שפּייז וועט זיין גענוג פאַר זיי. דעמאָלט איז שוין אין דער געזעלשאַפט דאַ אַ גרויסע צאָל פון אָנגעזאַמעלטע ערפאַרונגען און וויסען וועמעס היטער און אויפהאַלטער עס זיינען די אַלטע לייט. איידער עס איז ערפונדען געוואָרען די שריפט אָדער איידער די אַלגעמיינע איינענטום. זיי היטען אָפּ דאָס וואָס מען קען אָנרופען דעם אָנהויב פון דער וויסענשאַפט. זיי זיינען שוין ניט מעהר קיין שעדליכער יאָך פאַר דער געזעלשאַפט, פאַרקערט, מען האָט צו זיי די טיפסטע אַכטונג, אַלס טרעגער פון דער העכסטער חכמה. שריפט, און איבערהויפּט, די ביכער דרוקעריי רויבט אוועק פון די אַלטע לייט די אַלע פּריווילעגיעס מיט וועלכע זיי האָבען זיך באַנוצט פריהער, ווען זיי זיינען געווען די איינציגע טרעגער פון דער גאַנצער ערפאַרונג, און דעם גאַנצען וויסען פון דער געזעלשאַפט. די כסדר׳־דיגע רעוואָלוציאָניזירונג פון די פריהערדיגע ערפאַרונגען, — וואָס איז דער כאַראַקטעריסטישסטער שטריך פון דעם מאָדערנעם פּראָ־דוקציאָנס סיסטעם — ווערען די אַלטע טראַדיציעס פאַרוואַנדעלט אין פאַקטאָרען וואָס זיינען פיינדליך צו יעדער נייער ערפאַהרונג. דאָס לעצטע רעכענט זיך גלייך פון אָנפאַנג פאַר בעסער, — די אַלטע — פאַר פאַרעלטערטע און דערפאַר אויך פאַר שלעכטע. דער עלטער רופט שוין בלויז ארויס סימפּאַטיע, ער פאַרלירט אָבער זיין גאַנצען פריהערדיגען פּרעסטיזש. אין דער איצטיגער צייט איז קיין בעסערער

קאמפלימענט פאר אז אלטע מענשען ניטא ווי צו זאגען, אז „ער איז נאך גאר יונג, און נעמט אויף יעדע נייע אידעע.“

פונקט אלזא ווי עס בייטען זיך די ראלען פון די געשלעכטען אזוי בייטען זיך אויך די ראלען פון דער עלטער, צוזאמען מיט די ענדערונגען אין די פראדוקציאנס אופנים.

די וויטערע אנטוויקלונג פון דער ארבייטס צוטיילונג ברענגט וייטער צוטיילונגען אין די באזונדערע געשלעכטס גרופען גופא, איבערהויפט צווישען די מענער. די וואקסענדע ארבייט׳ס צוטיילונג שמידט צו, פריהער פון אלעם, די פרוי צו דער הויז־באלעבאטישקייט. די פליכטען פון דער הויז באלעבאטישקייט ווערען אבער אלץ ווייניגער, אנשטאט צו ווערען מעהרער, ווייל עס ווערען פון דעם אפגעטיילט אלץ מעהר און מעהר באזונדערע טיילען, וועלכע ווערען איבערגענומען פון די מענער. דער טעכנישער פראגרעס, די ארבייט׳ס צוטיילונג, און דאס אפטיילען פון די באזונדערע מלאכות, זיינען באגרענעצט געווארען ביז דעם לעצטען יאהר הונדערט, כמעט אויסשליסליך אויף די מענער, בלויז א שוואכער אפשיין פון אט דעם פראצעס פאלט אויף דער הויז־באלעבאטישקייט און דער פרוי.

וואס מעהר עס אנטוויקעלט זיך די פאנאנדערטיילונג פון פארשידענע ארבייטען, אלץ קאמפליצירטער ווערט דער געזעלשאפטליכער ארגאניזם, וועמעס ארגאנען זיי שטעלען צוזאמען. דער כאראקטער פון זייער צוזאמענארבייטונג אין די וויכטיגסטע סאציאלע פראצעסען, אדער מיט אנדערע ווערטער, די פראדוקציאנס מעטאדען, זיינען ניט קיין צופעליגע. זיי ווערען דורכאויס ניט באשטימט דורך דעם ווילען פון די יחידים, נאר ווערען נויטווענדיגערווייזע באשטימט דורך די געגעבענע מאטעריעלע באדינגונגען. דער וויכטיגסטער פאקטאר צווישען די לעצטע, איז די טעכניק: דורך איהר אנטוויקלונג ווערען באשטימט די פראדוקציאנס מעטאדען. דאס איז אבער ניט דער איינציגער פאקטאר.

לאמיר נעמען א ביישפיל. גאנץ אפט טייטשט מען אויס די מאטעריאליסטישע אויפפאסונג פון דער געשיכטע אין דעם זין, אז א באשטימטע טעכניק, מיינט שוין אז און פאר זיך, געוויסע באשטימ־

טע פראדוקציאנס מעטאדען, און נאך מעהר, אפילו באשטימטע געזעלשאפטליכע און פאליטישע פארמען. היות אבער ווי דאס איז ניט אין איינקלאנג מיט דער ווירקליכקייט, און מיר געפינען, אויף פארשידענע שטופען פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג, איינע און די זעלבע געציייג, פאלגליך, זאגט מען אונז, איז די מאטעריאליסטישע אויפפאסונג פון דער געשיכטע פאלש, די געזעלשאפטליכע באציהונגען ווערען באשטימט ניט בלויז פון דער טעכניק אליין. אז און פאר זיך איז די טענה א גערעכטע, זי דארף אבער אנגעווענדעט ווערען ניט אויף דער מאטעריאליסטישער אויפפאסונג פון דער געשיכטע, נאר אויף איהר קאריקאטור: דאס קומט ארויס פון צוזאמענמישען די באגריפען, טעכניק און פראדוקציאנס מעטאדען.

מען זאגט צ. ב. ש. אז דער אקער־אייזען איז דער פונדאמענט פון דער פויערשער באלעבאטישקייט. ווי פארשידען אבער זיינען די געזעלשאפטליכע באדינגונגען אונטער וועלכע ער עקזיסטירט!

דאס איז גאנץ ריכטיג. לאמיר זיך אבער צוקוקען אביסעל נעהענטער צו דער זאך. דורך וואס ווערען באשטימט די פארשידענע ענדערונגען אין די געזעלשאפטליכע פארמען, וועלכע אנטשטעהען אויפ'ן יסוד פון דער פויערשער באלעבאטישקייט?

לאמיר נעמען צ. ב. ש. די פויערים וואס וואוינען אויף די ברעגען פון איינעם פון די גרויסע טראפישע אדער אונטער־טראפישע טייכען, וועלכע געהען אריבער פעריאדיש די ברעגען, פאראורזאכענדיג צושטערונג אדער באפרוכפערונג פון די פעלדער. דא ווערט נויטיג אויפצושטעלען פארשידענע וואסער געביידען אפצוהאלטען אדער אפווענדען אין א צווייטער זייט די וואסער. יעדער דארף באזונדער איז ניט בכח אליין אויפבויען אט די געביידען, עס איז נויטיג אז א גאנצע רייהע דערפער זאלען זיך פאר דעם צוועק פאראייניגען: יעדער דארף דארף צושטעלען א געוויסע צאל ארבייטער, עס מוזען באשאפען ווערען אלגעמיינע אמטען פאר דער פארוואלטונג פון דער ארבייט, בייז בויען און אפהיטען די געביידעס. וואס גרעסער עס זיינען די געביידעס, אלץ מעהר דערפער מוזען זיך באטייליגען אין זייער אויפבויאונג, אלץ גרעסער איז די צאל ארבייטער וואס זיי מוזען צושטע־

לען, אלץ א גרעסערען וויסען מוז מען האבען פאר זייער אויפבויאונג, און אלץ גרעסער מוזען זיין די מאכט און דער וויסען פון די באאמטע אין פארגלייך מיט די איבעריגע פאלקס־מאסען. אויף דעם אופן וואקסט אויף אויפ׳ן יסוד פון דער פויערשער באלעבאטישקייט, א קלאס פון גלחים און באאמטע, ווי צ.ב.ש. אין די טאלען פון ניל, פרת און וואנג־הא.

א גאנץ אנדער כאראקטער נעמט אן די אנטוויקלונג דארט וואו די בליהענדע דערפער זיינען אנטשטאנען אין פרוכטבארע רייכע געגענדען, וועלכע זיינען אבער אין שכנות מיט רויבער, וועלכע קענען זיי גאנץ לייכט באפאלען. די נויטיגקייט צו פארטרייבען און זיך פארטיידיגען געגען די וואנדערענדע באנדעס, צווינגט די פויערים צו ארגאניזירען פארטיידיגונגס ארמעען: דאס קען, ווייטער, פארקומען אויף פארשידענע אופנים. אדער איין טייל פון פויערטום נעמט זיך אויף אימער צו געווער און טיילט זיך אפ פון אלע אנדערע, וועלכע באצאלען זיי מיט וועלכע עס איז אנדערע דינסטען, אדער די שכנים־רויבער באקומען א געוויסע געהאלט, און היטען דערפאר אפ דעם שלום, און פארהיטען דעם דארף פון אנדערע רויבער, אדער די שכנים באזיגען דאס לאנד און פארבלייבען אין איהר אלס הערשער, איבער די פויערים, וועלכע מוזען זיי דאן צאלען צינזען. די זיגער דינען שוין אבער דאן אלס פארטיידיגונגס ארמעע. די רעזולטאטען וועלען אלעמאל זיין איינע און די זעלביע: די אנטשטעהונג פון דעם פעאדאלען אדעל, און דעם אונטערדריקטען פויערטום.

אפט גיסען זיך צוזאמען, דער ערשטער און צווייטער אנטוויקלונגסגאנג, און דאן קומט צו צום קלאס פון גלחים און באאמטע, אויך א קלאס פון קריגערס.

גאנץ אנדערש, ווייטער, קומט פאר די אנטוויקלונג פון דערפער וואס געפינען זיך לעבען איהם, וואס איז רייך מיט אסך האפענס, וואס העלפען דער אנטוויקלונג פון ים רייזעס, און מיט נאהענטע פרעמדע ברעגען, אויף וועלכע עס וואוינען זעלבסטשטענדיגע פעלקער. צוזאמען מיט דער ערד ארבייט אנטוויקעלט זיך אין אזוינע דערפער אויך די פישעריי, וועלכע געהט שנעל איבער אין ים־רויבעריי

קאַרל קאַוטסקי

און ים־מסחר. אין די מעהר־רייכערע האַפענס, זאַמעלט זיך אַן אָסך רויב און סחורות, און עס אַנטשטעהט אַ ריינע קאָמערציעלע שטאַט. דאָ געפינט דער פויער אַ גוטען מאַרק פאַר זיינע פּראָדוקטען, דאָ אַנטשטעהט פאַר איהם אַ קוואַל פון געלט־איינקונפט, אַבער אויך אַ קוואַל פון געלט־הוצאות, פון געלט־פליכטען און חובות. עס נעמט ניט לאַנג ביז ער ווערט איינגעטונקט אין חובות, וועלכע ער איז שולדיג די שטאַטישע געלט מענשען.

א דאַנק דער ים־רויבעריי און דעם ים־האַנדעל, ווערט אין לאַנד אַריינגעפירט אַ גרויסע צאָל ביליגע שקלאַפען: די שטאַט־מענשען וועלכע האָבען געלט, הויבען אָן אוועקטרייבען זייערע פויערים־בעלי־חובות, פון זייערע גיטער, עס אַנטשטעהען גרויסע פּלאַנטאַציעס און — אַנשטאַט די פויערשע באַלעבאַטישקייט ווערט איינגעפירט, די באַלעבאַטישקייט פון שקלאַפעריי: אין אַט דעם גאַנצען פּראָצעס קע־נען, סיי די געצייג פון דער ערד־אַרבייט, סיי די טעכניק, פאַרבליי־בען אומגעענדערט.

אַם ענדע געפינען מיר אויך אַ פּערטען טיפּ פון דער פויערשער אַנטוויקלונג, אין די ווייניג צוגאַנגבאַרע בערגיגע געגענדען. דער באָדען איז דאָרט אָרים און ניט גינסטיג פאַר באַאַרבייטונג. צוזאַמען מיט ערד־אַרבייט הערשט דאָרט אויך די פיה־צוכט, אַבער אפילו ביידע צוזאַמען זיינען ניט גענוג צו אויסהאַלטען אַ באַדייטענדען צוואוואוקס פון דער באַפעלקערונג. דערביי פון אונטען שפּרייטען זיך אויס פּרוכטבאַרע באַאַרבייטע לענדער, וועלכע האָבען אַ שטאַרקע צוצי־הונגס קראַפט פאַר די איינוואוינער פון די בערג. די בערג איינ־וואוינער מוזען פּרובען זיי פאַרכאַפּען אָדער עקספּלואַטירען. דאָרט וואו זיי שטויסען זיך אָן אויף אַ ווידערשטאַנד פּרובען זיי באַזעצען דעם איבערפלוס פון זייער באַפעלקערונג אַלס סאָלדאַטען. זייערע קריגע־רישע ערפאַרונגען און די ניט צוציהבאַרקייט פון זייער לאַנד, און די שוועריגקייטען צו איהר צוצוקומען, מאַכט פאַר זיי מעגליך גאַנץ לייכט זיך פאַרטיידיגען פון פרעמדע אַנפאַלען, וועלכע זיינען סיי ווי זעהר זעלטען, אַ דאַנק דעם וואָס זיי זיינען אָרים. דאָ ווערט נאָך

די עטיק

אויפגעהאלטענע די אלטע פויערים־דעמאקראטיע, אין דער צייט וואס אין די ארומיגע לענדער זיינען די פויערים שוין לאנג אונטערגעפא־לען אונטער דער מאכט פון די פעאדאלען, גלחים, סוחרים און פראַ־צענטניקעס. אפט טרעפט אז אזא פרימיטיווע דעמאקראטיע פיהרט אליין אין א באזינטער שכנ'ישער לאנד, א שטרענגען עקספלאַ־אטאטאָרישען רעזשים, און פאלט דאדורך אליין אריין אין א מאדנעם ווידערשפרוך מיט איהר אייגענער הויכער אכטונג פאר פרייהייט. אזוי האבען די אלטע קאנטאנען, פון ווילהעלם טעלס היימלאנד אין 17טען און 18טען יאהר־הונדערט, איינגעפירט אזא גרויזאמען רעזשים אין טיטשינא, אז די חורבות וואס דאס האט דארט אנגעמאכט האבען זיך ניט געדארפט שעמען פאר דעם מיטהאלאגישען רעזשים פון געסלער'ען.

ווי איהר זעהט אליין קענען זיך מיט דער פויערשער באלעבאַ־טישקייט איינלעבען די פארשידענסטע פראדוקציאנס מעטאדען און קלאסען איינטיילונגען. אבער מיט וואס ערקלערען זיך די אונטערשי־דען? די געגנער פון דער מאטעריאליסטישער אויפפאסונג פון דער געשיכטע דערקלערען דאס אלס רעזולטאט פון גוואלט־מיטלען, אדער מיט דעם אונטערשיד פון די אידעען וועלכע האבען זיך אויסגעארבייט ביי פארשידענע פעלקער. עס איז זיכער אז גוואלט האט געשפילט א גרויסע ראליע אין דער אנטשטעהונג פון אט די פראדוקציאנס מע־טאדען, און מארקס, האט ווי באקאנט אנגערופען דער גוואלט די אקו־שארקע פון יעדער נייער געזעלשאפט. אבער וואָרום שפילט גוואלט אזא גרויסע ראליע, פון וואנען נעמט זיך דאס וואס גראד דער טייל פון דער געזעלשאפט און ניט א צווייטער זיגט מיט איהר הילף? וואָרום די אנווענדונג פון גוואלט ברייננט גראד ארויס די רעזולטאטען און ניט קיין אנדערע? אויף אט די אלע פראגען האט די טעאריע פון גוואלט קיין ענטפער ניט. דאס זעלבע איז אויך מיט דער טעאריע פון אידעען, זי גיט ניט קיין ענטפער אויף דער רעטעניש, פון וואנען נעמען זיך די אידעען, וועלכע רופען ארויס פרייהייט אין די בערגיגע געגענדען און די הערשאפט פון גלחים אין די טאלען? וואָרום רופען זיי ארויס א געלט און שקלאפען באלעבאטישקייט אין די לענדער

וואָס געפינען זיך ביי די ים־ברעגנע און פּעאַראַלען לייב אייגענטום אין די גראַזיגע פּרוכטבאַרע געגענדען ?

מיר האָבען שוין געזעהן אז די אונטערשידען אין דער אַנטוויקלונג פון איין און דער זעלבער פוּיערשער באַלעבאַטישקייט, האָבען זייער יסוד אין די אונטערשידען פון די נאַטירליכע און געזעלשאַפטליכע צושטאַנדען אונטער וועלכע אַט די באַלעבאַטישקייט ווערט געפירט. אין איינקלאַנג מיט דעם כאַראַקטער פון זייער לאַנד און פון די שכנים וועלכע רינגלען זיי אר..‚ קען די פּויערשע באַלעבאַטישקייט, מיט דער זעלבער טעכניק, ווערען דער יסוד פאַר פאַרשידענע געזעלשאַפטליכע פאַרמען. די דאָזיגע באַזונדערע געזעלשאַפטליכע פאַרמען, צוזאַמען מיט די נאַטירליכע כחות, ווערען פון זייער זייט אליין די יסודות אויף וועלכע עס וואַקסען אויף אַנדערע אייגענטימליכע פאַרמען אין דער ווייטערער אנטוויקלונג. אזוי צ. ב. ש. האָבען די גערמאַנען, ווען זיי זיינען אריין אין רוים, אין דער צייט פון דער גרויסער פעלקער וואַנדערונג, שוין געפונען פאַרטיגע געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען, און דערמאַנט פון אימפּעראַטאר, אין דער ביוראָקראַטישער סיסטעם, אין דער שטאַט־אָרדענונג און אין דער קריסטליכער קירכע. זיי האָבען נאָר צוגעפּאַסט, אויף ווי ווייט דאָס איז געווען מעגליך, זייערע אייגענע פּראָדוקציאָנס מעטאָדען צו זיי.

כדי צו פאַרשטעהן די באַזונדערע פּראָדוקציאָנס מעטאָדען פון א וועלכער עס איז לאַנד אין א באַשטימטער צייט, דאַרף מען אויספאָרשען די אלע געאָגראַפישע און היסטאָרישע באַדינגונגען. וויסען בלויז די טעכניק פון א לאַנד — איז ווייט ניט גענוג.

ווי איהר זעהט איז די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע ניט בלויז א פּשוטער שאַבלאָן, ווי זיינע קריטיקער ווילען איהם שטענדיג ארויסשטעלען. די ביישפּילען וועלכע מיר האָבען דאָ געבראַכט באַווייזען אונז אויך ווי אזוי די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פאַראורזאַכט די קלאַסען אונטערשידען און קלאַסען אַנטאַגאָניזם.

ווי מיר האָבען שוין געוויזען האָבען די אונטערשידען, ניט נאָר צווישען יחידים נאָר אויך צווישען גרופּען אין דער זלעבער געזעלשאַפט, שוין עקזיסטירט אין דער וועלט פון חיות. האָבען אין זינען

די עטיק

די אונטערשידען איז כח, ווירקונג. און אפשר אויך אפילו אין דעם מאטעריעלען צושטאנד פון יחידים אדער גאנצע גרופען. אזוינע אונטערשידען זיינען פון דער נאטור אליין באשאפען, און עס איז צווייפעלהאפט אויב זיי וועלען אמאל פארשווינדען: אפילו אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט וועלען זיי אויך ניט פארשווינדען. די ערפינדונג פון געצייג, די צוטיילונג פון דער ארבייט און די רעזולטאטען דערפון, מיט איין ווארט די עקאנאמישע אנטוויקלונג, האבען מיטגעהאלפען נאך מעהר ארויסרופען און פארגרעסערען אט די אונטערשידען. זיי קענען אבער פונדעסטוועגען ניט אריבערטרעטען די באשטימטע, גאנץ ענגע גרענעצען, ביז וואנען די געזעלשאפטליכע ארבייט הויבט ניט אן צו שאפען מעהר פראדוקטען ווי עס איז נויטיג פאר איהר אויפהאלטונג. ביז דער צייט קען קיין איין פוילער זיך ניט ערנערען אויף'ן רעכענונג פון דער געזעלשאפט, און קיינער קען ניט קריגען קיין גרעסערען חלק ווי אנאנדערער פון די געזעלשאפטליכע פראדוקטען. אבער גלייכצייטיג, און טאקי אויף דער שטופע פון אנטוויקלונג, וואקסען אויס, א דאנק דער וואקסענדער פיינדשאפט צווישען די באזונדערע שבטים און די בלוטיגע צוזאמענשטויסען מיט וועלכע אט די קאנפליקטען ענדיגען זיך, אזוי גוט ווי א דאנק דער געמיינשאפטליכער ארבייט און געמיינשאפטליכען אייגענטום, אזא גרויסע צאל פון נייע כחות, וועלכע פארשטארקען די סאציאלע אינסטינקטען, אז די קליינע קאנפליקטען און קריגערייען וועלכע קומען פאר צווישען די געשלעכטער, און די פארשטעהער פון די פארשידענע עלטערם און פראפעסיאנען, קענען פונקט אזוי וועניג שאדען דעם געזעלשאפטליכען גייסט אין דער גרופע ווי די קריגערייען פון איינצעלנע מענשען צווישען זיך. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס דאן האט זיך שוין אנגעהויבען די ארבייטס צוטיילונג, איז דאך די מענשליכע געזעלשאפט קיין מאל ניט געווען אזוי צוזאמענגעבונדען, אזוי פעסט פאראייניגט, ווי אין די צייטען פון דער פרימיטיווער בלוטפארוואנדטער געזעלשאפט, וועלכע האט עקזיסטירט פאר דער אנטשטעהונג פון קלאסען אנטאגאניזם.

די לאגע ענדערט זיך אזוי שנעל ווי די געזעלשאפטליכע ארבייט

חויבט אַן, א דאַנק דעם וואוקס פון דער פּראָדוקטיוויטעט, ארויסגעבען אַן איבערפלוס פון פּראָדוקטען. יחידים און גרופּען קריגען די מעגליכקייט, פאר א גרעסערער אדער קלענערער צייט, צו נעמען פאר זיך א גרעסערען טייל פון די געזעלשאפטליכע פּראָדוקטען ווי אַנדערע. איינצעלנע יחידים טוען אַזאַ זאך נאָר זעלטען און אין אויסנאמס פאלען. עס איז זיך אָבער גאנץ לייכט פאַרצושטעלען אז א גאַנצע פּראָפעסיע, וועלכע איז אויף א וועלכען עס איז אופן אוועקגעשטעלט געוואָרען אין גינסטיגערע באדינגונגען, ווי צ. ב. ש. אזוינע פּראָפעסיעס וואָס גיבען א באזונדערען וויסען, אדער א באזונדערע פעהיגקייט צו פארטיידיגען זיך, האָט באַקומען די נויטיגע מאַכט צו קענען אויף א לענגערער צייט צו נעמען פאר זיך דעם איבערפלוס פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטען. דער אייגענטומס רעכט אויף פּראָדוקטען איז אָבער אויפ'ן ענגסטען אופן צוזאמענגעבונדען מיט דעם אייגענטומס רעכט אויף די פּראָדוקציאָנס מיטלען; ווער עס איז דער באַלעבאָס איבער די ערשטע, איז אויך דער באַלעבאָס איבער די צווייטע. די שטרעבונג פון א וועלכען עס איז פּריוויליגירטען קלאַס צו מאַנאָפּאָליזירען דעם געזעלשאַפטליכען איבערפלוס, רופט ביי איהם ארויס דעם שטרעבען צו מאַנאָפּאָליזירען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און זיין דער איינציגער באַלעבאָס איבער זיי. אָט די אליין הערשאַפט איבער די פּראָדוקציאָנס־מיטלען קען אַננעמען פארשידענע פאָרמען, עס קען זיין די געמיינשאַפטליכע הערשאַפט פון דעם גאַנצען הערשענדען קלאַס אדער קאַסטע, אדער עס קען זיין די הערשאַפט פון איינצעלנע פאמיליען אדער יחידים פון דעם זעלבען קלאַס. אין ביידע פאַלען, ווערט די גרויסע מאַסע פון דעם ארבייטענדען פאָלק באַרויבט פון זייער אייגענטום און ווערען געבראַכט צו דער שטופע פון שקלאַפעריי, לייב אייגענטום און לוין ארבייט. מיט דער אָפּשאַפונג פון דעם געמיינשאַפטליכען אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס מיטלען, און זייער געמיינשאפטליכע באַנוצונג, ווערט אָפּגעשאפט דער שטאַרקסטער באַנד וואָס האָט צונויפגעבונדען די פרימיטיווע געזעלשאַפט.

אויב די געזעלשאפטליכע אונטערשידען וואָס האָבען געקענט

די עטיק

אנטשטעהן אין די ראמען פון דער פרימיטיווער געזעלשאפט, זיינען געווען גאנץ באשרענקט. זיינען אבער די קלאסען הפוכים, וועלכע קענען איצט אנטשטעהן, פאקטיש אומבאגרענעצט. פון איין זייט וואקסען זיי א דאנק דעם טעכנישען פראגרעס, וועלכער האלט אין איין פראגרעסירען דעם איבערפלוס פון די פראדוקטען וואס זיינען נויטיג פאר דער אויפהאלטונג פון דער געזעלשאפט, פון דער צווייטער זייט, דורך דער אויסברייטונג פון דער געזעלשאפט אין דער צייט וואס די צאל פון עקספלואטאטארען פארבלייבט די זעלבע, אדער ווערט נאך קלענער. די צאל וואס ארבייטען פאר יעדען עקספלואטאטאר און שאפען דעם איבערפלוכ פארגרעסערט זיך. אויף דעם אופן קענען די קלאסען הפוכים וואקסען אהן א שיעור און פארנעמען אן אונגעהויערען שטח, און צוזאמען מיט זיי וואקסען די סאציאלע ווידערשפרוכען.

וואס מעהר די אנטוויקלונג געהט פארווערטס, ווערט די געזעלשאפט אלץ מעהר און מעהר צוטיילט, און דער קלאסען קאמף ווערט אלץ מעהר און מעהר די דאנקבארסטע, אלגעמיינסטע און דויערהאפטסטע פארמע פון דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ פון די יחידים אין דער געזעלשאפט. גלייכצייטיג אבער ווערען אפגעטעמפט די סאציאלע אינסטינקטען בנוגע דער געזעלשאפט אלס א גאנצער: דערפאר ווערען זיי אבער נאך שטארקער אין דעם קלאס גופא, וועמעס וואלזיין עס ווערט אלץ מעהר און מעהר אנגענומען פאר דיזעלבע זאך ווי דער וואלזיין פון אלעמען.

דער קלאסען־קאמף, אבער, פארשטארקט די סאציאלע אינסטינקטען און טוגענדען איבערהויפט ביי די עקספלואטירטע, אונטערדריקטע, וואס זוכען זיך צו באפרייען. טאקי ספעציעל אט די קלאסען קומט אוים מיט א באזונדערער אינטענסיוויטעט צו מקריב זיין זייער גאנצע פערזענליכקייט אין דעם קאמף. די הערשענדע קלאסען, אבער, קענען גאנץ אפט אויספירען צו איבערגעבען זייער פארטיידיגונג, אין פיזישען אדער גייסטיגען קאמף — צו געדונגענע מענשען. אויסער דעם זיינען די הערשענדע קלאסען גאנץ אפט שטארק אליין צוטיילט דורך דעם קאמף וועלכען זיי מוזען פירען צווישען זיך, פאר דעם באזיץ

פון געזעלשאפטליכע איבערפלוס און די פראדוקציאנס מיטלען. מיט איינעם פון די שטארקסטע פאקטארען פון אט דער פאנאנדערפאלונג, מיט דער קאנקורענץ, האבען מיר זיך שוין באקענט פריהער.

אט די אלע פאקטארען וואס ווירקען געגען די סאציאלע אינס־טינקטע האבען קיין פלאץ ניט און ניט קיין באדען ביי די עקספלוא־טירטע קלאסען. וואס שוואכער און ארימער זיי זיינען אלץ מעהר מוזען די קלאסען וואס קעמפען פאר זייער אייגענער באפרייאונג זיך פארלאזען אויסשליסליך אויף זיך. א דאנק דעם וואקסט דער געפיהל פון אחדות ביי די איינצעלנע מיטגלידער צווישען זיך, און געגען די הערשענדע קלאסען, און אלץ מעכטיגער אנטוויקלען זיך די סאצי־אלע אינסטינקטען בנוגע זייער אייגענעם קלאס.

5. די גרונדלאגען פון מאראל.

א) געוואנהייט און מאדע.

מיר האבען שוין געזעהן ווי שטארק די עקאנאמישע אנטוויקלונג פארענדערט די מאראלע פאקטארען אין דער וועלט פון חיות. ווי שטארק עס ענדערט זיך, א דאנק איהר, די מאכט פון די סאציאלע אינסטינקטען און טוגענדען, אין פארשידענע צייטען, ביי פארשידענע קלאסען, אין איין און דערזעלבער געזעלשאפט, אין איין און דערזעל־בער צייט, אט ברייטערט זי אויס און אט פארענגערט זי די ספערען אין וועלכע עס ווירקען די סאציאלע אינסטינקטען און טוגענדען, אט פארשפרייט זי זיי פון קליינע גרופען אויף דער גאנצער מענשהייט און אט באגרענעצט זי זיי בלויז אויף איין קלאס אין די גרענעצען פון דער געזעלשאפט.

די עקאנאמישע אנטוויקלונג, באשאפט אבער אויך א באזונדערען מאראלען פאקטאר, וועלכען מען קען ניט געפינען אין דער וועלט פון חיות, און וועלכער איז מעהר ענדערבאר ווי אלע אנדערע, ווייל ניט נאר ווערען זיין מאכט און ווירקונג אונטערווארפען אונטער די שטארק־סטע ענדערונגען, נאר אויך זיין אינהאלט גופא. אט דער פאקטאר איז, די גרונדלאגע פון מאראל.

די עטיק

אין דער וועלט פון חיות געפינען מיר שוין גאנץ שטארקע מאָ־ראַלע געפיהלען, אבער מיר קענען דארט ניט געפינען קיין באשטימטע מאראלע פ א ר ש ר י פ ט ע ן, וועלכע ווערען געגעבען צום יחיד. דאס לעצטע זעצט פאראויס די עקזיסטענץ פון אן אנטוויקעלטער שפראַך, וועלכע זאָל קענען באצייכענען ניט נאר ג ע פ י ה ל ע ן, נאָר אויך ז א כ ע ן, אדער אמוועניגסטענס ה א נ ד ל ו נ ג ע ן. אין דער וועלט פון חיות באמערקען מיר ניט דעם קלענסטען סמן פאַר דער ערשיינונג פון א שפּראַך, ווייל די באדערפעניש דערפאר אנטשטעהט צוזאמען מיט דער געמיינשאפטליכער ארבייט. ערשט דאן ווערט מעגליך צו שטעלען באשטימטע פאדערונגען צו יעדען איינעם. ווען די דאָזיגע פאדערונגען זיינען דער רעזולטאט פון אויסשליסליך אינדיווידועלע באדערפענישען פארשווינדען זיי צוזאמען מיט דעם אויסשליסליך אינדיווידועלען צופאל וואס האט זיי ארויסגערופען. אויב אבער זיי שטראמען ארויס פון באדערפענישען וואס זיינען אנטשטאַנען א דאנק דעם געזעלשאפטליכען צושטאנד, וועלען זיי אנהאַלטען אזוי לאנג ווי דער געזעלשאפטליכער צושטאנד וועט זיך ניט ענדערען. ביי דער אנטשטעהונג פון דער געזעלשאפט, ווען דער גאנג פון דער אנטוויקלונג איז א זעהר לאנגזאמער, קען מען אנעמען אז די דויערהאפטקייט פון באשטימטע געזעלשאפטליכע באדינגונגען האט אנגעהאלטען הונדערטער־טויזענדע יאהרען. די געזעלשאפטליכע פאדערונגען וואס ווערען געשטעלט צום יחיד חזר'ן זיך איבער אזוי אפט און אזוי רעגולאר, אז סוף כל סוף ווערען זיי פארוואנדעלט אין געוואנהייטען, וועלכע גיבען זיך נאכהער איבער בירושה, פונקט ווי עס גיט זיך איבער למשל, ביי די יאגד־הינט בירושה, די פעהיגקייט צו א באזונדערער יאגד־מעטאדע, אזוי אז עס איז גענוג א פאר אנדייטונגען אז די געוואנהייט זאל זיך באווייזען אויך ביי די שפעטערע דורות. אזוינע זיינען אויך דער געפיהל פון שאנדע, די געוואנהייט צו פארדעקען געוויסע טיילען פון קערפער, די אפדעקונג פון וועלכע עס ווערט פארערכענט פאר אוממאראליש.

אזוי אנשטעהען די פאדערונגען וועלכע די געזעלשאפט שטעלט צו די יחידים, און זיי פארמערען זיך אלץ מעהר, וואס מעהר די גע־

זעלשאפט ווערט קאמפליצירט, און וועלכע ווערען אם ענדע, דורך געוואנהייט, אנגענומען פאר מאראלע פארשריפטען.

מאנכע מאטעריאליסטישע דענקער, האבען ארויסגעהענדיג פון אט דעם שטאנדפונקט, ערקלערט אז דער סאמע וועזען פון דער מאראל איז געוואנהייט. באמת אבער ווערט זי דורך דעם אליין ניט ערשעפט. אין אנפאנג ווערען פארוואנדעלט אין מאראלע פארשריפטען, א דאנק דער געוואנהייט, בלויז די אנשויאונגען וועלכע פאדערען דעם יחיד'ס אויפמערקזאמקייט פאר דער געזעלשאפט, און רעגולירען זיינע באציהונגען צו אנדערע מענשען. אויב מען וועט אונז אנצייגען אז עס זיינען דא אויך אינדיווידועלע פארברעכענס, וועלכע ווערען אנגענומען פאר אוממאראליש, זיינען זיי אין אנהויב פארדאמט געווארען אויך בלויז אין די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט. אזוי צ.ב.ש. איז ווען דער אנאניזם זאל ווערען אן אלגעמיינע ערשיינונג, וואלט דאס שטארק געשאדט דעם וואוקס פון דער באפעלקערונג, און אט דער וואוקס האט זיך דאן אויסגעדאכט, איידער מאלטהוס האט נאך זיין אנטדעקונג געמאכט, אלס וויכטיגסטער יסוד פון ערפאלג און וואלזיין, פאר דער געזעלשאפט.

אין דער ביבעל הרג'עט יהוה אנאנ'ען דערפאר וואס ער לאזט זיין זריעה פאלען אויף דער ערד, אנשטאט צו לעבען מיט זיין געשטארבענעם ברודער'ס פרוי, און דערמיט שאפען א קומענדען דור.

די פארשריפטען פון דער מאראל האבען דערפאר געקענט ווערען געוואנהייטען ווייל זיי האבען געענטפערט אויף טיפע און אימער זיך איבערחזר'נדיגע געזעלשאפטליכע באדערפענישען. אויסער דעם קען מען בכלל ניט דערקלערען דעם מעכטיגען געפיהל פון פליכט, וועלכער איז אפט שטארקער פון אלע אינסטינקטען פון זעלבסט דערהאלטונג, בלויז דורך איינפאכער געוואנהייט. די עלעמענטען פון געוואנהייט אין דער מאראל ווירקען נאר אין דעם זין, וואס געוויסע פארשריפטען ווערען אנגענומען אלס מאראליש, אהן א וועלכען עס איז ישוב הדעת. די געוואנהייט קען אבער ניט באשאפען די סאציאלע אינסטינקטען וועלכע צווינגען דעם מענש אויסצופאלגען די אנערקענטע מאראלע פארשריפטען. אויסשליסליך דורך געוואנהייט קען

די עטיק

מען צ. ב. ש. ערקלערען דאס וואס מען האלט פאר אומאנשטענדיג אז א מיידעל זאל זיך באווייזען פאר א מאן, אין איהר נאכט־העמד, מען די נאכט העמד אפילו דערגרייכען ביז דער ערד און אינגאנצען פאר־דעקען איהר האלז, אין דער צייט וואס עס איז גאנץ אנשטענדיג פאר דער זעלבער מיידעל, זיך באווייזען אין אווענד פאר א גאנצער געזעל־שאפט, מיט אן אנטבלויזטער ברוסט, אדער ביים ים זיך דורכשפאצי־רען אין איהר נאסען באד־אנצוג, צווישען א גאנצער רייהע מענער, וועלכע באטראכטען איהר מיט זייערע תאוה'דיגע בליקען. דאס אבער וואס א שטרענג מאראליש מיידעל וועט זיך בשום אופן נים ערלויבען טאן זאכען וואס זיינען אנגענומען אלס אוממאראליש פון דער גע־זעלשאפט, און וועט אפט אויסקלייבען בעסער דעם טויט איידער די שאנד, קען זיך בלויז דערקלערען דורך די סאציאלע אינסטינקטען.

אנדערע מאראליסטען האבען דערפירט זייער אנשויאונג אויף דער מאראל אלס געוואנהייט אזוי ווייט, אז זיי האבען איהר פשוט דערקלערט פאר איינפאכע קאנווענציאנעלע מאדעס. זיי שטיצען זיך דערביי אויף דעם וואס אלע געזעלשאפטליכע פארמען, יעדע נאציאן, און אפילו יעדער קלאס, האבען זייערע באזונדערע מאראלע אנשוי־אונגען, וועלכע ווידערשפרעכען איינס דאס צווייטע. זיי שטיצען זיך אויך אויף דעם, וואס קיין אבסאלוטע מאראלע כללים זיינען ניטא. דערפון שליסען זיי, אז מאראל — דאס איז א מאדע וואס ענדערט זיך, אז זי ווערט אנערקענט בלויז פון דעם ניט־דענקענדען המון, דער אויבער־מענש אבער, האט דאס רעכט, און זאגאר די פליכט, צו שטע־לען זיך העכער פון איהר, ווי ער דארף בכלל זיין העכער פון דער מאסע.

די סאציאלע אינסטינקטען זיינען ניט קיין קאנווענציאנעלע מא־דעס; זיי זיינען טיף איינגעווארצעלט אין דער מענשליכער נאטור, אין דער נאטור פון דעם מנעשען אלס סאציאלע חיה, און ניט נאר זיי, נאר אפילו די מאראלע פארשריפטען, זיינען ניט קיין גלאט אויס־געטראכטע, נאר רעזולטאטען פון געזעלשאפטליכע באדערפענישען.

עס איז אמת אז ניט אלעמאל איז מעגליך פעסט צו שטעלען די פארבינדונג צווישען באשטימטע מאראלע אנשויאונגען און די געזעל־

קארל קאוטסקי

שאפטליכע באדינגונגען פון וועלכע זיי שטראמען ארויס. דער יחיד נעמט זיינע מאראלע פארשריפטען פון דער ארומיגער געזעלשאפט־ליכער סביבה, ניט וויסענדיג זייערע געזעלשאפטליכע אורזאכען. די מאראלע כללים ווערען פאר איהם פארוואנדעלט אין א געוואנהייט און נאכהער הויבט זיך איהם אן דאכטען אז דאס איז די שאפונג פון זיין איינענעם גייסט, וועלכע איז געגעבען אין פאראויס, און האט קיין פראקטישע ווארצלען ניט. דער וויסענשאפטליכער פארשונג האט זיך אבער איינגעגעבען, שטופענווייז, אין א גאנצע רייהע פאלען, צו באלייכטען די באציהונגען וואס עקזיסטירען צווישען באשטימטע געזעלשאפטליכע פארמען און מאראלע פארשריפטען, אבער זעהר פיל פארבלייבט נאך ניט דערקלערט. די געזעלשאפטליכע פארמען, פון וועלכע די שפעטערדיגע, נאך איצט ווירקענדע מאראלע פארשריפטען זיינען אנטשטאנען, ליגען אפט ווייט הינטער אונז, ערגעץ אין דעם גרויען אלטערטום. אויסער דעם כדי צו פארשטעהן די מאראלע פאַ־דערונגען, איז נויטיג, ניט נאר וויסען די געזעלשאפטליכע נויטען דורך וועלכע זיי זיינען ארויסגערופען געווארען, נאר אויך דעם באַ־זונדערען געדאנק פון יענער געזעלשאפט. יעדער אופן פון דער פראַ־דוקציע איז פארבונדען ניט בלויז מיט באשטימטע געצייג, און באַ־שטימטע געזעלשאפטליכע באדינגונגען, נאר אויך מיט א באשטימטען אינהאלט פון וויסען, מיט א באשטימטער דערקענטעניש פעהיגקייט, מיט א באשטימטען בליק אויף אורזאך און רעזולטאט, מיט א באַ־שטימטער לאגיק, מיט איין ווארט, מיט א באשטימטען געזעלשאפט־ליכען געדאנקען־גאנג. אריינדרינגען אין דעם אמאליגען געדאנקען־גאנג איז זעהר שווער, פיל שווערער ווי פארשטעהן די נויטען פון א פרעמדער געזעלשאפט.

פונדעסטוועגען איז די פארבינדונג צווישען דער מאראל און די געזעלשאפטליכע נויטען באוויזען געווארען מיט אזוי פיל ביישפילען אז מען קען דאס אננעמען אלס אן אלגעמיינע רעגעל. אויב אבער אט די פארבינדונג עקזיסטירט, מוז די פארענדערונג פון דער געזעל־שאפט, אימער מיט זיך ברענגען אויך ענדערונגען אין דער מאראל. די ענדערונגען פון די מאראלע נארמען זיינען דערפאר ניט עפעס

די עטיק

אויסערגעוועהנליכעס. פארקערט, עס וואלט זיין אויסערגעוועהנליך, ווען ענדערונגען אין דער אורזאך זאלען ניט ברענגען קיין ענדערונגען אין דעם רעזולטאט. די ענדערונגען זיינען דורכאויס נויטיג, איבער־הויפט, דערפאר, ווייל יעדע געזעלשאפט נויטיגט זיך פאר איהר אויפהאלטונג, אין באשטימטע מאראלע פארשריפטען, וואס זיינען צו איהר צוגעפאסט.

ווי פארשידען און פארענדערליך עס זיינען די מאראלע פאר־שריפטען איז גאנץ גוט באקאנט. עס וועט גענוג זיין איין ביישפיל צו אילוסטרירען א מאראל, וואס איז אינגאנצען אנדערש ווי די מא־ראל פון דער מאדערנער אייראפייאישער געזעלשאפט.

פריטיאף נאנסען, שילדערט אין דעם צעהנטען קאפיטעל פון זיין בוך „דער לעבען פון די עסקימאסען" די עסקימאסישע מאראל. מיר וועלען פון דארטען ציטירען עטליכע שטעלען.

„איינער פון די שענסטע שטריכען פון דעם עסקימאסישען כא־ראקטער איז זיין ערליכקייט. פאר דעם עסקימאס איז זעהר וויכטיג אז ער זאל זיך קענען פארלאזען אויף זיינע נאהענטע און שכנים. כדי אבער אויפצוהאלטען דעם געגענזייטיגען צוטרויען, אהן וועלכען עס וואלט אוממעגליך געווען א וועלכע עס איז פאראייניגונג אין דעם קאמף פאר עקזיסטענץ, איז נויטיג אז יעדער איינער זאל זיין ערליך בנוגע דעם צווייטען... צוליב דער אורזאכע האבען זיי זעהר ווייניג חושק צו אפנארען איינער דעם צווייטען, איבערהויפט די מענער. אלס רירענדער באווייז קען דינען דער שטריך וועגען וועלכען דאלאגער האט באריכטעט: „ווען זיי ווילען פאר עמיצען באשרייבען א געוויסע זאך, באמיהען זיי זיך ניט צו באנוצען מעהר שיינענדע פארבען, ווי די זאך פארדינט. נאך מעהר, ווען איינער וויל עפעס פארקויפען, בא־שרייבט ער די זאך, הגם ער וויל פון איהר פטור ווערען, אלס עפעס ערגער ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט."

די מאראל פון רעקלאמען עקזיסטירט נאך ניט ביי די עסקימא־סען. אמת דאס איז אלץ בנוגע אייגענע, בנוגע פרעמדע דארף מען ניט זיין שטרענג.

„געשלעגען און אנדערע ווילדהייטען האבען ביי זיי קיין פלאץ

קארל קאוטסקי

ניט. מארד — איז א זעהר זעלטענע ערשיינונג. דארט וואו א מארד קומט יע פאר, איז ער ניט דער רעזולטאט פון עקאנאמישע קריגערייען נאר פון א וועלכער עס איז ליעבעס־געשיכטע. „די ערמארדונג פון א נאענטען מענשען האלטען זיי פאר גרויזאם, דערפאר זיינען פאר זיי מלחמות, עטוואס אומפארשטענדליכעס. וואס דארף פאראכטעט ווערען. אויף זייער שפראך האבען זיי אפילו קיין געגויען ווארט ניט דערפאר. סאלדאטען און אפיצערען וועלכע לערנען זיך די מלאכה פון מארדען מענשען, קוקען אוים אין זייערע אויגען ווי הענקער.“

„די גרינלאנדער זינדיגען איבערהויפט געגען דעם זעקסטען געבאט, טוגענד און ריינקייט שטעהען ביי זיי ניט זעהר הויך, פיל פון די איינוואהנער אויף'ן מעריב ברעג פון ים, האלטען דאס ניט פאר קיין שאנד, אז אן אומפארהייראטע מיידעל זאל האבען קינדער... אין דער צייט וואס מיר זיינען געווען אין גאטהאיעל, האבען צוויי מיידעל געשוואנגערט, זיי האבען עס אבער ניט באהאלטען, זיי האבען זיך כמעט גרוים געהאלטען דערמיט, דאס איז א באוויין אז מען האט זיי ניט אויסבראקירט. אבער אויך אויף'ן מזרח ברעג, ווי האלם דערצעהלט, האלט מען ניט פאר קיין שאנד אז אומפארהייראטע פרויען האבען קינדער“...

„עגעד דערצעהלט אויך אז די פרויען האלטען דאס פאר א ספעציעלען גליק און גרויסען כבוד אריינצוטרעטען אין אינטימע באציהונגען מיט אן אנגעקאק, ד.ה. מיט זייערען א נבי, אדער א געלערנטען, און ער גיט נאך צו אז פילע מענער זיינען זעהר צופרידען, און וועלען אפילו באצאלען אן אנגעקאק, ער זאל לעבען מיט זייערע ווייבער, איבערהויפט אויב זיי אליין קענען מיט זיי קיין קינדער ניט האבען.“

„די פרייהייט פון דער עסקימאסישער פרוי איז פאלגליך א גאנץ אנדערע ווי די פרייהייט פון דער דייטשישער פרוי. די אורזאכע איז ווארשיינליך דאס וואס אין דייטשלאנד האט די אויפהאלטונג פון ירושה, פון דער ראסע, און דעם שטאם, שטענדיג געשפילט א גרויסע ראליע, אין דער צייט וואס ביי די עסקימאסען שפילט דאס קיין שום

ראליע ניט. זיי האבען כמעט קיין זאך ניט וואס איבערצולאזען אלס ירושה, די הויפט זאך פאר זיי איז האבען קינדער."

„אויפ'ן ערשטען בליק, ציינט אונז אוים אזא סארט מאראל צו זיין א זעהר שלעכטע, דאס מיינט אבער ניט אז אויך די עסקימאסען קוקען אויף איהר אזוי. מיר דארפען בכלל זיך היטען צו אורטיילען, שטעהענדיג אויף אונזער שטאנדפונקט, די אנשויאונגען פון א וועלכען עס איז אנדער פאלק, וואס האבען זיך אנטוויקעלט אין פארלויף פון פילע דורות, און דורך לאנגער ערפארונג, אפילו אויב זיי זיינען אין ווידערשפרוך מיט אונזערע אייגענע אנשויאונגען. די באגריפען פון „גוט" און „רעכט" זיינען בכלל אויף אונזער ערד אומעטום פארשידען. אלס ביישפיל וועל איך דא ציטירען דאס פאלגענדע: ווען עגעד האט איין מאל צו אן עסקימאסישער מיידעל גערעדט וועגען ליבע צו גאט און צו די נאהענטע, האט זי איהם געענטפערט: „איך האב באַוויזען אז איך האב ליב מיינע נאהענטע. אז אלטע קראנקע פרוי וואס האט ניט געקענט שטארבען האט מיר אמאל געוואלט באצאלען איך זאל איהר אוועקפירען אויף א הויכען שפיציגען בארג, פון וואנען עס ווערען אלעמאל ארינטערגעווארפען די וואס קענען ניט מעהר לע־בען. איך האב דאס אבער געטאן אהן באצאלט, איך האב איהר אהין אוועקגעפירט און איהר ארונטערגעווארפען פון בארג: — ווייל איך האב ליב מיינע נאהענטע."

„עגעד האט איהר געזאגט אז דאס איז געווען א שלעכטע טאט, אז זי האט דער'הרג'עט א מענשען, האט זי איהם געענטפערט: „ניין, איך האב שטארק רחמנות געהאט אויף דער אלטער, און איך האב געוויינט ווען זי איז ארונטערגעפאלען." דארף מען אזא טאט דער־קלערען פאר שלעכט אדער גוט?"

מיר האבען שוין געזעהן אז וואו עס איז דא ווייניג ערנערונגס מיטלען אנטשטעהט די נויטווענדיגקייט צו דער'הרג'ענען די אלטע און קראנקע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. אט דער סארט מארד ווערט סאנקציאנירט אלס מאראלישע טאט.

„ווען דער דערמאנטער עגעד, האט א צווייטען מאל גערעדט וועגען דעם אז גאט באשטראפט די שלעכטע, האט איהם איין עסקי־

מאס באמערקט, אז ער געהערט אויך צו די וואס באשטראפען שלעכ־טע, ווייל ער האט אמאל דער'הרג'עט דריי אלטע פרויען וואס האבען זיך באשעפטיגט מיט כשוף."

„דעם זעלבען אונטערשיד פון גוט און שלעכט, קען מען אויך זעהן בנוגע דעם זעקסטען געבאט. פאר'ן עסקימאס איז: „זיי פרוכט־באר, און פארמער זיך." א העכערער מאראלער פארשריפט, ווי „זיי רייז"... ער איז נאך מעהר בארעכטיגט דערצו דערפאר ווייל זיין ראסע איז זעהר ניט קיין פרוכטבארע."

אם ענדע וועלען מיר ברענגען אן אויסצוג פון א בריף וואס איין איבערצייגטער עסקימאס האט געשריבען צו פאול עגעד'ן. עגעד האט אין מיטען פון 18טען יאהר־הונדערט געארבייט אלס מיסיאנער אין גרינלאנד, און האט דארט געפונען די עסקימאסישע מאראל, נאך גאר ניט בארירט פון אייראפייאישען איינפלוס. דער עסקימאס האט געהערט וועגען די קאלאניאלע מלחמות צווישען די ענגלענדער און האלאנדער, און דריקט אויס אויפ'ן פאלגענדען אופן זיין פאראכטונג צו אט דער „אוממענשליכקייט".

„ווען מיר האבען" שרייבט ער „גענוג שפייז כדי זיך אנצועסען און גענוג פעלען אויף צו באהאלטען זיך פון קעלט, זיינען מיר צופרי־דען. דו ווייסט אליין אז מיר לאזען דעם מארגענדיגען טאג פאר זיך אליין זארגען. מיר האבען ניט געוואלט פירען צוליב איהם קיין מלחמות, אפילו ווען מיר זאלען קענען. מיר קענען זאגען אז דער ים וואס וואשט ארום אונזערע ברעגען איז אונזערער, און אז די פאר־שידענע פישען וואס שווימען אין איהם זיינען אויך אונזערע, מיר האבען אבער פונדעסטוועגען גאר ניט דאגעגען אז אויך אנדערע זא־לען, פון אט דעם גוואלדיגען קוואל, נעמען ווי פיל זיי ווילען. מיר האבען דעם גרויסען גליק ניט צו זיין אזוי תאוה'דיג ווי זיי... עס איז ווירקליך צו באוואונדערען, ליבער פאול! אייער פאלק ווייסט אז עס איז דא א גאט — באשאפער און באהיטער פון אלעס, און אז נאך זייער לעבען וועלען זיי אדער זיין פארפלוכט אדער גליקליך, לויט נאך דעם ווי זיי האבען זיך ביי זייער לעבען אויפגעפירט, און פונ־דעסטוועגען לעבען זיי אזוי, פונקט ווי מען וואלט זיי געצוואונגען

זיין שלעכט, אדער פונקט ווי עבורות וואלטען געבראכט זיי עפעס גוטס און כבוד. מיינע לאנדסלייט ווייסען גאר ניט וועגען גאט אדער טייוועל, פונדעסטוועגען פירען זיי זיך אויף אנשטענדיג, לעבען צוויי־שען זיך בשלום, טיילען זיך מיט אלעס, און שאפען געמיינשאפטליך זייערע לעבענס מיטלען."

דא זעהט מען קלאר דעם היפוך פון דער מאראל פון פרימיטיווען קאמוניזם, און דער מאראל פון קאפיטאליזם. אבער דא קומט ארויס נאך איין אונטערשיד; אין דער עסקימאסישער געזעלשאפט פאלען צוזאמען די טעאריע און די פראקטיק פון דער מאראל, אין דער קא־פיטאליסטישער וועלט אבער זיינען זיי אפגעטיילט דורך א טיפען אפ־גרונט. די אורזאכען דערפון וועלען מיר באלד באטראכטען

ב) די פראדוקציאנס מעטאדען און וואס איז אויפגעבויט אויף זיי.

די מאראלע פארשריפטען בייטען זיך צוזאמען מיט דער געזעל־שאפט, אבער ניט אהן אונטערברעכונגען, ניט אויף דעם זעלבען אופן ווי די געזעלשאפט, און ניט אין דער זעלבער מאס ווי די געזעלשאפט־ליכע נויטען. זיי ווערען אהן א לאנגען ישוב הדעת אנערקענט פאר מאראלע נארמען, ווייל זיי זיינען געווארען געוואנהייטען. ווען זיי ווארצלען זיך איין אלס אזעלכע קענען זיי א גאנץ לאנגע צייט פיהרען א זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, אין דער צייט וואס די טעכניק איז שוין אוועק ווייטער, עס האבען זיך געענדערט די פראדוקציאנס מע־טאדען, און עס זיינען פארגעקומען ענדערונגען אין די געזעלשאפט־ליכע נויטען.

מיט די פארשריפטען פון מאראל איז דאס זעלבע ווי מיט דעם איבעריגען קאמפליצירטען אידעאלאגישען איבערבוי, וואס אנט־שטעהט אויף דעם יסוד פון די פראדוקציאנס מעטאדען. זיי קענען זיך באפרייען פון זייער פונדאמענט און פיהרען א זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ פאר א געוויסער צייט.

אט די אנטוויקלונג האט דערפרעהט די הערצער פון די על־

מענטען, וועלכע זיינען בכח צו באפרייען זיך פון דעם מארקסיסטישען געדאנק, פאר וועמען אבער די פאלגען פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג זיינען ניט אנגענעהם. זיי וואלטען זעהר וועלען ארייננשמוגלען דעם געדאנק וועגען דעם, אז דער גייסט איז א זעלבסטשטענדיגע קראפט אין דעם פראצעס פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג. זיי האבען זיך אנגעכאפט אן דעם פאקט וואס די גייסטיגע פאקטארען אין דער געזעלשאפט קענען פאר א געוויסער צייט עקזיסטירען זעלבסטשטענדיג. ענדליך, הייסט דאס, האבען זיי געפונען די לאנג פארלאנגטע געגענזייטיגע ווירקונג: די עקאנאמיע ווירקט אויפ'ן גייסט און דער גייסט אויף דער עקאנאמיע, ביידע צוזאמען הערשען אין דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג, די געזעלשאפטליכע אנטוויקלונג ווערט געשטויסען פארווערטס, איין מאל פון די עקאנאמישע פאקטארען א צווייטען — פון די גייסטיגע, אדער גאר אז ביידע פאקטארען ווירקען פאראלעל, און פראדוצירען א געמיינשאפטליכען רעזולטאט. אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אז אונזער ווילען און אונזערע פארלאנגען, זיינען צייטענווייז בכח צו צוברעכען און ענדערען די שטרענגע עקאנאמישע נויטווענדיגקייט.

עס איז גאר קיין צווייפעל ניטא אז עס איז דא א געגענזייטיגע ווירקונג צווישען דער עקאנאמיע און איהר גייסטיגען איבערבוי, ווי מאראל, רעליגיע, רעכט, קונסט און א. ז. וו. וועגען דער גייסטיגער ארבייט פון ערפינדען רעדען מיר איצט ניט, ווייל דאס באלאנגט צו דער טעכניק, וואו דער גייסט שפילט די זעלבע ראליע ווי די געצייג. די טעכניק — דאס איז די באוואוסטזיניגע ערפינדונג און אנווענדונג פון געצייג דורך די דענקענדע מענשען.

פונקט ווי אלע אנדערע אידעאלאגישע פאקטארען קען די מאראל מיטהעלפען דער עקאנאמישער און געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג. אין דעם באשטעהט מאקי איהר געזעלשאפטליכע באדייטונג, ווייל די באשטימטע סאציאלע רעגעלען זיינען דער רעזולטאט פון געזעלשאפטליכע נויטען, וועלען זיי אלץ מעהר נוציך זיין פאר דער געזעלשאפטליכער קאאפעראציע וואס מעהר זיי וועלען זיין צוגעפאסט צו דעם סארט געזעלשאפט אין וועלכער זיי זיינען אנטשטאנען.

די מאראל, אלזא ווירקט אויפ׳ן סאציאלען לעבען. אבער דאס איז נאר אזוי לאנג ווי זי איז פון איהם אפ־הענגיג, און איז צוגעפאסט צו די סאציאלע נויטען, א דאנק וועלכע זי איז אנטשטאנען.

אזוי שנעל ווי די מאראל הויבט אן פיהרען א זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ אומאפהענגיג פון דער געזעלשאפט, אזוי שנעל ווי זי הערט אויף קאנטראלירט צו ווערען פון דער לעבעטער, נעמט אן איהר ווירקונג אויף דער געזעלשאפט אן אנדער פארמע. פון דער צייט אן, וועט איהר אנטוויקלען, אויף ווי פיל זי וועט געהן ווייטער, זיין פון א ריין פארמאלען לאגישען כאראקטער. אזוי שנעל ווי די מאראל געהט ארויס פון אונטער דער ווירקונג פון דער אויסערער וועלט, פארלירט זי איהר פעהיגקייט צו שאפען נייע מאראלע אנשויאונגען. זי קען בלויז איינפיהרען ארדענונג אין די אלטע און זיי באפרייען פון זייערע ווידערשפרוכען. זיך באפרייען פון די ווידערשפרוכען, אויסארבייטען אן איינהייטליכע אנשויאונג, לייזען די אלע פראבלע־מען וואס זיינען ארויסגערוקט געווארען א דאנק די ווידערשפרוכען — דאס איז די ארבייט פון דעם דענקענדען גייסט. אבער אויף דעם וועג קען ער בלויז פארשטארקען דעם אידעאלאגישען איבערבוי, וואס איז שוין פארטיג, אבער ער קען זיך ניט דערהויבען איבער זיך אליין. בלויז די אנטשטעהונג פון נייע ווידערשפרוכען און נייע פראבלעמען קען ארויסרופען א נייע אנטוויקלונג. אבער פון זיך זעלבסט קען דער מענשליכער גייסט ניט באשאפען קיין נייע ווידערשפרוכען און פראב־לעמען; זיי אנטשטעהען אין איהם א דאנק דער ווירקונג פון דער דרויסענדיגער סביבה.

דערפאר איז אזוי שנעל ווי די מאראלע פארשריפטען ווערען זעלבסטשטענדיג, הערען זיי אויף צו דינען אלס עלעמענטען פון גע־זעלשאפטליכען פראגרעס. זיי ווערען פארשטיינערט, ווערען פאר־וואנדעלט אין א קאנסערוואטיווען עלעמענט, און א שטערונג צום פראגרעס. דערפאר איז מעגליך אז אין דער מענשליכער געזעלשאפט (אין דער געזעלשאפט פון חיות קען דאס ניט פאסירען) זאל די מא־ראל פארוואנדעלט ווערען פון א נויטיגען סאציאלען בונד אין אן אומ־

ערטרעגליכען דרוק אויף דער געזעלשאפט. דאס איז אויך א נעגענ־זייטיגע ווירקונג, אבער ווייט ניט אין דעם גייסט פון אונזערע אנטי־מאטעריאליסטישע מאראליסטען.

דער ווידערשפרוך צווישען געוויסע מאראלע פארשריפטען און די געזעלשאפטליכע באדינגונגען, קען דערגרייכען צו א גאנץ הויכער מאס אפילו שוין אין דער פרימיטיווער געזעלשאפט. אבער מיט דער אנטשטעהונג פון קלאסען אנטאגאניזם ווערט דאס נאך פיל טיפער. אויב אין א געזעלשאפט וואס איז ניט צוטיילט אין באזונדערע קלא־סען, פארבלייבען מיר געטריי צו די מאראלע פארשריפטען בלויז אויס געוואנהייט, און עס איז גענוג צו באזיגען די געוואנהייט כדי צו בא־זיגען די מאראל, איז דאס אבער אנדערש אין א קלאסען־געזעלשאפט: דא פאלט די מאראל צוזאמען מיט וועלכע עס איז אינטערעסען, און גאנץ אפט מיט גאר מעכטיגע אינטערעסען. גלייכצייטיג באווייזען זיך געוואלד־מיטלען, פיזישער צוואנג און די אונטערדריקונג פון די עקספלואטירטע קלאסען; אט די אלע צוואנגס מיטלען שטעלען זיך אין דינסט פון דער מאראל, זיי זעהען אז די מאראלע פארשריפטען וואס זיינען אין די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאסען, זאלען אפגעהיט ווערען.

א געזעלשאפט וואס איז ניט צוטיילט אין קלאסען מוז ניט אנ־קומען צו אט די צוואנגס מיטלען. עס איז אמת די סאציאלע אינס־טינקטען זיינען אפילו אין אזא געזעלשאפט ניט אימער שטארק גענוג צו צווינגען אלע יחידים צו אויספאלגען די מאראלע פארשריפטען; די מאכט פון די סאציאלע אינסטינקטען, פונקט ווי פון די אינסטינק־טען פון זעלבסט דערהאלטונג און פארמערונג, זיינען ניט גלייך ביי אלע יחידים, און ניט אלע מאל זיגען די ערשטע אין אזעלכע פאלען. איז אין א קלאס־לאזער געזעלשאפט די עפענטליכע מיי־נונג שטארק גענוג צו צווינגען און באשטראפען. דאס אבער באשאפט ניט אין אונז ניט קיין מאראלישען געזעץ און ניט קיין מאראלע פליכט. אונזער געוויסען איז ביי אונז דא, אויב אפילו קיינער קוקט אונז ניט נאך, און אפילו ווען די עפענטליכע מיינונג איז אינגאנצען ניטא. פארקערט נאך, דער געוויסען קען אונז אמאל

די עטיק

צווינגען צו געהן להפוך צו דער עפענטליכער מיינונג פון דער מערהייט, איבערהויפט ווען די געזעלשאפט איז רייך מיט קלאסען הפוכים. און מיט ווידערשפרעכענדע מאראלע פארשריפטען.

אבער די עפענטליכע מיינונג דינט אין א קלאסלאזער געזעלשאפט פאר א גוטען פאליציייאישען מיטעל צו זעהן אז די מאראלע פארשריפטען זאלען אויסגעפאלגט ווערען. דער יחיד איז אזוי הילפלאז אין פארגלייך מיט דער געזעלשאפט, אז ער האט קיין שום מעגליכקייט ניט צו געהן להפוך צו דער אלגעמיין אנגענומענער מיינונג. דאס לעצטע ווירקט אזוי שטארק, אז קיין מיטלען פון צוואנג אדער באשטראפונג זיינען שוין מעהר ניט נויטיג פאר דער פארהיטונג פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון וועלכע עס איז שטערונגען. אפילו איצט אין דער קלאסען געזעלשאפט זעהען מיר אז די עפענטליכע מיינונג, פון דעם אייגענעם קלאס, אדער פון דעם קלאס אדער פארטיי, צו וועלכע איינער שליסט זיך אן, זיינען שטארקער ווי די מעכטיגסטע מיטלען פון דעם שטאט. מען קלייבט אויס גיכער תפיסה, ארי-וקייט און אמאל אפילו טויט, אנשטאט שאנדע.

אבער די עפענטליכע מיינונג פון איין קלאס האט קיין ווירקונג ניט אויף א צווייטען. ביז וואנען די געזעלשאפט איז ניט צוטיילט אין קלאסען, און האט ניט קיין קלאסען הפוכים, קען זי האלטען יעדען יחיד אין די נויטיגע ראמען, און צווינגען איהם אויספאלגען איהרע רעגעלען, אויב זיינע סאציאלע אינסטינקטען אליין זיינען ניט גענוג דאס צו טאן. די עפענטליכע מיינונג פארלירט אבער איהר מאכט ווען עס שטעהט, ניט א יחיד געגען דער געזעלשאפט, נאר איין קלאס געגען א צווייטען. דער הערשענדער קלאס, אויב ער וויל אויפהאלטען זיין לאגע, מוז אנקומען צו אנדערע צוואנגס-מיטלען, ער מוז זיך שוין דא באנוצען מיט זיי; גרעסערער פיזישער און עקאנאמישער מאכט, מיט זיין בעסערער ארגאניזאציע און זיין העכערער אינטעליגענץ.

די מיטלען פאר דער אויפהאלטונג פון דער קלאסען הערשאפט זיינען ניט נאר סאלדאטען, פאליציי און ריכטער, נאר אויך די גלחים. **עס איז אויסגעפאלען אויפ'ן** גורל פון דער ארגאניזירטער קירך אפצו-

היטען די טראַדיציאָנעלע מאָראַל. אַט די פאַראייניגונג צווישען רע־ליגיע און מאָראַל קומט פאַר נאָך לייכטער א דאַנק דעם וואָס די נייע רעליגיעס, וועלכע אַנטשטעהען אין דער צייט ווען דער פרימיטיווער קאָמוניזם און די געזעלשאַפט וואָס איז געבויט אויף לייבליכער פאַר־וואַנדשאַפט האַלטען אין פאַנאַנדערפאַלען, זיינען אין אַ שאַרפען ווידערשפּרוך מיט די אַלטע נאַטירליכע רעליגיעס. די לעצטע האָבען זיך איינגעוואָרצעלט נאָך אין דער צייט ווען קיין קלאַסען זיינען נים געווען, און ווען עס איז נאָך נים געווען קיין באַזונדערע קאַסטע פון גלחים. אין די אַלטע רעליגיעס איז די געטליכקייט גאַר נים פאַר־בונדען מיט דער מאָראַל. די נייע רעליגיעס אָבער וואַקסען אויס אויף דעם פילאָסאָפישען באָדען, וועלכער פאַרבינדט אויפ'ן ענגסטען אופן די עטיק, דעם גלויבען אין גאָט און די איבערנאַטירליכע וועלט. שטיצענדיג איין פאַקטאָר אויפ'ן צווייטען. פון יענער צייט אָן זיינען עטיק און רעליגיע, אַלס מיטלען פאַר הערשאַפט, אויפ'ן אינטימסטען אופן צווישען זיך פאַרבונדען. אמת, דער מאָראַלער געזעץ איז דער רעזולטאַט פון דער סאָציאַלער נאַטור פון מענשען, און אַלע מאָראַלע פאַרשריפטען זיינען די פּראָדוקטען פון באַשטימטע געזעלשאַפטליכע באַדערפעניסען, אָבער ביידע האָבען קיין שום שיכות נים מיט דער רעליגיע. די מאָראַל אָבער וועלכע מוז אויפגעהאַלטען ווערען ביי'ם פאָלק אין די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען, נויטיגט זיך זיכער אין דער רעליגיע און אין דער גאַנצער קירכליכער אָרגאַניזאַציע. אָהן זיי וואָלט זי נאָך שנעלער פאַרשוואונדען, ווי דאָס איז אין דער ווירקליכקייט.

ג) די אַלטע און נייע מאָראַל.

דער ווידערשפּרוך צווישען דער הערשענדער געזעלשאַפטליכער מאָראַל און דעם לעבען און שטרעבען פון די געזעלשאַפטס מיטגלי־דער, ווערט אַלץ מעהר פאַרגרעסערט, וואָס לענגער עס פאַרבלייבען אין קראַפט די אָפּגעלעבטע מאָראַלע פאַרשריפטען. נאָך דעם ווי די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איז שוין אַוועק ווייטער, און האָט שוין באַ־

שאפען נייע באדערפעניששען, וועלכע פאדערען נייע פארשריפטען פון מאראל.

אבער אט דער ווידערשפרוך געפינט א גאנץ פארשידענעם אויס־דרוק ביי די פארשידענע קלאסען. די קאנסערוואטיווע קלאסען, ד. ה. די וועמעס עקזיסטענץ עס האלט זיך אויף די אלטע געזעלשאפטליכע באדינגונגען, — האלטען זיך מיט אלע כחות אן דער אלטער מאראל. דאס איז אבער בלויז אין דער טעאריע, אין דער פראקטיק קענען זיי זיך בשום אופן ניט באפרייען פון דער ווירקונג פון די נייע געזעל־שאפטליכע באדינגונגען. אין דעם פאל הויבט זיך אן דער גוט בא־אנטער קאנפליקט צווישען דער טעאריע און דער פראקטיק. פילע נעמען דאס אן אלס א נאטירליכען געזעץ פון דער מאראל; די פאדע־רונגען פון מאראל זיינען זעהר גוט, נאר זיי קענען ניט אויסגעפיהרט ווערען. דער ווידערשפרוך צווישען דער טעאריע און פראקטיק קען דא אננעמען א צווייפאכע פארמע. די קלאסען און יחידים, וועלכע פיהלען זיך שטארק גענוג, איגנארירען גאנץ אפען די פאדערונגען פון דער טראדיציאנעלער מאראל, זיי האלטען איהר אבער פאר נוי־טיג פאר אנדערע. די קלאסען און יחידים וואס פיהלען זיך אבער שוואך, טרעטען איבער די מאראלע פארבאטען, אין געהיים, און פאר־טיידיגען זיי אין דער עפענטליכקייט. אין די קלאסען וואס זיינען פאר'משפט אונטערצוגעהן, רופט דאס ארויס, לויט נאך די אומשטענ־דען, אדער צ י נ י ז ם, אדער ה י פ א ק ר י ט ס ט ו ו א. גלייכצייי־טיג, ווי מיר האבען שוין געזעהן, פארשווינדט ביי אט די קלאסען גאנץ לייכט, זייערע סאציאלע אינסטינקטען, א דאנק דער פאר־שטארקונג פון זייערע פריוואטע אינטערעסען, און די מעגליכקייט אנ־פירען דעם קאמף דורך געדונגענע מענשען, און דערמיט פארמיידען דאס פערזענליכע געפאר פון קאמף.

דאס אלעס שאפט אין די קאנסערוואטיווע און איבערהויפט אין די הערשענדע קלאסען, די ערשיינונג וועלכע מיר רופען געוועהנליך אן מיט'ן כאראקטעריסטישען נאמען — אוממאראליטעט.

די מאטעריאליסטישע מאראליסטען, וועלכע נעמען די עטיק פשוט אלס א מאדע, לייקענען אפ די מעגליכקייט פון אזא סארט אומ־

קאַרל קאַוטסקי

מאָראַליטעט אַלס געזעלשאַפטליכע ערשיינונג. היות ווי יעדע מאָ־ראַל איז אַ רעלאַטיווע, איז דאָס וואָס מיר רופֿן אַן אוממאָראַליטעט בלויז אַ באַזונדערער סאָרט מאָראַל; אַ מאָראַל וואָס איז אַנדערש ווי אונזערע.

אידעאַליסטישע מאָראַליסטן, פֿון דער צווייטער זייט, שליסן דערפֿון, אַז היות ווי עס זיינען פֿאַראַן גאַנצע קלאַסן און געזעלשאַפֿ־טן, וואָס זיינען אוממאָראַליש, מוז עקזיסטירן אַן איבעריקער, פֿון צייט און רוים אומאָפּהענגיגער מאָראַלער סטאַנדאַרד, וואָס איז אומ־אָפּהענגיג פֿון די געזעלשאַפֿטליכע צושטאַנדן, וועלכע ענדערן זיך כסדר, דורך וועלכן מיר זאָלן קענען מעסטן די מאָראַל פֿון יעדער קלאַס אָדער געזעלשאַפֿט.

צום באַדויערן אָבער, איז דער עלעמענט פֿון דער מענשליכער מאָראַל, וועלכער, אויב ער איז אפֿילו ניט אומאָפּהענגיג פֿון צייט און רוים, איז אָבער עלטער פֿון די זיך־ענדערענדע, סאָציאַלע באַציהונ־גען — דער סאָציאַלער אינסטינקט — פּונקט דאָס וואָס איז געמיינ־שאַפֿטליך צווישן דער מענשליכער און טהירישער מאָראַל. דאָס ספּעציפֿיש מענשליכע אין דער מאָראַל זיינען די מאָראַלע נאָרמען, און זיי האַלטן זיך אין איין ענדערן. דאָס מיינט ניט, אַז אַ קלאַס אָדער אַ געזעלשאַפֿט קען ניט זיין אוממאָראַליש, דאָס מיינט בלויז אַז — אמוועניגסטענס בנוגע מאָראַלע נאָרמען, אַז עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטע אוממאָראַליטעט, פּונקט ווי עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטע מאָראַל. אוממאָראַליטעט, אין דעם הינזיכט, איז אויך אַ רעלאַטיווער באַגריף. אַבסאָלוטע אוממאָראַליטעט, קען מען בלויז אָנרופֿן די אָב־וועזנהייט פֿון די **סאָציאַלע אינסטינקטן און טוגענדן**, וועלכע דער מענש האָט איבערגענומען פֿון די איבעריגע סאָציאַלע חיות.

אויב מיר נעמען אַן די אוממאָראַליטעט אַלס פֿאַרברעכן געגן די געזעצן פֿון מאָראַל, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס מיינט ניט דאָס אָפּטרעטן פֿון אַ געוויסן סטאַנדאַרד פֿון מאָראַל, וואָס איז באַשטימט פֿאַר אַלע מענשן, אַלע צייטן און אַלע לענדער, נאָר דער ווידער־שפּרוך צווישן דער מאָראַלער פּראַקטיק און די אייגענע מאָראַל־

פּרינציפּען. דאָס מיינט בלויז אַ פאַרברעכען געגען די מאָראַלע נאָר־מען, וועלכע איינער אָנערקענט אַליין פאַר נויטיג און פאָדערט, אַז אַנדערע זאָלען זיי אָפּהיטען. עס איז דערפאַר אַז אונזין צו ערקלע־רען פאַר אוממאָראַליש געוויסע מאָראַלע נאָרמען פון אַ וועלכען עס איז פאָלק אָדער קלאַס, דערפאַר ווייל זיי זיינען אין ווידערשפּרוך מיט אונזערע אייגענע מאָראַלע נאָרמען. אוממאָראַליטעט קען אַלע מאָל באַשטעהן אין ניט אָפּהיטען די אייגענע מאָראַל, אָבער ניט אַ פרעמדע. איינע און די זעלבע ערשיינונג ווי צ. ב. ש. פרייע גע־שלעכטליכע צוזאַמענקונפטען, אָדער גלייכגילטיגקייט צו אייגענטום, קען אין איין פאַל זיין דער רעזולטאַט פון מאָראַלער געפאַלענקייט, ווי צ. ב. ש. אין אַ געזעלשאַפט וואו עס הערשט מאָנאָגאַמיע און די הייליגקייט פון אייגענטום. אין אַ צווייטען פאַל קען דאָס זיין העכסט מאָראַליש אין אַ געזונטער געזעלשאַפט, וועלכע נויטיגט זיך ניט אין קיין פּריוואַט אייגענטום, ניט אויף קיין פרויען און ניט אויף אַנדערע געברויכס־ אָדער פּראָדוקציאָנס־אַרטיקלען.

ד) דער מאָראַלער אידעאַל.

אויב ביי די קאָנסערוואַטיווע און הערשענדע קלאַסען דריקט זיך אויס דער וואַקסענדער ווידערשפּרוך צווישען די נייע סאָציאַלע באַ־דינגונגען און דער אַלטער פאַרשטיינערטער מאָראַל, אין אַ וואוקס פון אוממאָראַליטעט, היפּאָקריטסטוואָ און ציניזם, וועלכע פירען צו דער אָפּשוואַכונג פון די סאָציאַלע אינסטינקטען, פירט דאָס ביי די יונגע און עקספּלואַטירטע קלאַסען צו גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטען. זייערע אינטערעסען זיינען להיפוך פון די געזעלשאַפטליכע יסודות, וועלכע האָבען באַשאַפען די הערשענדע מאָראַל. זיי האָבען ניט די קלענס־טע אורזאַכע וואָרום זיי זאָלען זיך ביי איהר האַלטען. פאַרקערט, אַלץ אַרום טרייבט זיי צו קעמפען מיט איהר. וואָס מעהר זיי ווע־רען באַוואוסטזיניג וועגען זייער אַנטאַגאָניזם צו דער הערשענדער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, רק מעהר וואַקסט זייער מאָראַלע עמ־פּערונג, רק מעהר שטעלען זיי אַוועק געגען דער אַלטער טראַדיציאָ־

קאַרל קאַוטסקי

נעלער מאָראַל אַ נייע, וועלכע זיי באַמיהען זיך צו מאַכען פאַר דער מאָראַל פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. אַט אַזוי אַנטשטעהט ביי די יונגע קלאַסען אַ מאָראַלער אידעאַל, וועלכער ווערט רק אויסגעשפּראָכענער, וואָס שטאַרקער עס ווערען די כחות פון דעם קלאַס. גלייכצייטיג, ווי מיר האָבען געזעהן, ווערען באַזונדערס שטאַרק אַנטוויקעלט די סאָציאַלע אינסטינקטען ביי אַט די קלאַסען, אַ דאַנק דעם קלאַסען־קאַמף, אַזוי אַז צוזאַמען מיט דער אויסגעשפּראָכענקייט פון זייער מאָראַלען אידעאַל, וואַקסט אויך זייער ענטהוזיאַזם פאַר איהם. אויף דעם אופן זעהען מיר, אַז די זעלבע ערשיינונגען וואָס באַשאַפען די אוממאָראַליטעט פון די קאָנסערוואַטיווע אָדער אונטערגעהענדע קלאַסען, שאַפען אין די יונגע אויפגעהענדע קלאַסען אַ כסדר וואַקסענדע ערשיינונג, וועלכע מיר רופען אַז מיט'ן נאָמען — **עטישער אידעאַליזם**: דאָס דאַרף אָבער ניט צונויפגעמישט ווערען מיט'ן פילאָסאָפישען אידעאַליזם. די אויפגעהענדע קלאַסען זיינען טאַקי מערסטענס גענייגט אָנצונעמען דעם פילאָסאָפישען מאַטעריאַליזם, די אָפּשטאַרבענדע קלאַסען, אָבער באַקעמפען איהם, גלייך פון דער מינוט, ווען זיי פאַרשטעהען, אַז די ווירקליכקייט טראָגט פאַר זיי ארויס אַ טויט־אורטייל, און אַז רעטונג קענען זיי ערוואַרטען נאָר פון איבערנאַטירליכע כחות: געטליכע אָדער עטישע.

דער אינהאַלט פון דעם נייעם מאָראַלען אידעאַל איז אָפט ניט קלאָר גענוג. ער שטאַמט ניט אַרויס פון אַ וועלכער עס איז טיפער וויסענשאַפטליכער דערקענטעניש פון דעם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם, אַ זאַך וואָס איז אָפט גאַנץ פרעמד צו די שאַפער פון דעם אידעאַל, נאָר פון אַ טיפער געזעלשאַפטליכער **באַדערפעניש**, אַ ברענענדער בענקשאַפט, און אַן ענערגישער שטרעבונג צו עפּעס וואָס איז אַנדערש ווי דאָס וואָס עקזיסטירט איצט, צו עפּעס וואָס איז פונקט דער היפּוך דערפון. אויף דעם אופן איז אויך אַט דער מאָראַלער אידעאַל בעצם אַ ריין־נעגאַטיווער, ניט מעהר ווי דער אויסדרוק פון געגנערשאַפט צו דער הערשענדער, ווידערשפּרעכליכער מאָראַל.

אָבער פון זינט עס עקזיסטירט די קלאַסען־געזעלשאַפט, און עס

די עטיק

האט זיך אויסגעארבייט א שארפער קלאסען־אנטאגאניזם. פארטיי־דיגט אימער די הערשענדע מאראל, די ש ק ל א פ ע ר י י, א ו מ־ג ל י י כ ה י י ט און ע ק ס פ ל ו א ט א צ י ע.

דערפאר האט עס אויסגעוויזען, אז דער מאראלער אידעאל פון די אונטערדריקטע קלאסען איז אין אלע היסטארישע צייטען געווען דער זעלבער, — דאס איז דער אידעאל, וועלכען די פראנצויזישע רע־וואלוציע האט כאראקטעריזירט מיט די ווערטער: פרייהייט, גלייכ־הייט און ברידערליכקייט. עס האט זיך געדאכט, אז אט דער אי־דעאל איז איינגעפלאנצט אין דעם הארץ פון יעדען מענשען, אומאפ־הענגיג פון צייט און פלאץ, אז די אויפגאבע פון דעם מענשליכען מין איז דער אייביגער שטרעבען צו רעאליזירען איינעם און דעם זעל־בען מאראלען אידעאל, און אז די אנטוויקלונג פון דער מענשהייט בכלל, איז א שטופענווייזע דערנעהענטערונג צו אט דעם אידעאל, וועלכער שוועבט שטענדיג פאר איהם.

ווען מיר קוקען זיך אבער נעהענטער צו צו דער זאך, זעהען מיר אז די ענליכקייט פון די מאראלע אידעאלען פון די פארשידענע היס־טארישע פעריאדען איז בלויז אן אויבערפלעכליכע, הינטער זיי איז פאראן זעהר גרויסע און וויכטיגע אונטערשידען אין זייערע געזעל־שאפטליכע צילען, וועלכע זיינען אין איינקלאנג מיט די אונטער־שידען פון די באזונדערע געזעלשאפטליכע צושטאנדען.

פארגלייכענדיג דעם קריסטענטום, די פראנצויזישע רעוואלוציע און די מאדערנע סאציאל־דעמאקראטיע, געפינען מיר, אז פרייהייט און גלייכהייט מיינט עפעס אנדערש פאר יעדער איינעם פון זיי: עס ווענדט זיך לויט נאך זייער באציהונג צ ו ם א י י ג ע נ ט ו ם א ו ן פ ר א ד ו ק צ י ע. דער פרימיטיווער קריסטענטום האט געשטרעבט צו גלייכהייט אין אייגענטום, פאדערענדיג, אז דער איי־גענטום זאל גלייך צוטיילט ווערען צווישען אלעמען פאר געברויכס־צוועקען. אונטער׳ןווארט פרייהייט, האבען זיי פארשטאנען די פאדערונג, אז אלע זאלען באפרייט ווערען פון ארבייט, פונקט ווי די בלומען אין פעלד, וועלכע זייען ניט און שניידען ניט, און געניסען פארט פון לעבען.

קאַרל קאַוטסקי

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט מיט איהר פאָדערונג פאַר גלייכהייט, געמיינט גלייכהייט פון רעכט אויף איי־גענטום. פריוואַט אייגענטום, אבער, אז און פאַר זיך, האָט זי דערקלערט פאַר הייליג. פרייהייט, האָט פאַר איהר געמיינט, די פרייהייט פאַר יעדען צו באַגעהן זיך מיט זיין אייגענטום, אין דעם פּראָצעס פון עקאָנאָמישען לעבען, אזוי ווי פאַר איהם איז בעסער.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האַלט דאָס פריוואַט אייגענטום ניט פאַר הייליג און פאָדערט אויך ניט די צוטיילונג דערפון. זי פאָדערט איהר סאָציאַליזירונג. די גלייכהייט צו וועלכער זי שטרעבט, מיינט די גלייכע רעכט פון אַלעמען אויף די פּראָדוקטען פון דער געזעל־שאַפטליכער אַרביים. די געזעלשאַפטליכע פרייהייט פאַר וועלכע זי קעמפט, מיינט ניט די באַפרייאונג פון ארביים פאַר אַלעמען, און ניט די פרייהייט צו באַלעבאַטעווען איבער די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און פּראָדוקציאָן בכלל, נאָר די פאַרקלענערונג פון דער נויטיגער אַר־ביים דורך צוציהען צו דער ארביים די אַלע מענשען וואָס זיינען פעהיג צו אַרבייטען, און דורך איינפירען די בעסטע, ארבייט־שפּאַ־רענדע מאַשינען און מעטאָדען. אויף דעם אופן וועט די ארבייט, וועלכע קען ניט זיין פריי, נאָר מוז קאָנטראָלירט ווערען פון דער געזעלשאַפט, געבראַכט ווערען פאַר יעדען איינעם צו אַ מינימום, און יעדער איינער וועט זיין פאַרזיכערט מיט גענוג צייט און פרייהייט, פאַר אַ פרייער, קינסטלערישער און וויסענשאַפטליכער ארבייט, און אַ מעגליכקייט פריי צו געניסען פון לעבען. די געזעלשאַפטליכע פרייהייט — (וועגען דער פּאָליטישער רעדען מיר דאָ ניט) דורך דער מעגליכסט־גרעסטער פאַרקירצונג פון דער ארבייטס־צייט — איז די פרייהייט פאַר וועלכע דער מאָדערנער סאָציאַליזם קעמפט.

איינער און דער זעלבער מאָראַלער אידעאַל, קען, ווי עס שיינט, אַרומכאַפּען די פאַרשידענסטע געזעלשאַפטליכע אידעאַלען. די אויי־סערליכע ענליכקייט פון די מאָראַלע אידעאַלען פון פאַרשידענע צייי־טען און פאַרשידענע לענדער, איז ניט דער רעזולטאַט פון אַ מאָ־ראַלען אידעאַל, וואָס איז אומאָפּהענגיג פון צייט און פּלאַץ, וועלכער איז איינגעפּלאַנצט אין מענשען, און האָט זיינע וואָרצלען אין דער

איבערזינליכער וועלט — זי איז נאר דער רעזולטאט פון דעם וואס ניט קוקענדיג אויף אלע געזעלשאפטליכע אונטערשידען, זיינען די הויפט ליניעס פון דער קלאסען־הערשאפט אין דער מענשליכער געזעלשאפט אלע מאל די זעלבע.

אבער א נייער מאראלער אידעאל קען אנטשטעהן ניט בלויז אויפ'ן יסוד פון קלאסען אנטאגאניזם. צווישען די קאנסערוואטיווע קלאסען קענען זיך געפינען יחידים, וועלכע זיינען ניט דורכגעדרונגען מיט'ן קלאסען באוואוסטזיין, וועמעס סאציאלע פארבינדונג מיט זייער קלאס איז א גאנץ שוואכע, און וועלכע באזיצען גלייכצייטיג שטארקע סאציאלע אינסטינקטען און טוגענדען, וועלכע צווינגען זיי צו פאראכטען דעם ציניזם און היפאקריטסטווא: זייער הויכע אינטעליגענץ ערמעגליכט פאר זיי קלאר צו באגרייפען דעם ווידערשפרוד וואס הערשט צווישען דער טראדיציאנעלער מאראל און די געזעלשאפטליכע נויטען. אזוינע יחידים קומען אויך אומפארמיידליך צו דעם, אז זיי ארבייטען אויס נייע מאראלע אידעאלען. צי וועלען אט די אידעאלען באקומען א סאציאלען כח, ווענדט זיך אן דעם אויב זיי גיסען זיך צונויף מיט די קלאסען אידעאלען, אדער ניט. דער מאראלער אידעאל קען זיין פרוכטבאר בלויז אלס אימפולס אין קלאסען־קאמף, ווייל בלויז דער קלאסען־קאמף, און ניט דער פערזענליכער שטרעבען פון איינצעלנע מענשען, קען טרייבען די געזעלשאפט ווייטער אויף דעם וועג פון איהר אנטוויקלונג, און צופאסען איהר צו די פאדערונגען פון די העכער־אנטוויקעלטע פראדוקציאנס־כחות. די רעאליזירונג פון מאראלען אידעאל בכלל, קען דערגרייכט ווערען בלויז דורך דער פארענדערונג פון דער געזעלשאפט.

אמת, ביז איצט איז ניט באשערט געווען, אז דער מאראלער אידעאל זאל פארווירקליכט ווערען. דאס ווערט פארשטענדליך, ווען מען בעקאנט זיך מיט זיין אנטשטעהונג. דער מאראלער אידעאל איז ניט קיין אנדערער ווי דער קאמפלעקס פון פארלאנגען און שטרעבונגען וועלכע ווערען ארויסגערופען דורך דעם ווידערשפרוך פון דער עקזיסטירענדער ארדענונג. אלס אימפולס אין קלאסען־קאמף און אלס מיטעל צוזאמענצוקלייבען די כחות פון די אויפגעהענדע קלאסען פאר

קאַרל קאַוטסקי

זייער קאַמף געגען דער עקזיסטירענדער אָרדענונג. איז ער אַ מעכטיגער מיטעל פון זיעג. אבער די נייע געזעלשאַפטליכע אָרדענונג, וועלכע קומט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער, איז ניט אָפּהענגיג אין די פאָרמען פון דעם מאָראַלען אידעאַל, נאָר פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען, פון דער טעכניק, פון דעם נאַטירליכען צושטאַנד, פון דעם כאַראַקטער פון די שכנים און אורעלטערען, פון דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפט און אַז. וו.

די נייע געזעלשאַפט קען אויף דעם אופן זיין גאַנץ פאַרשידען פון דעם מאָראַלען אידעאַל פון די, וואָס האָבען דורך זייער קאַמף איהר געבראַכט, איבערהויפּט דאַן ווען די מאָראַלע עמפּערונג איז ווענינ וואָס געווען פאַראייניגט מיט דעם וויסען פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען. דערפאַר האָט יעדער אידעאַל, נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעטאָן זיין היסטאָרישע ארבייט און האָט אָפּגעדינט אַלס אימפּולס פאַר דער צושטערונג פון דער אַלטער אָרדענונג, זיך געענדיגט מיט אַן ענטוישונג, זיך ארויסגעוויזען פאַר אַן אילוזיע.

אויבען האָבען מיר געזעהן ווי אַזוי עס אַנטשטעהט ביי די קאָנסערוואַטיווע קלאַסען דער ווידערשפּרוך צווישען דער מאָראַלער טעאָריע און דער פּראַקטיק. די מאָראַל איז ביי זיי עפּעס וואָס אַלע פאָדערען, נאָר קיינער פאָלגט ניט אויס, עפּעס וואָס איז איבער די מענשליכע כחות, און וואָס בלויז ניט-ערדישע וועזענס קענען אויספאָלגען. דאָ קומען מיר אויך צו דער אַנטשטעהונג פון אַ באַזונדערען ווידערשפּרוך ביי די רעוואָלוציאָנערע קלאַסען, צווישען דער מאָראַלער טעאָריע און פּראַקטיק. דאָ איז דער ווידערשפּרוך צווישען דעם מאָראַלען אידעאַל און דער ווירקליכקייט, וועלכע די סאָציאַלע רעוואָלוציע באַשאַפט. אויך דאָ דאַכט זיך אויס אַז די מאָראַל איז עפּעס צו וואָס אַלע שטרעבען, און קיינער דערגרייכט ניט, עפּעס וואָס קיין ערדישער וועזען קען ניט דערגרייכען. עס איז דערפאַר גאָר קיין וואונדער ניט וואָס די מאָראַליסטען נעמען נאָך דעם אַן די מאָראַל אַלס עפּעס וואָס האָט ניט קיין ערדישע אַנטשטעהונג, און אַז אונזעריה'שע נאַטור, וועלכע ציהט רק צו דער ערד, איז שולדיג אין דעם וואָס מיר קענען בלויז פון דער וויטען פאַרגעטערען איהר בילד — אבער קיין מאָל זיך ניט דערנעהענטערען צו איהר.

די עטיק

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם ברענגט אַרונטער די מאָראַל פון איהר הימעלשער הויך. מיר דערקענען איהר חיה'שען אור־שפּרונג, און זעהען, אַז די ענדערונגען וועלכע זי מאַכט דורך אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, ווערען באַשטימט דורך די, וועלכע די גע־געזעלשאַפט אַליין מאַכט דורך, אַ דאַנק דער טעכנישער אַנטוויקלונג. עס ווערט פאַר אונז אויפגעדעקט דער ריין נעגאַטיווער כאַראַקטער פון דער מאָראַל, — אַלס געגענזאַץ צו דער עקזיסטירענדער מאָראַ־לער אָרדענונג, און עס ווערט קלאָר איהר באַדייטונג אַלס מיטעל צו־נויפזאַמלען און באַגייסטערען די רעוואָלוציאָנערע קלאַסען. אַבער צוזאַמען מיט דעם פאַרלירט דער מאָראַלער אידעאַל זיין אָנפירענדע קראַפט. די ריכטונג אין וועלכער די געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג געהט באמת, איז ניט אָפּהענגיג אַז אונזער מאָראַלען אידעאַל, נאָר פון די באַשטימטע מאַטעריעלע באַדינגונגען. אַט די מאַטעריעלע באַדינגונגען האָבען שוין אין פריהערדיגע צייטען, אין אַ געוויסען זין, באַשטימט דעם מאָראַלען ווילען און די געזעלשאַפטליכע צי־לען פון די קלאַסען וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אין אַנטוויקלען. אַבער אין מערסטע פאַלען איז דאָס געטאָן געוואָרען אומבאַוואוסט־זיניג. אויב אפילו אין אַ געוויסער צייט האָט יאָ געהערשט אַ ריכ־טענדע סאָציאַלע דערקענטעניש, ווי אין 18טען יאָרהונדערט, האָט זי אַבער אויף דער אויסאַרבייטונג פון די געזעלשאַפטליכע צילען ניט געווירקט סיסטעמאַטיש און אויסגעהאַלטען.

די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון געשיכטע, האָט אָוועקגע־נומען פון דער מאָראַל דעם כאַראַקטער פון אַ פאַקטאָר, וועלכער באַוועגט די סאָציאַלע אַנטוויקלונג. זי האָט אונז אויסגעלערענט צו אַרויספירען אונזערע אידעאַלען אויסשליסליך פון דעם וויסען פון די געגעבענע מאַטעריעלע יסודות. דערמיט האָט זי צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע באַוויזען, ווי עס איז מעגליך צו פאַרמיידען, אַז די רעוואָלוציאָנערע ווירקליכקייט זאָל בלייבען הינטערשטעליג הינטער דעם געזעלשאַפטליכען אידעאַל, צו פאַרמיידען ווי ווייט מעגליך אי־לוזיעס און ענטוישונגען. צי וועט זיך ווירקליך איינגעבען דאָס אַלעס צו פאַרמיידען, הענגט אָפּ אַז דער שטופע פון דער קענטעניש פון די

געזעצע פון דער אנטוויקלונג און באוועגונג פון דעם סאציאלען ארגאניזם, פון זיינע כחות און ארגאנען.

דער מאראלער אידעאל פארלירט ניט זיין איינפלוס אויף דער געזעלשאפט, עס ווערט נאר פעסטגעשטעלט די ווירקליכע מאס פון זיין ווירקונג. פונקט ווי דער סאציאלער מאראלער *אינסטינקט*, אזוי איז אויך דער מאראלער אידעאל ניט קיין ציל, נאר א *כח* אדער א *מיטעל* אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ. דער מאראלער אידעאל דינט אלס באזונדערער מיטעל אין די באזונדערע באדינגונגען פון קלאסען־קאמף.

די סאציאל־דעמאקראטיע אלס די ארגאניזאציע פון פראלעטאריאט פאר זיין קלאסען־קאמף, קען זיך ניט באגעהן אהן א מאראלען אידעאל, אהן א מאראלער עמפערונג געגען עקספלואטאציע און קלאסען־הערשאפט. אבער דער דאזיגער אידעאל האט קיין שום געמיינשאפטליכעס ניט מיט'ן *וויסענשאפטליכען סאציאליזם*, מיט דער וויסענשאפטליכער אויספארשונג פון די געזעצען פון דער אנטוויקלונג און באוועגונג פון סאציאלען ארגאניזם, וועלכע ווערט אונטערגענומען מיט'ן צוועק צו פארשטעהן די *נויטוועני־דיגע* טענדענצען און צילען פון פראלעטארישען קלאסען־קאמף.

אמת, דער סאציאליסטישער פארשער פארבלייבט שטענדיג אויך א קעמפער, און מען קען ניט קינסטליך צוטיילען דעם מענשען אויף צוויי טיילען אזוי, אז איינע זאל קיין שום שיכות ניט האבען מיט דער צווייטער. אזוי צ. ב. ש. רייסט זיך אפט דורך דורך מארקס'עס וויסענשאפטליכע פארשונגען דער איינפלוס פון מאראלען אידעאל. ער באמיהט זיך אבער שטענדיג, און מיט רעכט, פארטרייבען איהם, אויף וויפיעל דאס איז מעגליך. ווען דער מאראלער אידעאל הויבט אן דיקטירען דער וויסענשאפט, ווערט די וויסענשאפט פארוואנדעלט אין א קוואל פון טעות'ן. די וויסענשאפט האט שטענדיג צו טאן מיט דער דערקענטעניש פון דאס נויטווענדיגע. זי קען אמאל פאר־אויסזאגען וואס עס דארף זיין, אבער בלויז אלס רעזולטאט פון איהר דערקענטעניש פון דאס וואס מוז זיין. זי מוז זיך אנטזאגען פון אויסגעפינען וואס עס דארף זיין, אויב דאס קען ניט דערקענט ווע־

די עטיק

רען פאר באגרינדעט אלס א נויטווענדיגקייט אין דער „וועלט פון ערשיינונגען". די עטיק קען בלויז זיין דער געגענשטאנד פון דער וויסענשאפט: די אויפגאבען פון דער לעצטער זיינען בלויז אויס־צופארשען און דערקלערען די מאראלע אינסטינקטען און מאראלע אי־דעאלען, זי טאר אבער ניט באאיינפלוסט ווערען פון זיי אין די רע־זולטאטען צו וועלכע זי דארף קומען. די וויסענשאפט שטעהט אי־בער דער עטיק, איהרע רעזולטאטען זיינען פונקט אזוי מאראליש אדער אוממאראליש, ווי די נויטווענדיגקייט זעלבסט.

יעדענפאלס, ביים באקומען און פארשפרייטען וויסען, קען מען ניט אויסמיידען די מאראל. נייע וויסענשאפטליכע אמת'ן זיינען אפט פארברעכענס געגען די טראדיציאנעלע, איינגעווארצעלטע אנ־שויאונגען, וואס זיינען שוין פארוואנדעלט געווארען אין געוואנ־הייטען. אין געזעלשאפטען וואו עס הערשט א קלאסען אנטאגאניזם, ערשיינען די וויסענשאפטליכע פארשונגען, און איבערהויפט די דער־קענטעניש פון די געזעלשאפטליכע באדינגונגען, אלס פארברעכען גע־גען די אינטערעסען פון געוויסע באזונדערע קלאסען. אויסגעפינען און פארשפרייטען וויסענשאפטליכע אמת'ן, וואס זיינען ניט אין איינקלאנג מיט די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאסען, מיינט ערקלערען זיי קריג. דאס אבער פאדערט ניט נאר א הויכע מאס פון אינטעליגענץ, נאר אויך א קאמפס־פארבערייטונג און קאמפס־פעהיג־קייטען, אומאפהענגיגקייט פון די הערשענדע קלאסען, און פריהער פון אלעם א שטארקען מאראלען געפיהל; דאס פאדערט מעכטיגע סאציאלע אינסטינקטען. אן אונברחמנות'דיגען שטרעבען צו וויסען און צו דער פארשפרייטונג פון אמת, און א הייסען פארלאנג צו דיי־נען די אינטערעסען פון די אונטערדריקטע קלאסען.

אבער אויך אט דער שטרעבען קען אונז פארפירען אויף א פאל־שען וועג, ווען ער שפילט ניט נאר א פשוט'ע נעגאטיווע ראליע, אלס אפלייקענונג פון די אלע פרעטענזיעס פון די הערשענדע אנשויאונגען אויף זייער אונפעלבארקייט, און אלס אימפולס צו בייקומען די שווע־ריגקייטען, מיט וועלכע די פיינדליכע קלאסען פארשטעלען דעם וועג פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג, נאר ווען ער וויל אויך ארויס

איבער זיינע גרענעצען, און שטעלען דער סאָציאַליסטישער דערקענ־טעניש באַשטימטע צילען, וועלכע זי מוז דינען.

די גרויסקייט פון דעם באַוואוסטזיניגען ציל פון קלאַסען־קאַמף און סאָציאַליזם, ווערט ניט פאַרמינדערט דורך דעם וואָס דאָס ווערט פאַרוואַנדעלט פון אַ מאָראַלען אידעאַל אין אַן עקאָנאָמישען. פאַר דעם, וואָס האָט זיך אַלע „באַנייער" אויסגעוויזען אַלס מאָראַלער אי־דעאַל, וועלכען זיי האָבען ניט געקענט דערגרייכען, איז איצט צום ערשטען מאָל געגעבען געוואָרען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג כדי דאָס צו פאַרווירקליכען. צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע דערקענען מיר דעם אידעאַל אַלס נויטווענדיגער רעזולטאַט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג: מיר האָבען אין זי־נען די אָפּשאַפונג פון קלאַסען, ניט די אָפּשאַ־פונג פון די אונטערשידען צווישען פראָפעסיעס, און ניט די אָפּשאַ־פונג פון דער אַרבייטס־צוטיילונג, נאָר די פאַרניכטונג פון די אַלע סאָציאַלע אונטערשידען און ווידערשפּרוכען, וועלכע זיינען דער רע־זולטאַט פון פּריוואַט אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די פּראָדוקציאָנס מיטלען זיינען זיך אַזוי מעכטיג פאַנאַנדערגעוואַקסען, אַז שוין איצט זיינען זיי ווייט אַריבערגעוואַקסען די ראַמען פון פּרי־וואַט אייגענטום. די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט האָט זיך אַזוי מעכטיג אויפגעהויבען, אַז עס איז שוין איצט מעגליך אַ באַדיי־טענדע פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט פאַר אַלע אַרבייטער. אַט אַזוי וואַקסט אויס דער פונדאַמענט פאַר דער אָפּשאַפונג פון די ווי־דערשפּרוכען צווישען רייכע און אָרימע, אונוויסענדע און געלערענטע, אָבער ניט פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער אַרבייטס צוטיילונג אין די באַזונדערע פּראָפעסיעס.

די אַרבייטס צוטיילונג האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגעוואַקסען, אַז זי האָט אַפילו פאַרכאַפּט אַזוינע פעלדער, וועלכע זיינען הונדערטער יאָרען פאַר איהר געווען פאַרשלאָסען. זי איז אַריינגעדרונגען אויך אין דער פאַמיליע־הויז. די פרוי ווערט אַוועקגעריסען פון דער היים און ווערט אַריינגעצויגען אין דעם פעלד פון דער אַרבייטס צוטיילונג, וועלכע איז ביז איצט געווען די מאָנאָפּאָל פון בלויז מענער. דער־

מיט ווערען, פארשטעהט זיך, ניט אפגעווישט די נאטירליכע אונטערשידען צווישען מאן און פרוי; מאנכע געזעלשאפטליכע אונטערשידען, אזוי גוט ווי מאנכע פון די עטישע פאדערונגען וואס ווערען געשטעלט צו זיי, קענען פארבלייבען אין קראפט, אדער פון דאס ניי אנטשטעהען, אבער אלע אונטערשידען צווישען מאן און פרוי אין שטאט און געזעלשאפט וועלען, אהן צווייפעל, פארשווינדען. אין דעם זין געהן מיר צו א צייט ניט נאר ווען איין קלאס וועט ניט עקספלואטירען דעם צווייטען, נאר אויך צו דער אפשאפונג פון דער אונטערדריקונג פון דער פרוי — דורכ'ן מאן.

גלייכצייטיג דערגרייכט דער וועלט־האנדעל אזא גרויס, די אינטערנאציאנאלע עקאנאמישע באציהונגען ווערען אזוינע ענגע, אז עס ווערט געשאפען דער באדען, אויף וועלכען עס וועט מעגליך ווערען נאך דער אפשאפונג פון פריוואט אייגענטום, אויך די אפשאפונג פון נאציאנאלע ווידערשפרוכען, די אפשאפונג פון מלחמות, און דאס אנקומען פון דעם אייביגען פרידען צווישען פעלקער.

וועלכער מאראלער אידעאל דעקט אויף נאך שענערע פערספעקטיווען! און פונדעסטוועגען איז דאס דער רעזולטאט פון ניכטערע עקאנאמישע פארשונגען, און ניט פון טומאן פון דעם מאראלען אידעאל פון פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט, גערעכטיגקייט און הומאניטעט!

אט די פערספעקטיווען זיינען ניט בלויז ערווארטונגען פון באדינגונגען וועלכע דארפען קומען, וועלכע מיר *ווילען און פארלאנגען*. ניין, דאס זיינען די פערספעקטיווען, וועלכע זיינען *נויטווענדיגע און אומפארמיידליכע*.

נויטווענדיג און אומפארמיידליך, פארשטעהט זיך, ניט אין דעם פאטאליסטישען זין, ניט אז א וועלכע עס איז העכערע קראפט שענקט דאס אונז: ניין, זיי זיינען פונקט אזוי אומפארמיידליך, ווי עס איז אומפארמיידליך, אז ערפינדער זאלען פארבעסערען די טעכניק, אז די קאפיטאליסטען זאלען דורך זייער געלט־גייציגקייט, רעוואלוציאניזירען דעם גאנצען עקאנאמישען לעבען, ווי עס איז אומפארמיידליך, אז די ארבייטער זאלען שטרעבען צו א קירצערען ארבייטס־

טאָג און העכערע שכירות, און זיך אָרגאַניזירען און קעמפען דער־
פאַר מיט דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס און דער שטאַטליכער מאַכט.
ווי עס איז אומפאַרמיידליך, אַז ענדע, אַז זיי זאָלען שטרעבען צו
פּאָליטישער מאַכט, און צום אָרונטערוואַרפען פון זיך דעם קאַפּי־
טאַליסטישען יאָך. דער סאָציאַליזם איז אומפאַרמיידליך, ווייל עס
איז אומפאַרמיידליך דער קלאַסען קאַמף און דער זיג פון פּראָלע־
טאַריאַט.

סוף.

אכילעס לאָריאַ:

סאָציאָלאָגיע

אידיש: חיים קאַנטראָוויץ.

פראָפעסאָר אכילעס לאָריאַ איז א באַרימטער איטאַליענישער סאָציאָלאָג, וועלכער האָט זיך געמאַכט א נאָמען אין דער גאַנצער וועלט. זיין „ארייננפיר אין דער סאָציאָלאָגיע“, וועלכע מיר גיבען דאָ אין א אידישער איבערזעצונג, האָט דעם צוועק צו באַקענען דעם לעזער מיט דער אנטוויקלונג פון דער נייער וויסענשאַפט און איהרע ריכטונגען און צוגרייטען איהם צו א טיפערען שטודיום פון איהר אינהאַלט.

ר ע ד א ק ט אָ ר.

אינהאַלט

1.—די אויפגאַבען פון דער סאָציאָלאָגיע — — — — 9

2.—די סאָציאָלאָגיע אויף פּסיכאָלאָגישע יסודות 23

3.—די סאָציאָלאָגיע אויף ביאָלאָגישע יסודות — 43

4.—דער לעצטער פּאָזיס פון דער ביאָלאָגישער
סאָציאָלאָגיע — — — — — — — — — — 60

5.—די סאָציאָלאָגיע אויף אַן עקאָנאָמישען באָזיס 78

6.—די פאַרגלייכענדע סאָציאָלאָגיע — — — — — 98

שלוס־וואָרט — — — — — — — — — 111

ערשטער קאפיטעל.

די אויפגאַבען פון דער סאָציאָלאָגיע.

סאָציאָלאָגיע איז די וויסענשאפט פון דער נייער צייט. זי פאר־דינט היינט ווירקליך אנגערופען צו ווערען מיט'ן נאמען א נייע וויסענ־שאפט. פונדעסטוועגען, שטעל איך זיך ניט אפ צו ערקלערען, הגם דאס קען קלינגען פאראדאקסאל, אז אין דער צייט וואס די סאָציא־לאָגיע איז די נייסטע פון די סאָציאלע וויסענשאפטען איז זי גלייכ־צייטיג אויך די עלטסטע פון זיי. אבער ווי איז עס מעגליך? דאס איז ניט שווער צו פארשטעהן, און יעדער איינער וואס האט זיך נאר ערנסט פארטראכט וועגען דער אנטוויקלונג פון מענשליכען געדאנק וועט זיך דארויף ניט וואונדערען. דא צייגט זיך ארויס א זעהר איינפאכער אבער פונדאמענטאלער אמת; דער מענש איז לויט זיין נאטור אן ענציקלאפעדיסט. איז שטענדיג גענויגט צו גענעראליזא־ציעס און נאר א לאנגער אנטוויקלונגס פראצעס רופט ביי איהם ארויס די אנאליטישע און ספעציאליזירענדע שטרעבונגען. די נאטור באַ־שאפט דעם ענציקלאפעדיסט — בילדונג שאפט דעם ספעציאליסט. אלכסנדר דיומא, מיט דער דורכדרינגליכקייט וואס איז איהם אזוי אייגענטימליך, האט אמאל געזאגט אז א ספעציאליסט דאס איז דער קרעמין פון דער מאדערנער בילדונג. הינטער אט דיזען אפשר אבי־סעל גראבען אויסדרוק, באהאלט זיך אן אמת וועלכען מען קען ניט באשטרייטען: דער מענש, מיט זיין שכל קומט ארויס פון דער נאטורס הענט אלס גאנצע זאך, און נאר די לאנגזאמע ארבייט פון דער גע־שיכטע בילדעט אוים דעם קליינליכען, צעברעקעלטען דענקען פון ציוויליזירטען מענשען. די ערשטע פראבען אויף די פארשידענע פעלדער פון דענקען זענען ניט קיין ספעציעלע, נאר אלגעמיינע. זיי באטראכטען ניט בלויז איין באשטימטע צייט פון א וועלכער עס איז

ערשיינונג, אדער איין באַשטימטע ערשיינונג, נאָר דעם גאַנצן סכום פון ערשיינונגען וועלכע דער באַאָבאַכטער באַגעגנט. שפּעטער ווערט די אונפאַלקאָמענהייט איז אויבערפלעכליכקייט באַמערקבאַר, וועלכע כאַראַקטעריזירן אַט דעם גראַבן, אורשפּרונגליכן ענציקלאָפּעדיזם, און דאַן קומט אַן ענדע צו איהם. עס הויבט זיך אַן די געדולדיג־לאַנגזאַמע אַרבייט פון דעם ספּעציאַליסט, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט דער אויספאָרשונג פון בלויז איינער פון די צאָהלרייכע ערשיינונגען, וועלכע איז פריהער נאָר אויבערפלעכליך באַטראַכט געוואָרן. פאַרלירענדיג דערביי אין דער ברייט — געווינט אָבער די פאָרשונג אין דער טיף. ווייל דעם ספּעציאַליסט גיט זיך איין ערפאָלגרייך אויפצודעקן דעם אינוועניגסטן געבוי פון דער ערשיינונג וועלכע ער פאָרשט אויס. דער זעלבער פּראָצעס קומט פאָר אויך בנוגע אַלע אַנדערע ערשיינונגען און אויף דעם אופן ווערט עס מעגליך פאַר אונז צו באַשטימען פּינקטליך די נאַטור און די אַנטוויקלונג פון יעדער ערשיינונג. ווען אַלע איינצעלנע ערשיינונגען זענען גרינדליך און פּינקטליך אויסגעפאָרשט, קען מען ערשט דאַן איבערגעהן צו זייער סינטעטישער אויספאָרשונג. פון דער דיפערענציאַציע וואָס האָט זיך געצויגן יאָהרען הונדערטע קען מען איבערגעהן צו אינטעגראַציע. אויף דעם אופן קעהרט זיך דער מענשליכער געדאַנק צוריק צום ענציקלאָפּעדיזם וועלכען ער האָט פריהער אוועקגעוואָרפען, אָבער שוין ניט צו דעם פריהערדיגען אויבערפלעכליכען און אונפאָלקאָמענעם, נאָר צו אַ מעטאָדישען, וויסענשאַפטליך באַגרינדעטען, באַזירט אויף זיכערע פאַקטען, אויסגעפּרובירט פון דער פּאָזיטיווער און עקספּירימענטאַלער אויספאָרשונג.

דער מענש פאַנגט אָן פון ענציקלאָפּעדיזם: ע ׳ ערקלערט שטאָלץ*): „איך בין אַ מענש און קיין זאַך וואָס איז מענשליך איז מיר ניט פרעמד". שפּעטער, איבערגעצייגט מיט אויבערפלעכליכען און פרוכטלאָזען ענציקלאָפּעדיזם, הויבט ער זיך אָן ספּעציאַליזירען, און דורך ספּעציעלע פאָרשונגען מאַכט ער ביסלאַכווייז קלאָר פאַר זיך

*) Homo sum el nihil human a me alienn elle puto.

די סאָציאָלאָגיע

די איינצעלנע עלעמענטען פון דעם גאַנצען סכום פון ערשיינונגען. אם ענדע, ווען די ארבייט איז ביז א געוויסען גראַד פאַרענדיגט, ווען אַלע באַזונדערע זייטען פון דער ווירקליכקייט זענען גרינדליך אויסגעפאָרשט געוואָרען, גערט דער פאָרשער איבער צום סינטעז פון די דערגרייכטע רעזולטאַטען, און אויף אַזא אופן קומט ער צוריק צום ענציקלאָפּעדיזם אבער שוין ניט צום פריערדיגען אימפּולסיווען, נאָר צו א גוט דורכגעטראַכטען און וויסענשאַפטליכען סינטעז, וועלכער שטיצט זיך אויף די פּינקטליכסטע מעטאָדען פון אויספאָרשונג, און אויף די פילע עראָבערונגען וואס זענען געמאַכט געוואָרען אויפ'ן פעלד פון די ספּעציעלע וויסענשאַפטען. א דאַנק דעם ערפאָלג פון גענויעם אַנאַליז פון די באַזונדערע ערשיינונגען, וועלכער מאַכט מעגליך פאַר אונז צוריקצופירען די ערשיינונגען צו זייער לעצטע אורזאַכען, ערשיינט איין אַלע וויסענשאַפטען דער סינטעטישער באגריף, וועלכער באַלויכט העל דעם וועג פון דער וויסענשאַפט און רעוואָלוציאָניזירט דעם מענשליכען גערדאַנק אויף אַלע פעלדער פון דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. אַזוינע באגריפען ערשיינען אבער בלויז דאַן ווען דער אַנאַליז פון די איינצעל־ערשיינונגען האָט שוין דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע. דאָס איז אויך גאַנץ נאַטירליך: די ביידע לאָגישע פּראָצעסען זענען אויפ'ן ענגסטען אופן צווישען זיך פאַרבונדען, נאָר דערקענענדיג די קליינע ערשיינונגען קען מען דערגרייכען דעם סוד פון דער מאַטעריע, און ברענגען איהר אונטער אַ איינהייטליכער פאָרמולע.

דער וועג וועלכען די סאָציאָלאָגיע האָט דורכגעמאַכט, קען פאַר אונז דינען אלס גלענצענדער באווייז פון דאָס אויבען־געזאַגטע. איין אָנהויב פון דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג, האָבען זיך די פון די דענקער, וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט דער אויספאָרשונג פון די סאָציאַלע ערשיינונגען, ניט אינטערעסירט מיט א וועלכער עס איז איינצעלנער ערשיינונג באַזונדער, ווי צ. ב. ש. מיט דער יורידישער, פּאָליטישער, אדער רעליגיעזער זייט פון געזעלשאַפטליכען לעבען — זיי האָט אינטערעסירט דאָס געזעלשאַפטליכער לעבען אלס גאַנצע. איין אנדערע ווערטער, די דענקער פון אַלטערטום, וועלכע האָבען זיך

אכילעס לאריא

פארטראכט וועגען דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון מענשען, זענען באמת געווען סאציאלאגען. די ווערק פון פלאטאן און אריסטאטעל, פון דיזע צוויי גרויסע לעהרער פון דער מענשהייט, רעכענען זיך אלס שטודיען איבער פאליטיק, אבער באמת זענען עס סאציאלאגישע טראקטאטען, וועלכע באריהרען פארשידענע זייטען פון סאציאלען לעבען. מיט דער זעלבער אביעקטיוויטעט ווערט אין זיי באהאנדעלט די יורידישע, עקאנאמישע, מאראלע און פאליטישע ערשיינונגען, מיט זייער געוועהנליכער רעדנער קונסט זוכען זיי קלאר צו מאכען די קאמפליצירטע פארבינדונגען און געגענזייטיגע ווירקונג פון זיי. געוויס איז דער סאציאלאגישער סינטעז פון אלטערטום געווען אן אויבערפלעכליכער און צייטענווייז זאגאר א קינדערשער, ער איז עהנליך געווען צו זיין צייט אין וועלכער, ווי מאקאולי דריקט זיך אויס, די פילאסאפיע פון ווארט האט געהערשט איבער דער פילאסאפיע פון די ערשיינונגען. דאס האט געטריבען די פארשער אז זיי זאלען, אהן א לאנגען ישוב הדעת, זיך אנטזאגען פון די פוסטע און פרוכטלאזע פאראלגעמיינערונגען און איבערגעהן צו א געדולדיגען אנאליז פון די איינצעלנע סאציאלע ערשיינונגען. און שוין אין אלטען רוים, געפינען מיר ניט קיין ענציקלאפעדיסטען וועלכע זוכען אויספארשען דעם בוי אין די געזעצען פון דער מענשליכער געזעלשאפט אלס גאנצע, נאר א לאנגע רייע פון ספעציאליסטען, וועלכע גיבען זיך אפ מיט דער אויספארשונג פון איין באשטימטער סאציאלער ערשיינונג. אזוינע זענען די טעאלאגען, קאזואיסטען א. ז. וו. אין דער צייט פון רענעסאנס, ווען עס אנטשטעהען דער אבסאלוטיזם און די צענטראליזאציע, ערשיינען פאליטיקער, וועלכע פארשען אויס, מיט מעהר אדער ווייניגער ערפאלג, די פרינציפען אויף וועלכע די פאלקאמענסטע רעגירונגען קאנען געבויט ווערען. גלייכצייטיג טרעטען אויך אויף די היסטאריקער און געשיכטס פילאסאפען וועלכע גיבען זיך אפ מיט דער אויספארשונג פון די גרונד פרינציפען און געזעצען פון דער פאליטיק. שפעטער ווען אונטער דער מאגישער קראפט פון קאפיטאליזם, אנטשטעהען גרויסע פאבריקען, ארומגערינגעלט פון איין זייט מיט פראכט און גלאנץ און פון דער צווייטער מיט הונגער און נויט, ערשיינט די

פאליטישע עקאנאמיע, וועלכע פארשט אוים די געזעצען פון דער שאפונג אין דער פארנאנדערטיילונג פון רייכטימער. מיט דער אנטוויקלונג פון האנדעל אנטשטעהט דאס האנדעלס רעכט. מיט דער אויסברייטונג פון פארברעכען קומט דאס קרימינאלע רעכט. די סטאטיסטיק אנטשטעהט א דאנק דער וויסענשאפטליכער אויספארשונג פון דער באפעלקערונג און די מעטאדישע באארבייטונג פון די דערגרייכטע רעזולטאטען, וועלכע כאראקטעריזירען איהר סיי אין איהר סטאטיק סיי אין איהר דינאמיק. אויף אזא אופן ווערען די פארשידענע זייטען פון סאציאלען לעבען ביסלאכוויין דער געגענשטאנד פון א מעטאדיש טיפער אויספארשונג, און א דאנק דעם, ווערט לאנגזאם אבער מיט ערפאלג אויפגעדעקט דער אינערליכער געבוי פון דער געזעלשאפט און די געהיימע געזעצען פון איהר אנטוויקלונג.

די באזונדערע וויסענשאפטען וועלכע זענען אנטשטאנען אויף דעם אופן, א דאנק דעם אנאליז פון די איינצעלנע סאציאלע ערשיינונגען, האבען זיך אנטוויקעלט אומאפהעניג איינער פון צווייטען. און אין פארשידענע ריכטונגען, זאגאר ניט וויסענדיג איינער פון צווייטען. די פארשידענע אפטיילונגען אין דער סאציאלער וויסענשאפט, האבען ניט געפיהלט אפילו. דעם קלענסטען באדארף אין א פאראייניגענדען סינטעז, זיי פלעגען זיך באנוגענען דערמיט וואס זיי האבען באטראכט די באזונדערע סאציאלע ערשיינונגען אין א צווייפאכער פארמע, א באשרייבענדע און א פילאסאפישע. אויף דעם אופן האבען זיי געמאכט פלאץ, פאר געשיכטע און די פילאסאפיע פון געשיכטע, פאר סטאטיסטיק און פילאסאפיע פון סטאטיסטיק, געאגראפיע און פילאסאפיע פון געאגראפיע, פאליטישע עקאנאמיע און עקאנאמישע פילאסאפיע. עס איז גאנץ נאטירליך אז ביי אזא לאגע זאלען די וויסענשאפטען פון דער ערשטער קאטעגאריע זיין פונקט אזוי אידעענלאז און עמפיריש ווי די וויסענשאפטען פון דער צווייטער באדענלאז און לעהר.

וואס ווייטער אבער עס איז אנגעגאנגען די ספעציאליזירונג פון וויסען, וואס מעהר עס האבען זיך פארמעהרט די געגענשטאנדען וועלכע זענען אריינגעצויגען געווארען אין דעם קרייז פון די אויספאר־

אכילעס לאריא

שער ספעציאליסטען, האט זיך אלץ מעהר אנגעהויבען פיהלען די נויטיגקייט פון א סינטעטישער וויסענשאפט, וועלכע זאל פארבינדען די באזונדערע טיילען איינס מיט דאס צווייטע. אין אנדערע ווערטער, דער ערפאלג פון דער אנאליטישער פארשונג האט, אין א געוויסען מאמענט, פון זיך זעלבסט באשאפען די נויטיגקייט פון סינטעטישער ארבייט. אויף דעם אופן איז ווידער אמאל נויטיג געווארען אויפצוהויבען זיך איבער די באזונדערע טיילען פון דער סאציאלער וויסענשאפט, פון רעכט, מאראל, פאליטיק, עקאנאמיק און סטאטיסטיק, צו איין געזעלשאפטליכער וויסענשאפט וואס זאל זיי אלע איינשליסען און פאראייניגען — צו סאציאלאגיע. דערמיט ווערט צוריק אויפגעלעבט די סינטעטישע וויסענשאפט פון אריסטאטעל און פלאטאן.. אבער ווי פארשידען איז אט די פון דאס ניי אויפגעלעבטע וויסענשאפט פון דער אלטער! דאס איז שוין ניט מעהר יענע ריין אויסערליכע, אין פראזען און רעטארישע באפוצונגען פארגליווערטע וויסענשאפט. נאר א נייע וויסענשאפט, באגרינדעט אויף פאקטען און דאטען, באוואפענט מיט אלע כלי זין פון אויספארשונג און באאבאכטונג, און באגרייכערט מיט צאהלרייכע פאזיטיווע באווייזען וועלכע די באזונדערע וויסענשאפטען האבען דערגרייכט אין די לאנגע יאהרען פון זייער אנטוויקלונג.

עס געהט איצט ניט אום דעם אז די פארשידענע סאציאלע ערשיינונגען זאלען צוריק געפיהרט ווערען צו איין איינציגען אבסטראקטען, אויביגען פרינציפ. נאר צו אנטדעקען דעם אור־צעל פון וואנען די פארשידענע סאציאלע ערשיינונגען שטאמען אפ: צו געפינען די איינפאכע ע ר ש ט ע ע ר ש י י נ ו נ ג פון וועלכע די אלע איבעריגע זענען נאר א ווייטערע אנטוויקלונג און פארפאלקאמענונג. און אם ענדע, צו פאראייניגען די אלע פאקטען אין איין אלגעמיינער הערשענדער גרונד־פארמולע. אנטדעקען די אור־צעלען, אויספארשען דעם פראצעס דורך וועלכען עס זענען פון איהר ארויסגעוואקסען די פארשידענע סאציאלע ערשיינונגען, אויפדעקען די ארגאנישע פארבינדונג וואס עקזעסטירט צווישען זיי, אלס רעזולטאט פון זייער געגענזייטיגער קרובה'שאפט, און אם ענדע ארויספיהרען פון דעם געבוי און ענדע־

די סאָציאָלאָגיע

רונגען פון דער צעלען סטרוקטור — אויך דעם געבוי און ענדערונגען פון סאָציאלען ארגאניזם — איז די גרונד־אויפגאבע פון דער סאָציאָלאָגיע. די סאָציאָלאָגיע, אין איהר איצטיגען צושטאנד, איז פאָלגליך א וויסענשאפט וועמעס צוועק עס איז אויסצופאָרשען די איינהייטליכע אנטשטעהונג פון די פארשידענע סאָציאלע ערשיינונגען, זייערע געגענזייטיגע פארבינדונגען, זייער געבוי און פולע אנטוויקלונג: אויספאָרשען די סטאטיק און דינאמיק פון דער געזעלשאפט: די באדינגונגען פון איהר לעבען, די פאזען פון איהר אנטוויקלונג, די סמנים דורך וועלכע זיי אונטערשיידען זיך, די געזעצען פון זייער נאכפאָלגונג, און די צוקונפטיגע עוואָלוציע וועלכע איז פאר זיי מעגליך.

עס איז קלאָר, אז די אויפגאבע פון דער סאָציאָלאָגיע, ווי מיר פארשטעהען דאס, איז פיל מעהר קאָמפּליצירט, ווי די אויפגאבען וועלכע עס האבען זיך ביז איצט געשטעלט די באזונדערע סאָציאלע וויסענשאפטען, און אז די לעזונג פון איהרע פּראָבלעמען איז ניט נאר איבער די כחות פון איין מענשען, נאר אפילו פון איינעם אדער עטליכע דורות.

און ווירקליך, די ענדליכע אויסארבייטונג פון די גרונדלאגען פון אָט דער וויסענשאפט וועלכע האלט נאָך איצט אין געשאַפען ווערען, וועט זיין די ארבייט ניט פון איין מענשען און אפילו, ניט פון איין דור, אויב אבער דערצו וועט זיך פאָדערען פיל ארבייט און כחות, אויב עס וועט אפילו דערפאר נויטיג זיין די פאראייניגטע אנשטרענגונגען פון פילע פאָרשער, מוז עס אבער דאך ענדליך מקוים ווערען און זיגען. געוויס, די יונגע וויסענשאפט האט נאָך ניט געפונען איהר ניוטאָן און קעפּלער, אבער לאַנג וואַרטען אויף דעם וועט מען שוין ניט דאַרפען. מיר קענען דערפאר מיט זיכערהייט פאראויס זאגען, אז די ענדליכע באגרינדונג פון דעם וויסענשאפטליכען כאראקטער פון דער סאָציאָלאָגיע, וועט זיין דער שטאָלץ פון 20טען יאהר הונדערט, פונקט ווי די באגרינדונג פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע איז געוועזן דער שטאָלץ פון 19טען און פון דער פּאָליטישער וויסענשאַפט, דער שטאָלץ פון 18טען יאהר הונדערט.

אכילעס לאָריאַ

דער כאַראַקטער, די נאַטור און דער אינהאַלט פון דער נייער וויסענשאַפט וועלען פאַר אונז קלאָר ווערען, ווען מיר וועלען באַטראַכטען די גרעסטע דריי שולען, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט איינס נאָך דער צווייטער, און גענענזייטיג זיך באַקעמפט. זיי אַלע האָבען נאָך דער רייע, אַרויפגעלעגט זייער שטעמפּעל אויף דער וויסענשאַפט. מיר האָבען אין זינען די אינטעלעקטועלע שולע פון אויגוסט קאָנט די ביאָלאָגישע פון הערבערט ספּענסער און די עקאָנאָמישע וועלכע ווערט נאָך מאַרקסען אנגערופען די מאַרקסיסטישע. אָבער, איידער מיר געהען איבער צו זייער אויספאָרשונג מוזען מיר באַזייטיגען איינִיגע פאַלשע באַהויפּטונגען, וועלכע זענען נאָך אַלץ אין צירקולאַציע בנוגע דעם כאַראַקטער און באַדייטונג פון דער סאָציאָלאָגיע.

איינִיגע באַהויפּטען אַז סאָציאָלאָגיע איז די זעלבע זאַך ווי געשיכטס פילאָסאָפיע, און דערפאַר איז זי אָדער אַ וויסענשאַפטליך איבעריגע זאַך, אָדער אַן אומנוציגע רעקלאַמע פאַר אַ וויסענשאַפט וואָס עקזיסטירט שוין פון גאַנץ לאַנג. דיזע מיינונג איז ניט באַגרינדעט. די געשיכטס פילאָסאָפיע באַטראַכט די געזעלשאַפט בלויז אין איהר דינאַמישען צושטאַנד, אין דער צייט וואָס די סאָציאָלאָגיע אונטערזוכט אַלע קאָלעקטיווע אינסטיטוטען סיי אין זייער דינאַמיק און סיי אין זייער סטאַטיק. מען קען פאַרשטעהן זיך ניט לייקענען, אַז די סאָציאָלאָגיע לעגט מעהר געוויכט אויף די דינאַמישע עלעמענטען ווי אויף די סטאַטישע, איבערהויפּט פון זינט איהר גרונד־דאָגמאַ איז געוואָרען די עוואָלוציאָנס טעאָריע, פונדעסטוועגען איז דאָס ניט מעהר ווי אַ צופאַל אין דעם איצטיגען צושטאַנד פון דער וויסענשאַפט. אָדער אין די כאַראַקטערען פון די שרייבער וועלכע פאַרנעמען זיך איהר דעם אויבענאַן. אָבער יעדענפאַלס איז עס ניט קיין נויטיגער סמן פון דער וויסענשאַפט, וועלכע קען גאַנץ גוט אַנגעווענדעט ווערען אויך אויף דעם סטאַטישען צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט. אויסער דעם אונטערשיידט זיך די סאָציאָלאָגיע פון דער געשיכטס פילאָסאָפיע אויך דערמיט וואָס זי פאַרנעמט זיך ניט בלויז מיט היסטאָרישע פאַקטען, נאָר אויך מיט סטאַטיסטישע, מאָראַלישע, יורידישע, און בכלל מיט אַלע וויכטיגע ערשיינונגען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. די

די סאָציאָלאָגיע

געשיכטס פילאָסאָפיע פּרובירענדיג צוריקפיהרען די אויסגעפּארשטע פאקטען צו איין מקור, שטעלט זי זיי אוועק אונטערן פלאַג פון אבס־טראקטע, מעטאַפיזישע און איבערנאַטירליכע פּרינציפּען, די סאָציאָ־לאָגיע, אבער, קומט קיינמאָל ניט אַן צו דער הילף פון אַזוינע פּרינצי־פּען, ניט אריינגעמענדיג אין זיך קיין זאַך וואָס איז אפּריאָרי אדער ניט באַגרינדעט פאראייניגט זי די באַזונדערע סאָציאַלע ערשיינונגען ניט דערמיט וואָס זי מאַכט זיי אונטערטעניג צו אַן אידעע, נאָר דערמיט וואָס זי פיהרט זיי ארויס פון אַ פאַקט, אדער פון אַ רייע, מיהזאַם אויסגעפאָרשטע און פעסטגעשטעלטע פאַקטען.

נאָר וועניגער קען מען איינשטימען מיט די וועלכע דענקען אַז די סאָציאָלאָגיע איז געקומען פארנעמען דעם פּלאַץ פון דער פריער־דיגער רעכטס־פילאָסאָפיע. ערשיינענדיג אַזוי צו זאָגען אלס איהר יורש, אַם די מיינונג געפינט אַ שטאַרקע שטיצע פאַר זיך אין דעם פּערזאָן פון אונזער באַוואוסטען געלעהרענטען א ר ד י ג א, וועלכער דעפינירט די סאָציאָלאָגיע אלס לעהרע וועגען דער נאַטירליכער אנט־שטעהונג און אנטוויקלונג פון גערעכטיגקייט און רעכט בכלל. מיר האַלטען אבער אַז די עוואָלוציע פון רעכט איז נאָר אַ טייל פון דער אויפגאַבע פון דער סאָציאָלאָגיע און וועלכע ווערט איינגעשלאָסען אין דעם אנאַליז פון די פארשידענע ערשיינונגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען.

מיר האָבען דערפאַר גענוג גרינדע צו באַהויפּטען, אַז די סאָציאָ־לאָגיע פארנעמט דעם פּלאַץ סיי פון דער רעכטס פילאָסאָפיע און סיי פון דער געשיכטס פילאָסאָפיע, ווייל זי גיט דאָס אלעס וואָס יענע ווי־סענשאַפטען האָבען צוגעזאָגט און נאָך מעהר. דאָס זעלבע קען גע־זאָגט ווערען וועגען פילאָסאָפיע, געאָגראַפיע, עקאָנאָמישער פילאָסאָ־פיע א. ז. וו. וועלכע מען מעג באַטראַכטען אלס שוין אפּגעלעבטע וויסענשאַפטען, וועלכע טרעטען אויס דעם וועג פאַר אַ נייער. אין אַ געוויסען זין קען מען זאָגען אַז די סאָציאָלאָגיע איז פאַר יענע וויסענשאַפטען געווען אַ מויט קלאַפּ. עס וועט אבער ריכטיגער זיין צו זאָגען אַז זיי זענען שוין לאַנג געשטאָרבען און אַז די סאָציאָלאָגיע האָט נאָר פעסטגעשטעלט דעם פאַקט פון זייער טויט.

אכילעס לאַריאַ

ניט מעהר באַגרינדעט איז אויך דער שרעק וואס הערשט איז
געוויסע קרייזען, אז די סאַציאַלאָגיע, אריינרייסענדיג זיך אין דעם
פעלד פון די איינצעלנע סאַציאַלע וויסענשאַפטען, וועט פארהאלטען
זייער נאַרמאַלע אנטוויקלונג. אין דער ווירקליכקייט האַט נאַך קאַנט
אַנגעוויזען אז גלייכצייטיג מיט די ספּעציעלע וויסענשאפטען איז נאַך
דאַ גענוג פּלאַץ פאר אזוינע וועלכע שטעלען זיך אלס ציל צו סים־
טעמאַטיזירען די אנטדענקונגען וועלכע ווערען געמאכט אויף די באַ־
זונדערע פעלדער פון דער פאַרשונג. די אויפגאַבע פון דער סאַציאַ־
לאַגיע באשטעהט טאקע אין דעם, צו סיסטעמאַטיזירען די רעזול־
טאַטען פון די פארשידענע באַזונדערע סאַציאַלע וויסענשאפטען: צו־
ריק פיהרען זיי צו איין אלגעמיינעם אור־קוואל, און אויף דעם אופן
שאַפען די מעגליכקייט צו געפינען אן אלגעמיינע אורזאכע פאר אלע
סאַציאַלע ערשיינונגען. אַבער דורך דעם וויל ניט די סאַציאַלאַגיע
פארלייקענען די זעלבסטשטענדיגקייט און אונבארירליכקייט פון די
באַזונדערע וויסענשאפטען וועלכע פאַרשען אוים באַזונדערע סאַציאַלע
ערשיינונגען. פארקערט, זי שטיצט זיך אויף זייער עקזיסטענץ, און
ווערט אויפגעבויט אויף זייער פעסטען פונדאַמענט. עס איז דערפאר
ניטאַ קיין גרעסערער טעות ווי די מיינונג וועלכע איז אונפּאַרזיכטיג
ארויסגעזאַגט געווארען פון קאַנטען אז די פּאַליטישע עקאַנאַמיע דארף
אריין אין דעם צוזאמענשטעל פון דער סאַציאַלאַגיע, און אזוי צו
זאַגען זיך אין איהר אויפלעזען. מען קען מיט זיכערהייט זאַגען אז
די באַזונדערע סאַציאַלע וויסענשאפטען, הגם זיי ווערען אונטערוואר־
פען אונטער לאַנגזאמע ענדערונגען, וועלען אבער דאך אימער אנהאל־
טען זייער אייגענע עקזיסטענץ און זייער אייגענע, אויף א האַר ניט
פארקלענערטע פעלדער פון טעטיגקייט.

נאַך מעהר, ניט נאר טויט ניט אפּ די סאַציאַלאַגיע די באַזונדערע
וויסענשאַפטען, נאר זי גיט אין זיי אריין א ניי לעבען, און אנטוויקעלט
זיי נאַך מעהר. זי רינגעלט זיי ארום מיט א נייער אַטמאַספערע און
דערהויבט זיי צו א העכערען סינטעז, אויספאַרשענדיג די פארשידענס־
טען סאַציאַלע ערשיינונגען, דעקט זי אויף די געהיימע אורזאכען פון

זייער שטענדיגער אַנטוויקלונג און אונאויפהערליכער ענדערונג. אריינ־ געמענדיג דעם עצם פון די רעזולטאטען פון די ספּעציעלע וויסענשאפ־ טען, דינט זי פאר זיי אלס אריינפיר אין פאָרשונג, און אונשעצ־ באַרער כלי זין דערצו. אונטער דעם צויבער־אטעם פון דעם נייעם סאָציאָלאָגישען סינטעז, הויבען שוין אָן די אלטע סאָציאלע וויסענ־ שאפטען אויפשטעהן פון זייער שלאָף, אין וועלכען זיי זענען געווען פארזונקען, און הויבען זיך אָן צו גרייטען פאר אַ נייעם לעבען. די געשיכטע הערט אויף צו זיין אַ מאָנאָטאָנע כראָניק פון מלחמות און הערשער און ווערט אַ מעטאָדישע פאָרשטעלונג פון דער מענשליכער אַנטוויקלונג. דאָס רעכט אַנטזאגט זיך פון אלטען פארמאליזם און אינהאַלטסלאָזען שאבלאָן מיט וועלכען ער איז געווען געבונדען. כדי זיך אויפהויבען צו אַ העכערען אנאליז פון די באַציהונגען וואס עקזיס־ טירען צווישען יחידים און קלאַסען. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע ווערט אַ סאָציאלע עקאָנאָמיע, זי לעבט אויף פון דער וואלטעטיגער באַרי־ רונג פון דער עוואָלוציאָנס לערע, און טרעט ערפאָלגרייך צו צו דער אויספאָרשונג פון די באַציהונגען וואס האָבען עקזיסטירט צווישען אייגענטום און ארבייט אין די פארשידענע פאַזען פון דער געשיכטע. די וויסענשאַפט פון קרימינאַל רעכט ערשיינט שוין ניט ווי פריער אלס בייזער גייסט פון פארניכטונג און נקמה וועלכער דורשט נאָך די ליידען און טויט פון פארברעכער, אנשטאט דעם ווערט זי איצט פאר־ וואנדעלט אין אַ שעהנער טעאָריע פון מחילה און רחמנות, זעהענדיג אין דעם פארברעכער אַן אומפארמיידליכען פּראָדוקט פון אונגליק־ ליכען דעטערמיניזם. עס עקזיסטירט איצט בכלל ניט קיין איין טייל פון אַ וויסענשאפט, וואס האָט צו טאָן מיט אַ וועלכען עס איז זייט פון סאָציאלער פילפאכקייט, וועלכע זאָל ניט ציהען קיין נוצען, און ניט קריגען קיין מעכטיגען שטויס, פון דער נייער סינטעטישער וויסענ־ שאַפט. פון דער וויסענשאפט וואס איז לויט דער איינגעגעבענער באַמערקונג פון וואַנאַ, דער צענטראַל פּונקט צו וועלכען עס ציהען זיך אַלע סאָציאלע וויסענשאפטען, און וועלכע ווערט זייער אלגעמיינער באָדען און שורש; פון דער וויסענשאפט וועלכע פירט פון איין זייט צו סינטעטישער איינהייט און סיסטעמאַטיזאציע פון די באזונדערע

אכילעס לאָריאַ

וויסענשאפטען און פון דער צווייטער זייט, באפרוכפערט זי זיי און פירט אַן זייער ווייטערע אנטוויקלונג.

קיינער וועט נאַטירליך ניט לייקענען אז די סאָציאָלאָגיע איז נאָך גאַנץ ווייט פון איהר אידעאל. פארקערט, עס איז גאר קיין שום צווייפעל ניט, אז די נייע וויסענשאפט האָט נאָך ניט אויסגעארבייט די גאַנצקייט פון איהרע מעטאָדען, די פּינקטליכקייט פון איהר טעאָריע, ווי אויך ניט די באשטימטקייט פון די געזעצען וועלכע דינען אלס די כמנים און פונדאַמענטאַלע אייגענשאפטען פון יעדער וויסענשאפט, וועלכע פארדינט באמת איהר נאָמען. פונדעסטוועגען האַלט איך אָבער אז די אַלע צווייפלען און אָפּלייקענונגען, דורך וועלכע מען שטערט דער סאָציאָלאָגיע און מען זוכט צו שטערען איהר אין איהרע ערשטע נאָך ניט דרייסטע שריט אויף דעם קאָמפּליצירטען און געפערליכען וועג פון אמת, זענען ניט באַגרינדעט און פיל איבערטריבען.

עס זענען דאָ מאַנכע וואס צווייפלען אין דער ערנסט פון דער נייער וויסענשאפט. איך אליין האָב מיט 20 יאָהר צוריק גערעט וועגען איהר אין אזוינע ווערטער, וועלכע זענען ניט אין איינקלאַנג מיט איהר וויכטיגער באדייטונג. אבער דאס האָט זיך איבערהויפּט באצויגען אויף איניגע ארבייטען פון צווייטען ראַנג, און האָבען באמת ניט אנגערירט די שאַפונגען פון די גרויסע לערער, צו וועלכע איך האָב זיך אויך דאן באצויגען מיט דער נויטיגער אכטונג. און אויך האָבען זיך מיינע ווערטער באצויגען איבערהויפּט אויף דער סאָציאָלאָגיע וואס איז געבויט אויף פּסיכאָלאָגישע יסודות, וועלכע האָט אין יענער צייט געהערשט, און האָבען ניט באַרירט און ניט געקענט באַרירען די נייע סאָציאָלאָגישע וויסענשאַפט, וועלכע נעמט אַלץ מעהר און מעהר אַן אַ ערנסטען כאַראַקטער, שטיצענדיג זיך אויף דעם געזונטען פונדאַמענט פון עקאָנאָמישען אנאַליז.

פיל ערנסטער איז אַ צווייטע טענה געגען דער סאָציאָלאָגיע. זי האָט, זאָגט מען, נאָך זיך ניט דערשלאָגען צו קיין איין אמת אויף וועלכען פארשידענע דענקער זאָלען קענען זיך איינינגען. פארקערט, די סאָציאָלאָגען זענען אימער צעטיילט אין פילע פיינדליכע שולען, און דערפאר פירט די דעצענטראַליזאַציע פון דער סאָציאָלאָגיע צו אַז

די סאציאלאגיע

עקסטרעמער אינדיווידואליזאציע פון טעאריע. מען קען מיט פולער רעכט זאגען אז אויף דער וויסענשאפט קען בוכשטעבליך אנגעווענדעט ווערען דער אויסדרוק: וויפיל קעפ, אזוי פיל מיינונגען. אבער די זעלבע טענה, אויף די זעלבע גרינדע, קען אנגעווענדעט ווערען אויף פילע אנדערע וויסענשאפטען. זאגאר אויף אזעלכע אין וועמעס אמת און באגרינדעטקייט קיינער וועט ניט וואגען צו צווייפלען. אויך אין דער פאליטישער עקאנאמיע צ. ב. ש. צעגעהען זיך שטארק די מיינונגען פון פארשידענע דענקער, און ניט זעלטען שטעלען זיי זיך להפוד איינער צום צווייטען, אזוי צ. ב. ש. קעמפען די קאנסערוואטארען געגען די סאציאליסטען, די פארטיידיגער פון פרייער קאנקורענץ געגען די פראטעקציאניסטען, די מאנאמעטאליסטען געגען די בי־מעטאליסטען. אין קרימינאל געזעץ קעמפט די קלאסישע שולע געגען דער פאזיטיוויסטישער, און אויך אויף דעם פעלד פון דער נאטור וויסענשאפט געהט אן פונקט אזא לעבעדיגער קאמף, אין דער ביאלאגיע צ. ב. ש. לאמארק, דארווין, וויסמאן, העגעל, רוי, קאפע, פארשטעהער פון פארשידענע פיינדליכע ריכטונגען, וועלכע שליסען איינס דאס צווייטע אויס. אבער קיינער וועט אט דיזע מיינונגס פארשידענהייטען ניט אננעמען אלס א סמן אז די דערמאנטע וויסענשאפטען זענען ניט לעבענס פעהיג. פארקערט, אט די מיינונגס פארשידענהייטען, די נייע געדאנקען וואס באווייזען זיך אין זיי — זענען דער בעסטער סמן פון לעבען. אן איינהייטליכע אנגענומענע מיינונג שאפט זיך ביי אלטע וויסענשאפטען ערב זייער אונטערגאנג, דאס ערקלערט זיך פשוט מיט דער אבוועזענהייט פון נייע שטאנדפונקטען און נייע אידעען, אבער. וועה צו די וויסענשאפטען וועלכע קענען איינשלאפען אין די „שלעסער פון שווייגען" ווי די וואס ערהויבען זיך איבער די מדבריות פון אינדיען, מיט קערפערס איבערגעלאזען פאר רויב פויגלען און קארשונעס צום עסען. וועה צו די וויסענשאפטען וואס זענען פארוואנדעלט געווארען אין בית עולמ'ס פון געדאנקען, און אויף וועלכע עס הענגען סקעלעטען פון דאגמען, אפגעהובעלטע מיט דער מאכטלאזער קריטיק פון עטליכע מפרשים.

מען זאגט אויך אז דער סאציאלאגיע פעלען סאלידע גרונדלאגען.

אכילעס לאָריאַ

אז זי שטעלט מיט זיך פאר א ניט דערוואקסענע גענעראליזאציע, און אם ענדע רופט מען אז די סאָציאָלאָגיע, „נייע ענציקלאָפּעדיסטען“ און זייער וויסענשאפט „א טויט געבוירענע.“

שווערע פארוואורפען! אבער זיי דארפען ניט געדולדעט ווערען פון דער אזוי פיל צוזאגענדער נייער וויסענשאפט.

צו די וואס באהויפטען אז די סאָציאָלאָגיע האָט ניט קיין סאָלידע גרונדלאגען, קען איך ענטפערען אז אלע סאָלידע געביידעס זענען אויפ־געבויט געווארען אין גאנגענזאץ צו אלע געזעצען פון גלייכגעוויכט. אפילו מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען זענען ניט אלע מאָל געבויט אויף אבסאָלוטע אומבאריהרבארע גרונדלאגען, אזוי אז א פראנצוי־זישען מאַטעמאַטיקער איז אויסגעקומען צו זאגען: „געהט פאָרווערטס! דער גלויבען וועט מיט דער צייט קומען“. מיר מעגען פאָלגליך זיין צופרידען אויב דער סאָציאָלאָגיע וועט זיך איינגעבען צו דערגרייכען די באשיידענע שטופע פון פעסטקייט און רעלאַטיווער זיכערהייט, וועלכע אפילו די מעהר עקזאַקטע וויסענשאַפטען פּרובירען ניט ארוי־בערשטייגען.

צו די וואס טענה'ען אז די סאָציאָלאָגיע איז נאָך א ניט דער־וואקסענע וויסענשאפט, וועל איך ענטפערען אז אלע גרויסע מענשליכע שאפונגען זענען לויט זייער נאַטור ניט דערוואקסען, און אנדערש קען דאס אויך ניט זיין. יעדע נייע אידעע אנטשטעהט אין א שווער־רען קאַמף מיט די אייפערזיכטיגע שונאים פון אלעם וואס איז ניי — וועלכע שטערען איהר רוהיגען וואוקס.

ניט דערוואקסען איז די וויסענשאַפטליכע איינהייט וועלכע די סאָציאָלאָגיע שאפט! זאָל זיין אזוי — אבער פאר ניט צייטיג רעכענט זיך היינט די פרוכט באוועגונג, און דאך האָט זי א געוואלדיגען ער־פאָלג ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער. פונקט אזוי ניט צייטיג רעכענט זיך דער סאָציאַליזם, און דאך איז אונזער געזעצגעבונג פון די מעהר קולטורעלע רעגירונגען שוין דריי פערטעל סאָציאַליסטיש. מען קען בכלל מיט זיכערהייט באהויפטען אז אלע גרויסע זאכען אנטשטעהען פאר דער צייט. דער פאקט וואס די סאָציאָלאָגיע ווערט ערקלערט פאר אונצייטיג קען מען פונקט רעכענען פאר א באַווייז, און גוטען סמן פון איהר גלענצענדער צוקונפט.

צווייטער קאפיטעל.

די סאָציאָלאָגיע אויף פּסיכאָלאָגישע יסודות.

די גרויסע גייסטיגע באוועגונג, א דאנק וועלכער די סאָציאָלאָגיע איז אנטשטאַנען האָט זיך אנגעהויבען אין פראנקרייך אין 19טען יאהר־הונדערט. אין אנפאנג פון 19טען יאהר־הונדערט האָט סען סימאָן אין זיינע שריפטען און רעדעס פאַר זיינע תלמידים אוועקגע־לעגט די ערשטע גרונדלאגען פאר דער נייער וויסענשאַפט.

אמת, סען סימאָן באצייכענט נאָך אלץ זיינע פאַרשונגען מיט'ן נאָמען פּאָליטיק, פּונקט ווי דאָס האָבען געטאָן פּלאַטאָן און אריסטאָ־טעל. ער ערקלערט אבער באַלד, אז די פּאָליטיק דאַרף זיך ניט פאַר־נעמען אויסשליסליך מיט די פּראָבלעמען פון רעגירונגס־פאָרמען נאָר זי דאַרף אויספאָרשען די באדינגונגען פון דער עקזיסטענץ און די געזעצען פון דער אנטוויקלונג פון דער גאנצער געזעלשאַפט. זיינע אר־בייטען נעמען דערפאר ארום דעם גאנצען פעלד פון דער סאָציאָלאָגיע. אבער דאָס מיינט ניט אז מיר דארפען זוכען אין די פראגמענטארישע פיגורען פון סען סימאָן א וועלכע עס איז, אפילו אומפאָלקאָמענע סיסטעמע פון סאָציאָלאָגיע, שוין ניט רעדענדיג וועגען וועלכע עס איז שטרענג־פאָרמולירטע און געגענזייטיג־פאַרבונדענע, וויסענשאַפט־ליכע היפּאָטעזען. און מיר דארפען זיך ניט וואונדערען ווען מיר געפינען אין די ארבייטען פון דיזען מערקווירדיגען דענקער, וועל־כער האָט געוואָלט זיין א סאָרט פּאַפּסט פון האנדעל, און וועלכער האָט געוואָלט איבערגעבען די פירונג פון דער גאנצער געזעלשאַפט צו באנקירען און פילאָזאָפען, געפינען מיר גאנץ אָפט מאָדנע מיינונגען און כימערישע געדאנקען. אבער צווישען זיינע פאנטאסטישע געדאנ־קען און אוטאָפּיעס געפינען מיר אָפט ווירקליך טיפע און געניאַלע געדאנקען, וועלכע האָבען ניט ווייניג נוצען געבראכט דער שפּעטער־דיגער סאָציאָלאָגיע. סען סימאָנען איז ניט געלונגען צו אנטדעקען יענעם גרויסען געזעץ אונטער וועלכען דאָס לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט איז אונטערוואָרפען. אבער פון דער צווייטער זייט, האָט ער איינמאָל פאַר אלעמאָל געמאַכט אן ענדע צו דער דאגמא פון אומ־פאַרענדערליכקייט, וועלכע איז געווען דער הויפּט כאראקטער־שטריך

אכילעס לאָריאַ

פון אלע סאָציאָלאָגישע פארשונגען אין אלטערטום און מיטעל־אלטער. ער האָט אנערקענט אז דער געזעלשאפטליכער לעבען באוועגט זיך אימער פאָרווערטס. אָבער די באוועגונג איז ניט קיין אומאונטערבראָכענע. דאָס איז א סאָרט „פרייוויליגע" באוועגונג, וועלכע ווערט אָפט אומגעריכטערהייט אומגעריסען דורך א באוועגונג אין דער צווייטער ריכטונג. אויפ'ן גרונד פון דיזער היפּאָטעזע האָט ער אויפגעבויט דעם אונטערשייד צווישען די אָרגאַנישע און קריטישע עפּאָכען. אין דער ערשטער זאָגט ער ווערען אלע ערשיינונגען פון דער מענשליכער טעטיגקייט קלאסיפיצירט און פאראויסגעזעהן. און דער ציל גופא פון דער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט איז שטרענג און פינקטליך פעסטגעשטעלט. אין דער צווייטער, פארקערט, איז יעדע קאָארדינאַציע אונדענקבאר, און די געזעלשאפט שטעלט מיט זיך פאָר ניט קיין אנדער זאך ווי אן אנזאמלונג פון באזונדערע געגענזייטיגע פיינדליכע יחידים. אָט דעם געדאנק באגעגענען מיר שוין אפילו אין די אלטע רעליגיעזע קאָסמאגאָניעס, וועלכע אונטערשיידען עפּאָכען פון אויפבליען און רוהם נאָך וועלכע עס פאָלגען נאָך עפּאָכען פון אונטערגאנג און פארניכטונג. מען קאָן דערפאר זוכען די פארלויפער פון סען סימאָן אין פעיזאן פון סענטיאהאן און די אידישע נביאים, וועלכע האָבען פאראויסגעזעהן דעם וואוקס און אונטערגאנג פון נאַציאָנען. אדער דעם מחבר פון בוך דניאל. אין וועלכען רענאן זעהט דעם אנפאנג פון דער געשיכטס־פילאָזאָפיע. אָבער אין ווירקליכען צוזאמענהאַנג געפינט זיך סען סימאָנס געדאַנק מיט די טעאָריען פון וויקאָ. וועגען די פּראָגרעסיווע און רעגרעסיווע באוועגונגען וועלכע יעדע ציוויליזאציע געהט דורך. לויט נאָך סען סימאָן דערצעהלט אונז די געשיכטע פון בלויז צוויי אָרגאנישע פעריאָדען. די פעריאָדע פון אַלטען מזרח און פון מיטעל־אַלטער. נאָך זיי פאָלגען נאָך צוויי גרויסע קריטישע פעריאָדען די גריכיש־רוימישע און די מאָדערנע און איצט דערנעהענטערען מיר זיך צו א דריטער ארגאַנישער פעריאָדע — די צייט פון פרידען, ציוויליזאציע און גלייכבארעכטיגונג וועלכע דארף פארנעמען דעם פלאַץ אויף אלעמאָל פון דער איצטיגער פעריאָדע פון כאַאָס און איינפירען דעם סאָציאלען גלייכגעוויכט.

די סאָציאָלאָגיע

עס איז פאַר מיר ניט נויטיג צו באַווייזען וויפיל אומבאַגרינדע־טעס סען סימאָנ׳ס קאָנסטרוקציע אַנטהאַלט אין זיך. ווען ער באַ־צירט די מומיען־אַרטיגע עפּאָכע פון אַלטען מזרח און מיטעל־אַלטער, די צייטען פון אַבסקוראַנטיזם און גראָבקייט מיט׳ן נאָמען אָרגאַנישע און די יאָהרען־הונדערטע וואָס רעכענען זיך פאַר די גלענצענדסטע אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, אַזוינע ווי די גריכיש־רוימישע און די נייע — אַלס קריטיש אָדער פּאַטהאָלאָגישע.

עס וועט אָהן צווייפעל פאַרבלייבען דער גרעסטער פאַרדינסט פון אָט דעם גרויסען דענקער וואָס ער האָט דער ערשטער געווענדעט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף אָט דער וויכטיגער פּראָבלעמע פון סאָצי־אַלען דעטערמיניזם. ווען אָבער ער טרעט צו צו דער לעזונג פון אָט דיזע פּראָבלעמען פאַלט ער אַריין אין אַן אומבאַשטימטען וואַקלענדען עק־לעקטיציזם. אַזוי צ. ב. ש. באַהויפּטעט ער, אַז יעדע פּאָליטישע אָרד־נונג האָט אַלס איהר באַזיס אַ וועלכע עס איז לעבענס פעהיגע פילאָ־זאָפישע אָדער עקאָנאָמישע סיסטעם. דורך דעם האָט ער באַשאַפען אַ פילאָזאָפישען דואַליזם מיט וועלכען פילע סאָציאָלאָגען פון צווייטען ראַנג, באַגייסטערען זיך נאָך עד היום. דאָס איז אָבער שעדליך און ניט נויטיג אין דער שטרעבונג צו סיסטעמאַטיזירען אַלע סאָציאַלע ערשיינונגען. פונדעסטוועגען געפינען זיך אין די ווערק פון סען־סימאָן מאַנכע באַאָבאַכטונגען און געדאַנקען פון גאַר גרויסער וויכטיג־קייט. צו די דאַרף צוגערעכענט ווערען סען־סימאָנ׳ס בליק אויף דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, וועלכע געהט דורך נאָך דער רייהע דריי באַזונדערע שטופען, די טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע, און פּאָזי־טיווע. אָט דער געדאַנק איז שפּעטער ברייט פאַנאַנדערגעוויקעלט גע־וואָרען פון אויגוסט קאָנט. זיין אָוועקשטעלען די מיליטעריסטישע געזעלשאַפט אין געגענזאַץ צו דער האַנדעלס געזעלשאַפט, געפינען מיר אויך שפּעטער ביי קאָנט׳ן און ספּענסער׳ן און זיינע טייל־ווייזע באַמער־קונגען וועגען דער אָפּהענגיגקייט פון פּאָליטישע ערשיינונגען אין עקאָ־נאָמישע פאַקטאָרען, האָבען אין אַ געוויסען זין געדינט אַלס דער אויס־גאַנג פּונקט פאַר דער היינטיגער שולע — דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג.

אבילעס לאָריאַ

אבער פונדעסטוועגען ניט קוקענדיג אויף דיזע אנשאונגען פון סען־סימאן וועלכע פארדינען זיכער אונזער אויפמערקזאמקייט, גע־הערט ער נאך אלץ צו דער פאר־היסטארישער צייט פון דער סאָציאָ־לאָגיע, וועלכע ווערט דערהויבען אלס וויסענשאפט ערשט א דאנק די פארדינסטען פון אן אנדער פראנצויזישען דענקער, פון אוגוסט קאָנט. הגם קאָנט איז טאקע ארויסגעקומען פון סען־סימאנ׳ס שולע איז ער זיך אבער אין פילע הינזיכטען פאנאנדערגעגאנגען מיט זיין לערער. קאָנט׳ס פארדינסט באשטעהט פריהער פון אלץ אין דעם, און מיר איבערטרייבען דאָס ניט בשום אופן, וואס ער האָט דער וויסענ־שאפט געגעבען איהר נאָמען. א נאָמען וועלכען זי טראָגט נאך איצט און וועט ווארשיינליך אויך האבען אין דער צוקונפט. אבער דער פארדינסט איז דער לעצטער צווישען א גאנצע רייע אנדערע, וועלכע געהערען קאָנט׳ן אין באצוג צו דער וויסענשאפט, וועלכע האָט גע־האלטען אין געבוירען ווערען. ער האָט מיט דער גרעסטער דורכדרינג־ליכקייט אויך באשטימט דעם פלאץ, וועלכער עס געהערט צו דער נייער וויסענשאפט אין דער סיסטעם פון אלגעמיינעם מענשליכען ווי־סען. ער האָט קלאָר געמאכט איהרע גרונדלאגען און האָט זיי געגעבען די מעגליכסטע, ברייטסטע, וויסענשאפטליכע באגרינדונג.

כדי קלאָר צו מאכען דעם פלאץ וועלכען די סאָציאָלאָגיע דארף פארנעמען אין דער אלגעמיינער סיסטעם פון מענשליכען וויסען, האָט קאָנט געשאפען א קלאסיפיקאציע פון די וויסענשאפטען, אן וועלכער פילע האלטען זיך נאך ביז׳ן היינטיגען טאג, ניט קוקענדיג אויף דער קריטיק צו וועלכער זי איז אונטערוואָרפען געוואָרען, איבערהויפט פון ספּענסער.

לויט נאך קאָנט׳ן שטעלען אלע וויסענשאפטען וועגען זאכען. אזוי גוט ווי די זאכען גופא, פאר א רייהע אין וועלכער איינפאכקייט און אבסטראקטקייט טרעטען כסדר אפּ זייער פלאץ צו קאמפּליצירט־קייט און קאנקרעטהייט. אין אנדערע ווערטער הייסט דאָס, אז דער ערשטער פלאץ אין דער סיסטעם פון מענשליכען וויסען באלאנגט צו די וויסענשאפטען וואס זענען אם מערסטענס איינפאך און אבסט־

די סאָציאָלאָגיע

ראקט, נאך זיי פאָלגען נאך די מעהר קאָמפּליצירטע און קאָנקרעטע און דערפאר וועניגער שטרענגע וויסענשאַפטען. די רייען־פאָלגע פון די באזונדערע וויסענשאפטען איז דערפאר לויט נאך קאנט'ן דער פאָלגענדער:

1) מאטעמאטיק
2) אסטראָנאָמיע
3) פיזיק
4) כעמיע
5) ביאָלאָגיע און
6) סאָציאָלאָגיע.

יעדע נאָכפאָלגענדע וויסענשאפט איז וועניגער איינפאך און אבסטראקט ווי די פריערדיגע, און באטראכט ערשיינונגען וואס זענען אלץ מעהר און מעהר קאָמפּליצירט און קאָנקרעט. היות ווי עס איז ניט מעגליך צו שטודירען די קאָנקרעטע וויסענשאפטען ניט וויסענדיג די רעזולטאטען, וועלכע זענען פעסטגעשטעלט געווארען פון די אבסטראקטע וויסענשאפטען קומט אויס, אז די אויבען־געבראכטע קלאַסיפיקאציע פון די איינצעלנע וויסענשאפטען איז גלייכצייטיג אויך א כראָנאָלאָגישע ארדנונג. דאָס מיינט, אז מען מוז פריער אויספאָרשען די אם מערסטענס אבסטראקטע וויסענשאפט וועלכע האָט קיין שום פארבינדונג ניט מיט די פריערדיגע. דאָס איז די מאַטעמאַטיק. די אסטראָנאָמיע, וועלכע ווערט באזירט אויף דער מאַטעמאַטיק קאָן מען ערשט שטודירען נאך דער לעצטער. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע פיזיק, וועלכע דארף שטודירט ווערען ערשט נאָך דעם ווי מען איז באקאנט מיט מאַטעמאַטיק און אסטראָנאָמיע. און אזוי ווייטער ביז דער סאָציאָלאָגיע. ווייל אבער די לעצטע איז די אם מערסטענס קאָנקרעטע וויסענשאפט קאָן מען ניט צוטרעטען צו דער אויספאָרשונג פון די ערשיינונגען מיט וועלכע זי גיט זיך אָפּ, זיך ניט באַנוצענדיג מיט די רעזולטאטען וועלכע די אנדערע וויסענשאפטען האָבען דערגרייכט. און דערפאר קאָן זי ערשט ערשיינען נאך דעם ווי עס זיינען פעסטגעשטעלט געווארען און אל־זייטיג אנטוויקעלט אלע איבעריגע אנטדעקונגען פון מענשליכען גערדאנק. דערפאר איז

אכילעס לאַריאַ

טאָקע די סאָציאָלאָגיע די נייעסטע פון אַלע וויסענשאַפטען. דאָס איז די אורזאַכע פון איהר שפּעטער ערשיינונג אויפ'ן אינטעלעקטועלען האָריזאָנט פון דער מענשהייט. און דאָס ערקלערט אויך פאַרוואָס זי האָט ביז איצט אַזוי ווענינ אויפגעטאָן פאַר דער אנטדעקונג פון איהר אמת.

נאָך דעם ווי קאָנט האָט אויף דעם אופן פעסט באַשטימט דעם פּלאַץ וועלכען די סאָציאָלאָגיע דאַרף פאַרנעמען אין דער אַלגעמיינער וויסענשאַפטליכער סיסטעמע ווייזט ער אַז די אויפגאַבע פון דער נייער וויסענשאַפט דאַרף זיין צו אַנטדעקען די געזעצען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. ער אונטערשיידעט צוויי גאַנץ באַזונדערע פעלדער פון פאָרשונג. די סאָציאַלע סטאַטיק און דינאַמיק. די ערשטע אַנאַליזירט דעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט אין אַ געוויסער צייט, די לעצטע אין איהר באַוועגונג, וועלכע קאָנט האָלט להיפוך פון סעז־סימאָן אַלס אונאויפהערליכע און פּראָגרעסיווע. אַט די צו־טיילונג געפינט נאָך ביז היינטיגען טאָג פיל אויסזעצונגען. אַזוי זאָגט מען צ. ב. אַז אריבערטראַגענדיג די ריין מעכאַנישע געזעצען פון סטאַטיק און דינאַמיק אויף די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען קומט די טעאָריע צו זעהר נאָהענט צו דער אַנשויאונג אויף דער געזעלשאַפט, אַלס מעכאַניזם, אַז וועלכער מען האָט זיך געהאַלטען אין אַלטערטום, און אַנשויאונג וואָס געהט אינגאַנצען להיפוך צו די נייע טעאָריען, וועל־כען באַטראַכטען די געזעלשאַפט אַלס אָרגאַניזם. אַן אָרגאַניזם, אַבער, אַזוי לאַנג ווי ער לעבט איז על פּי זיין נאַטור קיינמאָל ניט אין שטעה־ענדען צושטאַנד, זיין באַוועגונג שטעלט זיך נאָר אָפּ מיט זיין טויט. אויב מיר זאָלען אפילו מסכים זיין אויף דעם אויבען־געבראַכטען אר־גומענט איז עס דאָך זיכער אַז פילע סאָציאַלע ערשיינונגען קאָנען ניט אויסגעפאָרשט ווערען אַל־זייטיג ווען מיר זאָלען ניט באַטראַכטען די געזעלשאַפט אין אַ שטעהענדען צושטאַנד. און דערפאַר איז קאָנט'ס צוטיילונג צוועקמעסיג ווענינסטענס אַלס מעטאָדע פון פאָרשונג.

די סאָציאַלע סטאַטיק איז פון קאָנט'ן ניט באַאַרבייט געוואָרען טיף און אַל־זייטיג. ער באַשרענקט זיך בלויז אויף אנצייגען אַז די מענש־ליכע געזעלשאַפט איז ניט ווי אַנדערע דענקען אַנטשטאַנען אַ דאַנק

די סאָציאָלאָגיע

דעם נוצען וואס די געזעלשאפטליכקייט ברענגט צו יחידים. דאס איז דאך שוין דער רעזולטאט פון געזעלשאפטליכקייט און קאן ניט זיין די אורזאכע פאר דער פסיכאָלאָגישער טרייב־קראפט וועלכע איז איינגעבוירען אין מענשען, און ציהט איהם צו א געמיינשאפטליכען געזעלשאפטליכען לעבען. אָט די פסיכאָלאָגישע טרייב־קראַפט, וועלכע קאָנט פאַרשט אויס זעהר פאַרזיכטיג איז א צווייפאַכע. פון איין זייט איז דאָס דער שטרעבען צו פאַראייניגען זיך מיט איינעמס גלייכען לטובת הכלל. פון דער צווייטער זייט איז דאָס אן עגאָאיס־טישער שטרעבען, וועלכער טרייבט דעם מענשען צו דערווייטערען זיך פון דער געזעלשאפט. פון דאנען נעמט זיך דער אנטאָגאָניזם פון דעם אויבינען קאמף צווישען די אלטרואיסטישע אינסטינקטען, וועלכע ציהען דעם מענשען צום געזעלשאפטליכען לעבען. און די עגאָאיסטישע וועלכע טרייבען איהם די געזעלשאפט אויסצומיידען. די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאפט אזוי גוט ווי איהר פראָ־גרעסיווע אנטוויקלונג זענען שטענדיג אפהעניג אן דעם זיעג פון די אלטרואיסטישע אינסטינקטען איבער דעם עגאָאיסטישען.

די פאמיליע און די האנדעלס אדער ארבייטס קאָאָפּעראציע — דאָס זענען די צוויי סארטען פון געזעלשאפטליכקייט וועלכע עס ברענגט מיט זיך דער זיעג פון די אלטרואיסטישע אינסטינקטען איבער די עגאָאיסטישע. ניט דער יחיד נאר די משפחה איז לויט נאָך קאָנט'ן די סאָציאלע צעלע. אָבער די אויספאָרשונג פון דער פא־מילע געהערט צו דער ביאָלאָגיע און קען ניט זיין קיין אפטיילונג פון דער סאָציאָלאָגיע, וועלכע פאנגט זיך ערשט אָן מיט דער אויספאָרשונג פון דער געזעלשאפט. די געזעלשאפט און בלויז די געזעלשאפט איז לויט נאָך קאָנט'ן דער געגענשטאַנד פון דער נייער וויסענשאפט. די אויספאָרשונגען פון יעדען ערענ־האפטען סאָציאָלאָג דארפען זיך דא ציהען בלויז אויף דער געזעלשאפט. ער מוז זיך גלייך אין אָנפאנג אפהאלטען פון דער אויספאָרשונג פון דער משפחה, און נאָך מעהר פון דעם יחיד. קאָנט האלט זאגאר פאר מעגליך צו באהויפּטען, אז קיין יחיד עקזיסטירט בכלל ניט. דאס איז ניט מעהר ווי אן אבסטראקציע. און נאר די געזעלשאפט אליין איז א

אכילעס לאַריאַ

ווירקליכקייט. עס איז קוים נויטיג צו זאָגן אז דאס איז א פּשוט׳ער אונזין. דער אינדיווידואום איז א וועזן וועמעס עקזיסטענץ עס איז אויסער צווייפעל, א וועזן וועלכן מיר באגעגענען אין גאַס, צו וועמען מיר גריסען זיך, וועמענס האנט מיר דריקען, אין דער צייט וואס די געזעלשאפט איז א מעטאפיזישע באשעפעניש, וועמען קיינער האט נאך קיינמאל ניט באגעגנט און קיינער האט נאך איהר האנט ניט געדריקט. די סמנים גופא פון דער געזעלשאפט זענען נאך אזוי אומבאשטימט און טומאנע, אז זיי מאכען מעגליך פארשידענע אויסטייטשונגען. פאר איינע איז די געזעלשאפט די נאציאן. פאר אנדערע דער קבוץ פון א סך יחידים פון דער זעלבער ראסע. פאר די דריטע זענען דאס די איינוואוינער פון דעם זעלבען וועלט טייל. און פאר די פערטע איז דער באגריף פון געזעלשאפט, דאס זעלבע ווי דער גאנצער מענשליכער מין. עס פאדערט זיך פון דעם סאציאלאג א סך אנשטרענגונג און אויסרעכנונג צו באשטימען די גרעניצען פאר אט דעם נאך אומבאשטימטען באגריף. אויב דער אינדיווידואום זאל זיין בלויז אן אבסטראקציע ווי קאנט וויל האבען, פרעגט זיך ווי אזוי קאן די געזעלשאפט זיין א רעאלע זאך אין דער צייט ווען זי איז ניט מעהר ווי א סכום פון באזונדערע יחידים? ווי אזוי קאנען פארשידענע אבסטראקציעס פאראייניגט צווישען זיך פארשטעלען עטוואס רעאלעס, ווירקליך עקזיסטירענדעס?

ווידמענדיג די וויטערע טיילען פון זיין אויספארשונג צו דער קאאפעראציע צייגט קאנט אן אויף איהרע אייגענשיינליכע נוצען. ער פארמאכט אבער גלייכצייטיג די אויגען אויף איהרע שעדליכע רעזולטאטען, פון וועלכע דער טרויעריגסטער איז וואס זי בינדט צו דעם מענשען צו איין איינציגער שטענדיגער באשעפטיגונג, וועלכע איז אפט פריידענלאז, מעכאניש און שטארק ספּעציאליזירט. וו.צ.ב. די שטענדיגע שאפונג פון דעם שפּיץ פון א נאדעל. און אין דעם איז דער פּאזיטיווער פילאזאף פאלקאם גערעכט. די קאאפעראציע איז ווירקליך די גרעסטע אנטדעקונג פון מענשליכען שכל, דאס איז דער רעזולטאט פון דעם שכל פון מענשען פון דער העכסטער אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג. דערפאר וויל בלויז זיי האבען פארשטאַ-

נעז די נוצעז וועלכע מעז קאָז ציהעז פוז קאָאָפּעראַציע. נאַראַנים צ.ב. פּאַראייניגעז זיך קיינמאָל ניט. און דערפאַר טאַקע איז אַזוי לייכט, ווי דער פאַל צייגט עס, אויפצוהאַלטעז מיט אַ פאַרהאַלטניסמעסיג קליינער צאָל אויפזעהער, אַ שטרענגע דיסציפּליז איז אַ משוגעים הויז. אָבער די קאָאָפּעראַציע איז גלייכצייטיג דער שרעקליכסטער מי־טעל פאַר דער פאַרשקלאַפונג פוז די מענשליכע גייסטיגע כוחות: צובינדענדיג דעם מענשעז צו איינער און דערזעלבער מאָנאָטאָנער אַרבייט, וועלכע ער חזר׳ט כסדר איבער. דער׳הרג׳ט זי איז איהם יעדע ערשיינונג פוז גייסטיגער אַרבייטס־פעהיגקייט. קאַנט פאַלט אַריין איז אַ פאַנטאַסטישעז טעות ווען ער לעגט פאַר אַלס מיטעל געגעז דער שעדליכער ווירקונג פוז דער קאָאָפּעראַציע די אַנערקענונג פוז עפּעס אַ גייסטיגער קראַפט, וועלכע זאָל לערנעז די מענשעז. וואַס זענעז געוואָרעז אַזוי פראַגמענטאַריש, סינטעטישע און אַלגעמיינע אַנשויאונגעז.

אַ פיל אַנגעזעהענערעז פּלאַץ פאַרנעמט איז קאַנט׳ס סיסטעם די טעאָריע פוז דער סאָציאַלער דינאַמיק, אָדער די אויספאָרשונג פוז די געזעצעז פוז דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג. פריער צייגט קאַנט אַז אַנטוויקלונגס כחות פוז צווייטעז גראַד צו וועלכע ער רעכענט צו אומצופרידענהייט, טויט און דעם שנעלעז צואוואוקס פוז דער באַ־פעלקערונג. דער ערשטער פאַקטאָר איז פאַר די באַזיצענדע קלאַסעז דאַס זעלבע וואָס דער הונגער פאַר די ניט באַזיצענדע: אַ טריב צו טעטיגקייט. עס איז אמת אַז אומצופרידענהייט אַזוי גוט ווי הונגער, טרייבענדיג פילע מענשעז צו גרויסע טאַטעז, טרייבעז אויך מאַנכע צו גרויסע פאַרברעכענס. אויב מיר פאַרדאַנקעז בייראַנ׳ס גרויסע ווערק, דער אומצופרידענהייט מיט דער סביבה, איז אָבער פוז די זעלבע אומצופרידענהייט אַרויסגעקומעז די שענדליכע טעטיגקייט פוז נעראָ און לודוויג דעם 15טעז. דאָך איז עס אָהז צווייפעל אמת אַז די אומצופרידענהייט איז איינע פוז די מעכטיגע אורזאַכעז פוז פילע אַנטדעקונגעז און פרוכטבאַרע אָנפאַנגעז. ווען עס וואָלט אויף דער וועלט ניט געוועז קייז אומצופרידענהייט, וואָלטעז פילע אַנטדעקונגעז קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרעז און פילע וויכטיגע טאַטעז וואָלטעז

אכילעס לאָריאַ

קיינמאָל ניט געבראַכט געוואָרען צו זייער ענדע. דער צווייטער פאַקטאָר פון דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג איז דער טויט. ווען דער מענש זאָל זיין אומשטערבליך וואָלט קיין באַוועגונג בכלל ניט געקאָנט זיין, ווייל דאַן וואָלט געפעלט די אייביגע ענדערונג פון יוגענד און די פאַרשידענע געגענזייטיג־פיינדליכע מענשליכע שטרעבונגען, וועלכע קעמפען אומאויפהערליך אין דעם אייביגען גאַנג פון לעבען. אזוי צ. ב. האָט טאַקע קיין שום אַנטוויקלונג ניט געקאָנט זיין אין ליליפּוטיאַ, דאָס לאַנד וועלכע דער הומאָריסט סוויפט האָט באַשריבען. די איינוואוינער זענען דאָרט געווען אומשטערבליך, אָדער זיי האָבען געענדיגט דערמיט וואָס זיי זענען געשטאָרבען פון לאַנגווייליגקייט, וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער דערשטיקענדער איינטאָניגקייט פון זייער אומענדליכער עקזיסטענץ. דער טויט רופט אַרויס שטענדיגע צוזאַמענשטויסען, צווישען די קאָנסערוואַטיווע שטרעמונגען פון דער עלטער און די פּראָגרעסיווע פון דער יוגענד. און אין דעם אומאויפהערליכען מעכטיגען קאַמף ווערט געבוירען אַ נייע לעבענסטעטיגע קראַפט. דאָס אומאויפהערליכע רייסען זיך פון מענשען אויפ'ן וועג צום פּראָגרעס. די דערמאָנטע באַמערקונג פון קאַנט געפינט היינט אַ שטאַרקע שטיצע אין דער טעאָריע פון וויסמאַן, וועלכער ציט די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אַז דער טויט איז באַשאַפען פון דער נאַטור אויסשליסליך לטובת דעם מענשליכען מין. און נאָר איהם אַליין דאַרפען מיר דאַנקען פאַר די נאַטירליכע צוכטוואַל, אַ דאַנק וועלכער דער מענש האָט אימער אַן זיין פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג. פון דער צווייטער זייט איז ניט ווייניגער קלאָר אַז אַ צו קורצער לעבען וואָלט געשטערט אין יעדען סאָציאַלען ערפאָלג, מאַכענדיג אוממעגליך צו פאַרענדיגען די גרויסע אָנפאַנגען און די דורכפירונג פון גרויסע אַרבייטען. עס איז דערפאַר קלאָר אַז דער דויער פון מענשליכען לעבען איז פּונקט אַזאַ ווי עס איז נויטיג פאַר דער פאַרזיכערונג פון אַ נאָרמאַלען פּראָגרעס. דאָס שליסט אויס פון איין זייט אומשטערבליכקייט וועלכע וואָלט געשטערט יעדער אַנטוויקלונג און פון דער צווייטער זייט אַזאַ קורצקייט פון לעבען וועלכע וואָלט דערהרג'עט יעדער אַנטוויקלונג גלייך ביי איהר געבורט. אויף דער פּראָג־

די סאָציאָלאָגיע

רעסיווער באוועגונג פון דער געזעלשאפט ווירקט אויך דער שנעלער צוואוואוקס פון דער באפעלקערונג, דאס העלפט דער שנעלער אויס־מישונג פון מענשליכע דורות, די באפעלקערונג פון דעם אונטערשייד אין יאהרען צווישען עלטערען און קינדער. דאס פארקלענערט די אויטאָריטעט פון די ערשטע און מאכט די לעצטע אומאפהענגיג און זעלבסטשטענדיג. דער צוואוואוקס פון דער באפעלקערונג פארשאפט אויך דעם קאמף צווישען די פארשידענע שטרעבונגען פון די יחידים און פארשנעלערט דערמיט די געזעלשאפטליכע אנטוויקלונג, וועלכע ווערט דורך דעם קאמף ארויסגערופען. מיר קאנען עס צו יעדער צייט באמערקען אין די נייע לענדער. אזוי צ. ב. איז דער ארבייטער קלאס אין נארד אמעריקא און אפילו ביי עלטערע פעלקער פיל מעהר לעבענ־לוסטיג און גייסטיג מוטיגער ווי די בורזשואזיע קלאסען און דאס איז צו פארדאנקען זייערע פריערע הייראטען. עס קען גאר קיין צווייפעל ניט זיין, אז די ראדיקאלע שטרעמונגען פון די נידעריגע קלאסען פון דער געזעלשאפט זענען מערסטענס דער רעזולטאט פון יענע גייסטיגע איינפלוסען וועלכע קומען ארויס א דאנק דער שנעלער נאכפאלגונג פון איין דור נאך דעם צווייטען.

זוכענדיג די הויפט אורזאכע פון דער סאציאלער אנטוויקלונג קומט קאנט צו דעם פונדאמענטאלען שלוס אז די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט ווערט שטרענג באשטימט דורך דעם אנטוויקלונגס־גע־דאנק, מיט אנדערע ווערטער, אז דער סאציאלער פראגרעס איז ניט קיין אנדער זאך ווי א פראדוקט פון גייסטיגען פראגרעס. צייגט מיר אן דעם גייסטיגען צושטאנד פון א פאלק, זאגט קאנט, און איך וועל אויך וויסען זיינע לעבענס באדינגונגען און סאציאלע לאגע. דער מענשליכער געדאנק איז אין פארלויף פון זיין לאנגער געשיכטע דורכ־געגאנגען דריי פאזען פון אנטוויקלונג, אנהויבענדיג מיט דער טעא־לאגישער איז ער שפעטער אריבער צו דער מעטאפיזישער און דער־נעהענטערט זיך איצט צו דער פאזיטיווער, צו וועלכער עס געהערט די צוקונפט. אין דער סאציאלער אנטוויקלונג זענען אויך דא דריי ענליכע פאזען, — די מיליטאריסטישע, די געזעצליכע און די קאָ־מערציעלע. די הויפט אויפגאבע פון דער גאנצער קאנט'אישער גע־

אכילעס לאָריאַ

שיכטס־פילאָזאָפיע איז צו דערווייזען די ריכטיגקייט פון דער דער־מאַנטער אַנאַלאָגיע. די באַווייזע שיינען צו זיין גאַנץ באַגרינדעטע. אַזוי לאַנג ווי עס האַנדעלט זיך וועגען דער ערשטער פאַזע. ד. ה. דער טעאָלאָגישער. אַזוי באַמערקט אונזער פילאָסאָף, אַז דער פעטישיזם האָט געגעבען דעם ערשטען אַנשטויס צו קונסט און האָט באַשאַפען די ערשטע אינסטרומענטען פאַר האַנט־אַרבייט און האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר האַנדעל. פאַדערענדיג אַז אַפּצאַלונג צו די לאָקאַלע געטער, האָט די רעליגיאָן דערנעהענטערט דעם מענשען צו דער ערד און האָט אויף דעם אופן געגעבען דעם ערשטען אַנשטויס דער ערד אַרבייט. דער פּאָליטעאיזם וואָס איז שפּעטער אַנטשטאַנען, האָט אַרויסגערופען קריעג צווישען פעלקער און אויף דעם אופן איז מיט דער טעאָלאָגישער גערדאַנקען־ריכטונג פאַרבונדען אויך דער אָנפאַנג פון דער מיליטאַריסטישער סיסטעמע פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. די מלחמות האָבען מעגליך געמאַכט צו נעמען דעם שונא אין גע־פאַנגענשאַפט און דערפון אַנטשטעהט שקלאַפעריי: אַט דער גרונט אינסטיטוט פון די אַלטע פעלקער איז אויף דעם אופן קיין אַנדער זאַך ווי אַ פּראָדוקט פון פּאָליטעאיזם. דער שטופּענווייז איבערגאַנג פון פּאָליטעאיזם צו מאָנאָטעאיזם ברענגט אַריין אין לעבען גאַנץ אַנ־דערע טענדענצען, די פאַרהעלטניסמעסיגע זעלטענהייט פון מלחמות, דער איבערגאַנג פון שקלאַפעריי צו לייב אייגענטום און ענדליך צו דער פרייהייט פון אַרבייט. דער פעטישיסט הרג׳ט דעם געפאַנגענעם, דער פּאָלעטעאיזם פאַרשקלאַפט איהם, דער מאָנאָטעאיזם באַפרייט איהם. אין יעדען געגעבענעם פאַל איז דער סאָציאַלער צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט בלויז דער נויטוועגדיגער פּראָדוקט פון די גייסטיגע ריכ־טונגען וועלכע העררשען אין איהר. אָבער קאַנט׳ס סיסטעם שטויסט זיך אַז שוין גלייך אין איהר ערשטען טייל אויף זעהר ערנסטע שווע־ריגקייטען און כמעט אומבאַזיגבאַרע שטערונגען.

עס איז גענוג אָנצואווייזען אַז דורך קאַנט׳ס תורה לויט וועלכער שקלאַפעריי איז געוועזן דער פּראָדוקט פון פּאָלעטעאיזם קאָן מען ניט ערקלערען די קאָלאָניאַלע שקלאַפעריי, וועלכע עס פּראַקטיצירען מאָ־נאָטאָאיסטישע פעלקער. די מעהר אָדער וועניגער שעהנע דעקלאַמאַ־

ציעס, וועלכער דער פילאָסאָף וועגדעט אָן געגען דער אנאמאליע, געגען דער אונגעהויערער און עקעלהאפטער אלט־געצענדינערישער אינסטי־טוציע וואס איז אויפגעשטאנען תחית המתים קאָנען פארשטעהט זיך די רעטעניש ניט לעזען.

אבער די שוועריגקייטען קענען גארניט פארגליכען ווערען מיט יענע אָן וועלכע אונזער מחבר שטויסט זיך אָן אזוי גיך ווי ער טרעט צו צו דער אויספאָרשונג פון דער צווייטער סאָציאַלער פאזע. און ווירק־ליך, אזוי שנעל ווי קאָנט קומט נאר צו דער מעטאַפיזישער עפּאָכע, וועלכע פאנגט זיך אָן פון 14טען יאהרהונדערט דערפילט ער גלייך אליין אז זיין באהויפּטונג שאקעלט זיך: עס פאָדערען זיך אויסבעסע־רונגען, צ. ב. אז אין אנפאנג פון דער מעטאַפיזישער עפּאָכע באשטימט שוין ניט די גייסטיגע אנטוויקלונג די סאָציאלע נאר פארקערט, די אנטוויקלונג פון האנדעל באשטימט די ערשיינונגען פון סאָציאלען לעבען, עסטעטישע, וויסענשאפטליכע, מיליטערישע און אנדערע. אמת, קאָנט הייליט זיך צו ערקלערען, אז ווען די מעטאַפיזישע גדאנ־קען־ריכטונג וועט פארענדיגען איהר וועג צו מאכען פלאץ פאר דער פאָזיטיווער ריכטונג וועט זיך די אויבערהערשאפט פון גייסט ווייטער באווייזען. דאָך אבער מוז אונזער פילאָזאָף צוגעבען, אז פאר דעם געגעבענעם מאמענט איז זיין טעאָריע ניט צוגעפאסט, אז ניט דער גייסט נאר דער האנדעל באשטימט דעם געזעלשאפטליכען צושטאנד און די געזעצען פון איהר אנטוויקלונג, אדער מיט אנדערע ווערטער אז טאקע נאר די עקאָנאָמישע באציהונגען באשטימען די גייסטיגע און סאָציאלע אָרגאניזאציע פון דער מענשהייט. אויף דעם אופן עפענט אויף קאָנט דעם ארייגאנג פאר דער היינטיגער מעהר באַ־גרינדעטער שולע פון סאָציאָלאָגיע אויף עקאָנאָמישע יסודות. הגם אַ דאנק זיינע אויספאָרשונגען פון דער טעאָלאָגישער עפּאָכע קאָן ער פארעכענט ווערען פאר דעם שעפּפער פון סאָציאָלאָגיע אויף אינטע־לעקטועלע יסודות.

באגייסטערט פון זיין גרונט געדאנק, אז די סאָציאלע אנטוויק־לונג איז דער פּראָדוקט פון דער גייסטיגער זאָגט קאָנט פאראויס, אז עס וועט קומען אַ צייט ווען דער „וויסען“ וועט איינשטימיג הערשען

אכילעס לאריא

איבער דעם שיקזאל פון די פעלקער, אין יענער צוקונפטיגער געזעלשאפט װעט די װעלט אנגעפירט װערען ערשטענס פון א גייסטיגער קראפט, װעלכע װעט באשטעהן פון א קאאפעראציע פון פאזיטיװיסטישע פילאסאפען, װעלכע װעלען מעגען רייך זיין און װעלען דארפען װידמען זייער גאנצען לעבען צו דער אויספארשונג פון די אלגעמיינע געזעצען פון מאטעריע און גייסט, און צװייטענס פון א געזעלשאפטליכער קראפט, װעלכע װעט באשטעהן פון א קאאפעראציע פון קאפיטאליסטען, בפרט פון באנקירען, װעלכע װעלען יענע געזעצען דארפען אנװענדען אין לעבען.

דא מוז איך זיך אפהאלטען פון דעם װייטערדיגען אנאליז פון קאנט'ס געדאנקען. אנהויבענדיג פון דעם פונקט פארלירען זיי פון אונטער זיך יעדען באדען פון פאזיטיװער אויספארשונג, און דערהויבען זיך צו די אוטאפיעס אויף יענער זייט פון די װאלקענס. עס איז באקאנט, אז קאנט'ס פראיעקטען פאר סאציאלע רעפארמען װעלכע ער האט באשאפען נאך דעם װי די טראגעדיע פון זיין פאמיליען לעבען האט שוין ארויפגעלעגט אויף איהם איהר שטעמפעל און פארטונקעלט די קלארקייט פון זיינע געדאנקען, האבען אלע א באדייטונג נאר אלס טרויעריגער אנדענקען װעגען דער צושטערונג פון א מעכטיגען גייסט. אין די ערשטע ביכער פון זיין „קורס" װעלכען ער האט געשריבען נאך לעבענדיג מיט זיין שלעכטער און עגאאיסטישער פרוי װיל ער ערקלערען די פרוי אלס אייביג ניט דערװאקסענע און װיל איהר אויף אייביג שטעלען אונטער דעם אויפזיכט פון מאן, פאטער אדער ברודער. שפעטער פארקערט, װען ער האט אלס רעזולטאט פון א געזעליכען גט אראפגעװארפען פון זיך דעם פארהאסטען יאך און איז אריינגעטראטען אין באציהונגען, פול מיט טיפסטער ליעבע, מיט דער שעהנער קלאטילדא דע פא (De v laux), באציהונגען װאס האבען זיך לוידער שנעל געענדיגט צוליב איהר פריהצייטיגען טויט. נאך איהר טויט גיט ער זיך איבער צום אסקעטיזם אין אנדענקען פון זיין געליעבטער פרוי. ער שעמט זיך דאן ניט צו לויבען די פרויען אלס געטינס. ער טרעט ארויס אלס נביא פון א נייער רעליגיאן, פון װעלכער דער העכסטער װעזען איז הומאניזם. קלאטילדא איז די הייליגע **בתולה, די ערד דער גרויסער פעטיש, און ער, קאנט דער כהן גדול,**

די סאָציאָלאָגיע

זיין רעליגיע דערלאזט תפילות אלס עראינערונג, און כבוד פאר טייערע אויסדערוועהלטע פערזאנען. זי האט איהרע יעהרליכע ימים טובים. 84 אין צאהל. פון די דריי פרויען וואס ער האט אין זיין לעבען גע־ליעבט, פון קלאָטילדע'ן, זיין מוטער ראזאליע און די דינערין סאפיע, שאפט ער א היילינע דריי איינינקייט. דאס איז גענוג! דעם קאטולי־שען קאלענדאר וויל ער פארבייטען אויף א פאזיטיווען אין וועלכען יעדער טאג זאל אנגערופען ווערען אויפ'ן נאמען פון א וועלכען עס איז גרויסען שרייבער, געלערנטען אדער וואהלטעטער פון מענשליכען מין. די צווייטע סעריע פון די וועניגער באריהמטע נעמען, דארפען באנוצט ווערען פאר די איבעריגע טעג אין די איבער יאהרען. קען מען דען נאך ווייטער געהן אין אט דער ריכטונג?

לאמיר פונדעסטוועגען לאזען אז א זייט אט די טרויעריגע טעות'ן זיינע. קאנטס סיסטעם, אדער ריכטיגער איהר גרונד טעזיס, אז די סאָ־ציאלע אנטוויקלונג איז אפהעניג אן דער אינטעלעקטועלער אנטוויק־לונג, איז אנגענומען געווארען פון פיל ערענסטע דענקער. דעם ערשטען ארט צווישען זיי פארנעמט אדאלף קעטלע, וועלכער שרייבט אין זיין סאציאלער פיזיק: „עס איז ניטא קיין פראגרעסיווערע זאך, ווי די ווי־סענשאפטען. אלע מענשליכע פעהיגקייטען וואס זיינען ניט באגרינדעט אויף דער וויסענשאפט זענען בעצם סטאטישע און זייערע געזעצען זענען אומפארענדערליכע: די איבעריגע אבער אנטוויקלען זיך בלויז אין אפהענגיגקייט פון דער וויסענשאפט, דערפאר קאן די וויסענ־שאפט דינען אלס מאסשטאב פון דער מענשליכער אנטוויקלונג". דער זעלבער געדאנק ווערט איבערגע'חזר'ט פון באקל וועלכער פרובירט איהם באגרינדען אויף דעם פאלגענדען אופן. עס זענען דענקבאר, זאגט ער, צוויי פאקטארען פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג, דער געדאנק און די מאראל, די מאראל איז אבער אומפארענדערליך אדער זי ענדערט זיך זעהר לאנגזאם, ניט מיט יעדער נייער עפאכע, דאס ווערט באשטעטיגט דורך די ענליכע צאל פארברעכענס יעדען יאהר. אבער א סטאטישער עלעמענט קאן ניט זיין די אורזאכע פון רעזולטאטען אין וועמענס נאטור עס איז צו ענדערען זיך, ווי עס איז די אנטוויקלונג פון דער מענשהייט. דער ווירקליכער פאקטאר קאן אבער זיין נאר אן אינטעלעקטועלער. ארויסגעהענדיג פון דעם

אַבּילעס לאַריאַ

דערמאָנטעז בליק, מאַלט באַקל, אין זיין „געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד”, וועלכע איז ליידער ניט פאַרענדיגט געוואָרען צוליב זיין פריצייטיגען טויט. די אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע פון דער מערב וועלט אויסשליסליך אַלס פּראָדוקט פון דער אַנטוויקלונג פון דעם מערב־אייראָפּייאישען געדאַנק און וויסען. ערגאַר קינע, פיוסטעל דע קולאַנזש און מאַקס מולער, קאָנען אויך אין א געוויסען זיך פאַרעכענט ווערען פאַר תּלמידים פון קאַנט'ן. זיי אַלע פאַרבינדען די געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע מיט דער אַנטוויקלונג פון מיסטישע און רעליגיעזע אידעען.

איידער מיר געהן אריבער צו באַטראַכטען די ווייטערע פאַנאַנדעראַרבייטונג פון דעם לערערס טעאָריע אין די אַרבייטען פון זיינע אַם מערסטענס איבערגעבענע תּלמידים, מוזען מיר זיך אַליין פאַרענטפערען די פראַגע, צו איז קאַנט'ס תּורה אין איינקלאַנג מיט דער ווירקליכקייט? צי פאַרדינט זי די אויפמערקזאַמקייט פון אַז ערענסטען סאָציאָלאָג אין דער היינטיגער צייט?

עס איז גענוג אפילו בלויז אַן אויבערפלעכליכע באַטראַכטונג פון קאַנט'ס פילאָזאָפיע זיך צו איבערצייגען, אַז די גרונדלאַגען פון איהר זענען ווייט ניט די פּרוכט פון זיין אייגענער אויסשליסליכער שאַפונג. זי איז פאַרבונדען מיט א גאַנצע רייהע נעמען פון קאַנט'ס פאַרלויפער און צייטס־גענאָסען. און ווירקליך, נאָך דער מיטגליד פון דעם פראַנצויזישען רעוואָלוציאָנערען קאָנווענט מאַרקיז קאָנדאָרסעי, האָט אין זיינע אויספאָרשונגען וועגען דעם פּראָגרעס פון מענשליכען געדאַנק באַהויפּטעט: אַז די סאָציאַלע אַנטוויקלונג איז דער רעזולטאַט פון דער גייסטיגער אַנטוויקלונג. דעם זעלבען געדאַנק האָט אויסגעדריקט אויך טיורגאָ, און, ווי עס איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען, איז ער ארויסגעזאָגט געוואָרען פון סען־סימאָן. גלייכצייטיג איז די זעלבע טעאָריע פּראָקלאַמירט געוואָרען, הגם אין א מעהר פאַרבאַהאַלטענער פאָרמע, אויף יענער זייט פון רהיין פון העגעל'ן, וועלכער האָט באַטראַכט די געשיכטע אַלס די עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג פון דער אידעע. עס איז גענוג שוין דער פאַקט אַליין פון דער גלייכצייטיגער ערשיינונג פון דעם זעלבען געדאַנק ביי אַזעלכע פאַרשידענע, און ווייטע איינער פון צווייטען דענקער, צו פאַרשטעהן אַז יענער געדאַנק

די סאָציאָלאָגיע

האט ניט געקאנט ארויסשפּראָצען ווי א שטראם פון דער ערד, האט ניט געקאנט אנטשטעהן פון זיך אליין, נאר האט געמוזט זיין דער אומ־פארמיידליכער פּראָדוקט פון די סאָציאַלע באדינגונגען. עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז אין קיין אנדער צייט זענען די באדינגונגען ניט געווען אזוי גינסטיג פאר דער באשאפונג פון אזא טעאָריע. דאס איז באמת געווען די צייט פון דער פּרעכטיגער אנטוויקלונג פון דעם וויסענשאַפטליכען גרדאנק, וועלכער האט אריינגעטראָגען אומעטום א גאנצע רייע טיפע און ווייט־זעהענדיגע איבערקערענישען. פרענקלין האט באזיגט דעם בליץ, וואט האט ערפונדען די דאמף מאשין, וועלכע האט אנגעמאכט א גאנצע רעוואָלוציע אין דער אינדוסטריע, אדאם סמיט האט פּראָקלאמירט די טעאָריע פון פרייען האנדעל, וועלכע האט פארניכטעט אלע טאריף־באגרענעצונגען. רוסא האט מיט זיין „סאָציאַלען קאָנטראַקט“ אויפגעשטורעמט די וויסענשאפט וועגען דער רעגירונגס פירונג און געמאכט צו נישט די דינאסטיע, קאנט האט ארויסגעטריבען די גאָטהייט פון דעם קעניגרייך פון פארנונפט און האט אויפגעטרייסעלט דעם פונדאמענט פון גלויבען. די געלערענטע האבען דאן געגלויבט אז זיי קענען אפילו די אויבערפלעכע פון דער ערד ענדערען, אדער אנצייגען איהר א וועג אין איינקלאנג מיט די אייביגע געזעצען פון אבסטראקטער לאָגיק. וואס זשע פאר אן אנדער טעאָריע וואלט געקאנט זיין מעהר נאטירליך און צייטיג דאן ווי די אז די אידעע באשטימט די אנטוויקלונג פון דער מענשהייט און הערשט אומבאגרענעצט איבער איהר שיקזאל?

אויב אבער די אנטשטעהונג פון קאנט׳ס פילאָזאָפיע איז א נויטווענדיגע אפשפיגלונג פון דער צייט אין וועלכער איהר באַ־שאפער האט געלעבט, אויב אט די פילאָזאָפיע האט אין די באדינגונגען פון איהר צייט געפונען גענוג גרינדע פאר איהר עק־זיסטענץ, איז פונדעסטוועגען די דאָזיגע טעאָריע וועגען דער אנטוויק־לונג פון דער מענשהייט גאנץ ווייט פון צו זיין אמת. מיר האבען שוין אויבען געזעהען אז אפילו קאנט אליין, הגם ניט ווילענדיג, האט זיך באצויגען צו איהר קריטיש, צוגעבענדיג אז זי איז ניט אנווענד־באר אויף דער פעריאָדע וואס ציט זיך פון 14טען יאהר־הונדערט ביז אונזער צייט. א פעריאָדע אין וועלכער ניט די אידעע נאר דער

אכילעס לאריא

האנדעל האט באשטימט די סאציאלע אנטוויקלונג. וואס זשע קאן געזאגט ווערן וועגן א געשיכטס פילאזאפיע וועלכע גיט אליין צו. אז זי איז מאכטלאז אין דער דערקלערונג פון ניט ווייניגער ווי זעקס הונדערט יאהר פון היסטארישען לעבען? און דערצו נאך יאהר־הונדערטער וועלכע זענען אם מערסטענס אויסגעפארשט געווארען און וועלכע האבען דערגרייכט צו די העכסטע רעזולטאטען אין דער גאנצער מענשליכער געשיכטע. אבער אויסער דעם באשטעהט קאנט'ס הויפט טעות דעריין, וואס ער באטראכט דעם מענשליכען געדאנק און שכל ווי אן ערשטען פרינציפ וואס איז ניט קיין באשאפענער נאר וועלכער אנטוויקעלט זיך זעלבסטשטענדיג לויט נאך עפעס אן איינערליכען געזעץ. דאס אלעס פארשטעהט זיך איז ניט באגרינדעט. דער מענשליכער געדאנק איז גאנץ ווייט פון צו זיין אן „ערשטע אורזאכע" — א זעלבסט־באשאפענע זאך, וואס איז ניט אפהענגיג פון גארנישט. דער מענשליכער געדאנק איז גיכער א נויטווענדיגער פראדוקט און צופעליגע אפשפיגלונג פון דער ארומיגער ווירקליכקייט אין וועלכער ער לעבט און אנטוויקעלט זיך.

טאקע צוליב די אנגעצייגטע אורזאכען אנטזאגט זיך די מאדערנע ווירקליך־פאזיטיווע וויסענשאפט פון קאנט'ס טעאריע, און קומט צום שלום, אז ניט די סאציאלע אנטוויקלונג איז דער פראדוקט פון דער גייסטיגער אנטוויקלונג נאר פארקערט. דאס לעצטע איז דער פראדוקט פון דאס ערשטע. אדער אין אנדערע ווערטער אז ניט דער געדאנקען בוי פון דער מענשהייט באשטימט דעם בוי פון איהר לעבען נאר דער לעצטער באשטימט דעם בוי פון איהר גייסט. פארשטעהט זיך, אז אט דער שלום שעפט ניט אויס די פראבלעמע ווייל די סאציאלע אנטוויקלונג אדער די געזעלשאפטליכע פארמען פון מענשען איז אליין א פראדוקט פון אן אורזאכע וועלכע נויטיגט זיך אין באלייכטונג. פונדעסטוועגען איז דא גענוג גרינדע צו באהויפטען, אז קאנט'ס טעאריע איז אויף אימער פאראורטיילט.

אבער דאס איז נאך ניט גענוג. ווען קאנט'ס טעאריע זאל זיין ריכטיג דאן וואלט דער ערפאלג פון געדאנק שטענדיג געדארפט געהן האנט אין האנט מיט דעם ערפאלג פון דעם פאליטישען און סאציאלען לעבען. אין דער אמת'ן טרעפט זיך אפט פונקט פארקערט: אין לענדער

די סאָציאָלאָגיע

וואו דער פּאָליטישער און סאָציאַלער לעבען שלעפּט קוים זיין קלענ־ליכע עקזיסטענץ, געפינענדיג זיך אונטער דעם דרוק פון טיראַנען טרעפען מיר אָפט א מעכטיגען אויפשוואונג פון א גייסטיגען לעבען, א פּרעכטיגע פאַנאַנדערבליהונג פון ליטעראַטור, וויסענשאַפט און קונסט. און דאָס איז ניט קיין צופאַל נאָר א נויטיגער און לייכט, דערקלער־בארער רעזולטאַט פון געזעלשאַפטליכען צושטאַנד. די פריידלאָזע שווערע באַדינגונגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען שטויסען אוועק די אָם מערסטענס באַגאַבטע מענשען פון די געפאַרען פון דער פּאָליטיק און פון דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט און באַוועגט זיי אוועק־צוגעבען זייערע כוחות צו א אידעע וועלכע ברענגט אָפט אַזוינע וואונדערבארע פּרוכטען. און דערפאַר טאַקע זענען די עפּאָכען פון דער גרעסטער סאָציאַלער פאַנאַנדערפאַלונג גלייכצייטיג אויך די עפּאָ־כען פון דער העכסטער גייסטיגער פּראָדוקטיוועטעט. פון די פילע ביישפּילען וועלכע פאַרדינען דערמאָנט צו ווערען, וועט זיין גענוג צו דערמאָנען די צייט פון פעריקעלס אין אַטהען, פון לעאָ דעם 19טען אין איטאַליען, פון מילטאָן אין ענגלאַנד. דייטשלאַנד האָט דער־גרייכט די העכסטע שטופע פון דער פילאָזאָפיע דורך קאַנט, שעלינג און העגעל אין דער צייט פון אַן אבסאָלוטער רעאַקציאָנערער הער־שאַפט. דאָס אַלעס דערצעהלט אונז גאַנץ עטוואס אַנדערש ווי דער פּאַראַלעליזם פון גייסטיגער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג. צווישען די צוויי גרויסע ערשיינונגען פון מענשליכען לעבען ליגט גיכער א טיפער אָפּגרונד וועלכע עס וועלען אפשר קאָנען אויספילען די געזונטע שטרע־מונגען פון דער צוקונפטיגער אַנטוויקלונג.

איך האָב אויף דעם אופן געוואָלט געבען אויף וויפיל עס וועט זיך מיר איינגעבען א קורצען עטיוד פון דער קאַנט'אישער דאָקטרין פון איהרע צווייפלאָזע פאַרדינסטען און טרויעריגע בלאָנדזשעניש, וועלכע האָבען זיך אין איהר געוואָרצעלט. געווים ווערען איצט איהרע טעות'ן אַנערקענט פון אַלעמען אין דער איצטיגער צייט זענען שוין מעהר ניטאָ קיין באַדינגונגסלאָזע אַנהענגער פון דער דאָקטרין, וועלכע מיר מעגען דערפאַר רעכענען שוין אַלס אויף אייביג באַגראָבען. אויב אבער אפילו עס איז איהר ניט באַשערט שוין נאָך אַמאָל אויפלעבען וועט זי אָבער שטענדיג פאַרדינען דערמאָנט צו ווערען אַלס ערשטע

אכילעס לאָריאַ

פּראָבע צו סיסטעמאַטיזירען די סאָציאָלע ערשיינונגען. ווייל זיי אַנט־האַלטען אין זיך, ניט אַכטענדיג אויף איהרע פילע טעות'ן, אַ גאַנצע רייע פון טיפע אמת'ן פון וועלכע די סאָציאָלאָגיע פון אַלע צייטען קאַן שעפּען פאַר זיך פיל ווערטפולע אָנצייגונגען. מאַנכע היינטיגע סאָציאָלאָגען דאַרפען ווירקליך דאַנקען קאָנט'ן פאַר פילע אויסגאַנגס־פּונקטען פון זייערע פאָרשונגען. ניט ווייניג גרונד באַגריפען האָט פון איהם גענומען ספּענסער, וועלכער האָט זיי אַזוי מייסטערהאַפט אַנטוויקעלט אין זיינע „פּרינציפּען פון סאָציאָלאָגיע". ענליך צו קאָנט'ן זענען אויך איינינע פּרינציפּען פון דע גריפ'ס. די גענויאַלע אויספאָרשונגען פון טאַרד ווענען נאָכהאָמונג, זאָגען אויך עדות אויף קאָנט'ס איינפלוס, און אפילו גידינג'ס אינטערעסאַנטע פּראָבע אויפ־צובויען אַ סאָציאָלאָגיע אויף פּסיכאָלאָגישע יסודות געפינט אין זיך אַ מעהר אָדער ווייניגער אינדירעקטע פאַרבינדונג מיט דער לערע פון דעם פאָטער פון פּאָזיטיוויזם. קאָנט'ס טעאָריע ווענען דער אָפּ־הענגיגקייט פון דער סאָציאָלער אַנטוויקלונג אין דער אַנטוויקלונג פון גייסט איז אָהן צווייפעל פאַלש. זי האָט אָבער געגעבען דעם שטאַרק־סטען שטויס צו דער אויספאָרשונג פון דער געשיכטע פון וויסען, גלויבען און איבערהויפּט צו דער געשיכטע פון מענשליכען געדאַנק. די אויספאָרשונגען האָבען דערגרייכט, אַ דאַנק דער דערמאָנטער דאָקטרין, אַזאַ באַדייטונג און צוציהונג, וועלכע זיי האָבען קיינמאָל ניט געקאָנט דערגרייכען, ניט פריהער און ניט שפּעטער. און אויב דער קראַפט מיט וועלכען קאָנט האָט געוואָלט באַפוצען דעם מענש־ליכען גייסט אַלס הערשער פון געשיכטע און פּראָגרעס, איז אַראָפּגע־ריסען איז אָבער דאָך זיכער, אַז אַ דאַנק איהר אינערליכען גלאַנץ וועט זי אויף אַלע צייטען פאַרבלייבען די שעהנסטע באַפוצונג און דער גרעסטער שטאָלץ פון מענשליכען געדאַנק.

דריטער קאפיטעל.

די סאָציאָלאָגיע אויף ביאָלאָגישע יסודות.

די גרויסע אנטדעקונגען, וועלכע האבען פארשאפט דעם גרעסטען כבוד דעם מענשליכען שכל, זענען שטענדיג געמאכט געווארען צוויי מאָל. צום ערשטען מאָל ניט ווילענדיג עפּעס אזוי ווי אויף שפּאַס, און שפּעטער צום צווייטען מאָל מיט'ן פולען באוואוסטזיין פון דער גרויסער באדייטונג און נוצען פון דער אנטדעקונג. אויף דער ביהנע גיט מען שטענדיג דעם וואדעוויל נאָך דער דראמא, אבער אויף דער ביהנע פון לעבען קומט דער וואדעוויל פאר פריהער, די שפּאסהאפטע וואדעוויל־מעסיגע אנטדעקונג קומט אלעמאָל פריהער פאר דער ווירק־ליכער און ערנסטער אנטדעקונג. נעקום איז דורכגעפארען אפריקא מיט 21 הונדערט יאהר פאר בראטאלאמעא דע דיאצא: אמעריקא איז פון די אויסלענדער אנטדעקט געווארען נאָך פאר קאלומבוס'ן. די שטיין קוילען, דרוקעריי, פּולווער זענען באקאנט געווען צו די כי־נעזער פיל פריהער ווי זיי זענען אנטדעקט געווארען פון די ענגלענדער אדער פון גוטיענבערג'ן און שווארצ'ן, אבער אין די אלע פריערדיגע אנטדעקונגען האט געפעלט דער באוואוסטזיין פון זייער באדייטונג. דער באוואוסטזיין פון סאָציאלען נוצען וואס מען קאן פון זיי ציהען פון די נייע פונקציעס אויף וועלכע זיי קאָנען זיך ארויסווייזען צוגע־פאסט. דעם כאראקטער פון די לעצטע אנטדעקונגען קריגען זיי ערשט שפּעטער אין דער צייט פון דער צווייטער אנטדעקונג. עס איז דערפאר גאנץ וויכטיג וואס די מענשהייט ליבט און דאנקט פאר די אנטדעקונגען און ערפינדונגען ניט די ערשטע נאר די צווייטע ער־פינדער. די ערשטע האבען געשטרעבט בלויז צו פארשאפען פאר זיך עגאאיסטישען פארגעניגען, צו דער באפרידיגונג פון זייער אייגען־ליבע אדער זיי האבען עס געטאן אויס לאנגווייליגקייט, די צווייטע

אכילעס לאָריאַ

פארקערט האָבען דאס דערגרייכט דורך פיל פערזענליכע ליידען און נויט און דערמיט האָבען זיי אַנגעווענדעט די אנטדעקונגען פאר דעם אַלגעמיינעם נוצען, און האָבען באשאפען פון זיי קוואַלען פון איבי־גען וואוילטאג פאר דער גאנצער מענשהייט.

עס וועט פאר אונז ניט אומניצליך זיין צו האָבען אין זינען אַט די דערמאָנטע ערשיינונג, בשעת מיר טרעטען צו צו דעם אנאליז פון דער צווייטער, און אין פילע הינזיכטען העכערער, סאָציאָלאָגישער שולע, וועלכע איז אויפגעבויט אויף די פרינציפען פון ביאָלאָגיע. אין גרונט גענומען זענען שוין כמעט אַלע גרונט געדאנקען פון דער דער־מאָנטער שולע ארויסגעזאָגט געווארען פון אנדערע פריערדיגע שריי־בער. אזוי צ. ב. איז עס מיט דער אידעע, אז די געזעלשאפט איז אַן אָרגאניזם אן אידעע צו וועלכער די אנהענגער פון דיזער שולע שריי־בען צו א זעהר גרויסע באדייטונג, מיר געפינען איהר שוין ביי פּלאַ־טאָן, בעקאָן, האָבס (וועלכער איז אוועק אזוי ווייט אז ער האָט דיזע אידעע אילוסטרירט מיט צייכנונגען) ביי רוסאָ און העגעל. די אידעע וועגען דעם בונד צווישען דער סאָציאָלאָגיע און ביאָלאָגיע איז אָפט ארויסגעזאָגט געווארען פון קאַנט'ן, וועלכער האָט אין זיין קלאסיפי־קאַציע פון די וויסענשאַפטען טאָקע באטראכט די סאָציאָלאָגיע אלס ווייטערע אנטוויקלונג פון דער ביאָלאָגיע. די אידעע פון אנטוויקלונג ווערט נאָך דורכגעפירט אין די ווערק פון הערעקליט, העגעל און קאַנט און פון א גאנצער מחנה אנדערע נייע און אַלטע שרייבער. אבער ניט קוקענדיג אויף דעם איז אלס דער באַשאַפער פון דער ביאָלאָגישער סאָציאָלאָגיע אנערקענט הערבערט ספּענסער. פאר וואָס איז עס אזוי? דערפאר ווייל ער האָט דער ערשטער צונויפגעבראכט אין איין שטרענ־גער לאָגישער באגרינדעטער סיסטעם די פילע געדאנקען וועלכע זע־נען פון די פריערדיגע דענקער נאר פארבייגעהענדיג באַרירט געווארען. די פריערדיגע דענקער האָבען בלויז געמאכט באהויפּטונגען, ספּענסער אָבער האָט זיי אַלזייטיג באַלויכטען און פארשטאַרקט מיט ערנסטע באווייזע.

איבערגעהענדיג פון זיינע ביאָלאָגישע אונטערזוכונגען צו דער אויספארשונג פון דער סאָציאָלאָגיע האָט ער זיך דערפילט, אזוי ווי

די סאָציאָלאָגיע

געטריבען דורך דעם שטראָם פון זיינע אייגענע אויספאָרשונגען צו דעם שלוס אז דער ביאָלאָגישער עלעמענט האט די גרעסטע באדייטונג אין דער באשאפונג פון סאָציאלע ערשיינונגען. ער וואַרפט דערפאַר אוועק קאָנט׳ס לערע לויט וועלכער דער אינטעלעקטועלער עלעמענט באשטימט מיט זיך דעם צושטאַנד פון דער געזעלשאפט און ער ערקלערט אנטשיידען אז ניט דער געדאַנק נאָר דער געפיל באהערשט און באוועגט די וועלט. אדער אז דער מענש האנדעלט ניט אונטער דעם איינפלוס פון זיין שכל נאָר אונטער דעם איינפלוס פון זיינע געפילען און באגערן. דערפון שליסט ער, אז די סאָציאלע סטאַטיק און דינאַמיק קאָן אויסגעפאָרשט ווערען ניט דורך דעם צושטאַנד. פון מענשליכען שכל נאָר דורך דער אויספאָרשונג פון דעם לעבען פון דעם יחיד גופא, אדער אין אנדערע ווערטער די געזעצען פון זיין אָרגאניזם. ד. ה. אז ניט די פילאָזאָפיע נאָר די ביאָלאָגיע קאָן פאר אונז אויפדעקען דעם סוד פון דער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע. דער אונשעצבאָרער דינסט פון דער ביאָלאָגיע פאַר דער סאָציאָלאָגיע ווערט קלאָר אזוי שנעל ווי מען לעגט נאָר אוועק א פונדאמענט פאר די אויספאָרשונג פון דעם געדאַנק אז יעדער ארגאניזם איז א געזעלשאפט און יעדע געזעלשאפט אז אָרגאניזם. יעדער אָרגאניזם איז א געזעלשאפט דערפאר ווייל ער שטעלט מיט זיך פאָר א קיבוץ פון צעלען, וועלכע זענען סאָלידאריש און ענג צוזאמענגעבונדען צווישען זיך. יעדע געזעלשאפט קאָן באטראכט ווערען אלס אָרגאניזם, ווייל אויך זי באשטעהט פון צעלען (יחידים) וועלכע באשאפען אן ענגע פאראייניגונג צווישען זיך כדי צו דערגרייכען די אלגעמיינע צילען — וואס זענען נויטיג פאר דער עקזיסטענץ און אנטוויקלונג פון קיבוץ. די אנאלאָגיע צווישען געזעלשאפט און ארגאניזם זעהט זיך אויך אַן אין פילע קלייניגקייטען, להיפוך צו די אומאָרגאנישע קערפּערם, וועלכע וואקסען בלויז אין זייער גרוים ניט בייטענדיג זייער אינ־ווענינגסטען צוזאמענשטעל (אזוי צ. ב. וואקסען מינעראלען דורך רע־געלמעסיגער אינקרוסטאַציע) וואקסען אבער די אָרגאנישע קערפּערס ניט נאָר אין זייער גרוים נאָר זיי קאָמפּליצירען זיך אין זייער סטרוק־טור אלץ מעהר און מעהר פארנאנדערוואקסענדיג און שטרעבענדיג צו

אכילעס לאַריאַ

א פּראָגרעסיווער דיפערענצאַציע פון זייערע אָרגאַנען און פונקציעס. דאָס זעלבע זעהן מיר אויך אין דער מענשליכער געזעלשאַפט. די אַנ־פאַנגליכע (רודימענטאַרע) געזעלשאַפטען זענען אינגאַנצען ניט דיפער־רענצירט: יעדער יחיד איז ביי זיי גלייכצייטיג א סאָלדאַט, א יעגער און א פישער, די דאַקטוירים זענען גלייכצייטיג אויך פאַרשפּרעכער געגען שלעכטע גייסטער. דאָס איז פּונקט אַזוי ווי ביי די נידעריגע אָרגאַניזמען וועלכע האָבען ניט קיין ספּעציעלע אָרגאַנען פון עסען. באַוועגונגען, אָטעמען און א. א. וו. און פּונקט ווי די אַנטוויקלונג פון אַן אָרגאַניזם אין זייער דערנעהענטערונג צו א העכערער אָרגאַני־שער פאָרמע ווערט באַצייכענט דורך דער אויפבילדונג פון נייע אָר־גאַנען, פון וועלכע יעדער איינער דאַרף אויספילען א באַזונדערע זעלבסטשטענדיגע פונקציע, פּונקט אַזוי איז אויך דער איבערגאַנג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט פון א העכערער פאָרמע פון אַנטוויקלונג באַצייכענט דורך דער אויסבילדונג פון באַזונדערע ספּעציאַליזירטע סאָציאַלע אָרגאַנען. אויף דעם אופן בילדען זיך אויס ספּעציעלע אָרגאַנען פון סאָציאַלער פיטערונג (ערד ארבייט און האַנדעל), פון סאָציאַלער פאַרטיידיגונג (מלחמה, רעכטליכע באַשיצונג א. א. וו.). אָבער דאָס איז נאָך ניט גענוג. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון לעבעדיגען אָרגאַניזם, וועלכער איז באַגאָבט מיט פאַרשידענע ספּעציאַליזירטע אָרגאַנען, איז די אינווענינגסטע סאָלידאַריטעט צווישען זיי, זייער אַבסאָלוטע אָפּהענגיקייט איינער פון צווייטען, און א דאַנק דעם אויב איינער הערט אויף צו אַרבייטען, ווערען אויך די איבעריגע אומפעהיג ווייטער צו אַרבייטען. אַזוי שנעל ווי דאָס האַרץ הערט אויף צו קלאַפּען, הערען די לונגען אויף צו אָטעמען, דער מאַרך צו דענקען. א. א. וו. פּונקט אַזאַ סאָלידאַריטעט איז אויך צווישען די אָרגאַנען פון דער סאָציאַלער פאַראייניגונג, ווען עס איז ניטאָ קיין שטיין־קוילען. בלייבען די פאַבריק־אַרבייטער לעדיג — ווען די ערד גיט ניט קיין רויע־מאַטעריאַלען, שטעלט זיך אָפּ די פּראָדוצירונג און עס שטאַרבט אָפּ דער מסחר, די אַרמעע האָט דאַן ניט קיין געוועהר א. א. וו. און פּונקט ווי אין דעם איינצעלנעם קערפּער זעהט זיך אָט די אָפּהענגיג־קייטען אַלץ מעהר וואָס מעהר דער קערפּער איז אַנטוויקעלט, פּונקט

די סאציאלאגיע

אזוי איז אויך אין דעם געזעלשאפטליכען ארגאניזם: צוזאמען מיט זיין וואוקס וואקסט אויך די דערמאנטע סאלידאריטעט. נאך מעהר. דער לעבען פון לעבעדיגען ארגאניזם, ניט רעכענענדיג די צופאלען און אויסערגעוועהנליכע קאטאסטראפען, איז לענגער ווי דאס לעבען פון זיינע באזונדערע טיילען: די צעלען ווערען צושטערט און צוריק אויפגעבויט, ארגאנען באנייען זיך, און דער ארגאניזם זעצט אלץ פאר זיין עקזיסטענץ. פונקט אזוי איז אויך דער לעבען פון סאציאלען ארגאניזם לענגער ווי דער לעבען פון זיינע איינצעלנע צעלען אדער אינדיווידואומען פון וועלכע ער באשטעהט. אין דער צייט וואס דור נאך דור געהן אין קבר אוועק, לעבט די געזעלשאפט איביג אדער פארשווינדט יעדענפאלס ניט פריהער פאר עטליכע יאהר־הונדערטע.

אבער דערמיט איז נאך די ענליכקייט צווישען דעם אינדיווידועלען און סאציאלען ארגאניזם ניט פארענדיגט. אין דעם לעבעדיגען ארגאניזם איז פאראן א דרייפאכער געוועב. דער ערשטער איז אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון דער ארומיגער וועלט און האט אלס זיין אויפגאבע — ארויסצוקריגען פון דער לופט די עלעמענטען וואס זענען נוציליך פאר'ן ארגאניזם, און אפטיילען די וואס זענען שעדליך. דאס איז דער אויסערליכער געוועב (עקזאדערמא). דער צווייטער נעמט אויף די עלעמענטען וועלכע דארפען אסימילירט ווערען און ארבייט זיי איבער, דאס איז דער אינוועניגסטער געוועב (ענדאדערמא). צווישען זיי געפינט זיך דער דריטער, וועלכער טיילט איין די לעבענס עליקסיר, צווישען דיזע צוויי געוועבען. דאס איז דער מיטעלסטער געוועב (מעסאדערמא). וועלכער באשטעהט פון די בלוט־טראגענדע רעהרען. אין דעם סאציאלען גוף איז דער אויסערליכער געוועב דער קלאס פון די קריגער און ריכטער, וועלכער פארטיידיגט דעם גוף: דער אינוועניגסטער געוועב — דער קלאס פון ערד ארבייטער און פראדוצענטען, וועלכער פיטערט דעם גוף, און דער מיטעלסטער — דער קלאס פון סוחרים, וועלכער פארטיילט די פראדוקטען: אויף דעם זעלבען אויפ'ן פונקט ווי אין דעם לעבעדיגען ארגאניזם אנטוויקעלט זיך פון דער בלוט־סיסטעמע א נערווען־סיסטעמע, אזוי

אכילעס לאָריאַ

אנטוויקעלט זיך אין סאָציאַלע אָרגאַניזם, פון דער קריגערישער קאַס־טע, א הערשענדער קלאַס. און פונקט ווי אין דעם לעבעדיגען אָר־גאַניזם פארלירט דער אויסערליכער געוועב בּיסלאכווייז זיין באַדײַ־טונג אין פאַרגלייך מיט די אנדערע צוויי, פונקט אזוי פאַלט אויך די באַדייטונג פון קריגערישען קלאַס אין סאָציאַלען אָרגאַניזם אין פאַר־גלייך מיט׳ן מסחר — און פּראָדוקציאָן. די מענשליכע געזעלשאַפט אנטוויקעלט זיך כסדר פון א קריגערישען צושטאַנד צום האַנדעל — און פאַבריצירענדען צושטאַנד. און וואָס מעהר די געזעלשאַפט דער־ווייטערט זיך פון די ערשטע אויסשליסליך קריגערישע שבטים, דער־נעהענטערט זי זיך אַלץ מעהר און מעהר צו א סאָציאַלער פאָרמע, וועלכע איז נאָך ליידער איצט אויך גאַנץ ווייט, אין וועלכע די טעטיג־קייט פון יחיד אנטוויקעלט זיך פריי און אומגעשטערט אונטער דעם וואהלטעטיגען שוץ פון אויביגען פרידען. אין איינקלאַנג מיט דיזער אנטוויקלונג בייטען זיך גלייכצייטיג אויך די סאָציאַלע אָרגאַנען.

פונדעסטוועגען, באַטש עס זענען אנגעצייגט געוואָרען אזוי פיל פאַרבינדונגען, צווישען דעם סאָציאַלען און אינדיווידועלען אָרגאַניזם, קענען זיי נאָך אונזער מיינונג ניט פאַרניכטען צוויי וויכטיגע פּרטים. דורך וועלכע דיזע אָרגאַניזמען אונטערשיידען זיך. 1) דער לעבעדיגער אָרגאַניזם באַשטעהט פון טיילען, וואָס קענען פון איהם ניט אָפּגע־זונדערט ווערען, בעת דער סאָציאַלער אָרגאַניזם באַשטעהט פון אָפּגע־זונדערטע טיילען, איין צעלע קאָן זיך ניט אָפּטיילען פון דער צוויי־טער מיט וועלכער זי איז צונויפגעבונדען, בעת די סאָציאַלע צעלע — דער מענש — קאָן זיך דערווייטערען פון די אנדערע, — פון זיינע מיט־בירגער, ער קאָן זיך אריבערקלייבען אין אן אנדער פּלאַץ, ער קאָן פאַרטריבען ווערען פון זיין לאַנד אין אנדערע ווייטערע לענדער. ער קאָן דורך זעלבסטמאָרד פרייוויליג צושטערען זיין אינדיווידואַלי־טעט. 2) אין דעם לעבעדיגען אָרגאַניזם זענען דאָ דענקענדע אָרגאַנען — און אָרגאַנען וועלכע פאַרמאָגען אָט די איינענשאַפטען ניט: פאַר־קערט אין דעם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם, איז קיין מאָנאָפּאָליע אויף באַוואוסטזיין פון איינצעלנע אדער פון געזעלשאַפטליכע גרופּען ניטאָ. די פעהיגקייט איז פאַרטיילט אין א גלייכער מאָס צווישען אַלע מיט־

די סאָציאָלאָגיע

גלידער פון דער געזעלשאפט. און בעת אין דעם לעבעדיגען אָרגאניזם קאָנצענטרירט זיך דאָס באוואוסטזיין אויף א מעהר אדער ווענינער באגרענעצטער פעלד, ווערט עס אין דעם סאָציאלען אָרגאניזם פארשפרייט איבער דער גאנצער געזעלשאפט. און דערפאר קאן מען אין דער מענשליכער געזעלשאפט ניט געפינען אזא באזונדערען אָרגאן פון באוואוסטזיין, וואָס זאָל זיין אזוי אָפגעזונדערט ווי יענער וואס דער יחיד באזיצט, אין דער צייט וואָס אין דעם לעבעדיגען אָרגאניזם, געפינט זיך אזא אָרגאן אין א באַשטימטען טייל.

פון דאָס געזאָגטע, איז געדרונגען נאָך איין זעהר וויכטיגער אונטערשייד, אין דער צייט וואס די אָרגאנען פון דעם יחיד לעבען און ארבייטען פאר'ן וואהלזיין פון דעם גאַנצען אָרגאַניזם, לעבען און אנטוויקלען זיך די יחידים זעלבסט ניט פאר'ן וואהלזיין פון דער געזעלשאפט, אדער פאר וועלכע עס איז פון זיינע באזונדערע פּריווילעגירטע אָרגאַנען, עס איז גאר פארקערט, די געזעלשאפט לעבט און אנטוויקעלט זיך פאר'ן נוצען פון די יחידים פון וועלכע זי באשטעהט, די אלטע אנשויאונג פון אריסטאָטעל און אנדערע פילאָזאָפען. לויט נאָך וועלכער דער מענש איז געשאַפען געווארען פאר דער רעגיערונג און ניט די רעגיערונג פאר דעם מענשען, איז דערפאר אינגאנצען אומבאַגרינדעט און עס ווייזט זיך ארויס פאר א סך ריכטיגער דער פארקערטער מעהר נאַטירליכער און מעהר באגרינדעטער געדאנק, וועלכער איז צום ערשטען מאָל ארויסגעזאָגט געווארען פון האבס'ן, אז די רעגיערונג איז א מיטעל און דער אינדיווידואום דער צוועק, און עס קאָנען דערפאר דערלאָזען ווערען נאר אזוינע מיטלען און געזעצען, וועלכע זענען געווענדעט אויסשליסליך לטובת פון דעם מענשליכען מין.

פונדעסטוועגען קאָנען אָט דיזע וויכטיגע אונטערשיידען צווישען א געזעלשאפט און אן אָרגאַניזם ניט טונקעל מאַכען די עהנליכקייט צווישען זיי. און אויפ'ן גרונד פון דער אנאלאָגיע האַלט ספּענסער פאר מעגליך צו באהויפּטען, אז די געזעלשאפט איז אן אָרגאניזם, הגם אן אייגענטימליכער אבער פאָרט אן אָרגאניזם. די אַנאַלאָגיע צווישען געזעלשאפט און אָרגאניזם איז פאר ספּענסער'ן א ווערטפאָלע כלי זין

אכילעס לאָריאַ

אין זיינע אויספאָרשונגען וועלכע זענען געווידמעט צו דעם אַנאַליז פון דעם צושטאַנד פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, און זיינע פאָרמען וועלכע אַנטוויקלען זיך פּראָגרעסיוו, פּונקט ווי דער לעבעדיגער, אַזוי אויך דער סאָציאַלער אָרגאַניזם, זאָגט ער, זענען אונטערוואָרפן צו דיזעלבע געזעצען פון אַנטוויקלונג, לויט נאָך וועלכע זיי שטרעבן פון איינאַרטיגער אומצוטיילטקייט צו אַ פילאַרטיגער צוטיילטקייט. און די אורזאַכע גופא פון דער אָרגאַנישער סיי פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג איז פּונקט די זעלבע. פּונקט ווי דער לעבעדיגער אָרגאַניזם אַנטוויקעלט זיך דורכ'ן קאַמף אום עקזיסטענץ, וועלכער ענדיגט זיך מיט'ן זיעג פון די אַמ־בעסטען צוגעפּאַסטע און שטאַרקסטע און מיט דער פאַרניכטונג פון די שוואַכע, אַזוי אַנטוויקעלט זיך אויך דער סאָציאַלער אָרגאַניזם אַ דאַנק זיין קאַמף אום עקזיסטענץ, אין וועלכען עס זיגען די פעהיגסטע, די שטאַרקערע און די קליגערע יחידים און די שוואַכערע עלעמענטען ווערען פאַראורטיילט צום אויסשטאַרבען. די נאַטירליכע צוכטוואַהל איז דער ענערגישסטער פאַקטאָר פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג. פּונקט ווי אויף דער אַנטוויקלונג פון אָרגאַניזם ווירקט גלייכציייטיג מיט דער נאַטירליכער צוכטוואַהל אויך דער איינפלוס פון דער אַרומיגער סביבה, און די ירושה פון די צוגעקראָגענע אייגענשאַפטען, פּונקט אַזוי איז אויך אין דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג. עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די מאָראַלישע אידעען, נייע אַנטדעקונגען און נייע לעהרען, וואָס ווערען איבערגעגעבען בירושה פון איין דור צום צווייטען, זענען אין אַ הויכער מאָס אַ וויכטיגער פאַקטאָר פון אַנטוויקלונג, וואָס זיין ווירקונג ווייזט זיך אַרויס אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ און וואָס אויף איהם האַלט זיך דער בסדר'דיגער שטרעבען פון מענשליכען מין צו הויכע אידעאַלען פון פּראָגרעס אַהן אַ ענד.

אַט דאָס איז אין קורצע שטריכען די סאָציאַלע טעאָריע פון הערבערט ספּענסער, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר ווי יעדער קען זעהן, אַ סימעטרישע און קלוג אויפגעבויטע גאַנצע סיסטעם וועלכע רופט אַרויס טיפע באַוואונדערונג און ערנסטען נאָכטראַכטען ביי יענע, וועלכע באַקאַנען זיך מיט איהר נעהענטער. אַרום ספּענסער'ס

די סאציאלאגיע

נאמען האט זיך געבילדעט א שולע פון טאלאנטפולע און באגייסטערטע יונגע געלערענטע (ווארמס ליליענפעלד, דיורקהיים, נאוויקאוו, מעלאק) וועלכע טייטשען אוים באווייזען, דערקלערען און צייטענווייז איבערטרייבען אפילו די טעאריע. די דערמאנטע שרייבער ווערען געוועהנליך אנגערופען „ארגאניסטען", און באנוצען זיך אינגאנצען מיט ספענסער'ס אנאלאגיע צווישען געזעלשאפט און ארגאניזם, און מאלען אויף אט דעם לייוועגט א סך וויסענשאפטליכע אראבעסקען, אפט גאר מאדנע. אויב ספענסער איז אזוי שטארק באשטאנען אויף דער אנאלאגיע, האט ער אבער אלעמאל זיך געהיילט צו צוגעבען, אז די אנאלאגיע האט א ממשות נאר אלס אויסדרוק־מיטעל, א מיטעל וועלכער מאכט מעגליך פארצושטעלען אין א פלאסטישער פארמע די געזעצען פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען. אט די קלוגע באמערקונג האבען זיינע תלמידים פארגעסען צום באדויערען. ניט נאר אנטוויקלען זיי זייער לערער'ס משלים ביז צו די קלענסטע פרטים, נאר זיי באנוצען זיך אויך מיט איהר אלס אויגענשיינליכען באוויין. אלס דעם פונדאמענט פון פילע סאציאלע געזעצען. דער דייטשער געלערענטער שעפלע איז אין דעריין דערגאנגען פשוט ביז צו דאס לעבערליכע אויסרעכענענדיג די סאציאלע ארגאנען, באוועגונגס צענטרען, נערווען און א. וו. אויך די אנדערע סאציאלאגען פון דער שולע זענען ניט מעהר איינגעהאלטען, זיי באשרייבען די סאציאלע מוסקולען, דעם סאציאלען הויפט סימפאטי־נערוו, די סאציאלע לונגען, די געפאססיסטעמע פון דער געזעלשאפט ווערט לויט זייער מיינונג פארקערפערט אין די שפאר קאסען. א געוויסער פראפעסאר פון סארגאן האט באצייכענט די גלחים אלס „דעם פעט־געווארענעם נערווען־געוועב, א באצייכנונג וועלכע רופט ארויס א שמייכעל ביי יעדען וואס האט נאר געזעהן די פעטע פיגורען פון אונזערע דארפישע גלחים. א צווייטער סאציאלאג פארגלייכט די נערווען־פעדים מיט די טעלעגראף־דראטען און דעם מענשליכען מארד מיט א צענטראלער טעלעגראף סטאנציע. א דריטער איז אוועק אזוי ווייט, אז ער אונטערשיידעט מאנזבילשע פון ווייבערשע רעגיערונגען. די מאנזבילשע זענען נאך זיין מיינונג יענע וועלכע באזיגען און מאכען אונ־

טערטעניג אנדערע רעגירונגען. יענע וואס ווערען באזיגט און אונטערוואַרפען זיך אונטער די ערשטע, זענען ווייבערשע רעגירונגען.

עס זעהט אויס אזוי ווי די אלע גוזמאות וואָלטען ספּעציעל געהאט דעם צוועק צו דיסקרעדיטירען די דערמאַנטע לערע, און זייערע מחברים זענען אפשר א סך שולדיג אין דעם אומצוטרויען צו דער מאָדערנער סאָציאלאָגיע, וועלכען עס ווייזען ארוים פילע מענשען וואס זענען גאַנץ ווייט פון צו זיין קאָנסערוואטיוו אדער רעאקציאָנער. אויב אפילו מיר זאָלען צורוה לאָזען אַט די אלע איבערטרייבונגען און צוגאָבען פון די תלמידים, און ווענדען זיך צו די ארבייטען פון דעם לערער גופא, מוזען מיר זיך מודה זיין, אז אויך איהם איז ניט געלונגען קיין אנדער זאך ווי נאר צו פארבייטען דעם ערנסטען אנאליז פון די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען אויף א שווערען באלאסט פון פּרוכטלאָזע גלייכעניסען. מיר וואָלטען פון אונזער זייט געקאָנט געפינען נאָך פיל מעהר בארירונגס פונקטען צווישען דעם סאָציאלען און אינדיווידועלען ארגאניזם. אָבער דורך דעם אלעמען וועלען מיר אפילו איין טריט פאָרווערטס ניט מאַכען אין דער אויספארשונג פון די געזעצען פון דער געזעלשאפט. מיר וועלען באשאפען איינינגע מעהר אָדער ווענינגער פלאסטישע בילדער. אבער מיר וועלען ניט קאָנען מאַכען קיין שום פעסטען וויסענשאַפטליכען אַנאַליז פון די ערשיינונגען וועלכע מיר פאָרשען אויס. און דאָס איז טאַקע, לפי ערך, דער רעזולטאַט וועלכען ספּענסער האָט דערגרייכט. זיינע סיסטעמאַטישע פארגלייכען גיבען איהם די מעגליכקייט פארצושטעלען די ערשיינונגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען אין בילדער, וועלכע קאָנען איינעם געפעלען פון דעם שטאַנדפּונקט פון קונסט אדער ליטעראטור, און אנדערע קענען זיי פארעכענען פאר אומנאַטירליך און דעקאָדענטיש, וועלכע קאָנען אבער בשום אופן גאָרנישט ניט ערקלערען און גאָרנישט ניט באווייזען. דאס איז די אורזאכע פארוואָס ספּענסער'ס סאָציאָלאָגיע איז א ריין־באשרייבליכע און ניט קיין אנאליזירענדע. זי שטעלט מיט זיך פאָר בלויז דעם ערשטען שריט פון וויסענשאָפטליכער פאָנאָנדערארבייטונג, און קאָן נאָר דינען אלס צוגרייטונג אדער איינלייטונג צו א העכערער וויסענשאָפטליכער פאָרשונג.

די סאָציאָלאָגיע

אבער נאד מעהר ווי די אנאלאגישע מעטאדע פארדינט די גאנצע ספענסערשע סיסטעמע, אדער איהר גרונדגעדאנק, אז די סאציאלאגיע דארף געבויט ווערען אויף ביאלאגישע יסודות, א שארפע קריטיק. עס איז גענוג איהר אויבערפלעכליך צו באטראכטען, כדי זיך איבערצייגען אין די ווידערשפרוכען פון וועלכע דער דאזיגער געדאנק ליידעט. און ווירקליך. די סאציאלאגיע אלס א זעלבסטשטענדיגע וויסענשאפט, קאן פרעטענדירען צו לעזען די פראגע וועגען דעם, אויף וויפיל דער לעבען פון דער געזעלשאפט איז אונטערווארפען אונטער געזעצען וועלכע זענען פארשידען פון יענע צו וועלכע דער אינדיווידועלער ארגאניזם איז אונטערווארפען. אויב אבער מען נעמט אן אז די געזעצען וועלכע באהערשען דעם לעבען פון אינדיווידואום, באהערשען אויך גלייכצייטיג דעם לעבען פון דער געזעלשאפט, קומט עס לאגיש אויס, אז כדי צו ערקלערען די סאציאלע ערשיינונגען איז גענוג בלויז די ביאלאגיע, און די סאציאלאגישע וויסענשאפט האט דערפאר קיין שום עקזיסטענץ בארעכטיגונג ניט. קומט אלזא אויס אז אנשטאט צו פארשטארקערען די סאציאלאגיע וויל די דערמאנטע שולע איהר דערשטיקען גלייך ביי איהר געבורט. אבער אויסער דעם איז דאך קלאר פאר יעדען איינעם אז דער ביאלאגישער פאקטאר וועלכער איז געמיינשאפטליך פאר אלע ארגאנישע וועזענס גיט ניט דעם שליסעל צו פארשטעהן די סאציאלע ערשיינונגען, וועלכע זענען אם ווענינגסטענס אין זייער מעהר קאמפליצירטע פארמען די אויסשליסליכע אייגענשאפטען פון מענשליכען מין. און ווירקליך, בלויז דער מענש פירט איין איין לעבען באשטימטע כללים, ערציהערישע יורידישע, דיסציפלינארע, נאר דער מענש ווייס פון פאליטישע, נאציאנאלע, אינטערנאציאנאלע באציהונגען, און שליסליך. — און דאס איז די הויפט זאך, — נאר דער מענש לעבט אין א געזעלשאפט. איך ווייס גאנץ גוט אז די ספענסערישע סאציאלאגיע האט וועגען דעם א גאנץ אנדערע מיינונג. ביי יעדער געלעגענהייט צייגען זיי אז אויף די געזעלשאפטען פון ביבערן, בינען און מוראשקעס, אבער ביים בעסטען ווילען, מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג, וועלכע זיי צייגען ארויס מיט א פארגרעסערונגס־גלאז, איז זיי נאר געלונגען צו געפינען ביי די נידעריגע לעבע־

אכילעס לאריא

דיגע מינים אז אויסערליכע מאטעריעלע צונויפזאמלונג, איז אלע הינ־זיכטען אז אומבאוואוסטזיניגע און מעכאנישע, וועלכע אנטשטעהט אינסטינקטיוו אונטער'ן דרוק פון אלגעמיינער געפאר און וועלכע האט קיין שום עהנליכקייט ניט מיט דעם ספעציאליזירטען און קאמפלי־צירטען צוזאמענלעבען פון מענשען. אויב אלזא דער ביאלאגישער פאקטאר איז גילטיג פאר אלע ארגאנישע מינים, בעת דער סאציאלער פאקטאר און די באציהונגען וואס זענען מיט איהם צוזאמענגעבונדען זענען נאר די אייגענשאפטען פון דעם מענשליכען מין, איז די פראבע צו באטראכטען די ערשיינונגען פון דער צווייטער קאטעגאריע אלס אומפארמיידליכע פאלגען פון ביאלאגישע געזעצען, פשוט א לאגישער אבסורד. עס איז קלאר אז אויף אויפצודעקען די סאציאלע ערשיי־נונגען וועלכע קומען פאר אין דער מענשליכער געזעלשאפט, און וועל־כע זענען ניטא אין די אנזאמלונגען פון די נידעריגע מינים, איז שוין ניט גענוגענד דער געמיינשאפטליכער ביאלאגישער פאקטאר, נאר עס פאדערט זיך א ספעציעלער פאקטאר, וועלכער איז אייגענטימליך אויס־שליסליך פאר דעם מענשליכען מין.

אט דער גרונד־טעות פארפאלגט ספענסערס טעאריע איז אלע איהרע וויסענשאפטליכע טעזיסען, און איז דער הויפט גרונד פון אלע איהרע חסרונות און ערנסטע טעות'ן. איבערהויפט ווארפט זיך אין די אויגען וואס זי איגנארירט אינגאנצען דעם היסטארישען פאקטאר. בשעת זי ערקלערט די סאציאלע צושטאנדען. עס איז גאנץ פארשטענד־ליך אז די שולע וועלכע זעהט אין דער סאציאלאגיע בלויז די ווייטערע אנטוויקלונג פון דער ביאלאגיע זאל אפערירען בלויז מיט אזעלכע פאקטארען וואס זענען געמיינשאפטליך סיי פאר דעם מענשען און סיי פאר די אנדערע נידעריגערע ברואים. די געשיכטע איז א גאנץ באזונדערע ערשיינונג וועלכע איז אויגענטימליך בלויז דעם מענשען. דערפאר קען די ביאלאגיע איהר ניט איינשליסען אין איהר קרייז. דאס איז אויך די אורזאכע, פארוואס ספענסער און זיינע תלמידים מאכען אזוי אפט און מיט אזא חשק א שפאציר אויף דעם גרענעצ־לאזען געביט פון דער פארהיסטארישער עפאכע. און רעדען אזוי ווארים און מיט אזוי פיל טיפזיניגקייט און געלערנטקייט, וועגען די

אומבארירטע וועלדער פון אמעריקא, אפריקא און אוסטראליע. איז דער זעלבער צייט בארירען זיי גאר ניט די געשיכטע, דעם היסטארישען לעבען פון דעם מענשליכען מין. אנדערש האנדלען קענען זיי ניט די ביאלאגישע מעטאדע קען זיך זיין זעהר גוט אין דער אויספארשונג פון דעם לעבען פון די נידעריגע ברואים. עס איז אבער איבער איהרע כחות פארנאנדערצוקלייבען זיך אין די פארוויקלונגען פון דער מענשליכער קולטור, אין דעם קאמפליצירטען לעבען פון די היסטארישע געזעלשאפטען. דערפאר האלט איך אז ספענסערס טעאריע דארף באטראכט ווערען פאר א שריט צוריק אין פארגלייך מיט קאנט'ס טעאריע, די לעצטע מיט אלע איהרע חסרונות האט פונדעסטוועגען א סך לייכטער געמאכט פאר דעם פארשער צו געפינען דעם וועג אין דעם לאבירינט פון דער געשיכטע: האט איהם געהאלפען אונטערשיידען די אלערליי סאציאלע מדרגות וואס פאלגען איינע נאך דער צווייטער, און האט געשטערט אזוי צי אזוי זיי צוריקצופירען צו איין גרונד־פרינציפ. ספענסערס לערע איז אבער פאר אט דער אויפגאבע אינגאנצען ניט צוגעפאסט, זי איז געצוואונגען זיך אפצושטעלען פונקט אויפ'ן שוועל פון דער געשיכטע און איז דורכאויס ניט בכח אויסצופארשען די פארוויקעלטע און דיפערענצירטע ערשיינונגען וועלכע כאראקטעריזירען דעם היסטארישען פעריאד פון געזעלשאפטליכען לעבען. זי קען גאנץ גוט געבען א פאלקאמענע פילאסאפיע פון דער פארצייטיגער געזעלשאפט, ערקלערען די פארהיסטארישע צייט, זי קען אבער ניט באשאפען קיין פילאסאפיע פון דער בארבארישער ציוויליזאציע, שוין אפגערעדט פון א געשיכטס־פילאסאפיע בכלל. און דערפאר זעהען מיר טאקע אז קאנט'ס טעאריע ווארפט א העלע ליכט סיי אויף דעם קלאסישען אלטערטום סיי אויפ'ן מיטעל אלטער און אפילו אויף דער מאדערנער צייט, בעת ספענסערס טעאריע לאזט אפילו אין שאטען אלע גרויסע היסטארישע עפאכען, אדער איז בעסטען פאל באלייכט ער זיי מיט א שוואכער טונקעלער ליכט. אזוי אז נאר מיט גרויסע שוועריגקייטען קען מען קוים, קוים אונטערשיידען זייערע אלגעמיינע געשטאלטען.

עס איז אלזא קלאר, אז די ביאלאגישע סאציאלאגיע קען ניט

אַכילעס לאָריאַ

דערקלערען דעם ספּעציפישען כאַראַקטער פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג און די ענדערונגען פון די פאַרשידענע פּראָגרעסיווע פאָרמען אין וועלכע זי דריקט זיך אויס. איך וואַג צו באַהויפּטען, הגם דאָס קען קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, אַז די ספּענסערישע טעאָריע איז אַנטי־עוואָלוציאָניסטיש. לויט נאָך איהר איז די מענשליכע געזעלשאַפט פאַר פילע הונדערטער יאָהרען פון איהר אַנטוויקלונג אַ מיליטאַריסטישע, וועלכע שטרעבט בלויז צו ווערען אַ פּראָדוקציאָנס געזעלשאַפט און קען דאָס קיינמאָל ניט דערגרייכען. די מענשליכע געזעלשאַפט ווי ספּענסער מאָלט איהר, פאַרפאָלקאָמט זיך, דיפערענצירט זיך. קאָמפּליצירט זיך, פאַרמעהרט די מיטלען פאַר איהר אַנטוויקלונג, און דאָך ניט קוקענדיג אויף דאָס אַלעס, פאַרבלייבט זי אימער די זעלבע אין איהרע וויכטיגסטע כאַראַקטער שטריכען און איהרע הויפּט געזעצען. אָבער אין דער אמת'ן איז די זאַך גאָר ניט אַזוי, אין איהר אַנטוויקלונג געהט די מענשליכע געזעלשאַפט דורך אַ גאַנצע רייהע פון היסטאָרישע מדרגות, און אויף יעדער מדרגה נעהמט זי אָן גאַנץ באַשטימטע באַזונדערע פאָרמען, האָט באַזונדערע כאַראַקטער שטריכען און איז אונטערוואָרפען צו באַזונדערע געזעצען. אין אָנפאַנג איז די געזעלשאַפט קאָמוניסטיש; שפּעטער ווערט אַלס איהר פונדאַמענט אוועקגעלייגט די שקלאַפעריי; נאָך שפּעטער איז זי פעאָדאַליסטיש און צום סוף קומט די סיסטעמע פון לוין אַרבייט. אָט די אַלע פאָזען פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג זענען גאַנץ פאַרשידען איינס פון דער אַנדערער: זיי האָבען צווישען זיך אַזוי פיעל בשותפות ווי אַ בין און אַ גאָרילאַ. אָדער אַ פליג און אַ העלפאַנד. פונדעסטוועגען פירט ספּענסער צונויף אָט די אַלע פאַרשידענע פאָרמען אונטער איין רובריק, שטעלט זיי אַלע אוועק אונטער איין פלאָג. בלויז דערפאַר, ווייל דער מיליטאַריסטישער צושטאַנד איז אַלגעמיין פאַר אָט די אַלע פאָרמען. איך וואָלט פונקט אַזוי גוט געקענט פאַראייניגען די זשאַבע, דעם אָדלער און דעם מענשען אין איין קאַטעגאָריע. ווייל זיי האָבען אַלע בשותפות איין אַלגעמיינעם סמן — דעם אָטעמען.

ווייטער, אפילו דער פּראָסטער שכל זאָגט, אַז ספּענסערס צווייטער טעזיס, אַז אין דער מענשליכער געזעלשאַפט הערשט דער אַלגע־

די סאָציאָלאָגיע

מיינער געזעץ וועגען דער דערהאלטונג פון די בעסער צוגעפּאַסטע, איז אויך פאלש. די ערפאַרונג לערענט אונז אז אין דעם מענשליכען קאמף פאר עקזיסטענץ זיעגען ניט די בעסער צוגעפּאַסטע נאר די ביטרערע, די פארקויפטע און די רייכע: די באַזיעגטע ווייטער שטארבען ניט אויס, נאר זיי לעבען, זיי מוזען לעבען כדי אויפצוהאלטען די זיעגער. דערפאר זענען אין דעם געזעלשאפטליכען קאמף אבוועזענד די עלעמענטען וועלכע מיר באגעגענען אין דעם ביאָלאָגישען קאמף — די עלעמענטען וואס האבען פון איהם א מעכטיגען פאקטאָר פון פארפאָלקאָמענונג און פּראָגרעס.

דאָס אָבער מיינט ניט אז מיר פאראורטיילען אינגאנצען די דאָזיגע וויסענשאַפטליכע ריכטונג, וועלכע האָט פּאָרט געגעבען א מעכטיגען שטויס פאַרווערטס דער סאָציאָלאָגיע, און האָט אלס איהר פונדאַמענט א סך אמת'ע און נוצליכע גרונד באגריפען ווי דאס ווערט איצט פון אלעמען צוגעגעבען. הגם עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אז די מענשליכע געזעלשאפט לעבט איהר אייגענעם לעבען, וועלכער איז אומאפהעניג פון דעם לעבען פון די יחידים, פון וועלכע זי באַשטעהט, — איז אבער פונדעסטוועגען קלאָר אז די דאָזיגע יחידים זענען ארגאניזירטע באַשעפענישען, ביי וועמען דער געבוי פון לעבען און מיטלען פון פאראייניגונג אין געזעלשאַפטליכע גרופּען ווערט באַשטימט פון ביאָלאָגישע געזעצען. עס איז דערפאר גראד קיין צווייפעל ניט, אז כדי צו פארשטעהן די געזעצען פון א סאָציאלען אָרגאניזם מוז מען פארשטעהן די געזעצען פון דעם אינדיווידועלען לעבעדיגען אָרגאניזם, אין דעם זין וועט זיכער אויף אימער פארבלייבן אמת, אז די ביאָלאָגיע איז די פאָרבאדינגונג פון דער סאָציאָלאָגיע. אין דעם באַשטעהט דער ערשטער עלעמענט פון אמת אין ספּענסערס טעאָריע, וואָס קיינער קען ניט אָפּלייקענען. אויסער דעם, הגם די אנאַלאָגיע צווישען געזעלשאפט און אָרגאניזם, האָט ניט געבראכט קיין גוואלדיגע אנטדעקונגען, האָט זי דאָך פיעל מיטגעהאָלפען צו פאַרשטאַרקען דעם געדאנק אז די געזעלשאפט איז ניט קיין קינסטליכע שאפונג פון מענשען, ניט קיין מאַשין וועלכע דער מענש האָט אויפגעבויט לויט זיין גוטען ווילען און קען פונקט אזוי

אכילעס לאָריאַ

איהר צונעמען אדער ענדערען, נאָר א נאַטירליכער פּראָדוקט וועל־
כער איז אונטערוואַרפען צו שטרענגע געזעצען פון אנטוויקלונג און
פאַרפאַלקאָמענונג; א פּראָדוקט וועלכען דער מענש איז ניט בכח
ווּעזענטליך צו ענדערען אדער פאַרניכטען. אין דעם באַשטעהט
טאַקע די מעלה פון ספּענסערס טעאָריע איבער קאַנט'ס. דער לעצ־
טער באַטראַכטענדיג די סאָציאַלע ערשיינונגען אלס פּראָדוקט פון
מענשליכען שכל איז געווען גענויגט צום געדאַנק, אז דער מענש איז
בכח צו ענדערען דעם געזעלשאַפטליכען לעבען לויט זיין ווילען און
דערפאַר האָט ער געגען באַרעכטיגט אַלע רעפאָרמאַטאָרען און פאַר־
שידענע פּראָיעקטען וועגען סאָציאַלער באַנייאונג. ספּענסערס טעא־
אָריע פאַרקערט, צושטערט אינגאַנצען אַזוינע אונזיניגע טרוימערייען
דערמיט, וואָס זי באַווייזט אז די געזעלשאַפט איז אן אָרגאַניש גאַנ־
צע זאַך וועלכע ווערט שטרענג רעגולירט דורך די אומפאַרענדליכע
געזעצען פון דער נאַטור, און אז דער געדאַנק צו ענדערען דעם גע־
זעלשאַפטליכען צושטאַנד לויט אונזער ווילען, אויף אן אדמיניסט־
ראַטיווען וועג אדער דורך פּאָליטישע רעפאָרמען איז פּונקט אַזאַ
אונזין ווי למשל דער געדאַנק אויסצוגלייכען דעם פּוס פון א הונט
אדער פאַרוואַנדלען א פליג אין א העלפאַנד. סאָציאַלע רעפאָרמען
קענען אין בעסטען פאַל דערגרייכען בלויז אַזוינע ניט וויכטיגע
רעזולטאַטען ווי עס קען דערגרייכען א מענש וואָס האָדעוועט
בהומות דורך אמיזאמער און אויסגערעכענטער צוזאַמענפּאָרונג. פּונקט
ווי דעם לעצטען גיט זיך איין דורך לאַנגע ארבייט אז דער פוס אדער
די קאָפּ פון אן אָקס אדער שעפּס זאָלען ווערען קלענער אדער שעהנער.
אַזוי קען אויך געלינגען דעם רעפאָרמער דורך לאַנגער און שווערער
ארבייט זיך צו דערשלאָגען צו קליינע אומבאַדייטענדע סאָציאַלע פאַר־
בעסערונגען. אין דער צייט וואָס קאַנט פאַרענדיגט זיינע אויספאַר־
שונגען מיט א גאַנצע רייע פּראָיעקטען פאַר קלענערע און גרעסערע
רעפאָרמען, ענדיגט ספּענסער זיינע מיט א קוויעטיזם וועלכער דער־
גרייכט ביי איהם ביז צו א קאַמף געגען סאָציאַליזם, געגען ארבייטער
פאַראיינען, געגען יעדער אריינמישונג פון דער רעגירונג אין געזעל־
שאַפטליכען לעבען. דערביי פאַרגעסט ער אָבער אז די אַלע ערשיינונגען

די סאָציאָלאָגיע

זענען בלויז א טייל פון דער נויטווענדיגער געזעלשאפטליכער אנט־וויקלונג, געגען וועלכע א קאמף איז נוצלאז. פונדעסטוועגען איז ספּענסערס קוויעטיזם נעהנטער צום אמת ווי די רעפארמאטארישע באגייסטערונג פון זיינע פארלויפער.

ווען איך זאל דארפען אויסשפּרעכען אן אלגעמיינע מיינונג אי־בער ספּענסערס סאָציאָלאָגיע אין פארגלייך מיט קאָנט'ס, וואלט איך געזאָגט אז אלס טהאט זאך פאר קאָנט'ס סאָציאָלאָגיע דינט דער העכ־סטער אידעאליזם — פאר ספּענסערס סאָציאָלאָגיע — דער טהירישער לעבען. קאָנטס רעדט אין נאָמען פון אידעען און באגריסט זיי אלס די אויבערשטע הערשער פון דער מענשליכער געזעלשאפט, ספּענסער רעדט אין נאָמען פון צעלען, נערוועו און זייערע אומבאוואוסטזיניגע וויבראַ־ציעס. קאָנט שוועבט אין די וואָלקענס — ספּענסער גראָבט זיך אונ־טער דער ערד, אבער קיינער פון זיי ביידען שטעהען ניט מיט'ן מענשען אויף דער ערד, און האָבען ניט קיין ווירקליך באגרינדעטע מ ע נ ש ל י־כ ע פארשטעלונג וועגען דעם סאָציאלען לעבען. די סאָציאָלאָגיע איז גע־ווען געצוואונגען, פונקט ווי דיאָגענעס זיך אוועקצולאָזען זוכען א מענ־שען. האט זי איהם געפונען? דאס וועלען מיר זעהען אין אונזער ווייַ־טערער אונטערזוכונג. דערווייל אבער איז זיכער בלויז דאס אז פון דער גרינדליכער פאָרענטפערונג פון אט דער פראגע איז אפּהעניג די צוקונפט פון אונזער יונגער, האפענונגספולער וויסענשאפט.

פערטער קאפיטעל.

דער לעצטער פאזיס פון דער ביאלאגישער סאציאלאגיע.

די טעאריע פון דער ארגאנישער אנטוויקלונג, וועלכע קען נאר אליין, לויט דער מיינונג פון די אנהענגער פון דער ביאלאגישער סאציאלאגיע, דערקלערען דעם עצם פון דער סאציאלער אנטוויקלונג, האט אליין דורכגעמאכט א גאנץ אינטערעסאנטע אנטוויקלונג. פאר יעדען איינעם וואס וויל אריינדרינגען אין די שווערע פראבלעמען פון דער סאציאלאגיע איז נויטיג א גענויע באקאנטשאפט מיט ד ע ר אנט־וויקלונג. פאר'ן ערשטען טעארעטיקער פון טראנספארמיזם, פאר לא־מארק'ען איז די אנטוויקלונג פון מינים א רעזולטאט פון בלויז אינדי־ווידועלע אנשטרענגונג. וואס ווערט אנגעווענדעט איינגאנצען אויף צו צופאסען זיך צו דער ארומיגער סביבה: איבער'חזר'נדיג זיך אין פאר־לויף פון א לאנגע צייט ווערען די דאזיגע אנשטרענגונגען מאדיפי־צירט און פארפאלקאמענען נאכדעם דעם געגעבענעם ארגאניזם און צו־זאמען מיט איהם אויך דעם גאנצען ארגאניזם. די דערגרייכטע פארפאלקאמענונג, דער רעזולטאט פון א שווערען קאמף מיט דער ארומיגער סביבה, ווערט בירושה איבערגעגעבען צו די קומענדע דורות. אויף דעם אופן, דורך דעם פרינציפ פון ירושה און דורך דער אומאויפ־הערליכער אנקלייבונג פון נייע אייגענשאפטען אין פארלויף פון פילע יאהרען, ווערט ענדליך דערגרייכט א ראדיקאלע ענדערונג אין דעם גאנצען מין אדער אפילו די באשאפונג פון א נייעם. דאס איז אין אלגעמיינע ווערטער לאמארק'ס טעאריע.

אט די טעאריע וועלכע איז גלייך ביי איהר אנטשטעהונג אויפ־גענומען געווארען מיט אומצוטרויען, איז שפעטער איינגאנצען ארויס־געשטויסען געווארען פון דער טיפערער און ברייטערער טעאריע פון דארווינען. דער דארוויניזם לייקענט ניט אז די סביבה, די צופאסונג

די סאָציאָלאָגיע

און דער איבערגאַנג פון די צוגעקראָגענע אויגענשאַפטען בירושה זענען פאַקטאָרען פון אָרגאַנישע אַנטוויקלונג, וועלכע פאַרדינען פיעל אויפמערקזאַמקייט. אַבער זי ערקלערט אַז די דערמאָנטע פאַקטאָרען האָבען אַ פיעל קלענערען ווערט ווי די אַנדערע, אויף וועלכע די פאַרשער האָבען זיך נאָך ביז איצט ווייניג אַרומגעקוקט. די נאַטירליכע צוכטוואַל, היות ווי די מיטלען וואָס זענען נויטיג פאַר דער עקזיסטענץ, זאָגט דאַרווין, זענען קיין מאָל ניט גענוג אויפצוהאַלטען דעם גאַנצען סכום פון לעבעדיגע וועזענס, קומט צווישען זיי פאַר אַ פאַרביטערטער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, אין וועלכען די בעסער צוגעפאַסטע און די שטאַרקערע געווינען און די שוואַכע געהען אונטער. די אויפהאַלטונג פון די שטאַרקערע, אַ דאַנק דעם וואָס זיי באַזיצען מעהר פאָלקאָמענע אָרגאַנען, וועלכע זיי גיבען איבער בירושה צו די קומענדע דורות, איז אַ זעהר באַדייטענדער פאַקטאָר אין דער פאַרבעסערונג און פאַרפאָלקאָמענונג פון די מינים און קען סוף כל סוף ברענגען צו דער באַשאַפונג פון נייע מינים.

די אָנגעצייכענטע ברייטערע פאַרשטענדעניס איז אָנגענומען געוואָרען פון ספּענסער'ן וועלכער האָט באַטראַכט די אָרגאַנישע אַנטוויקלונג אַלס רעזולטאַט פון דריי כחות: סביבה, אויסוואַל און ירושה. די ווירקונג פון דער סביבה רופט אַרויס אינדיווידועלע ענדערונגען אָדער ברייננגט אַריין די פּרימיטיווע דיפערענציאַציע אין דער איינהייטליכער פּראָטאָפּלאַזם: די נאַטירליכע צוכטוואַל נעמט אויף און פאַרשאַרפט יענע ענדערונגען וועלכע פאַרבעסערען דעם אָרגאַניזם, און ענדליך דער איבערגאַנג בירושה פון די ערוואָרבענע אייגענשאַפטען. אָדער די ענדערונג פון דעם בוי, וועלכע אַנשטעהט אַ דאַנק דער אָפטער באַנוצונג און צופּאַסונג, און דורך וועלכע די יחידים און מינים ווערען נאָך מעהר פאַרפאָלקאָמט. אָט דער לעצטער פאַקטאָר איז דער וויכטיגסטער, איבערהויפּט בנוגע די העכערע מינים און ספּעציעל בנוגעה דעם מענשען, ביי וועמען די ווירקונג פון נאַטירליכער צוכטוואַל ווערט אָפּט אָפּגעשוואַכט דורך דער ווירקונג פון אַנדערע פאַקטאָרען פון אַ געגענזעצטען כאַראַקטער. עס האָט אויסגעזעהען אַז די נייע לעהרע, וואָס איז אויפ'ן ענגסטען אופן פאַרבונדען מיט די נעמען

אכילעס לאָריאַ

פון דאַרווין און ספּענסער, וועט זיכער ווערן די הערשענדע אין דער ביאָלאָגישער וויסענשאַפט און דורך דעם אויך אין דער סאָציאָלאָגיע. אָבער שוין אין די זיבעציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהר־הונדערט באַ־וויזט זיך אַ נייע, אײנגאַנצען פאַרשידענע לעהרע וועלכע האָט בים־לאַכווייז געוואונען אַן איבערוואָג איבער די טעאָריען פון דאַרווין און ספּענסער. די נייע לעהרע קערט זיך אום צוריק צו דער איינזייטיגקייט פון לאַמאַרקען. זי אַנערקענט אַז דער איינציגער פאַקטאָר פון דער אָר־גאַנישער אַנטוויקלונג איז די נאַטירליכע צוכטוואַל. אַלע אַנדערע פאַקטאָרען שליסט זי ענטוועדער אינגאַנצען אויס, אָדער זי באַטראַכט זיי אַלס שטומע, צופעליגע סטאַטיסטען.

אַט די נייע סטודיע אין דער טעאָריע פון אַנטוויקלונג האָט צו פאַרדאַנקען איהר אַנטוויקלונג דעם דייטשען נאַטור פאָרשער אויגוסט וויסמאַן. זיין פאַרדינסט באַשטעהט פריער פון אַלעס אין דעם, וואָס ער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקענט די טעאָריע אַז צוגעקראָגענע אוי־גענשאַפטען ווערען איבערגעגעבען בירושה, וועלכע איז ביי לאַמאַרקען געוועזען דער אויסשליסליכער פאַקטאָר פון דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג. לויט נאָך וויסמאַנען קענען אויף די קומענדע דורות איבערגעטראָגען ווערען בלויז די איינגעבאָרענע אויגענשאַפטען אָבער בשום אופן ניט די ערוואָרבענע דורך איבונגען. אַזוי צ. ב. ש. וועט אַ פאַרב־הויטיגע זיכער האָבען פאַרבהויטיגע קינדער, ווייל דאָס איז אַן איינגעבאָרענע אויגענשאַפט וועלכע יוערט אריבערגעטראָגען אויף די קומענדע דורות. אָבער אַ טענצער אָדער אַ טענצעריז, וועלכע האָבען דורך לאַנגע איבונ־גען אין טאַנצען געקראָגען זעהר שעהנע פיס, וועלען עס ניט איבער־געבען בירושה צו זייערע קינדער: די לעצטע קענען גראַדע ניט האָבען קיין שעהנע פיס. אָדער אַ שוסטער וועלכער האָט אַ דאַנק זיין אַרבייט געקראָגען אַן אויסגעבויגענעם רוקען מוז ניט דוקא האָבען אַ זוהן מיט אַן אויסגעבויגענעם רוקען; דער זוהן פון אַ פידעל שפּילער קריגט ניט בירושה די בויגזאַמקייט פון זיין פאַטערס פינגער, וועלכע זענען ביי יענעם דער רעזולטאַט פון אונאויפהערליכער איבונג. דאָס אַלעס זענען אויגענשאַפטען וועלכע דער יחיד האָט אַליין זיך ערוואָרבען, און זיי געהען ניט אַריבער בירושה צו די קומענדע דורות.

די סאָציאָלאָגיע

דערקלערענדיג זיין טעזיס הויבט ווייסמאַן אָן מיט דער באַזוויפ־
טונג אַז אַלע אָרגאַנישע וועזענס באַשטעהען פון צוויי שאַרף אַפּגע־
טיילטע עלעמענטען: פון דער אור־פּלאַזמאַ (קיים־פּלאַזמאַ) און פון
די קערפּערליכע צעלען. אַלעס וואָס איז ניט קיין פּלאַזמאַ ביים יחיד
איז אַ צעלע. צווישען די צוויי עלעמענטען איז ניטאָ קיין געגענזיי־
טיגע צוזאַמענמישונג און קיין אויסטויש. ביים געבורט טראָגט דער
אָרגאַנישער וועזען אַריבער אויף דעם ניי געבוירענעם אַ טייל פון זיין
פּלאַזמאַ, אָבער אַפילו ניט דעם קלענסטען טייל פון זיינע צעלען. די
ענדערונגען וועלכע קומען פאָר אין די אָרגאַנען אַ דאַנק צופיל אָדער
צו ווייניג איבונגען, אָדער אין אַנדערע ווערטער די מעלות און חסרונות
וועלכע דער יחיד קריגט נאָך זיין געבורט, זענען אויסשליסליך פאַר־
שפּרייט אויף די צעלען און רירען אַפילו ניט אָן די פּלאַזמאַ: די לעצ־
טע איז אינגאַנצען דערווייטערט פון די דערמאָנטע ווירקונגען, ווייל
זי איז איינגעשלאָסען אין די טיפסטע טיפענישען פון דעם לעבעדיגען
אָרגאַניזם. על כן קענען די ערוואָרבענע אויגענשאַפטען ניט איבער־
געהן צו דעם צווייטען דור. אַ ביישפּיל וועט דאָס פאַר אונז קלאָר
מאַכען, דער גאָלדענער מעדאַל וואָס איז אינגאַנצען באַזעצט מיט טייי־
ערע שטיינער דאַרף נאָכ'ן טויט פון יענעם, וועמען זי איז געגעבען
געוואָרען צוריקגעקערט ווערען צום קעניג פון שפּאַניען, און ער שענקט
איהר שפּעטער צו אַ צווייטער פּערזאָן. דער פּוטליאַר אָבער פון דעם
אָרדען פאַרבלייבט דער פּריוואַט אייגענטום פון יענעם וועמען דער
אָרדען איז געגעבען געוואָרען אָדער פון זיין פאַמיליע. פאָלגליך, אויב
דער איצטיגער באַזיצער פון אָרדען וועט באַפּוצען דעם פּוטליאַר
מיט טייערע שטיינער וועט אָבער דער וואָס וועט דעם אָרדען קריגען
נאָך איהם גאָר ניט געניסען דערפון, ווייסמאַנס פּלאַזמאַ איז פּונקט
ווי דער גאָלדענער אָרדען און די צעלען אַזוי ווי דער פּוטליאַר. די
אָרגאַנישע אויסבעסערונגען וועלכע האָבען צו פאַרדאַנקען זייער עקזיס־
טענץ צו איבונגען, ערנערונג אאַז״וו. זענען אַזוי ווי די טייערע
שטיינער מיט וועלכע דער פּוטליאַר איז באַזעצט. אָבער פּונקט ווי דער
פּוטליאַר געהט ניט איבער צו די נאָכפאָלגענדע באַזיצער, אַזוי געהען
אויך ניט איבער צו די קומענדע דורות די אַלע אָרגאַנישע אויסבעסע־

רונגען, וועלכע די לעצטע האבען פאר זיך דערגרייכט: זיי פארבלייבען אינדיווידועלע עפיזאדען.

וויבאלד אבער אז עס ווערט אפגעלייקענט די מעגליכקייט איבער צוגעבען בירושה די ערווארבענע אייגענשאפטען, קען מען דאך שוין דורך דעם ניט דערקלערען די אנטוויקלונג פון מינים, מוז דערפאר די נאטירליכע צוכטוואל ערקלערט ווערען אלס דער אויסשליסליכער פאקטאר. אבער וויסמאן געהט נאך ווייטער, ער באהויפטעט אז די נאטירליכע צוכטוואל איז אויסער דעם אויך א תנאי פאר דער אויפהאלטונג פון די מינים, ער שטערט דער פארערגערונג אדער דער צוריקקערונג פון די מינים צו א נידעריגערער לעבענס פארמע. און באמת, ווען דער פראצעס פון נאטירליכער צוכטוואל זאל ניט עקזיסטירען וואלט דאן מעגליך געווארען דער פראצעס וועלכען וויסמאן רופט אן אלגעמיינע צוזאמענמישונג, וועלכע וואלט לויט זיין מיינונג געווען א פאקטאר פון ארגאנישער אויפלייזונג, אדער, וואס איז איינס און דאס זעלבע — פון א שרעקליכען אויסשטארבען. ווען עס וואלט ניט געהערשט דער קאמף פאר עקזיסטענץ מיט דעם זיעג פון די שטארקערע און דעם אונטערגאנג פון די שוואכערע, וואלטען די שוואכערע זיך משדך זיין מיט די העכסטע אינדיווידואומען פון דעם אנדער געשלעכט. אנשטאט וואס די פארפאלקאמסטע ארגאנען פון די לעצטע זאלען ווערען מעהר פאלקאם מיט יעדען נייעם דור, וואס דאס מוז זיין דער רעזולטאט פון חתונות צווישען ב ע ס ע ר ע וועזענס, וואלטען די דאזיגע ארגאנען פארערגערט געווארען און וואלטען זיך ביסלאכווייז אומגעקערט צום פרימיטיווען, נידעריגערען צושטאנד, ביז וואנען דער גאנצער מין וואלט זיך א רוק געגעבען צוריק צו די פריערדיגע ערשטע פארמען.

ווענען דעם פראצעס פון אלגעמיינער צוזאמענמישונג, אזוי גוט ווי ווענען זיינע שעדליכע פאלגען זאגען עדות גוט באקאנטע פאקטען וועלכע מיר קענען דירעקט באאבאכטען. די ווילדע וועלכע ערנערען זיך מיט רויע אדער שלעכט אפגעקאכטע פלייש, און וועלכע האבען צווישען זיך ניט קיין אמעריקאנער דענטיסטען וואס זאלען זיי אריינשטעלען קינסטליכע ציינער, מוזען, כדי צו דערהאלטען זייער לעבען

די סאָציאָלאָגיע

האבען געזונטע ציינער. דערפאר שטאַרבען טאַקע אויס יענע פון זיי וואָס האָבען שוואכע ציינער. יענע אָבער וואָס האָבען געזונטע ציי־נער בלייבען לעבען, האָבען צווישען זיך חתונה און ברענגען אויף דער וועלט א דור מענשען, וועלכע האָבען פונקט אזוינע גוטע ציינער אדער נאָך בעסערע ווי זייערע עלטערען. אויף דעם אופן ווערען די ציינער פון די ווילדע אלץ מעהר אויסגעבעסערט. דער ציוויליזירטער מענש קען זיך גאַנץ פיין אָפּלעבען זיין גאַנצען לעבען מיט שלעכטע ציינער אדער גאר אָהן ציינער. עס איז קיין אונטערשיעד ניט צי דאָס איז דערפאר ווייל דער מאָדערנער קאכער האָט זיך אויסגעלערענט פון פלייש מאַכען קאָטלעטען וועלכע מען דאַרף כמעט ניט קייען, אדער דערפאר ווייל עס איז גענוג פאר יעדען איינעם נאָר צו מאַכען א פּאָר טריט און ער וועט געפינען א מייסטער וועלכער וועט איהם ארייננשטע־לען קינסטליכע ציינער. די סטאַטיסטיק זאָגט עדות אז אין ענגלאנד אליין ווערען יעהרליך ארייגגעשטעלט א מיליאָן און א האלב קינסט־ליכע ציינער. אויב אין אונזער געזעלשאפט געפינען זיך מענשען סיי מיט גוטע און סיי מיט שלעכטע ציינער, מוזען דאָך זיכער פאָרקומען הייראַטען צווישען אָט די צוויי קאַטעגאָריען מענשען. ווי עס קומט אונז טאַקע אָפּט אויס צו זעהן, אין אזא פאל גיט דער מאַן געוועהנ־ליך ניט איבער זיינע געזונטע ציינער צו זיינע קינדער און פאָלגליך פארערגערען זיך אלץ מעהר די ציינער פון די קומענדע דורות אנשטאָט וואס ביי די ווילדע פארבעסערט זיך עס. אויב אָט דער באשריבענער פראָצעס זאָל זיך ניט באשרענקען בלויז אויף ציינער און זיך אויס־שפּרייטען אויף אלע וויכטיגע אָרגאַנען פון ציוויליזירטען מענשען. וואָלט די פארהיטונג פון די אומפעהיגע, מעגליך מאַכענדיג הייראַטען צווישען די פעהיגע און אומפעהיגע, געבראכט מיט זיך א שרעקליכע אויסשטאַרבונג, וועלכע וואָלט סוף כל סוף געבראכט די מענשהייט צום אונטערגאנג. דאָס ערקלערט אונז וואָרום וויסמאַנס טעאָריע שרייבט צו אזא גוואַלדיגע באַדייטונג צו דער נאַטירליכער צוכט־וואַל: לויט נאָך איהם איז עס שוין ניט נאָר דער איינציגער פאַקטאָר פון דער אָרגאַנישער אנטוויקלונג, נאָר אויך דער איינציגער מיטעל וועל־כער פארהיט דעם גאַנצען מין פון צוריק־קערען זיך צו א וועניגער

אבילעס לאָריאַ

פאָלקאָמענעם צושטאַנד: די איינציגע ערקלערונג וואָרום די מענשען ווערען ניט צוריק קיין מאָלפּעס.

אַזוי זעהען מיר ווי די טעאָריע פון אַנטוויקלונג האָט אַליין דורכגעמאַכט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע אַנטוויקלונג. אין אָנפאַנג האָט מען זיך פאָרגעשטעלט אַז די אַנטוויקלונג איז בלויז אַ פּראָדוקט פון איבערגעגעבען בירושה די ערוואָרבענע אייגענשאַפטען; נאָכהער, פון דאָס לעצטע און פון נאַטירליכער צוכטוואַל, שפּעטער הערט דער פּרינציפּ פון ירושה אויף צו שפּילען אַ וועלכע עס איז ראָלע און אַלס איינציגער פאַקטאָר פון דער אַנטוויקלונג ווערט ערקלערט די נאַטירליכע צוכטוואַל. און אַם ענדע ווערט דער לעצטער פאַררעכענט ניט נאָר אַלס די אורזאַכע פון אַנטוויקלונג נאָר אויך אַלס אורזאַכע פאַר דער עקזיסטענץ פון מינים בכלל.

אין אַט דער נייער פאָרמולירונג האָט די טעאָריע פון דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער סאָציאָלאָגיע. מאַנכע פון די נייע געלערנטע האָבען זיך אָנגעכאַפּט אַן וויסמאַנס טעאָריע, און האָבען איהר פאַרוואַנדעלט אין אַ כלי זין געגען די עקזעסטירענדע סאָציאַלע טעאָריען. ווען מען זאָל קענען אָננעמען, זאָגען זיי, אַז ערוואָרבענע אייגענשאַפטען ווערען איבערגעגעבען בירושה, וואָלט מען געקענט אָננעמען די מעגליכקייט פון מענשליכען פּראָגרעס אפילו דאַן ווען אין דער געזעלשאַפט וואָלט קיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ ניט זיין. אויב אָבער דאָס ירש'ענען פון די ערוואָרבענע אייגענשאַפטען איז אויסגעשלאָסען, אויב אַלע פאַקטאָרען פון דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג ווערען צוריקגעפיהרט צו איינעם, צו דער נאַטירליכער צוכטוואַל, און אויב דער לעצטער איז אויך דער הויפּט מיטעל פאַר דער פאַרהיטונג פון די מינים פון אונטערגאַנג אָדער אויסשטאַרבונג, וועט דער קאַמף צווישען די לעבעדיגע וועזענס, דער בלוטיגער און פאַרביטערטער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, וועלכער ברענגט די פאַרניכטונג פון ווייניגער צוגעפּאַסטע, אויף אימער פאַרבלייבען די באַדינגונג פון דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג, דער פּרייז וואָס מען מוז באַצאָלען פאַר דעם פּראָגרעס און די גלייכגעוויכט פון דער געזעלשאַפט. עס איז דערפאַר

די סאָציאָלאָגיע

דורכאויס נויטיג אויף יעדען אופן צו ערמוטיגען דעם קאמף צווישען אלע לעבעדיגע וועזענס אין דער געזעלשאפט, דעם קאמף וואס ווייס ניט פון קיין אפרוה און פון קיין וואפען־שטילשטאנד, ווייל בלויז אן איהם זענען אפהעניג די אנטוויקלונג און דער לעבען פון דער געזעל־שאפט.

אמאן, נאכפאלגענדיג ווייסמאנען, ווייזט אין זיין ארבייט „דער געזעלשאפטליכער געבוי און זיין נאטירליכער באזיס“, אויף דער אל־מעכטיגקייט פון דער נאטירליכער צוכטוואל, און באמיט זיך צו באווייזען אז די לעצטע איז פונקט אזוי גילטיג פאר דעם מענשליכען מין ווי פאר די נידעריגערע וועזענס ברואים. פונקט ווי אין דעם קאמף פאר עקזיסטענץ צווישען די נידעריגערע ברואים, זאגט ער, זיגען די שטאר־קע און די שוואכערע געהען אונטער, אזוי איז עס אויך אין סאציאלען קאמף, די שטארקערע זיגען. היות אבער ווי פאר די זיעגער דארפען פאררעכענט ווערען די רייכע בעת די ארימע זענען די באזיעגטע, ווערט דערפון געדרונגען, אז רייך און שטארק — ארים און שוואך, זענען סינאנימען. אין אנדערע ווערטער הייסט עס אז די רייכע — דאס זענען מענשען וועלכע זענען באשאנקען מיט אלע פעהיגקייטען, און די ארימע זענען דורכאויס טויגעניכטסען. באגרינדענדיג אויף דעם אופן זיין שטאנדפונקט נעמט זיך דאן אמאן קלאסיפיצירען אלע מענשען לויט זייערע פעהיגקייטען. ווייניגער פון אלע זענען פאראן געניעס, מענשען מיט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. ווייטער, וואס קלענער עס זענען די פעהיגקייטען, אלץ גרעסער איז די צאל פון יענע וואס באזיצען זיי, ביז עס ווערט דערגרייכט דער דורכשניט, וואס דאס זענען די גרויסע מערהייט. מיט דער ווייטערער פארקלע־נערונג פון די פעהיגקייטען הויפט שוין אן די צאל פון יענע וואס בא־זיצען זיי צו פאלען, אם ענדע קומען די וואס האבען גאר קיין שום פעהיגקייט, די קרעטינער, וועלכע זענען פונקט אזוי זעלטען ווי די געניעס. די קרומע ליניע וואס שטעלט פאר די איינקונפטען פון דער געזעלשאפט, ווייזט אונז אן א עהנליכע בילד: זעהר ווייניג מענשען זיינען מיליארדערען, אבער מיט דער פארקלענערונג פון די איינקונפ־טען וואקסט די צאל פון יענע וואס קריגען זיי: ביז מיר קומען צו דער

אכילעס לאַריאַ

מיטעלמעסיגער איינקונפט, וועלכע עס קריגען די מערסטע יחידים, מיט דער וויטערער פארקלענערונג פון די איינקונפטען הויבט אויך אַז צו פאַלען די צאָל פון יענע וואָס קריגען זיי. צולעצט קומען יענע וואָס באַזיצען גאַרניט, זייער צאָל איז פּונקט אַזוי קליין ווי די צאָל פון די מיליאָרדערען. דאָס, זאָגט אַמאָן, באַווייזט אַלזאָ, אַז רייכטום איז די אומפאַרמיידליכע פאָלגע פון פעהיגקייטען, אַז אייגענטום איז דער שכר פאַר טאַלאַנט, — וואָס מעהר גייסטיגע כחות דער מענש באַזיצט, אַלץ רייכער איז ער.

אפילו אַ גאַר אויבערפלעכליכע באַטראַכטונג פון דער זאַך, רופט גלייך ביי אונז אַרויס אַ צווייפעל אין דער ריכטיגקייט פון די אויבענ־געבראַכטע שלוסען. ניט אַריינלאָזענדיג זיך אין גענויען אַנאַליז פון דעם פּאַראַלעליזם פון דער קרומער ליניע וועלכע דאַרף פאָרשטעלען די פאַנאַנדערטיילונג פון פעהיגקייטען און איינקונפטען, ווילען מיר בלויז דאָ באַמערקען, אַז אין דער ווירקליכקייט עקזיסטירט אַזאַ פּאַראַ־לעליזם ניט. בעת די צאָל פון די מענשען וועמעס פעהיגקייטען זענען אונטער דעם דורכשניט, פון די וואָס דערגרייכען זיך צום סאַמע גרענעץ פון פעהיגקייטען, — צום פולען אידיאָטיזם, ווערט רק קלענער און קלענער, וואַקסט אָבער די צאָל פון יענע וועמעס איינקונפט איז אונ־טער דעם דורכשניט. דערפאַר איז די צאָל פון די אָרימע ניט נאָר ניט גלייך צו דער צאָל פון די רייכע, נאָר טאַקע באַדייטענד גרעסער. אויב אפילו מיר זאָלען אויף דעם אַלעס ניט קוקען, קען אַמאָנ׳ס קרומע ליניע דינען אַלס באַווייז פאַר זיין טעאָריע בלויז דאַן, ווען מען זאָל קענען באַווייזען אַז די יחידים וואָס געפינען זיך אין דער רייע אויף יעדער שטופע פון זיין קרומער ליניע פון איינקונפטען זענען די זעלבע וועלכע געפינען זיך אויף ענליכע שטופען פון דער ליניע אויך בנוגעה פעהיגקייטען. אָבער אַזאַ באַוויז, פאַרשטעהט זיך ברענגט ניט אַמאָן, און קען אויך ניט ברענגען. אַן אַזאַ באַוויז זאָגט אָבער אַמאָנס טעאָ־ריע גאַרניט, און באַרעכטיגט אויף אַ האָר ניט זיינע שלוסען. יעדענ־פאַלס, ווייזט אויס, אַז דער מחבר אַליין פיהלט די גאַנצע אומפאַלקאָ־מענהייט פון זיין מעטאָדע, און כדי צו ראַטעווען זיין טעאָריע פרו־בירט ער פאַר איהר געפינען אַנדערע באַווייזע. אַזוי צ. ב. ש. פאַר־

זיכערט ער אונז אויפ׳ן גרונד פון סטאַטיסטישע באַווייזע, אז די רייכע פאַמיליען האָבען פון זיך אַרויסגעגעבען א פיעל גרעסערען צאָל געלע־רענטע און קינסטלער ווי די אַרימע; ער דערציילט ווייטער אז ער האָט אויסגעמאָסטען די שאַרבענס פון עטליכע הונדערט רייכע און אַרימע מענשען און האָט שטענדיג געפונען אז דער שאַרבען פון די רייכע איז מעהר אַנטוויקעלט. זעהר גרויס, לויט זיין אויסמעסטונג, זענען די שאַרבענס פון די באַנקירען, דערפון הייסט עס, פאָלגט אז זיי שטייגען אַריבער אין זייער גייסטיגער אַנטוויקלונג אַלע אַנדערע בשר־ודם׳ס. אָבער דאס איז נאָך ווייניג. אַמאָן האָט אויסגעמאָסטען די היטלען פון רייכע און אַרימע, ער האָט זיך וועגען דעם פאַרנאַנדערגעפרעגט ביי אסך היטעל־מאַכער, און זיי אַלע האָבען איהם פאַרזיכערט אז די היטלען פון די רייכע זענען שטענדיג קוואַנטיטאַטיוו גרעסער ווי די פון די אַרימע. איז דען נאָך עפּעס אַנדערש נויטיג, אויף אַרויסצו־געבען א פּאַטענט אויף טעמפּקייט צו אַלע אַרבייטער פון דער וועלט, און א פּאַטענט אויף חכמה צו דער בורזשואזי? אזוי קומט אַמאָן צום שלום אז אַלע רייכע מענשען צייכענען זיך אויס מיט זייערע פעהיגקייטען — אַלע אַרימע זענען אומפעהיגע נאַראָנים. אויף אַזאַ אופן איז די געזעלשאַפט אונטערוואָרפען אין איהר אַנטוויקלונג צום גרויסען ביאָלאָגישען געזעץ פון נאַטירליכער צוכטוואַל. עס זיגען בלויז די בעסערע, די שטאַרקערע, און זייער נצחון איז דער איינציגער פאַקטאָר און די וועזענטליכע באַדינגונג פאַר׳ן פּראָגרעס.

עס איז פונדעסטוועגען גענוג בלויז אויבערפלעכליך באַטראַכטען די זאַך ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט, כדי גלייך צו פאַרוואַרפען די פּרעטענזיע, אז די באַזיצענדע קלאַסען זענען כלומרשט גייסטיג העכער פאַר די אַנדערע, וואָס אַמאָן באַמיט זיך אזוי שטאַרק פאַרצו־שטעלען אַלס אַן אַלגעמיינעם ביאָלאָגישען געזעץ. אויב מ׳איז אפילו ניט מסכים מיט דער פאַרקערטער באַהויפּטונג פון אַזעלכע שרייבער ווי אַדאַם סמיט און בוכער, אַז די רייכע זענען ניט רייך ווייל זיי זענען קלוג, נאָר זיי זענען קלוג, ווייל זיי זענען רייך, מוז מען אָבער צוגעבען אַז עס איז דאָ אין דעם מעהר אמת ווי אין דעם טעזיס וועלכען אַמאָן האָט פאָרמולירט. כדי עס צו באַווייזען איז גענוג צו

אכילעס לאָריאַ

נעמען דעם זעלבען פאקט אויף וועלכען אונזער מחבר שטעלט זיך אָפּ מיט אזוי פיעל פארגעניגען, ד. ה. אז די רייכע גיבען אָפּטמאָל און אין פארהעלטנים צו זייער צאָהל מעהרער געלערענטע און ארטיס־טען. די אורזאכע דערפון איז וואס בלויז די פאמיליען וואס זענען מאטעריאל פארזארגט זענען ביכולות צו געבען זייערע קינדער די ער־ציהונג וועלכע מאכט פאר זיי מעגליך זיך שפּעטער צו פארנעמען מיט קונסט אדער וויסענשאַפט. א טאלאנט קען זיך נאר פארנאנדערבלי־ען אין דער צערטליכער אומגעבונג פון רייכטום, אבער אין די שטרענגע ארעמס פון ארימקייט זענען די אויסזיכטען פאר זיין אנטוויקלונג שטענדיג זעהר שוואך.

זעהר פיעל באוואוסטע געלערענטע האבען צו פארדאנקען זייערע אנטדעקונגען צו זייער רייכטום. פון דער אנדערער זייט איז גענוג אפילו א גאנץ אויבערפלעכליכע באקאנטשאפט מיט דער געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון גרויסע פארמעגענס כדי צו קומען צו א שלום וועלכער איז פונקט דער היפּוך פון דעם וואס באטראכט דאס רייכטום אלס שכר פאר העכערע פעהיגקייטען. איך וועל דא ברענגען בלויז איין ביישפּיל. אן אינדישער שקלאַף וועלכער איז אוועקגעשטעלט גע־ווארען אלס וועכטער ביים טעמפעל פון סיוואַ, האט ביינאכט ארויס־גע'גנב'עט איינעם פון די גרעסטע בריליאנטען וועלכע זענען געווען גאט'ס אויגען. ער האט זיך באהאלטען, איז דורכגעלאפען אזיע, איז אריבער דעם רוסישען גרענעץ און איז אנגעקומען אין פעטערבורג. דאַ האט זיך איהם איינגעגעבען דעם וואונדערבארען שטיין צו פאר־קויפען צו דער קייזערין יעקאטערינאַ פאר א מיליאן רובעל. פרעגט זיך, וואו איז דא דער טאלאנט וואס האט באשאפען דעם רייכטום? ווער וועט וואגען צו לייקענען אז ניט טאלאנט נאר גנבה איז דא געווען דער שאפער פון א גרויסען רייכטום: עס וואלט גאר ניט שווער זיין צו ברענגען א סך אזוינע ביישפּילען און פון זיי ציהען געוויסע שלוסען.

אויב, אבער, זאגט ווייטער אמאָן, די נאטירליכע צוכטוואל אין דער געזעלשאפט באשטימט אליין דעם נצחון פון די שטארקערע און מעהר צוגעפאסטע עלעמענטען, מיינט דאס נאך ניט אז עס איז אויס־געשלאסען די מעגליכקייט צו דערגרייכען די זעלבע רעזולטאטען דורך

די סאָציאָלאָגיע

דער גייסטיגער אנשטרענגונג פון מענשען. אומגעקערט, אויב די אנט־ וויקלונג און גלייכגעוויכט פון דער געזעלשאפט איז אפהענגיג אן דעם נצחון פון די שטארקערע, ד. ה. פון די רייכע, דארף די ארבייט פון שטאט פריער פון אלעם אנגעווענדעט ווערען אויף דעם וואס מעהר צו פארגרעסערען דעם צאָל פון די לעצטע, בפרט נאָד אז געוויסע ביאָלאָגישע פאקטארען ווירקען צו פארגרעסערען זייער שטערבליכ־ קייט: זי דארף העלפען זייער נצחון און מיט אלע מיטלען פארשנעלע־ רען די אויסשטארבונג פון די דעגראדירטע און ארימסטע קלאסען פון דער באפעלקערונג. און אמאָן שעמט זיך אפילו ניט צו ברענגען א גאַנצע רייע מיטלען דורך וועלכע אט דער פּראָצעס דארף דורכגעפירט ווערען.

אלס ערשטען מיטעל ווערט רעקאמענדירט, עס זאָל איינגעפירט ווע־ רען א דירעקטער שטייער אויף די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען. א שטייי־ ער, וואס זאָל גארניט אנרירען די רייכע קלאסען, און וועלכע זאָל מיט איהר שווערקייט פאלען אויסשליסליך אויף די ארימע פאָלקס־מאסען. גלייכצייטיג מוזען ארויסגעלאזט ווערען קאָסטבאַרע רעגירונגס פאפי־ רען, ווייל א דאנק זיי פארמערט זיך די צאָל פון די פּריווילעגירטע מענשען, וועלכע טיילען צווישען זיך אליין דעם גליקליכען פרייליכען לעבען, וועלכע שניידען קופאנען און אונטערזוכען די פּראָבלעמע פון אמת. די רעגירונג דארף אוועקנעמען דאס שטימרעכט פון אלע פּראָ־ לעטאריער אין אלע אדמיניסטראטיווע און פּאָליטישע פראגען, ווייל זיי שטעלען מיט זיך פאר דעם עלעמענט פון דער בירגערליכער געזעל־ שאפט וואס איז אם נידעריגסטען אין זיין גייסטיגער אנטוויקלונג און אם אומרייינסטען אין זיין מאראָל. זי דארף אויך ערמוטיגען הייראטען צווישען יחידים פון איין און דער זעלבער קאטעגאריע, ווייל אזוינע הייראטען העלפען דער נאַטירליכער צוכטוואָל פאר די פארבעסערונג און דערהאלטערונג פון זייערע ראפינירטע מעלות און פארהיטען אויך גלייכצייטיג פון דעם ביאָלאָגישען אומגליק פון אלגעמיינער צוזאמענ־ מישונג. אבער דאס איז נאָך ניט גענוג. עס איז נויטיג צו פאר־ שפּרייטען יעדע מיגליכע ראסען־אונטערדריקונג, ווייל דאס ווערט שטענדיג אנגעווענדעט אויף די נידעריגע מאסען, און דערמיט העלפען

זייער אויסשטאַרבונג. מלחמה מוז באַגריסט ווערען ווייל אין יעדען פאַל ענדיגט זי זיך מיט דער אויסשטאַרבונג פון די שוואַכערע. לויט אַמאָנ׳ס מיינונג פאַלען אויפ׳ן שלאַכט פעלד בלויז די ווענינער צוגעפאַסטע — די מוטיגע און פעהיגע בלייבען שטענדיג לעבען; עפּעס פונקט ווי גראַנאַט, וועלכע ווישט אָפּ גאַנצע רייהען פון קעמפער וואָלט אויסגעקליבען איהרע קרבנות.

נאָך פיעל שטוינבאַרערע אויספירונגען פון וויסמאַנס טעאָריע האָט געצויגען ב. קיד, אין זיין אַרבייט איבער דער „סאָציאַלער עוואָלוציע”. היות ווי די אנטוויקלונג, אדער אפילו אומפאַרענדערבאַרער צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, זאָגט קיד, קען נאָר דערגרייכט ווערען דורך די נאַטירליכע צוכטוואַל אדער דורכ׳ן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, איז דאָך קלאָר אז צווישען די אינטערעסען פון דעם יחיד און די אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט מוז זיין א ווידערשפרוך וועלכער קען קיינמאָל ניט אויסגעגליכען ווערען. דער פראָגרעס פון דער מענשהייט, אזוי גוט ווי די נויטיגקייט צו פאַרמיידען א געזעלשאַפטליכען רעגרעס, קען נאָר דערגרייכט ווערען אויפ׳ן גרונד פון דעם אומברחמנות׳דיגען קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וועלכער ברענגט מיט זיך אומגליק און פארניכטונג פאַר פילע איינצעלנע מענשען. דערפאַר, טאַקע, איז בעת די מענשליכע געזעלשאַפט דערגרייכט איהר העכסטע אנטוויקלונג און זאָגאר א צושטאַנד פון גלייכגעוויכט אונטער דער הערשאַפט פון דער פרייער קאָנקורענץ, וועלכע איז דער הויפּט מאָטיוו אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, זענען די יחידים, אָדער ריכטיגער, די גרעסטע צאָל פון זיי, פאַראינטערעסירט אין איינפירען דעם סאָציאַליזם, וועלכער איז א מיטעל פאַר דער אָפּשאַפונג פון דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ. מיט איין וואָרט, דער שכל פון דער מערהייט מענשען פאָדערען די איינפירונג פון אזא סאָרט סאָציאַלע ארדנונג, וועלכע איז בשום אופן ניט אין איינקלאַנג מיט דער פּראָגרעסיווער עקזיסטענץ פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. פון דער צווייטער זייט איז אימער דא א געפאַר אז די זיעגער זאָלען ניט צופיל פארפירט ווערען פון זייער עגאָאיזם — די געפאַר וועלען ציהען צופיל נוצען פאַר זיך פון זייער זיעג. דאס קען אויפרייצען די באזיעגטע און פאראורזאכען

די סאציאלאגיע

א סאציאלע קאטאסטראפע און פארבערייטען דעם אונטערגאנג פון דער גאנצער געזעלשאפט. קומט אלזא אויס אז דער שכל שטופט דעם מענשען צו אנטי־סאציאלע טאטען. אויב אזוי איז דאך קלאר אז אפהאלטען דעם מענשען פון אזוינע טאטען וואס זענען שעדליך פאר דער געזעלשאפט קען מען נאר אפעלירענדיג צו אזוינע מאטיווען, וועלכע שטעהען אויסער'ן שכל, אדער זיך שטיצען אויף איבער־ראציאנאלע סאנקציעס. די רעליגיאן פארנעמט גאנץ ערפאלגרייך דעם פלאץ פון דאס לעצטע. סטראשענדיג פאר יעדער אנטי־סאציאלער טאט מיט אן איבערנאטירליכער שטראף, האלט זי אפ דעם מענשען פון אזוינע טאטען, און פארזיכערט אויף דעם אופן אזא אויפפירונג פון די יחידים וואס איז הסכם מיט די אויביגע געזעצען פון דער סאציאלער אנטוויקלונג. די רעליגיאן איז אויף דעם אופן דער פונדאמענטאלער באזיס פון מענשליכען כלל, די געטליכע קראפט וואס העלפט זיין פראגרעסיווער אנטוויקלונג און פארהיט איהם פון אונטערגאנג. עס דארף דערפאר גאר קיין וואונדער ניט זיין וואס דער רעליגיעזער געפיהל ווערט שטארקער פון טאג צו טאג, און וואס גראדע די געזעלשאפטען וואס שעצען אם־מערסטען די רעליגיאן זענען די בליענדסטע און ערפאלגרייכסטע. דורך דעם וועג קומט קיד צו א שלום וואס איז פונקט דער היפוך פון דעם צו וועלכען באקל איז געקומען. אין דער צייט וואס דער לעצטער האט באטראכט די מאראל אלס עטוואס אומגעווענליכעס, און אלס הויפט פאקטאר פון דער אנטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאפט, האט ער געהאלטען דעם שכל, זעהט קיד אין דעם שכל א שטערונג צו דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג און באהויפטעט אז זי איז אפהענגיג אויסשליסליך פון דער וואלטעטיגער ווירקונג פון רעליגיאן און מאראל.

מען קען אלזא זעהן אז די ביאלאגישע טעאריע פון דער געזעלשאפט קריגט אין קיד'ס ארבייט א פיעל ברייטערע באדייטונג און אנווענדונג, און זוכט אין צוויי ווערטער צו לעזען די צוויי גרעסטע פראגען פון אונזער צייט, וועלכע ווערען אריינגענומען אין די באגריפען, רעליגיאן און סאציאליזם.

מילא, לאמיר באטראכטען די גרינדע אויף וועלכע עס שטיצען זיך

קיד און אמאָן, און אנדערע שרייבער פון דעם זעלבען חדר. עס איז באוואוסט אז ווייסמאנ׳ס באהויפטונגען לויט וועלכע דער איבערגאנג בירושה פון די ערווארבענע אייגענשאפטען ווערט אפגעלייקענט, איז שוין איצט אַ דאנק די נייע פאקטען פון באָאבאכטונג און ערפאַרונג אליין אָפּגעלייקענט געווארען. אפילו ווייסמאן אליין איז שוין לעצטענס געווען געצוואונגען צו מאַכען פיעל קאָמפּראָמיסען וועלכע האָבען אונטערגעגראָבען די גאנצע באדייטונג פון זיין טעאָריע. עס איז ניט נויטיג צו ברענגען אלע איסזעצונגען וואס זענען געבראכט געווארען געגען דער טעאָריע, אבער מען דארף דערמאָנען וועניגסטענס אז דער איבערגאנג בירושה פון ערווארבענע אייגענשאפטען איז פאר דעם מענשליכען מין באוויזען געווארען מיט איבערצייגענדע פאקטען. אזוי צ. ב. איז באקאנט אז די מאנגאלען, וועלכע ווערען געבוירען מיט קרומע פיס און אַן עטוואָס איינגעבויגענעם קערפער האָבען עס צו פארדאנקען זייער שטענדיגען פאָרען רייטענדיג, צו וועלכען אָט דער אומערמידליכער שבט גיט זיך אָפּ מיט ליבע שוין פון פילע הונדערטער יאָהרען. אפילו די געזעצגעבונג פון פילע שבטים און פעלקער זענען אויך שטומע עדות דאפיר. אין דער הינזיכט פארדינט ספּעציעל דערמאָנט צו ווערען דער קאסטען־געבוי פון אינדיען און די מיטעלאלטערליכע צעכען, וועלכע האָבען געצוואונגען דעם זוהן צו פארנעמען זיך מיט דער זעלבער מלאכה ווי זיין פאָטער. דיזע פאָרשריפט איז באגרינדעט אויף דער אויסרעכנונג אז די אָרגאנישע ענדערונגען, וועלכע דער פאָטער האָט זיך ערווארבען, פארנעמענדיג זיך ניט אויפהערענדיג מיט איין באשטימטער ארבייט געהן איבער בירושה צו זיין זוהן, און מאַכען שוין איהם דורך דעם אם מערסטענס צוגעפּאסט צו דער באשטימטער ארבייט. אפילו אין אונזער צייט ווען די ענגלישע אדמיראליטי דארף מענשען פאר דעם פלאָט, גיט זי דעם פאָרצוג צו די קינדער פון פישערס, ווייל די ערפאַרונג האָט באַוויזען אז די פיזישע אייגענשאפטען וועלכע זיי נעמען איבער בירושה פון זייערע עלטערען מאַכט זיי אם בעסטען צוגעפּאסט פאר דער ארבייט. דאָס אלעס איז פארשטעהט זיך פונקט דער געגנעזאץ פון דעם וואָס ווייסמאן לערענט. געוויס טאָרען מיר ניט פירען אונזערע שלוסען ביז דער באהויפטונג

די סאָציאָלאָגיע

אז ערווארבענע אייגענשאפטען גיבען זיך אלעמאל איבער און אונטער אלע אומשטענדען. ווען דאס וואלט אמת זיין, וואלט דער מענשליכער מין געמוזט זיך צוטיילען אין פילע אפגעשלאסענע קאסטען. דער זוהן קאן ניט פארמשפט ווערען דורך די אומבארחמנות'דיגע געזעצען פארטצוזעצען דעם לעבען און ארבייט פון זיין פאטער, זעהר אפט גיט זיך די זיהן איין, א דאנק זייער טאלאנט דורכצוברעכען דעם צוים וועלכער האט באשרענקט דעם קרייז פון טעטיגקייט פאר זייער פאטער, און זיך אליין אויפצוהויבען צו א העכערער געזעלשאפטליכע שטעלונג. אזוי צ. ב. איז ליוטער דער זוהן פון א שאכטען־ארבייטער, קאַנט דער זוהן פון אן ארבייטער, גיאטא דער זוהן פון א פאסטוך. אבער דאך מוזען מיר צוגעבען אז אין די מערסטע פאלען געהען די ערווארבענע וויסענשאפטען פון איין דור אריבער בירושה צום קומענדען דור און דאס איז דער הויפט וויסענשאפטליכער ארגומענט ווארום וויסמאנ'ס טעאריע קאַן ניט אנגעווענדעט ווערען אויף דעם מענשליכען מין.

פונקט אזוי פאלש איז אויך דער טרויעריגער בילד פון די רעזולטאטען פון אלגעמיינער צוזאמענמישונג, מיט וועלכע וויסמאן האט אזוי לאנג געשראקען די מענשהייט. כדי זיך אין דעם צו איבערציינגען דארף מען האבען אין זינען אז דער קאמף פאר עקזיסטענץ פארניכטעט בלויז א גאנץ קליינעם און אומבאדייטענדען טייל פון די לעבעדיגע ברואים. און דערפאר פארבלייבען לעבען, ביי אלע מינים, און איבערהויפט ביי מענשען גאנץ פילע פון די שוואכערע און ניט צוגעפאסטע יחידים. דערפון פאלגט אז די אלגעמיינע צוזאמענמישונג איז בשום אופן ניט קיין אויסשליסליכע ערשיינונג, וואס אנטשטעהט אויפ'ן גרונד פון אומנארמאלע באדינגונגען. נאר איז, פארקערט, אן ערשיינונג וועלכע מיר באגעגענען כסדר ביי אלע מינים לעבעדיגע ברואים. ווען אט די אלגעמיינע צוזאמענמישונג זאל ווירקען אזוי פארניכטענד ווי וויסמאן וויל דאס האבען, וואלטען אלע מינים פון דער לעבעדיגער וועלט מיט זיך פארגעשטעלט איין גרויסען טרויעריגען בילד פון אויסשטארבען און רעגרעס. אבער ווי וויסמאן אליין גיט צו קומט אין דער אמת'ן פאר גאר עפעס אנדערש, אין אלע

ערשיינונגען פון לעבען חערשט דער וואלטעטיגער געזעץ פון פראגרע־סיווער אנטוויקלונג.

אויף דעם אופן הייסט עס, אז די ביאלאגישע טעאריען, וועלכע די געגענווערטיגע סאציאלאגיע בויט אויף, זענען באזירט אויף שלעכט באגרינדעטע באהויפטונגען און זענען דורכאויס פאלש. נאכדעם ווי זייער הויפט פעסטונג ווערט צושטערט ווערט אויך פארוואנדעלט אין א בארג ברוך זייער גאנצע געביידע וועלכע זיי האבען מיט אזוי פיל מיה און קונץ אויפגעבויט.

דער ביישפיל פון די צוויי שרייבער, וועלכע איך האב אויסגעקליבען פון פילע אנדערע, דארף אונז פארהיטען פון באשאפען פאר זיך ביאלאגישע געטשקעס, וועלכע ציינגען זיך אפט ארויס פאר פשוט'ע פעטישען, צו וועמענס בכבוד מיר בויען אויף מזבחות אהן שום קריטיק אויפ'ן חשבון פון אונזער שכל הישר. עס פארשטעהט זיך אז יעדע אנדערע וויסענשאפט מוז זעהן פאר זיך אויסצונוצען אזוי פיל ווי נאר מעגליך די רעזולטאטען צו וועלכע אנדערע וויסענשאפטען זענען געקומען, אבער נאר דאן ווען יענע רעזולטאטען זענען געבויט אויף פעסט באגרינדעטע אמת'ן, און ניט בלויז אויף השערות. מיר דארפען ניט פארגעסען אז אפילו דארווינ'ס טעאריען זענען נאך ווייט פון צו זיין אויסער צווייפעל; פון צו זיין אומבאשטרייטבארע אמת'ן. מיר דארפען האבען אין זינען, אז שוין 4 טויזענד יאהר ווי פארשידענע מאנומענטען זענען באצירט מיט מענשליכע פנים'ער, וועלכע זענען דורכאויס ענליך צו די פנים'ער פון דעם געגענווארטיגען מענשען. און עס דאכט זיך אז זיי לאכען זיך אויס פון די אלע באמיהונגען פון דער מאדערנער ביאלאגיע, וועלכע זוכט צו פארשפרייטען די געזעצען פון דער אלגעמיין לעבעדיגער וועלט אויפ'ן מענשליכען מין.

לאמיר געדענקען די ווערטער פון צוויי בארימטע פארשטעהער פון דער פיזיק און ביאלאגיע — געלערנטע, וועלכע זענען זיכער געשטאנען איבער יעדען חשד פון וועלען אונטערשעצען די רעזולטאטען וועלכע זייערע וויסענשאפטען האבען דערגרייכט, אדער פון ניט וויסען וואס פאר א הילף זיי קאנען געבען דער סאציאלאגיע. פיערסאן, א פראפעסאר פון אנגעווענדעטער מאטעמאטיק אין לאנדאנער אוניווער־

די סאָציאָלאָגיע

זיטעט און א מיטגליד פון דער קעניגליכער געזעלשאפט, האט ניט לאנג צוריק ערקלערט אז די טעאָריע פון דער אָרגאנישער אנטוויקלונג האט נאָך ניט דערגרייכט דעם פאָרענדיגטען און פינקטליכען אויס־דרוק, וועלכער וואָלט איהר קאָנען דערהויבען צו א וויסענשאפטליכען אמת, און אז די סאָציאָלאָגען וואס שטיצען זיך אויף איהר בויען זייער געביידע אויף זאמד, כמעט גלייכצייטיג מיט פיערסאָנ׳ען האט אויך גראס, א פּראָפעסאָר פון פארגלייכענדער אַנאַטאָמיע איז רוים, געוואָרענט די סאָציאָלאָגען געגען דער שלעכטער געוואוינהייט צו באַגרינדען זייערע סאָציאַלע און פילאָסאָפישע סיסטעמען אויף פיזיאָ־לאָגישע און ביאָלאָגישע טעאָריען, וועלכע קאָנען בלויז באַטראַכט ווע־רען אלס פּראָבע אבער נאָך ניט, דערווייל, אלס אומבאַשטרייטבארע אמת׳ן. זאָלען זשע אָט די קלוגע וואָרנונגען וועלכע קומען פון צוויי פארשידענע, אבער זיכערע קוועלען, העלפען אָפּהאַלטען די סאָציאָ־לאָגיע פון יענעם גליטשיגען וועג, אויף וועלכען זי איז אזוי אומפאָר־זיכטיג ארויף, און וועלכע דראָהעט אויף גאנץ לאנג אָפּצוהאַלטען. ארער אויף אימער אוממעגליך צו מאכען פאר איהר, די פארווירק־ליכונג פון איהרע האָפנונגען און צוזאגען.

פינפטער קאפיטעל.

די סאָציאָלאָגיע אויף אַן עקאָנאָמישען באַזיס.

עס טרעפט אָפט, אז אן ערשיינונג וועלכע האט דאכט זיך געקאנט קלאָר ווערען ווען זי האט זיך נאך געפונען אין איהר אָנפאנגליכען צושטאַנד ווערט ,ערקאַנט ערשט דאן, ווען זי האט שוין דערגרייכט איהר פולע אנטוויקלונג און אויסברייטונג, אזוי אז זי ווארפט זיך אלעמען אין די אויגען. דער בעסטער ביישפּיל דערפאר איז דער געזעץ פון אָרגאַנישער אנטוויקלונג, וועלכער האט גאנץ לייכט געקאנט אנטדעקט ווערען אין די אייראָפּעאישע לענדער, ווייל מיר זעהן איהם טעגליך אין אונזער וועלט־טייל, באמת אָבער איז דער געזעץ אנטדעקט געווארען פון דארווין און וואלאס אין די לענדער פון דער נייער וועלט, וועלכע זענען רייכער און פארשידענארטיגער אין זייערע חיות. בלויז דאן ווען אן ערשיינונג דערגרייכט שוין צו א געוויסער שטופע פון אנטוויקלונג און אויסברייטונג הויפּט זי אָן ווירקען אויף אונז און ציהען אונזער אויפמערקזאמקייט, און ערשט דאן ווערט עס א געגענשטאַנד פאר אונזער פאָרשונג. אויב אפילו די טעאָריע פון דער ערשיינונג געפינט פאר זיך באווייזע אויך דאָרט וואו די ערשיינונג גופא איז נאך אומאנטוויקעלט, ווערט אָבער דער ערשטער שטויס צו איהר אויספארשונג געגעבען דאָרט וואו זי האט שוין דערגרייכט א ברייטע פארשפרייטונג און א באדייטענדע אנטוויקלונג.

דער בעסטער ביישפּיל דערפאר איז די אנטוויקלונג פון דער סאָציאלאָגיע גופא, אָדער דער וויכטיגסטער עפּיזאָד אין איהר געשיכטע, — די אנטדעקונג פון דעם עקאָנאָמישען באַזיס פון די סאָציאלע ערשיינונגען. באמת האט די אנטדעקונג געקאָנט געמאכט ווערען אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע. מיט דער הילף פון ריינער לאָגיק און עלעמענטארער באאָבאכטונג. פונדעסטוועגען איז אין פאר־

די סאָציאָלאָגיע

לויף פון הונדערטער יאָהרען, וועו די עקאָנאָמישע באַציהונגען האָבען נאָך ניט געשפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָלע און זענען געווען באַהאַלטען ווען די קליינע אינדוסטריע און אגריקולטור האָבען געשלעפּט זייער קלעגליכע עקזיסטענץ — האָט קיינער ניט געשענקט קיין אכטונג דעם עקאָנאָמישען באַזיס פון דער סאָציאַלער אָרדנונג, און די אַנטוויקלונג פון דעם לעצטען פלעגט אַלץ זוכען צו דערקלערען דורך אינטעלעק־טועלע אָדער ביאָלאָגישע כחות. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אויך אין די פריהערדיגע צייטען זענען געווען מענשען וועלכע האָבען באַגריפען דעם ריכטיגען צושטאַנד פון זאַכען. עס איז גענוג צו דערמאָנען פון דער גרויסער צאָל אַלטע דענקער אריסטאָטלען, פון די שפּעטערדיגע הערינגטאָנען און פון די געגענוואַרטיגע ראָמאַנעסין. זיי אַלע האָבען מיט מעהר אָדער וועניגער איבערצייגונגס קראַפט באַוויזען די אָפּ־הענגיגקייט פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג אַז די עקאָנאָמישע ערשיינונגען. אָבער אין די אַלע פעלע האָבען מיר צו טאָן מיט די אַנשויאונגען פון בלויז איינצעלנע וועלכע האָבען ניט געקראָגען קיין אַלגעמיינע אַנערקענונג, און וועלכע האָבען ניט געהאַט דעם באַראַק־טער פון אַ שטרענג געבילדעטער געזעלשאַפט — מיט אַנשויאונגען, וועלכע זענען גלייך ביי זייער געבורט דערשטיקט געוואָרען פון די הערשענדע פילאָזאָפישע מיינונגען. ערשט אין אָנפאַנג פון לעצטען יאָהר הונדערט, אין דער צייט פון דער אויסערגעוועהנליכער אויפבלי־הונג פון האַנדעל, אינדוסטריע און קאַפּיטאַליזם, ווען די גראַנדיעזע אונטערנעמונגען און דער ברייט־אַנטוויקעלטער קרעדיט האָבען באַשאַ־פען קאָלאָסאַלע רייכטימער און האָבען דערמיט פאַר אַלעמענס אויגען דעמאָנסטרירט זייער ווירקונג אויף דעם שיקזאַל פון פעלקער, — ערשט דאַן האָט מען באַגריפען אַז די גרויסע מאָמענטען אין דער געשיכטע, פּאָליטיק און רעגירונג, די הויפּט ריכטונגען איז דער קאָלעקטיווער מאָראַל, דאָס אַלעס ווערט ניט באַשטימט דורך אַבסטראַקטע סאָציאַלע אידעען, נאָר עס וואַקסט אויס אויף דעם פּראָזאַאישען באָדען פון עקאָ־נאָמישע באַציהונגען.

דער אמת איז צום ערשטען אַנטדעקט געוואָרען, ווי עס איז אויך געווען צו ערוואַרטען, אין דעם לאַנד אין וועלכען די מאָדערנע עקאָ־

אכילעס לאָריאַ

נאַמישע באַציהונגען האָבען געקראַגען א ברייטע און אימפּאָנירענדע אַנטוויקלונג פריער ווי אומעטום, אין ענגלאַנד. די ערשטע צוויי דענקער, וועלכע האָבען פּראָקלאַמירט דעם נייעם סאָציאָלאָגישען אמת אין א גלענצענדער און פאַרענדיגטער פאָרמע זענען געוועזען מאַרקס און ענגעלס. צוויי וועלכע זענען פון זייער פאַטערלאַנד פאַרטריבען געוואָרען, און זייענדיג לאַנג אין ענגלאַנד האָבען זיי זיך פערזענליך באַקאַנט מיט די מעכטיגע און פאַרבאָרגענע געזעצען פון געגענוואָרטיגען קאַפּיטאַליזם. מאַרקס האָט קלאַסיש רעזומירט זיינע בעאָבאַכטונגען אין דער פאָררעדע פון זיין בוך „צור קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבען אין 1859. „אויף דעם פעלד פון דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, זאָגט מאַרקס טרעטען מענשען אריין אין באַשטימטע נויטווענדיגע באַציהונגען, וואָס זענען אומאָפּהענגיג פון זייער ווילען, — פּראָדוקציאָנס באַציהונגען, וועלכע זענען אין איינקלאַנג מיט דער שטופע פון דער פּראָדוקציאָן אויף וועלכער עס געפינט זיך די אַנטוויקלונג פון זייערע מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס כוחות. דער גאַנצער סכום פון דיזע פּראָדוקציאָנס באַציהונגען שטעלט צוזאַמען דעם עקאָנאָמישען געבוי פון דער געזעלשאַפט, דעם רעאַלען באַזיס, אויף וועלכען עס ווערט אויפגעבויט, א יורידישער און פּאָליטישער איבערבוי, אין איינקלאַנג מיט וועלכען עס אַנשטעהען געוויסע פאָרמען פון מענשליכען באַוואוסטזיין. דער אופן פון פּראָדוצירען מאַטעריעלע רייכטימער בשאַטימט מיט זיך דעם פּראָצעס פון סאָציאַלען, פּאָליטישען און גייסטיגען לעבען“. דאָס זעלבע איז אויך אין אייניגע זעהר אינטערעסאַנטע ביכער געזאָגט געוואָרען פון ענגעלס׳ן. אויב אָבער צו די צוויי אָנגערופענע שרייבער באַלאַנגט דער כבוד פון באַשאַפען די נייע ריכטונג אין דער סאָציאָלאָגיע, מוז מען דאָך צוגעבען אז זיי האָבען זייער טעאָריע באַגרינדעט גיכער אלס א דאָגמע איידער אלס א סאָלידע גוט באַוויזענע טעאָריע. זיי האָבען ניט געשטרעבט לאָגיש צו באַגרינדען זייערע טעזיסען און האָבען האַרטנעקיג זיך באַהאַלטען הינטער דער פעסטער וואַנט פון אַקסיאָמען. דאָס איז טאַקע דער אונטערשיד אָדער בעסער געזאָגט דער פאָרצוג פון די פאָרשטעהער פון די

די סאָציאָלאָגיע

צוויי פריער באטראכטע שולען איבער די שעפער פון דער נייער סאציאלאגיע. קאנט און ספענסער באגרענעצען זיך ניט אויף בלויז אנווייזען די אינטולעקטועלע אדער ביאלאגישע גרונד־לאגען פון דער סאציאלאגיע, זיי זוכען מיט אלע מעגליכקייטען זייערע טעאריען צו באגרינדען. אבער ניט מארקס און ניט ענגעלס האבען עטוואס אזוינס ניט אונטערגענומען. זיי באהויפטען נאר אז דער עקאנאמישער צושטאנד איז דער באזיס פאר דער סאציאלער ארדנונג. אויף יעדען טריט ערקלערען זיי אז די פאליטישע עקאנאמיע איז די אנאטאמיע פון דער געזעלשאפט. ווען אבער מיר פאדערען פון זיי לאגישע באווייזע אדער ארגומענטען וועלכע זאלען בארעכטיגען זייער קורצע, אבער וויכטיגע באהויפטונג, ענטפערען זיי אונז: שטודירט געשיכטע און איהר וועט געפינען גענוג גרינדע פאר אונזערע טעזיסען. אבער דאס איז גאר ניט קיין צופרידענשטעלענדער ענטפער. די געשיכטע שטעלט מיט זיך פאר א זעהר עלאסטישען מאטעריאל וועלכען יעדער איינער טייטש אויס אויף זיין שטייגער און וועלכער גיט פונקט אזא וואפע אין די הענט פון די מאטעריאליסטען ווי פון די אידעאליסטען און די נאכפאלגער פון אנדערע אינטולעקטועלע ריכטונגען. דערפאר קאן דאס אפשיקען צו דער געשיכטע קיין מאל ניט דינען אלס א באגרינדונג פון ערגעץ א סאציאלער טעאריע. די לעצטע מוז באגרינדעט ווערען דורך שטרענג לאגישע און אומבאשטרייטבארע ארגומענטען.

זענען איז דעם פאלווירקליך פאראן אזוינע באווייזע? זענען ווירקליך דא וויסענשאפטליכע באווייזע אז די עקאנאמיע איז די אורזאכע פון אלע סאציאלע ערשיינונגען? דאס איז די גרונד פראבלעמע וואס איז נאך ביז איצט פארבליבען ניט געלעזט, און וועלכע איך בין געצוואונגען איצט צו אונטערזוכען.

עס איז גענוג, בלויז אויפמערקזאם צו באאבאכטען דעם עקאנאמישען פאקטאר כדי צו באמערקען אז ער האט א קלארע און איבערוויגענדע באדייטונג אין דעם געבוי פון דער מענשליכער געזעלשאפט. פריהער פון אלעם איז דער עקאנאמישער פאקטאר אנווענדבאר בלויז אויף דער מענשליכער סביבה, אין גענענזאץ פון ביאלאגישען וועלכער איז געמיינשאפטליך פאר אלע ארגאנישע וועזענס. עס פאר־

אכילעס לאריא

שטעהט זיך, אז פאר א געלערענטען פעדאנט וואלט ניט שווער זיין אפצוזוכען אזוינע פאקטען אין דעם לעבען פון די נידעריגערע ברואים. וועלכע זענען ענליך צו עקאנאמישע באציהונגען. צ.ב. ווען א מאלפע ברעכט אפ א צווייג און קלאפט דערמיט אפ ניס פון א בוים, קאן מען זאגען, אז די מאלפע איז א קאפיטאליסט, אדער אז זי נעמט אונטער אן אקט פון אקומולאציע. אבער דאס זענען ניט מעהר ווי וויסענשאפטליכע פיקציעס וועלכע קאנען ניט אפלייקענען דעם פאקט, אז ביי די נידעריגערע ברואים זענען קיין ווירקליכע עקאנאמישע באציהונגען ניטא: זיי איז אינגאנצען פרעמד דער הויפט פונדאמענט פון עקאנאמישע באציהונגען — די פראדוקציאן. זיי באזיצען בלויז די עלעמענטארע פעהיגקייטען צוצונעמען פאר זיך די פ א ר ט י ג ע פראדוקטען פון דער ערד. און אין דעם קאן מען בשום אופן ניט געפינען וועלכע עס איז עקאנאמישע באציהונגען. אויסער דעם איז אין דער געזעלשאפט פון די נידעריגע ברואים ניטא אפילו די וייטסטע ענליכקייט צו עטוואס אזוינס ווי אויסטויש, פראפיט, רענטע אדער שכירות. מיר זענען דערפאר בארעכטיגט אנצונעמען אז דער עקאנאמישער פאקטאר אין זיינע וויכטיגסטע ערשיינונגען איז אייגענטימליך בלויז פאר דעם מענשליכען מין. און קאן דערפאר אהן צווייפעל אוועקגעלעגט ווערען אלס פונדאמענט פון די סאציאלע ערשיינונגען, וועלכע זענען אויסשליסליך מענשליכע.

אבער דאס איז נאך ניט אלעס. דער עקאנאמישער פאקטאר איז איינפאכער ווי אלע אנדערע סאציאלע ערשיינונגען. און עס איז ווירקליך ניט שווער איינצוזעהן אז דער מאטעריעלער פאקטאר פון פראדוצירען די נויטיגע לעבענס-מיטלען, פון זייער פאנאנדערטיילונג און פארברויך, איז פיל איינפאכער ווי אלע אנדערע ערשיינונגען פון סאציאלען לעבען, ווי מאראל, רעכט, פאליטיק, א. א. וו. כדי צו לעבען מוזען מענשען פראדוצירען, די פראדוצירטע פראדוקטען מוזען פאנאנדערגעטיילט ווערען צווישען די פראדוצענטען און א. וו. דאס זענען אלץ אזוינע פאקטען וועלכע מיר קענען געפינען און באאבאכטען אפילו ביי די גאר פרימיטיווע פעלקער. אבער וואָרום מוזען זיי אין זייער לעבענסארט נאכפאלגען געוויסע רעגלען? וואָרום מוזען זיי

די סאָציאָלאָגיע

תפילה טאָן צו איבערנאַטירליכע וועזענס? צו וואס ווערען ארויסגע־געבען אין אויסגעפאַלגט געזעצען? דאס זענען שווערע פראגען. וואס פאר זייער ערקלערונג, אדער זאגאר פאר זייער אויפנעמונג, פאַ־דערט זיך פיל מעהר קלארקייט פון אנשויאונג און א מעהר ראפינירטע ציוויליזאציע. אויסער דעם קומט דער עקאנאמישער פאקטאר אפילו נאך דער צייט נאך פריער פון אלע סאָציאלע ערשיינונגען. אויף דעם זאגט עדות דער קלאסישער שפריך ווארט: „פריער לעבען און נאכ־הער פילאָסאָפירען". דער מענש מוז פריער פון אלעם פאר זיך שאַ־פען די נויטיגע מיטלען צום לעבען, און ערשט נאך דעם ווי זיי ווען איהם געבען א מעגליכקייט צו באפעסטיגען זיין עקזיסטענץ, קען ער אנהויבען טראכטען וועגען שאפען געזעצען, וועגען מאראלישע סאנק־ציעס א. ז. וו. דאס הייסט אז די עקאנאמישע באציהונגען ווערען רע־אליזירט פריער פון אלע אנדערע ערשיינונגען אין דעם מענשענס גע־מיינשאפטליכען לעבען.

פארשטעהט זיך, מיר מוזען האבען אין זינען אז ערגעץ א פאקט קען זיך זיין איינפאכער פון א צווייטען און דאך ניט זיין די אור־זאכע פון איהם, און דאסזעלבע איז אויך בנוגע דעם פאקט וועלכער קומט פריער: דאס וואס ער קומט פריער מיינט נאך ניט אז ער איז די אורזאכע פון דעם שפעטערדיגען. דער פאקט צ' ב. ש. וואס אין דעם יאהר נאך צעזארס טויט (אזוי יעדענפאלס דערצעהלט מען) האט די זון אויסגעקוקט בלייך און טונקעל, באווייזט נאך ניט אז די אור־זאכע פון אָט דער אסטראנאמישער ערשיינונג איז געווען דער טויט פון דעם דיקטאטאר. פונדעסטוועגען איז אבער דער צוזאמענפאלען פון די אלע אייגענשאפטען וועלכע מיר באאבאכטען אין דער עקאָ־נאמישער ערשיינונג ד. ה. דאס וואס די לעצטע זענען גילטיג בלויז פאר דער מענשליכער געזעלשאפט, — זייער איינפאכקייט אין פאר־גלייך מיט אנדערע סאָציאלע ערשיינונגען, און דער פאקט וואס זיי קומען כראנאלאגיש פריער פון אלע אנדערע, — א שטארקע שטיצע פאר דעם געדאנק אז די עקאנאמישע באציהונגען דינען אלס באזיס פאר דער סאָציאלער ארדנונג.

נאך קלערער ווערט פאר אונז די אידעע אזוי שנעל ווי מיר

מאַכען פאַר זיך קלאָר די גרונדלאַגען פון דעם עקאָנאָמישען פאַקטאָר. באמת, ערשיינט אלס פאַקטאָר פאַר די עקאָנאָמישע באַציהונגען, די איז אלע צייטען אבסאָלוטע, ניט פאַרענדערבאַרע צוטיילונג פון דער באַפעל־קערונג אויף צוויי טיילען — דעם קלענערען טייל וואס באַשטעהט פון באַזיצער פון אייגענטום, וועלכע פּראָדוצירען גאָרנישט — און דעם גרעסערען וואס באַשטעהט פון ארבייטער וועלכע האָבען קיין שום אייגענטום ניט, און וועלכע שאַפען אלעס בלויז פאַר דעם וואָלזיין פון די ערשטע. אפילו פאַר די וועלכע זענען ניט געניוגט צו אונטער־זוכען די אורזאַכען פון אזא צוטיילונג פון מענשליכען מיה, איז קלאָר אז די צוטיילונג איז ניט די ארבייט פון דער נאַטור. די נאַטור האָט לכתחילה ניט באַשאַפען איין סאָרט מענשען וואס זאָלען זיין קאַפּיטאַליסטען און אנאנדער סאָרט וואס זאָלען זיין פּראָלעטאַריער. אָדער ווי וואָלטער זאָגט, עס איז ניט דענקבאַר אז אייניגע זאָלען געבאָרען ווערען זיצענדיג אויף א שטול און אנדערע מיט שפּאָרען אויף די פּיס. עס איז קלאָר אז די עקזיסטענץ פון א קלאַס, וועלכער ארבייט ניט און לעבט פון דער ארבייט פון א צווייטען קלאַס, וואס איז פאַראורטיילט זיין גאַנצען לעבען צו ארבייטען פאַר'ן ערשטען, איז ניט אנדערש ווי דער רעזולטאַט פון א גרויסען עקאָנאָמישען פּראָצעס, וועלכער שליסט אוים די מעגליכקייט פאַר דער גרויסער מאַסע פון דער באַפעלקערונג אליין צו פאַרברויכען די פּראָדוקטען פון זייער ארבייט. דורך דעם ווערען זיי פאַראורטיילט צו דער נויטווענ־דיגקייט צו פאַרקויפען זייער ארבייטסקראַפט צו דער הערשענדער מינדערהייט. די פּאָזיטיווע אויספאָרשונג האָט ווירקליך אויפגעדעקט דעם דערמאַנטען פּראָצעס סיי אין דער פאַרגאַנגענהייט און סיי אין דער געגענוואַרט. די אויספאָרשונג באַווייזט אז אין דער פאַרגאַנגענ־הייט איז די מאַסע געצוואונגען געוואָרען פון דער מינערדהייט דורך דער סיסטעמע פון שקלאַפעריי, און היינט ווערט דאָסזעלבע געטאָן דורך דעם וואס דער הערשענדער קלאַס נעמט צו פאַר זיך, אלס זיין פּריוואַט אייגענטום, די לאַנד און די פּראָדוקציאָנס ווערקצייג. מיט איין וואָרט, די עקזיסטענץ פון דער קלאַסען־צוטיילונג אָדער די שטענ־דיגע געגענזייטיגע ווירקונג פון הערשאַפט און עקספּלואַטאַציע איז

די סאָציאָלאָגיע

דער רעזולטאַט פון מענשליכע גוואַלד־טאַטען און ניט דער רעזולטאַט פון דער פרייער אנטוויקלונג פון די נאַטור כחות.

ווען די צוטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין קלאַסען פון אייגענטימער און ארבייטער וואָלט זיין א רעזולטאַט פון נאַטור געזעצען און אזא אומפארמיידליכער ווי צ. ב. ש. די פאַנאַנדערטיילונג פון דעם מעת־לעת אויף טאָג און נאַכט, וואָלט מען געגען דעם פארשטעהט זיך גאַר ניט געקענט טאָן, ניט אמפערען זיך און ניט העלפען: דאס קלינגסטע וואָלט דאן זיין רוהיג און גלייכגילטיג נאָכפאָלגען די נאַטירליכע אנטוויקלונג פון דעם באַשטימטען געזעץ. אזוי ווי אָבער אַט די צוטיילונג איז אַ קינסטליכער רעזולטאַט פון אַ גוואַלדזאַמען פּראָצעס, איז שטענדיג דאָ אַ מעגליכקייט אַז ער זאָל אָפּגעשטעלט ווערען. די געפאַר דערפון באַשטעהט אין דעם וואס די צאָלרייכע קלאַסען ביי וועלכע עס איז אוועקגענומען געוואָרען די מעגליכקייט צו ארבייטען פאַר זיך אַליין און וועלכע זענען דערפאַר געצוואונגען געוואָרען אימער צו ארבייטען פאַר'ן נוצען פון אַנדערע, וועלען באַגרייפען זייער מאַכט, וועלען זיך מיט איין מאָל אויפהויבען און צושטערען די עקזיסטירענדע אָרדנונג. די געפאַר באַשטעהט ווייטער אין דעם וואס דער רעזולטאַט קען נאָך פארשנעלערט ווערען דורך דעם הערשענדען קלאַס גופא, דורך דעם וואס ער וועט טרייבען די פאַרשקלאַפונג פון די מאַסען ביז צו אַן עקסטרעם. אויף דעם אופן איז די סאָציאַלע אָרדנונג וואס איז אויפגעבויט אויף דער סיסטעמע פון אוועקנעמען ביי דער מאַסע יעדען סאָרט אייגענטום, שטענדיג אין אַ צושטאַנד פון באַוועגליכער גלייכגעוויכט. פאַר איהר שטעהט שטענדיג די געפאַר פון אַ רעוואָלוציע אָדער פון פאַרניכטונג. דערפאַר איז עס פאַר איהר דורכאויס נויטיג אַנצונעמען מיטלען צו פאַרשטאַרקען איהר וואַקלענדע עקזיסטענץ, איינהאַלטען דעם צאָרן פון די אָרימע קלאַסען און די רייכע אָפּהאַלטען פון אַ צו שטאַרקער עקספּלואַטאַציע. אין אַנדערע ווערטער, עס מוזען באַשאַפען ווערען אַ גאַנצע רייהע אינסטיטוציעס וועלכע זאָלען זיין פארבונדען צווישען זיך, און וועלכע זאָלען איינהאַלטען ביידע קלאַסען אין די גרענעצען און זיי אָפּהאַלטען פון אזוינע טאַטען וועלכע זענען געפערליך פאַר דער סאָציאַלער אָרדנונג.

אכילעס לאַריאַ

דער ערשטער מיטעל דורך וועלכע מען קען איינהאַלטען די אונטערדריקטע קלאַסען אין אונטערטעניגקייט און צווינגען די הער־שענדע צו זיין איינגעהאַלטען, איז דער מאָראַלישער צוואַנג. דורך שווערע שטראָפען פאַר יעדער אַנטי־סאָציאַלער טאַט, ווערען די אָרימע אָפּגעהאַלטען פון אויפשטאַנדען און די רייכע פון צופיל אויס־נוצען זייער מאַכט. דער מאָראַלישער צוואַנג נעמט אַן אין די פאַר־שידענע פאַזען פון זיין אַנטוויקלונג פאַרשידענע פאָרמען. אין אַל־טערטום איז עס די מורא, אין מיטעל־אַלטער די רעליגיאָן און אין אונ־זער צייט די עפענטליכע מיינונג: בעצם איז דאָס אָבער איינס און דאָס זעלבע. דאָס איז די איינצאַמונג פון דער מענשליכער איניציאַ־טיווע, זי זאָל ניט פאַרפירט ווערען פון עגאָאיסטישע צוועקען וואָס זענען געפערליך פאַר דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. דער אָרימאַן צ. ב. ש. איז פאַראינטערעסירט אין רויב, פאַר איהם לוינט זיך די פאַרניכטונג פון דער סאָציאַלער אָרדנונג, קומט אָבער צו געהן דער גלח און זאָגט: „געדענק, אויב דו וועסט רויבען, אויב דו וועסט מאַ־כען אַן אויפשטאַנד געגען דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, ערוואַרטעט דיך אַן אייביגע שטראַף אויף יענער וועלט". און כדי צו פאַרמיידען אַט די שרעקליכע שטראַף גיט זיך דער אָרימאַן אונטער, און בויגט ווייטער זיין רוקען אונטערען דריקענדען יאָך פון דער סאָציאַלער אָרדנונג. די פאַרשידענסטע רעליגיאָנען וואָס האָבען אין די פאַרשי־דענסטע צייטען געהערשט איבער די מחות פון די מענשען האָבען אַלע געשטרעבט צו אָט דעם אַלערהעכסטען צוועק, אָבער קיין רע־ליגיאָן האָט אין דעם ניט געהאַט אַזאַ ערפאָלג ווי דער קריסטענטום. דאָס איז דערפאַר ווייל דער יעוואַנגעליום שטעלט זיך ניט צופרידען מיט סטראַשען פאַר אַנטי־סאָציאַלע האַנדלונגען מיט אַ שווערער שטראַף אויף יענער וועלט. נאָר ער זאָגט אויך צו אַז די לאַגע פון די מענשען אויפ׳ן עולם האמת וועט זיין פונקט דער געגענזאַץ פון דעם וואָס עס איז אויף אונזער וועלט. דער קעניגרייך פון הימעל איז אַבסאָלוט אומדערגרייכבאַר פאַר די רייכע און שטאַרקע פון דער וועלט, ער איז אָפען בלויז פאַר די אָרימע און אונטערדריקטע. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען ווי שטאַרק אַט די געניאַלע דאָגמאַ האָט גע־

די סאָציאָלאָגיע

ווירקט פאַר דער אויפהאַלטונג און פאַרזיכערונג פון דער אַלגעמיינער רוהיגקייט אונטער דער סיסטעמע פון פּריוואַט אייגענטום. די אָרימע האָבען דאַד שוין ניט וואָס צו באַקלאָגען זיך אויף זייער אָרימקייט ווייל די אָרימקייט — דאָס איז דאָך זייער שליסעל צום אייביגען גליק אין דעם קעניגרייך פון הימעל ; פאַרקערט : זיי דאַרפען די רייכע באַטראַכטען מיט אַ געפיל פון רחמנות ווייל זיי קויפען זייערע קורצע שנעל פאַרשווינדענע פאַרגעניגענס פון דעם לעבען פאַר אַזאַ טייערען פּרייז ווי אַנטזאָגען זיך פון אייביגען צוקונפטיגען גליק. אָבער דער קריסטענטום ווענדעט זיך אויך גלייכצייטיג צו די רייכע און פּריווילעגירטע, וועקט זיי צו רחמנות און ערליכקייט און האַלט זיי אויף דעם אופן אָפּ פון צופיל מיסברויכען זייער מאַכט, וועלכע מוז מיט זיך ברענגען די פאַרערגערונג פון די באַציהונגען פון די פאַרשידענע קלאַסען. אויף דעם אופן איז דער קריסטענטום אַ מעכטיגער פאַקטאָר פון שטאַנדהאַפטיגקייט אין דער מענשליכער געזעלשאַפט.

אין דער נייער צייט אָבער האָט זיך דער רעליגיעזער גלויבען אַנגעהויבען וואַקלען. די ערפאָלגען פון דער פּאָזיטיווער מעטאָדע אויף די פאַרשידענע פעלדער פון דער וויסענשאַפט און איבערהויפּט אין דער מעדיצין אין וועלכער צווייפעל און אַפּלייקונג איז געבראַכט געוואָרען ביז׳ן עקסטרעם, האָבען אומבאַמערקבאַר אָפּגעשוואַכט אָט דעם מעכטיגען פאַקטאָר פון געזעלשאַפטליכער שטאַנדהאַפטיגקייט. אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס די ווירקונג פון דער רעליגיאָן ווערט שוואַכער און געהט ביסלאַכווייז אינגאַנצען פאַרלאָרען, ערשיינט אַ נייע, פּונקט אַזאַ מעכטיגע מאָראַלישע וואָפע פון וועלכע מ׳האָט פריער ניט געוואוסט — די עפענטליכע מיינונג. אויך זי האַלט אָפּ מענשען פון אַזוינע האַנדלונגען וואָס זענען געפעהרליך פאַר דער געזעלשאַפט, סטראַשענדיג צו באַשטראָפען פאַר אַזעלכע האַנדלונגען מיט אַלגעמיינער פאַראַכטונג. אויב די אַרבייטער מאַכען איצט ניט קיין אויפשטאַנד געגען דער סאָציאַלער אָרדנונג, אויב די אייגענטימער ברענגען ניט זייער עקספּלואַטאַציע ביז די לעצטע גרענעצען, איז דאָס טיילווייז אַ דאַנק אָט דער קאָלעקטיווער צענזור, דורך וועלכער אַזוינע האַנדלונגען מוזען דורכגעהן, און וועלכע מאַכט די שולדיגע

א שלעכטעז נאָמעז און ניט זיי איבער צו אַלגעמיינער פּאַראַכטונג. אַ דאַנק דעם איז אויך אָט די אויסשליסליך מאָראַלישע קראַפט אַ מעכטיגער פאַקטאָר וועלכער האַלט אויף די גאַנצקייט פון אונזער געזעלשאַפט, וועלכע איז אין אַ שטענדיגער געפאַר צו ווערען פאַרניכטעט.

מיר האָבען אַלזאָ פאַר זיך אַ רייע סאָציאַלע ערשיינונגען וועלכע נעמען אַרום דעם גאַנצען סכום פון מאָראַלישע פאַקטאָרען און צוואַנגס־מיטלען. דיזע ערשיינונגען געפינען זיך אין אַן אומצוטרענבאַרער אינ־ווענינסטער פאַרבינדונג מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער געזעלשאַפט, און קענען נאָר דורך דער לעצטער דערקלערט ווערען. אָבער דער מאָראַלישער צוואַנג אַליין איז נאָך ניט גענוג כדי אָפּצוהאַלטען אַלע מענשען פון אַנטיסאָציאַלע טאַטען. עס געפינען זיך שטענדיג אַ קלענערע אָדער גרעסערע צאָל יחידים וואָס פאַרבלייבען גלייכגילטיג צו די מאָראַלישע באַשטראָפונגען, מעג עס זיין די שטראָף אויף יענער וועלט אָדער אַ שלעכטער נאָמען אויף דער וועלט. כדי אויפצו־האַלטען די אָרדנונג צווישען אַזוינע איינגעשפּאַרטע מענשען קומט צו הילף דער ענערגישער און אַנטשלאָסענער אינסטיטוט פון רעכט! ער האַלט שוין אין די מענשען פון אַנטי־סאָציאַלע טאַטען ניט דורך אַן אַבסטראַקטען נאָר דורך אַ ווירקליכען שטראָף. אין דער צייט וואָס די מאָראַל סטראַשעט דעם אָרימען זינדער מיט אַ שטראָף אויף יענער וועלט, סטראַשעט איהם דאָס רעכט מיט תפיסה. אויפ׳ן זעלבען אופן האַלט זי אויך אין דעם אייגענטימער פון פאַרכאַפּען פרעמדע גוטס אָדער פון איבערטריבענער עקספּלואַטאַציע פון זיינע אַרבייטער. דאָס רעכט נאָרמאַליזירט די באַציהונגען וועלכע זענען אייגענטימליך פאַר דעם באַשטימטען עקאָנאָמישען געבוי פון דער געזעלשאַפט. אין אַלע איהרע טיילען איז זי דורכגעדרונגען פון די עקאָנאָמישע באַציהונגען און די גרעסטע צאָל פון איהרע באַשטימונגען זענען אַנגעווענדעט אויף אָפּצוהיטען די אינטערעסען פון דעם עקאָנאָמיש הער־שענדען קלאַס.

דערפאַר איז טאַקע דאָס רעכט פון יעדער עפּאָכע אין אַנקלאַנג פריער ווי אַלעם מיט דער אַרט פון אייגענטום וועלכע הערשט אין

די סאָציאָלאָגיע

דער צייט. דאָרט וואו דער גרונד אייגענטום שפּילט די הויפּט ראָלע באַשיצט דאס רעכט איבערהויפּט די אינטערעסען פון די באזיצענדע קלאַסען. דאָרט אבער וואו די הויפּט ראָלע שפּילט דער קאפּיטאל איז אויך דאס רעכט איבערהויפּט צוגעפּאסט צו די אינטערעסען פון באוועגליכען אייגענטום. מיט איין וואָרט, וואו עס אנטוויקלען זיך באַשטימטע עקאָנאָמישע באַציהונגען אנטוויקעלט זיך אויך א סיסטעם וואס איז אין איינקלאנג מיט זיי. א זעהר גוטער ביישפּיל איז די אָננאַמע פון דעם רוימישען געזעץ אם ענדע פון 15טען יאָהר־הונדערט אין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען דער נאַטירליכער רעזולטאַט פון די אומגעענדערטע עקאָנאָמישע באַציהונגען וועלכע האָבען זיך אנטוויקעלט איז דייטשלאנד אין אָנפאנג פון דער נייער צייט, און וועלכע זענען זעהר ענליך געווען צו די עקאָנאָמישע באַציהונגען וואָס האָבען געהערשט אין געצענדינערישען רוים. דער שטודיום פון רעכטליכען לעבען פון אלע נאַציאָנען וואס מיר קאָנען, גיט אונז בכלל א גוטע באַגרינדונג פאַר דעם אמת אז דעם סוד פון דער רעכטליכער מאַכט פון יעדער צייט דאַרף מען זוכען ניט אין מעטאַפיזישע פּרינציפּען מיט וועלכע די אלטע רעכטספילאָזאָפיע פלעגט זיך שפּייזען, נאָר אין דער פּראָזאָאישער מאַטעריאלער סטרוקטור פון עקאָנאָמישע באַציהונגען. אין אנדערע ווערטער הייסט עס — די פילאָזאָפיע פון רעכט איז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

דער פאַקט וואס דאס שאפען און דורכפירען פון די געזעצען ווערט אימער איבערגעגעבען אויסשליסליך אין די הענט פון די באַזיצענדע קלאסען מאַכט, אז דער געזעץ זאָל זיין דאָס וואָס די באזיצענדע קלאסען ווילען ער זאָל זיין. ד.ה. ער זאָל דינען פאר דער פארטיידיגונג, פאַרשטאַרקונג און אויפהאַלטונג פון דער איצטיגער אָרגאניזאציע פון פריוואט אייגענטום, דורך דעם וואָס די געזעץ־געבערישע און פאָלגליך פּאָליטישע מאַכט ווערט איבערגעלאָזען אין די הענט פון די באַזיצענדע קלאַסען. דאָס איז נאָך אויך וויכטיג אין אן אנדער זין. אויב דער פּראָלעטאַריאט זאָל קאָנען איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט וואָלט ער ניט לאַנג געוואַרט און איהר אויסגענוצט כדי צו צושטערען

אכילעס לאָריאַ

די עקזיסטירענדע אָרדנונג, און אויף איהרע חורבות אויפבויען אַ נייע וואָס זאָל זיין מעהר אין איינקלאַנג מיט זיינע אינטערעסען. פאָלגליך, איז די גאַנצע עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַליזם אָפּהענגיג דערפון אַז די פּאָליטישע מאַכט זאָל זיין אין די הענט פון די באַזיצענדע קלאַסען אָדער זייערע מיטהעלפער, און די אָרימערע קלאַסען זאָלען זיך מיט איהר ניט קאָנען באַנוצען. פאַר אַ לאַנגע צייט ווערט אָט דער ציל דערגרייכט אויף אַן אָפענעם און ברוטאַלען אופן. די פּאָליטישע מאַכט באַלאַנגט אין אנפאַנג אויסשליסליך צו די באַזיצענדע קלאַסען. ווען עס אנשטעהען שפּעטער רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציעס ווערען די אָרימע באַרויבט פון זייער וואָל־רעכט; ווען אָבער די אומשטענדע צווינגען צו געבען שטים־רעכט אויך די אָרימע, ווערט דער־זעלבער ציל דערגרייכט דורך פאַרגרעסערען איז אַ גאַנץ גרויסער מאָס די קאָסטען וואָס זיינע פאַרבונדען מיט די וואַלען: דאָס מאַכט נאַטירליך אוממעגליך פאַר אַן אָרימען מענשען צו נעמען אויף זיך די פליכטען פון אַ פאַרטרעטער. ווען אָבער אויך דער מיטעל ווייזט זיך ארויס פאַר ניט גענוג, דאַן איז אָדער מען קויפט אָפּ אָדער מען נאַרט אויף אַ געוויסען אופן ארויס ביי די אָרימע זייערע שטימען. דער רעזולטאַט איז אָבער אַלעמאָל דער זעלבער: די אויסשליסליכע קאָנצענטראַציע פון דער גאַנצער פּאָליטישער מאַכט אין די הענט פון די רייכע קלאַסען.

אָבער די באַזיצער פון דער פּאָליטישער מאַכט שטעלען מיט זיך ניט פאָר קיין איינהייטליכע מאַסע. אַלס קלאַס פון באַזיצער און איז איינקלאַנג מיט זייערע פאַרשידענע אינטערעסען וועלכע זענען צו־נויפגעבונדען מיט פאַרשידענע אַרטען פון אייגענטום, פאַלט זיך אויך דער קלאַס אַליין פאַנאַנדער אין צוויי אָדער מעהר פּאַרטייען, וועלכע זענען פיינדליך איינע צום צווייטען. איבערהויפּט הערשט אַ פיינד־שאַפט צווישען די לאַנד אייגענטימער און די האַנדעלס קאַפּיטאַליס־טען. די ערשטע זענען פאַראינטערעסירט אין אָפּהאַלטען דעם „סטאַ־טוס קוואָ" (דעם עקזיסטירענדען צושטאַנד) און די צווייטע נויטיגען זיך פאַרקערט אין אַ שטענדיגער אנטוויקלונג. אַלס רעזולטאַט פון אָט דעם עקאָנאָמישען קאָנטראַסט אנשטעהט אַ פּאָליטישער קאָנט־

די סאָציאָלאָגיע

ראסט, צווישען די לאַנד אייגענטימער וועלכע פילען מערסטענס אויס די רייען פון די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען און די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע גרינדען פּראָגרעסיווע און ליבעראַלע פּאַרטייען. אַט די פּאָלי־טישע נעגנערשאַפט צווישען די צוויי קלאַסען אייגענטימער האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר די ארבייטער וועלכע זענען איינגאַנצען אויס־געשלאָסען פון דער פּאָליטישער מאַכט: יעדע איינע פון די פּאַר־טייען וועלענדיג בייקומען די געגנערישע פּאַרטיי באַמיהט זיך צו קריגען דאָס פּאָלק אויף איהר זייט און מוז דערפאַר געהן אויף פילע הנחות וועלכע זענען סוף כל סוף לטובת די ארבייטער. דורך דעם ערקלערט זיך די מעגליכקייט אין אַ געזעלשאַפט וואָס ווערט באַהערשט דורכאויס פון אייגענטימער אָנצונעמען געוויסע מיטלען לטובת די ניט־באַזיצענדע קלאַסען. דאָס גיט אונז דעם שליסעל ריכטיג צו פאַר־שטעהן און אָפּצושאַצען די גלענצענדע רייע פון געזעצען וועלכע זענען אָנגעווענדעט געוואָרען צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די ארבייטער. דאָס איז אַ גאַנצע רייע פון געזעצען וואָס הויבט זיך אָן נאָך מיט די אַלטע אַגראַר געזעצען און די געזעצען פון „ניט צאָלען חובות“ און ענדיגט זיך מיט דער מאָדערנער סאָציאַלער געזעצגעבונג. דער שטראָם פון די דעמאָקראַטישע רעפאָרמען וועלכער רייסט זיך דורך דעם געדיכטען וואַלד פון די פּריוויהייטס שטערענדע געזעצען איז דער רע־זולטאַט פון דעם קאַמף צווישען די צוויי שטרייטענדע פּאַרטייען פון די באַזיצענדע קלאַסען, און זייער באַדערפעניש צו קריגען דעם פּאָלק אויף זייער זייט וועלכעס זיי קאָנען דערגרייכען בלויז דורכפירענדיג דעמאָקראַטישע געזעצען.

מיר זעהן אלזאָ, אַז די אומפאַרמיידליכע אומזיכערהייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, די שטענדיגע געפאַר פון אַן אויפשטאַנד פון די אונטערדריקטע קלאַסען פאָדערען די אָרגאַניזירונג פון אַ גאַנצע רייע איינריכטונגען וועלכע זאָלען איינהאַלטען דעם פּראָלעטאַריאַט אין זיין אונטערטעניגקייט, און זאָלען ניט דערלאָזען צו קיין איבער־פלוס פון אונטערדריקונג מצד די רייכע. דער הויפּט פון די אינסטי־טוציאָנען זענען די מאָראַל, דאָס רעכט און די פּאָליטישע אָרדנונג. זיי אַלע זענען ארויסגערופען געוואָרען צום לעבען, זענען דורכגעדרונ־

אכילעס לאָריאַ

גען און ווערען אויפגעהאלטען דורך דער קראפט פון די עקאנאמישע באציהונגען וועלכע דינען אויף דעם אופן אלס דער אויסשליסליכער באזיס פאר זייער עקזיסטענץ און אלס הויפט פאקטאר פון זייער אנטוויקלונג. אבער די מאראלע רעכטליכע און פאליטישע איינריכ־טונגען, ווען מען זאל זיי גענוי אינטערזוכען שטעלען מיט זיך פאר אלע ניט עקאנאמישע פאקטארען פון מענשליכען צוזאמענלעבען, זיי פאראייניגען אין זיך אלע ערשיינונגען פון געזעלשאפטליכען לעבען אויסער דער עקאנאמיק. ווען מיר זאגען אלזא אז זיי ווערען בא־שטימט אויסשליסליך דורך עקאנאמישע פאקטארען מיינט דאס איז אנדערע ווערטער אז די גאנצע סאציאלע ארדנונג איז באזירט אויף עקאנאמישע יסודות. די סאציאלאגיע קאן פאלגליך בלויז אויף דעם באזיס פון דער פאליטישער עקאנאמיע זיך אויפהויבען צו דער שטופע פון א וויסענשאפט. די טעאריע וועלכע פירט ארוים די גאנצע סא־ציאלע ארדנונג פון די עקאנאמישע באציהונגען פארלירט אויף דעם אופן איהר דאגמאטישען כאראקטער, וועלכען זי האט געהאט אין די פילע טענות מיט וועלכע מען זוכט איהר צו דערשטיקען זענען מערס־טענס אומבאגרינדעט.

דאס איז אין קורצען די נייע ריכטונג אין דער סאציאלאגיע. וועלכע האט א גרויסען קרייז אנהענגער און וועלכע ווערט געוועגליך אנגערופען דער היסטארישער מאטעריאליזם. דער נאמען איז אבער ניט קיין זעהר פינקטליכער ווייל פון איין זייט נעמט ער ניט ארום דעם גאנצען אינהאלט פון דער דאקטרין און פון דער צווייטער זייט האט אפילו ספענסערס ביאלאגישע סאציאלאגיע מיט פולען רעכט זיך געקאנט רופען מיט דעם זעלבען נאמען. עס וואלט דערפאר נאך אונזער מיינונג פיל בעסער זיין אנצורופען די נייע לערע ה י ס ט א־ ר י ש ע ר ע ק א נ א מ י ז ם. אבער לאזענדיג אן א זייט די פראגע וועגען נאמען, וואס איז נאך אלעמען ניט אזוי וויכטיג, קאן מען ניט לייקענען אז די נייע ריכטונג האט אין זיך פיל אמת און אז די פילע טענות מיט וועלכע מען זוכט איהר צו דערשטיקען זענען אומ־באגרינדעט.

מען זוכט צו צושטערען דעם צוטרויען צו דער נייער שולע דורך

די סאָציאָלאָגיע

די פּילע איבערטרייבונגען פון מאַנכע פון איהרע איבערגעבענע נאָכפאָלגער. אַט די מעטאָדע איז זעהר צוציהענד. איבערהויפּט דערמיט וואס די איבערטרייבונגען וואס קומען מצד די עקסטרעם רעכטע פון דער עקאָנאָמישער סאָציאָלאָגיע זענען פּונקט אזוי אומבאגרינדעט ווי די וועלכע קומען פון די עקסטרעם לינקע. אזוי צ. ב. האָט ענגעלס זיך ניט אָפּגעשטעלט צו ערקלערען אז די דייטשען האָבען ביי זיך איינגעפירט דעם מנהג צו פאַרברענען די טויטע בלויז דערפאַר ווייל זיי האָבען באַזעסען גרויסע וועלדער וועלכע האָבען געגעבען ביליגען ברען־מאַטעריאל. אבער דער שפּעטערדיגער מנהג צו באַגראָבען די טויטע איז איינגעפירט געוואָרען אַ דאַנק דעם וואס די וועלדער זענען צושטערט געוואָרען און ברען מאַטעריאל איז געוואָרען זעלטענער און טייערער. געוויס זענען גערעכט די וואס לייקענען דאס. זיי זענען אָבער אומגערעכט ווען זיי דענקען אז דורך דעם קאָנען זיי צושטערען די טעאָריע פון דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם. וואָס זיי פאַרניכטען איז בלויז אַ קאַריקאַטור פון איהם.

פאַר דעם זעלבען צוועק ד. ה. כדי אָפּצולייקענען די נייע ריכטונג שטיצען זיך אנדערע געגנער אויף דעם אַל־זייטיגען איינפלוס וועלכען עס איבען אוים אויף דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג די מאַטעריאַלישע פאַרשטעלונג, די רעכטליכע און פּאָליטישע פאַקטאָרען. אָבער קיינעם פאַלט גאָר ניט איין אָפּצולייקענען די ווירקליכקייט און די מאַכט פון דיזען איינפלוס. די גראַנדיעזע קירכען וועלכע וועקען נאָך עד היום אונזער באַוואונדערונג מיט זייער געוואַגטער אַרכיטעקטור. די אומשטערבליכע שאַפונגען פון דעם אַסקעטיש רעליגיעזען געפיל זענען די אייביגע עדות פון דעם מעכטיגען איינפלוס פון דעם רעליגיעזען געפיל אויף דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אַט דער געפיל האָט געגעבען די אידעע דעם קינסטלער, האָט באַווירקט דעם מאָלער און באַגייסטערט דעם דיכטער. אין דעם רעליגיעזען געפיל האָבען גאַנצע דורות פון דענקער זייער קראַפט געשעפּט און דאס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט בייצוקומען אַלע שוועריגקייטען כדי אויסצופירען אונטער אַ לאַנגע רייע פון שווערע קלעפּ די גרויסע אַרבייטען פון גלויבען. אָבער דאס אַלעם קאָן מען אויסזעצען בלויז ג.גען די

אכילעס לאָריאַ

וואָס ערקלערען אַז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר האָט דירעקט באַשאַ־פען אָדער דירעקט פּאַראַליזירט די קונסט פון מיטעלאַלטער. אָבער קיין דענקענדער מענש וועט עס ניט באַהויפּטען, ווענען דעם איז גאָר קיין צווייפעל ניטאָ. דער רעליגיעזער געפיל, און בלויז ער אַליין, איז געווען דער קוואַל פון די אונצעליגע שאַפונגען פון דער קונסט איז מיטעלאַלטער: אָבער דער רעליגיעזער געפיל גופא וועלכען מיר דאַר־פען דאַנקען פאַר אַזוי פיל וואונדערליכע שאַפונגען פון יענער צייט איז אַליין געווען בלויז אַ פּסיכאָלאָגישער פּראָדוקט פון עקאָנאָמישע באַציהונגען. אָדער דער רעזולטאַט פון דער נויטווענדיגקייט צו פאַר־אייניגען די פאַרשידענע עלעמענטען וועלכע האָבען געקעמפט געגען דער אומפּריירער סאָציאַלער סיסטעמע און אַלע ווייל געשטעלט איהר אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערען. עס זענען דערפאַר גערעכט די וועלכע באַהויפּטען, אַז אַלס גרונד אפילו פון אַט דיזע דערהויבענע שאַפונגען פון דער אידעע, צווישען די וואונדערבאַרע קופּאָלען און פאַנטאַסטישע פּיראַמידען און גאָטהישע קירכען, צווישען בילדער פון די הייליגע אַסקעטען געפינט דאָס שאַרפע אויג פון סאָציאָלאָג די קאַ־פּיטאַליסטישע סמנים און דערקאָנט דעם טיפעלשען שמייכעל פון די עקאָנאָמישע פאַקטאָרען.

עס איז דורכאויס נוצלאָז צו קעמפען געגען דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם מיט דער הילף פון פּוסטע פראַזען, אַז דער מענש איז שוין ניט מעהר אויסשליסליך אַ רויב חיה, אַז ער ווערט אין זיינע האַנדלונגען באַוועגט ניט בלויז דורך דעם פאַרלאַנג פון וואָס מעהר באַזיצען, אַז די נייע שולע פאַרקריפּעלט די מענשליכע נאַטור, אַז זי פאַרמאַכט די אויגען אויף אַלע ערהאַבענע טאַטען און באַליידיגט דער־מיט דעם מענשליכען מיח. עס איז זיכער, ענטפערען מיר, אַז דער מענשליכער נשמה זענען אייגענטימליך פילע אייגענשאַפטען וועלכע קאָנען ניט און דאַרפען ניט צוריקגעפירט ווערען צו איין אייגציגען סימן — עקאָנאָמיק און פּראָפיט. עס איז אָבער פּונקט אַזוי ריכטיג אַז אַלע ערהאַבענע ערשיינונגען פון דער מענשליכער נשמה זענען באַ־שטימט און באַגרענעצט דורך דער עקאָנאָמישער סביבה אין וועלכער זיי אַנטשטעהען. אַזוי צ. ב. שרייבט אַ דיכטער, אַז אמת'ער דיכטער.

די סאָציאָלאָגיע

לידער ניט כדי צו פאַרדינען געלט, נאָר ווייל אין דעם פּאָעטישען שאַפען זעהט ער דעם גאַנצען זין פון זיין לעבען, דערפאַר ווייל אין דעם שאַפען געפינט ער דעם פרייען און באַגייסטערטען אויסדרוק פאַר זיינע געדאַנקען און זיינע געפילען. פונדעסטוועגען איז די פּאָעזיע פון יעדער עפּאָכע א פּינקטליכע אָפּשפּיגלונג פון די הערשענדע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַציהונגען. די דערהויבענסטע נשמה קאָן אָט דעם גרעניץ ניט אריבערשפּריינגען. דער פרייסטער דיכטער קאָן איצטער ניט באַזינגען קיין וואַנדערענדען ריטער אָדער באַזינגען דעם שיקזאַל פון ליעבע אַזוי ווי די דיכטער פון מיטעלאַלטער האָבען עס געטאָן. דאָס מיינט אַז אפילו אין די פרייסטע שאַפונגען איז דער מענש א פּראָדוקט פון דער היסטאָרישער סביבה אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסען און פון די פּראָדוקציאָנס באַציהונגען אין וועמעס קרייז זיין לעבען שוועבט.

דער אמת פון דאָס אויבען געזאָגטע ווערט באַוויזען אויך דערמיט וואָס די אַנטוויקלונג פון דער וועלט איז שטענדיג געגאַנגען אין איינקלאַנג מיט דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אַזוי איז אין 18טען יאָהר־הונדערט מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דעם איינפלוס פון מזרח אויף אייראָפּאַ און מיט דער אָרגאַניזירונג פון די פרייע געמיינדען געפאַלען דער רוהם פון די גאָטישע קירכען און די ראַפינירטע און עקזאָטישע מאַלעריי פון מיטעלאַלטער הויבט אַז פאַרביטען צו ווערען דורך מאַלעריי אין וועלכע די העל־ליכטיגע פאַרבען נעמען די אויבער האַנט. דער שטרעבען צו האַרמאָניע ווערט אַלץ שוואַכער און די קונסט קריגט מעהר און מעהר א רעאַליסטישען כאַראַקטער. אין דער עפּאָכע פון דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל וועלכע קומט נאָך דעם ווערט די אַרכיטעקטור מעהר קאָמפּליצירט, די ריינקייט פון די פריערדיגע ליניען ווערט פאַרביטען אויף מערקווירדיגע אָרנאַמענטען. אין דער מאַלעריי ערשיינט א נייער ביז איצט אומבאַקאַנטער זשאַנר. עס קומען געמאַלענע פּאָרטרעטען אַלס סימפּטאָם און פּראָדוקט פון די וואַקסענדע רייכטימער און פון פאַרלאַנג אַרויסצורופען אַלגעמיינע באַוואונדערונג און אַכטונג.

מען זאָגט, אַז די וויסענשאַפטליכע סיסטעמע וועלכע באַטראַכט

אכילעס לאָריאַ

די סאָציאַלע אָרדנונג אַלס נויטווענדיגען פּראָדוקט פון עקאָנאָמישע באַציהונגען און וועלכע לייקענט די מעגליכקייט צו ווירקען ערנסט אויף די האַנדלונגען אָדער דעם ווילען פון מענשען אויף אַן אַנדער אופן, ברענגט אומפערמיידליך צו אַ סאָציאַלען קוויעטיזם, אָדער פאַ־טאַליזם. עס איז אָבער קלאָר אַז ווען אַפילו דער פאָרוואורף זאָל זיין אמת קאָן ער פאָרט ניט אַפּלייקענען אַ טעאָריע וואָס איז לאָגיש באַגרינדעט און באַשטעטיגט דורך באַאָבאַכטונגען. צום גליק אָבער האַלט אַט דער פאָרוואורף ניט אויס קיין שום קריטיק. עס איז אמת אַז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם גלויבט ניט אין דער מעגליכ־קייט פון פרייע רעפאָרמען און צושטערט אַהן רחמנות די אילוזיעס פון די אוטאָפּיסטען וועלכע דענקען אַז דורך דער פּראָקלאַמירונג פון ערגעץ אַ נייע אידעע, אָדער דורך אַרויסגעבען אַ נייעם געזעץ קאָן מען מיט איינמאָל ענדערען די גאַנצע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג. אין דעם זין געפינט זיך די נייע לערע איינשטימיג מיט דער אַלגעמיינער טעאָ־ריע פון אַנטוויקלונג וועלכע לייקענט אויך אַפּ קאַטעגאָריש די מעג־ליכקייט צו דערגרייכען פּאָזיטיווע רעזולטאַטען דורך רעוואָלוציעס אַהן אונטערשיד צו זיי ווערען געמאַכט פון אויבען אָדער פון אונטען. אָבער פון אַזאַ בליק ביז קוויעטיזם, אָדער פאַטאַליזם איז גאַנץ ווייט און דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם האָט קיין שום געמיינשאַפט־ליכעס מיט זיי. ווייל באַציענדיג זיך סקעפּטיש צו יעדען פּלוצליכען איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, באַווייזט ער אָבער אויף אַ גאַנץ באַ־שטימטען אופן דעם וועג דורך וועלכען מען קאָן יאָ דערגרייכען ענדע־רונגען אין דער סאָציאַלער אָרדנונג. דיזער וועג איז ניט דער וועג פון מאָראַלע אָדער רעליגיעזע, יורידישע, אָדער פּאָליטישע רעפאָרמען, נאָר עקאָנאָמישע, וועלכע האָבען פאַר זייער געגענשטאַנד דעם בוי פון די אייגענטום באַציהונגען און ווערען דורכגעפירט דורך קליינע רעפאָרמען וואָס פאָלגען נאָך איינע דער אַנדערער.

אונטערפירענדיג דעם סך הכל צו אַלעם וואָס מיר האָבען גע־זאָגט וועגען היסטאָרישען מאַטעריאַליזם מוזען מיר צוגעבען אַז הגם די נייע לערע איז ניט אומעטום פּינקטליך און באַגרינדעט אין מאַנכע פון איהרע באַהויפּטונגען, איז זי אָבער אין פאַרגלייך מיט די פריער

די סאציאלאגיע

באטראכטע סאציאלאגישע טעאריען א פיל שטארקערער פונדאמענט פאר דער ווייטערער סאציאלער פארשונג. נאך מעהר, מיר האבען אפילו דאס רעכט צו באהויפטען, אז בלויז אט דער נייער טעאריע וועט זיך איינגעבען צו פארזיכערען פאר דער סאציאלאגיע יענעם וויסענשאפטליכען אמת וועלכען די פילאזאפישע און ביאלאגישע שולען האבען ניט געקאנט דערגרייכען. אונטער דעם גינסטיגען איינפלוס פון דער באנייטער סאציאלאגיע וועלען אלע באזונדערע סאציאלע וויסענשאפטען באנייט ווערען צו א נייעם לעבען.

עס מוז נאך אויך געזאגט ווערען אז די נייע לערע זוכט ניט איינצושלינגען די טעאריעס, וועלכע זענען געקומען פאר איהר, פארקערט, זי זוכט צונויפצוקלייבען און סיסטעמאטיזירען די איינצעלנע אמת'ן וועלכע יענע האבען ערווארבען. זי באנוצט זיך מיט קאנט'ס אויספארשונג וועגען דער ווירקונג פון דעם אינטעלעקטועלען פאקטאר אויף דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט. אבער גלייכצייטיג באמערקט זי אז אט דער וויכטיגער פאקטאר ווערט באשאפען און באשטימט פון דעם עקאנאמישען פאקטאר. זי רעכענט זיך אויך גאנץ ערנסט מיט דעם ביאלאגישען פאקטאר, אבער זי פארגעסט ניט דעם מעכטיגען איינפלוס, וועלכען דער עקאנאמישער פאקטאר האט אויך אויף דיזען פעלד און וועלכער שטופט אלץ מעהר און מעהר ארויס דעם ביאלאגישען פאקטאר. זייענדיג אינגאנצען פרעמד צו דער שטרעבונג צו מאכען צו גארנישט די רעזולטאטען פון וועלכע די פריערדיגע שולען זענען געקומען, גיסט זיך די נייע לערע צוזאמען מיט זיי אין איין הארמאניש גאנצע זאך. איך זאג גאנץ דרייסט פאראויס: עס וועט קומען א טאג, און אפשר גאנץ שנעל ווען, באוואפענט מיט די רעזולטאטען פון די פריערדיגע טעאריעס, פריי פון פארטייאישער איינזייטיגקייט, באגרינדעט דורך לאגיק און ערפארונג, וועט די עקאנאמישע סאציאלאגיע זיין בכוח אויפצודעקען דעם סוד פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען.

זעקסטער קאפּיטעל.

די פארגלייכענדע סאציאלאגיע.

אויב עס איז אמת אז די פארשידענע צווייגען פון דער וויסענשאפט באנוצען זיך בעצם מיט דער זעלבער מעטאדע פון פארשונג. איז אויך אמת אז פארשידענע וויסענשאפטען באנוצען זיך מערסטענס מיט דער אדער אנאנדער מעטאדע פון פארשונג אין איינקלאנג מיט דעם כאראקטער פון די ערשיינונגען וועלכע זיי דארפען אויספארשען. מען קאן זאגאר זאגען, אז יעדע וויסענשאפט אונטערשיידעט זיך אויסערליך פון די אנדערע פריער פון אלעם מיט איהר ספעציעלער פארשונגס מעטאדע, מעהר ווי אלע איהרע אנדערע כאראקטעריסטיקען שפיגעלט זיך אפ דער עצם איהרער. דער כאראקטער פון די ערשיינונגען וועלכע זי אונטערזוכט, — איז איהר מעטאדע. וואס אנבאלאנגט דער סאציאלאגיע איז גענוג אפילו די עלעמענטארסטע באאבאכטונג, כדי זיך איבערצייגען אז איהר הערשענדע מעטאדע, צו וועלכער זי האט צו פארדאנקען איהרע גרעסטע עראבערונגען, איז די פארגלייכענדע מעטאדע. דערפאר, הגם אונזער וויסענשאפט איז פארבונדען לויט איהר אינהאלט מיט די מאראלישע, יורידישע און פאליטישע וויסענשאפטען, איז זי אבער אין איהר מעטאדע אם ענגסטען צוזאמענגעבונדען מיט דער אנטראפאלאגיע און ביאלאגיע.

די פארגלייכענדע מעטאדע אין דער סאציאלאגיע נעמט אן דריי פארשידענע פארמען, לויט די סאציאלע ארגאניזמען מיט וועלכע עס קומט איהר אויס צו אפערירען: זי קאן זיין א פילאלאגישע, אן עוואלוציאניסטיש-היסטארישע אדער א קאלאניאלע.

די פילאלאגיע איז פאר דער סאציאלאגיע אן אומערוואַרטעטער וויכטיגער הילפס מיטעל, א דאנק איהר מעטאדע וועלכע צייכענט זיך אויס, ווי אלע געניאלע אנטדעקונגען מיט איהר איינפאכקייט. די נא־

די סאָציאָלאָגיע

הענטע פארוואנדשאפט צווישען די אינדא־אייראפעאישע שפראכען,
וועלכע די פילאלאגיע האט אנטדעקט דינט שוין במילא אלס באווייז, אז
אלע פעלקער שטאמען פון איין שבט, פון וועלכען זיי האבען זיך אלע
אפגעטיילט אין א צייט וואס קיינער געדענקט ניט, און זיך באזעצט
אין די לענדער וואו זיי זענען איצט. אויב ערגעץ א זאך ווערט אנ־
יערופען פון פארשידענע פעלקער מיט א נאמען וועלכער האט דעם
עלבען שורש איז עס א סמן אז די זאך איז באקאנט געווען צום אור־
שבט נאך איידער ער האט זיך צוטיילט. אויב אבער פארקערט,
פארשידענע שפראכען באנוצען אזוינע נעמען וועלכע האבען פארשי־
דענע שרשים איז דאס א סמן אז די זאך איז נאך צום אור־שבט ניט
באקאנט געווען. א דאנק אט דער מעטאדע איז מעגליך מיט א גע־
נוגענדער פינקטליכקייט צו באשטימען די שטופע פון קולטורעלער
אנטוויקלונג אויף וועלכער עס איז געשטאנען דער אור־שבט נאך פאר
דער פאנאנדערטיילונג, זייערע אינסטיטוציעס און די גרונדלאגען פון
זייער סאציאלער ארדנונג. אויף דעם אופן ברייטערען מיר אויס דעם
קרייז פון וויסען טראץ דעם וואס די היסטארישע און פארהיסטארישע
באווייזע זענען אזוי ווייניג.

די פינקטליכקייט פון אט דער מעטאדע רופט זיכער אין אנפאנג
ארויס א גאנץ ערנסטען צווייפעל. פריער פון אלעם מוז מען אנער־
קענען, אז דאס וואס פארשידענע פעלקער באנוצען פאר דערזעלבער
זאך נעמען, וועלכע האבען פארשידענעווארצלען איז נאך גאר ניט
קיין באווייז אז די זאך איז ערשט שפעטער אנטשטאנען. און ווירק־
ליך, אפילו נעמענדיג אין אנבאטראכט דעם פאקט אין וועלכען קיי־
נער צווייפעלט ניט מעהר, אז די ערשטע פאזען פון דעם לעבען אין א
קאלאניע שטעלט מיט זיך פאר א מערקווירדיג טרייע אפשפיגלונג פון
דעם לעבען אין דער מעטראפאליע, מוזען מיר אבער אנערקענען אז פילע
פון די עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס וועלכע האבען עקזיסטירט ביים
אור־שבט, האבען זיך בשום אופן ניט געקענט אויפהאלטען אין די נייע
קהלות, וועלכע די עמיגראציע האט באשאפען, און זייערע נעמען הא־
בען אויך געמוזט פארגעסען ווערען, ווען עס זענען שפעטער, אין דער
נייער געזעלשאפט אנטשטאנען אזוינע אינסטיטוציעס, האט מען שוין

אַכילעס לאָריאַ

זיי אנגערופען מיט נייע נעמען. אויף דעם אופן הייסט עס אז דער אונטערשיד אין נעמען וועלכע באצייכענען איינע און די זעלבע זאך ביי פארשידענע פעלקער פון אייראפא קען ניט גערעכענט ווערען אלס באווייז אז די זאכען זענען דעם פרימיטיווען אור־שבט ניט געווען באקאנט. ווייטער, די טיילען פון דעם אור־שבט וועלכע האבען זיך פון איהם אפגעטיילט זענען געצוואונגען געווען עמיגרירענדיג דורכצוגעהן ווילדע ערטער און ניט באזעצטע לענדער און זאגאר אויף לאנג פארבלייבען צווישען אזוינע שבטים וועלכע האבען בכלל קיין שום קולטור ניט געהאט. עס איז דערפאר גאנץ נאטירליך אז פילע זאכען וועלכע זענען זיי באקאנט געווען אין זייער אלטער היים זענען ביי זיי ארויסגעפאלען פון געברויך און צוזאמען דערמיט זענען אויך פארלארען געגאנגען די נעמען מיט וועלכע מען פלעגט זיי רופען. ווען די זאכען זענען אין זייער שפעטערדיגען לעבען צוריק ערווארבען געווארען, האבען זיי שוין געמוזט פאר זיי שאפען נייע נעמען. אויף דעם אופן ערקלערען מאנכע פילאלאגען די אורזאכע ווארום דער ווארט „זאלץ" האט אן אנדער ווארצעל ביי די פארשידענע אייראפייאישע פעלקער. דאס קען זיכער דינען פאר א באווייז, אז דער אור־שבט האט ניט געוואוסט פון זאלץ: דאס ערקלערט זיך גיכער דערמיט וואס די טיילען פון שבט וועלכע האבען פארלאזען זייער היים און אוועק וואנדערען זענען א לאנגע צייט געווען אין אזוינע פלעצער וואו עס איז קיין זאלץ ניט געווען. פון דער אנדערער זייט איז דאס וואס די ווארצלען אין די ווערטער מיט וועלכע די פארשידענע נאציאנען באצייכענען די זעלבע זאך, זענען דיזעלביגע איז ניט קיין באווייז אז די זאך איז ווירקליך געווען באקאנט דעם אור־שבט. עס האט זיך דאך לייכט געקאנט טרעפען אז די באשטימטע זאך אדער אינסטיטוציע איז אין אנפאנג אנטדעקט געווארען בלויז פון איין טייל פון דעם שוין צוטיילטען שבט און איז שפעטער א דאנק קאמערציעלע אדער צווישען־פעלקערליכע באציהונגען, איבערגענומען געווארען פארטיגערהייט פון אנדערע פעלקער.

דורך דעם ערקלערט זיך צ. ב. ש. וואס דער ווארצעל אין דעם ווארט אקער־אייזען, וועלכען די פארשידענע אייראפייאישע פעלקער באנוצען, איז דערזעלבער, הגם ער איז זיכער דעם אור־שבט ניט געווען באקאנט.

די סאָציאָלאָגיע

אַט די אויסזעצונגען, (וועלכע קאָוואַלעווסקי האָט ניט לאַנג אונ־טערגעשטראָכען אין זיין אויסגעצייכענטער ארבייט), זענען גאַנץ וויכ־טיג, אויב אבער זיי באַגרענעצען אויף דעם אופן די באַדייטונג פון דער שפּראַך־וויסענשאַפטליך־פאַרגלייכענדער מעטאָדע און צווינגען אונז צו זיין זעהר פאָרזיכטיג ווען מיר באַנוצען זיך מיט איהר, לייי־קענען זיי אבער ניט אָפּ איהר גרויסען ווערט און איהרע אומשעצבאַרע דינסטען פאַר דער סאָציאָלאָגיע. די אויפדעקונג פון דעם סוד איז וועלכען דער פאָרהיסטאָרישער לעבען איז איינגעוויקעלט, און מאַכען זיך אַ פאָרשטעלונג וועגען די ערשטע כאַראַקטער־שטריכען פון דעם באַרבאַריזם פון וועלכען אונזער מאָדערנע קולטור האָט זיך אנטוויי־קעלט, איז מעגליך בלויז אויף׳ן גרונד פון פילאָלאָגישע אויספאָרשונ־גען. דאָס בילד וואָס די שפּראַכ־וויסענשאַפטליך פאַרגלייכענדע מעטאָדע גיט אונז וועגען דעם לעבען פון אונזערע אור־עלטערען איז גאָר ניט אַזאַ געפערליכער אַז מיר זאָלען זיך דאַרפען שעמען מיט איהם. דורך די לעצטע פאָרשונגען זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען די פאָלגענדע הויפּט כאַראַקטער־שטריכען פון דעם אינדאָ־גערמאַנישען שבט איידער ער האָט זיך צוטיילט, פון דעם שבט זענען ארויסגעוואַק־סען אַלע אייראָפּייאישע פעלקער. די אינדאָ־גערמאַנען זענען ווירק־ליך געווען כמעט אומבאַקאַנט מיט׳ן געברויך פון מעטאַלען און פלעגען זיך באַנוצען מיט שטיינערנע געצייג. זיי האָבען געהאַט בלויז איניגע הויז חיות, אבער אויך די פלעגען זיי באַנוצען בלויז פאַר שפּייז. זיי האָבען ניט געוואוסט וועגען ערד ארבייט און אויך ניט וועגען וועלכען עס איז ערד אייגענטום, פריוואַטען אדער קהל׳שען. זיי האָבען אויך נאָך ניט געוואוסט פון וויין. זיי האָבען אָבער געקאַנט שפּינען און וועבען. אַ סחורה אויסטויש איז ביי זיי יאָ געווען און אַלס מאָס פון ווערט פלעגען דינען די הויז חיות. זיי האָבען זיך באַנוצט מיט מאַנכע מאָסען פון לענג און וואָג און האָבען געקענט ציילען ביז הונדערט. זיי האָבען אונטערשיידט קאָלירען אבער נאָר שאַרף אויסגעקריצטע, ווי רויט, געל, אבער ניט גרין אדער הימעל־בלוי, וואַרשיינליך איז עס דערפאַר וואָס דער ערשטער סאָרט פאַרב פלעגט זיך זיי אָפּטער באַגע־גענען אויף די פעלען פון חיות. זיי האָבען אונטערשיידט פון זומער

אכילעס לאָריאַ

ביז ווינטער און פלעגן צעהלען די מאנאטען נאך דעם גאנג פון דער לבנה, אבער פון קיין יאהר האבען זיי ניט געוואוסט. מעסטענדיג די צייט נאך דעם גאנג פון דער לבנה האבען זיי די צייט געצעהלט נאך די נעכט און ניט ווי מיר נאך די טעג. זיי האבען אונטערשיידט פון טאג און נאכט אבער פון קיין צוטיילונג פון טאג גופא האבען זיי ניט געוואוסט: אונטער דער פרימיטיווער פארמע פון באלעבאטישקייט איז דאס אויך ניט נויטיג געווען. זיי האבען געוואהנט אין ערד היי־זער אדער אין הילצערנע הייזקעס. זייער געוועהר איז געווען איבער־הויפט צוגעפאסט פאר אנפאלען אבער ניט פאר פארטיידיגונג. אט דער פאקט קען דינען אלס אפלייקענונג פון אמאנס באהויפטונג אז ער האט אנטדעקט אין מענשען אן איינגעבארענעם אינסטינקט צו פאר־טיידיגען זיך, וועלכער האט געטריבען אונזערע אור־עלטערען צו באַ־שאפען א סאציאלע ארדנונג. ווען דאס זאל זיין אמת וואלטען אין דער ערשטער צייט פון מענשליכען צוזאמענלעבען זיכער געווען באקאנט פארטיידיגונגס וואפען. די פארצייטיגע אינדא־גערמאנער האבען ניט געוואוסט פון קיין שטענדיגער פאליטישער ארדנונג, בלויז אין א צייט פון געפאר פלעגען זיי באשאפען צייטווייליגע ארגאניזאציעס. דער פארצייטיגער שבט איז געווען רעליגיעז, אבער זיין רעליגיאן איז בלויז געווען די פארגעטערונג פון נאטור כוחות, צו וועמען עס פלעגען צוגעשריבען ווערען אלע מענשליכע אייגענשאפטען. זיי האבען ניט געוואוסט פון קיין שום כללים פון מאראל, פון קיין דיסציפלין אין דער אויפפירונג פון מענשען. זיי האבען קיין באגריף ניט געהאט וועגען א צוקונפטיגען לעבען. צו גאט פלעגען זיי דינען ניט אין א קירכע, נאר אונטער דעם שאטען פון די בוימער אין די פרימיטיווע וועלדער, וועלכע זיי פלעגען פארהייליגען.

אט די גרונדשטריכען פון דעם לעבען און פון דער סאציאלער ארדנונג פון אונזערע פארהיסטארישע אור־עלטערען, זענען ערפאלג־רייך קאנסטרואירט געווארען דורך די פארשונגען פון דער פארגלייכענ־דער שפראך־וויסענשאפט.

די שפראך פארגלייכענדע אדער פילאלאגישע מעטאדע גיט אונז די מעגליכקייט אויפצובויען די גאנצע רייע פארמען פון מענשליכען

די סאָציאָלאָגיע

צוזאמענלעבען וואס האבען איינס נאכ'ן צווייטען נאכגעפאלגט געדהענדיג פון די וויינינגער אנטוויקעלטע צו די מעהר אנטוויקעלטע פארמען פון קולטורעלען לעבען. אט די רייע פאנגט זיך אן מיט'ן פארצייטיגען שבט, וועמעס כאראקטעריסטיק מיר האבען אויבען געגעבען, און פארענדיגט זיך מיט דעם פאלק וואס האט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון דער מאדערנער ציוויליזאציע. דער פארגלייך פון די אויף דעם אופן קלאסיפיצירטע פעלקער איז א וויטערע אומשעצבארע הילף ביים אויספארשען די סאציאלע איינריכטונגען, זייער אנשטעהונג און זייערע באזונדערע אייגענשאפטען. אויב דער פארגלייך פון די פילאלאגישע פארמען גיט אונז בלויז אנאלאגיעס, קען דער פארגלייך פון די סאציאלע פארמען אויך קלאר מאכען פאר אונז זייערע הויפט אונטערשיידען. עס איז זיכער אז מיר קענען שטענדיג פארגלייכען ענליכע ערשיינונגען פון געוויסע סאציאלע איינריכטונגען ביי פארשידענע נאציאנען, אבער אזא פארגלייך קען אונז ברייינגען בלויז א קליינעם נוצען און קען ניט פירען צו קיין וויכטיגע רעזולטאטען. אויב עס זאל אפילו דערוויזען ווערען אז א באשטימטע ערשיינונג אדער איינריכטונג ווייזט זיך ארויס ביי צוויי פארשידענע נאציאנען אבסאלוט אויף דעם זעלבען אופן קען מען פונדעסטוועגען פון דעם קיין שום שלוס ניט ציהען. ווענינגער פון אלעם קען מען דערפון ציהען שליסע וועגען דער קרובות'שאפט פון ראסען אדער וועגען דער געמיינשאפטליכער אפשטאמונג פון די ביידע נאציאנען. פארקערט אבער, שטודירענדיג סאציאלע אונטערשיידען קריגען מיר זעהר ווערטפולע רעזולטאטען. מיר ווייסען שוין אז די אנוועזענהייט פון דער אדער אנאנדערער סאציאלער ערשיינונג אדער אינסטיטוציעס, וועלכע האט נאך זיך קיין סמנים ניט געלאזען ביי די ציוויליזירטע פעלקער, קען דערקלערט ווערען ווען מיר שטודירען די ווענינגער ציוויליזירטע פעלקער, ביי וועמען אזוינע אינסטיטוציעס עקזיסטירען נאך, אדער האבען אמווייניגסטענס איבערגעלאזען נאך זיך סמנים. פונקט אזוי קען די אויספארשונג פון סאציאלע איבערלעבונגען אדער אזוינע ערשיינונגען, וואס זענען די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון א פריערדיגער מדרגה פון סאציאלען לעבען זעהר פיל העלפען דער ווידעראויפשטעלונג פון דער

דאזיגער מדרגה איז איהרע גרונדשטריכען. אבער א גאנץ אנדער ראלע און א מעהר וויכטיגען צוועק דינט דער פארגלייך פון באזונדערע שארף־אויסגעדריקטע סאציאלע פארמען, וועלכע שטעהען זעהר ווייט איינע פון דער צווייטער אין דער שטופע פון זייער אנטוויקלונג.

ווען מיר פארגלייכען די פעלקער וועלכע שטעהען אויף א גאר נידריגע שטופע פון סאציאלער אנטוויקלונג מיט די וועלכע זענען מעהר ציוויליזירט, קענען מיר ערשט דאן וויסען וועלכע פון די איצט עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס זענען צו די פריערדיגע געזעלשאפטען געווען אינגאנצען אומבאקאנט. גלייך־צייטיג וועלען מיר אויך האבען די מעגליכקייט נאכצופאלגען אין ארדנונג די אנטשטעהונג פון די אינסטיטוציעס און די גלגולים וועלכע זיי האבען דורכגעמאכט איידער זיי זענען געקומען צו זייער איצטיגער פארמע. איבערהויפט וועט פאר אונז ווערטפול זיין דער אלגעמיינער שלום אז די סאציאלע אינסטיטוציעס זענען ניט געגעבען געווארען פון א העכערע קראפט אויף אייביג, נאר זענען דער רעזולטאט פון צופעליגע און פארבייגעהענדיגע אורזאכען, אט דער שלום נעמט אוועק פון די סאציאלע ערשיינונגען זייער אומשטערבליכקייט מיט וועלכע די וויסענשאפט פון אמאל, אדער בעסער געזאגט, די אומוויסענהייט פון די פארגאנגענע צייטען, האט זיי באפוצט, און ברייגנט זיי ארונטער צו דער שטופע פון פארבייגעהענדיגע ערשיינונגען וועלכע זענען אונטערווארפען אונטער דעם אייביגען געזעץ פון ווערען און אונטערגעהן. אויסער דעם ווערט דא געעפענט די מעגליכקייט פאר דער קריטיק, וועלכע איז פון שטאנדפונקט פון אומפארענדערליכקייט געווען אוממעגליך.

אבער די מעטארע פון פארגלייכען פעלקער וועלכע שטעהען אויף פארשידענע שטופען פון אנטוויקלונג, — לאמיר זי אנרופען עוואלוציאניסטיש־היסטארישע, — וועלכע איז אן צווייפעל צוגעפאסט צו דעם היסטארישען כאראקטער פון די מענשליכע איינריכטונגען, טויג ניט, ניט לויט איהר פארמע, און ניט לויט די באגרעניצטקייט פון איהר אנווענדונג, אויף צו דערקלערען די אורזאכען פון די אויסגעפארשטע ערשיינונגען. פארגלייכענדיג פעלקער וועלכע זענען הימעל פארשידען

די סאָציאָלאָגיע

דורך זייערע אינערליכע אדער פסיכאלאגישע פאקטארן (קולטור, שפראך, אינטעלעקטועלע און טעכנישע אנטוויקלונג, מאראל, רעכט א. א. וו.) אזוי גוט ווי דורך אויסערליכע אדער נאטירליכע פאקטארען (קלימאט, די באדינגונגען פון באזעצונג א. א. וו.), קען מען בשום אופן ניט פעסט שטעלן צי דארף מען צושרייבן די אונטערשיידן וואס הערשן אין דער סאציאלער ארדענונג פון די פארשיידענע פעלקער, צום אונטערשייד פון אלע פאקטארן, אדער בלויז פון איינצעלנע. מען קען פאלגליך ניט זאגן באשטימט צי איז דער סאציאלער ארגאניזם דער פראדוקט פון אינערליכע אדער אויסערליכע פאקטארן, אדער גלייכצייטיג פון ביידע. די פראגע וואס איז די אורזאכע און וואס איז די פאלגע אין דער סאציאלער אנטוויקלונג בלייבט אויף דעם אופן ניט געלעזט.

כדי צו קריגן א וועלכן עס איז פינקטליכן ענטפער אויף דער פראגע וואלט כדאי זיין צו פארגלייכן די לענדער וועלכע אונטערשיידן זיך איינס פון דער צווייטע ניט מיט אלע סאציאלע פאקטארן, נאר בלויז מיט אייניגע. עס וואלט צום ביישפיל ראטזאם געווען פון איין זייט צונויפצוגרופירן אלע אינערליכע, און פון דער צווייטער זייט אלע אויסערליכע, עלעמענטן, וועלכע קענען אויף וועלכן עס איז אופן ווירקן אויפ׳ן סאציאלן לעבן, און דאן פארגלייכן איינס מיט׳ן צווייטן די לענדער וואס אונטערשיידן זיך צווישן זיך מיט די עלעמענטן בלויז פון דער ערשטער קאטעגאריע, אדער פון דער צווייטער. אויב צום ביישפיל, מיר פארגלייכן צוויי פעלקער וועלכע אונטערשיידן זיך בלויז דורכ׳ן טעריטאריעלן פאקטאר און געפינען אז זייער סאציאלע ארדנונג איז גרינדליך פארשידן, קענען מיר דערפון שליסן אז די באדינגונגען פון באזעצונג און די פראדוקטיוויטעט פון באדן זענען זעהר וויכטיגע פאקטארן אין דער אנטוויקלונג פון דער סאציאלער ארדנונג. אבער עס פרעגט זיך, זענען פסיכאלאגישע, אזוינע פאקטארן? כדי ריכטיג צו ענטפערן אויף דער פראגע וואלט מען באדארפט פארגלייכן צוויי פעלקער וועלכע אונטערשיידן זיך צווישן זיך בלויז מיט זייערע פסיכאלאגישע פאק־
אויך די עלעמענטן פון דער צווייטער קאטעגאריע. די אינערליכע

טארען. אויב מיר וועלען געפינען ביי יענע פעלקער די זעלבע סאָ־ציאלע ארדנונג וועט עס זיין א סימן אז אויפ'ן סאָציאלען לעבען ווירקען נאר די באזעצונגס־באדינגונגען און די פראָדוקטיוויטעט פון באָדען, אדער אין אנדערע ווערטער, די טעריטאָריעלע באדינגונגען. און אז די אינערליכע פאקטארען שפּילען אין דער בלוטיגער דראמא פון דער געשיכטע בלויז די ראָלע פון שטומע סטאטיסטען. צו א פארקערטען שלוס וואָלטען מיר קומען ווען ביי די פארשידענע נאַ־ציאנען מיט פארשידענע פּסיכאָלאָגישע פאקטארען זאָלען מיר אויך געפינען פארשידענע סאָציאלע ארדנונגען און ביי די נאַציאָנען וואס אונטערשיידען זיך בלויז מיט טעריטאָריעלע פאקטארען, די זעלבע ארדנונג.

אזא פארגלייך איז גאנץ מעגליך א דאנק דער עקזיסטענץ פון קאָלאָניעס. ווען מיר פארגלייכען א קאָלאָניע מיט דער מעטראָפּאָליע אין וועלכען עס איז מאָמענט פון זייער עקזיסטענץ האבען מיר צוויי לענדער וואס זענען ענליך אין אלעס, וואס אנבאלאנגט ראסע, רעליגיאָן, קולטור, אינטעלעקטועלע און פיזישע אייגענשאפטען פון דער באפעלקערונג, וועלכע זענען בכלל גלייך אין אלע פּסיכאָלאָגישע און רייז־מענשליכע מאָמענטען. גלייך־צייטיג אבער, זענען עס צוויי לענדער וועלכע אונטערשיידען זיך אין דער מעטאָדע פון זייער באַ־זעצונג, אדער אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון באָדען. אין דער מעט־ראָפּאָליע איז דער גאנצער באָדען שוין פארנומען און באַארבייט. בעת אין דער קאָלאָניע זענען נאך דאָ גרויסע שטיקער ערד וואס זענען ניט פארנומען און ניט באַארבייט. ווען מיר וועלען געפינען, דורך א פארגלייך פון די צוויי לענדער אז ביי זיי זענען דא פאר־שידענע סאָציאלע ארדנונגען, וועלען מיר ניט קענען דאס דערקלערען דורך פּסיכאָלאָגישע אורזאכען וועלכע זענען אין ביידע לענדער גלייך. נאר מיר וועלען עס מוזען צושרייבען צו די טעריטאָריעלע פאקטארען.

אויף דעם אופן וועלען מיר האבען גענוג אורזאכען צו דערקלע־רען אז די טעריטאָריעלע באדינגונגען זענען א נויטווענדיגער פאק־טאָר פון דער סאָציאלער ארדנונג. אבער דערמיט איז נאך די פראגע אלץ ניט אויסגעשעפּט. מען קען צוגעבען אז די מענשליכע אדער פּסי־

די סאָציאָלאָגיע

באַלאָגישע עלעמענטען האָבען אויך אַ ווירקונג אויף דעם געבוי פון דער געזעלשאַפט. לאָמיר דערפאַר פאַרגלייכען אַ קאָלאָניע אין אַ געוויסען מאָמענט פון איהר עקזיסטענץ מיט דער מעטראָפּאָליע פון אַ פריערדיגען פּעריאָד, ווען די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג און דורך דעם די פּראָדוקטיוויטעט פון באָדען זענען געווען די זעלבע ווי זיי זענען אין דער קאָלאָניע אין דעם געגעבענעם מאָמענט. עס איז קלאָר אַז אין אַזאַ פאַל וועלען מיר פאַרגלייכען צוויי לענדער, וועלכע אונטערשיידען זיך בלויז דורך מענשליכע אָדער פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרען. אין דער קאָלאָניע הערשט באמת אַן אַנטוויקעלטע ציוויליזאַציע אין דער צייט וואָס אין דער מעטראָפּאָליע האָט געהערשט אין איהרע ערשטע יאָהרען אַ באַרבאַריזם. די ראַסע, רעליגיאָן, וויסענשאַפט, די טעכנישע אַנטוויקלונג און די מאָראַל זענען דורכאויס פאַרשידען ביי ביידע נאַציאָנען. בכלל איז דער מענשליכער עלעמענט ביי ביידען דורכאויס פאַרשידען, אַפט געגענזעצליך. אויב אַלזאָ ניט קוקענדיג אויף אַזוינע אונטערשיידען וועט די סאָציאַלע אָרדנונג פון דער קאָלאָניע זיין די זעלבע ווי די סאָציאַלע אָרדנונג פון דער מעטראָפּאָליע איז געווען אין דער פריערדיגער צייט, וועלען מיר דאַן געצוואונגען זיין צו אַנערקענען אַז דער מענשליכער עלעמענט האָט קיין ווירקונג ניט אויף דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, אַז ער איז ניט קיין סאָציאָלאָגישער פאַקטאָר, אַז דער אויסשליסליכער שעפער פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אָרדנונג זענען די באַדינגונג פון דער באַזעצונג און די פּראָדוקטיוויטעט פון באָדען.

אַ פאַרגלייכענדער אַנאַליז פון דער רעוואָלוציע פון די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס און פון אייראָפּאַ ווייזט אַז אין די נייע געזעלשאַפטען אַנטוויקלען זיך באַציהונגען עקאָנאָמישע, יורידישע, פּאָליטישע, א. א. וו. וואָס זענען גאָר אַנדערע ווי די באַציהונגען אין דער מעטראָפּאָליע פון דער זעלבער צייט, און זענען אין די וויכטיגסטע שטריכען ענליך צו יענע וואָס האָבען אין דער מעטראָפּאָליע געהערשט אין דער פריערדיגער צייט. דאָס ווערט אויסגעדריקט אויפ'ן פאָלגענדען אופן: די קאָלאָניע פאַנגט אָן מיט דער אינסטיטוציע פון אינדיווידועלען באַזיץ, וועלכער טרעט שנעל אָפּ זיין פּלאַץ צו דעם קאַ־

אכילעס לאָריאַ

לעקטיווע אייגענטום און רעפּראָדוצירט אויף אַזאַ אופן דעם ערשטען פאַזיס פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט. דאַן געהען זיי איבער צו דער איינפירונג פון שקלאַפעריי וועלכע נעמט אַן ביי זיי די זעלבע פאָרמען וואָס זי האָט געהאַט אין דער אַנטיקער אייראָפּא און ברענגט מיט זיך די זעלבע יורידישע באַגריפען, מאָראַלע אַנשויאונגען און פּאָליטישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבען געהערשט אין דער אַלט־גרי־כיש־לאַטיינישער וועלט. נאָך שקלאַפעריי קומט לייב־אייגענטום, צעך־כען און אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער פעאָדאַלער מיטעל־אַלטער־ליכער אָרדנונג, וואָס האָט אַזוי לאַנג געהערשט אין אייראָפּא און נאָך אַם ענדע פון זייער עוואָלוציע ווען די גאַנצע לאַנד איז שוין פאַרנומען ווי עס איז היינט אין אייראָפּא, אַנטשטעהט אין די קאָלאָניעס די סיסטעמע פון לוין אַרבייט מיט דעם גאַנצען קאָמפּליצירטען מעכאַ־ניזם פון סאָציאַלע באַציהונגען וואָס זענען דערמיט פאַרבונדען. מיט איין וואָרט פּונקט ווי דער מענש געהט דורך אין דער מוטער'ס בויך אַלע שטופען פון אָרגאַנישער אַנטוויקלונג, אַזוי געהט אויך די מענש־הייט דורך אין איהר קאָלאָניאַלען לעבען אַלע פאַזען פון דער איבער־אָרגאַנישער עוואָלוציע.

דער רעזולטאַט פון אַזאַ פאַרגלייך צווישען די קאָלאָניעס און דער מעטראָפּאָליע איז וויכטיג פאַר דער סאָציאָלאָגיע דערפאַר ווייל דאָס צושטערט אינגאַנצען די טעאָריע וועלכע זעהט די אורזאַכע פון דער סאָציאַלער עוואָלוציע אין די אינטעלעקטועלע אייגענשאַפטען פון דעם מענשען. און ווירקליך, קען מען דען איינשטימען מיט קאַנטען אָדער מיט באָקל'ען אַז די סאָציאַלע ערשיינונגען זענען דער פּראָדוקט פון דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, אָדער מיט דער טעאָריע פון העגעל, אַז די געשיכטע איז די זעלבסטאַנטוויקלונג פון דער אידעע אָדער מיט'ן אַפאָריזם פון לאַסאַל'ן, אַז דער מענשליכער גייסט איז דאָס „ווערען" אין דער געשיכטע: קען מען דען איינשטימען מיט מאַרקס'ן אַז די אַנטוויקלונג פון די מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס כחות שאַפען פון זיך זעלבסט אַ פּראָגרעסיווע רייע פון סאָציאַלע פאָרמען, אָדער מיט דער מיינונג פון קיוו'ן, וועלכער זעהט די גאַראַנטי פאַר פּראָגרעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעליגיעזער אידעע. ווען עס איז באַוויזען

די סאָציאָלאָגיע

אז די נייע מענשהייט, פארשטארקט דורך איהר אינטעלעקטועלער, טעכנישער און רעליגיעזער ירושה וואס איז אנגעזאמעלט געווארען אין פארלויף פון הונדערטער יאהרען און דורות, איז געצוואונגען איינצופירען פרימיטיווע עקאנאמישע און סאציאלע באציהונגען, בלויז דערפאר ווייל זיי באזעצען זיך אין א פרייער נאך ניט באזעצטער לאנד פונקט ווי די אלטע מענשהייט? די ציוויליזאציע פון דער קאלאניע וועלכע וואקסט ארויס אויף דעם באדען פון אביעקטיווע באדינגונגען פון דער פיזישער סביבה, אומאפהענגיג פון די פסיכאלאגישע אייגענשאפטען פון מענשליכען גייסט, איז א קאטעגארישע אפלייקענונג פון דער זאגענאנטער אפהענגיגקייט פון דער מענשליכער ציוויליזאציע אז דער אינטעלעקטועלער און מאראלער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט: דאס גיט אונז די אידעע פון דער שטרענגער אפהענגיגקייט פון דער סאציאלער געשיכטע אז דער נאטור, די אידעע פון דער גרויסער מעכאנישער פארבינדונג צווישען מענש און דער אויסערליכער וועלט.

אויף דעם אופן לייזט די קאלאניאלע פארגלייכונג גאנץ ערפאלגרייך די פראבלעמע וועגען דער אורזאכע פון די סאציאלע ערשיינונגען, וועלכע די פריערדיגע סאציאלאגישע פארשונגען האבען בשום אופן ניט געקאנט לייזען. דער היסטארישער מאטעריאליזם וועלכער קאנסטרואירט אלע סאציאלע ערשיינונגען אלס רעזולטאט פון די עקאנאמישע באציהונגען, ערקלערט נאך אבער אלץ ניט, דורך וואס ווערט באשטימט אט די מעכטיגע עקאנאמישע ארדנונג וועמעס רעזולטאט איז די סאציאלע ארדנונג. די קאלאניאלע פארגלייכונג גיט אונז די מעגליכקייט אויסצופילען אט דעם כלל, באווייזענדיג אז די עקאנאמישע באציהונגען זענען אליין א נויטווענדיגער רעזולטאט פון דער ארט פון באזעצונג און דער פראדוקטיוויטעט פון באדען.

דאס זענען דערווייל די וויכטיגסטע אנווענדונגען פון דער פארגלייכענדער מעטאדע אין דער סאציאלאגיע. אבער דאס איז נאטירליך נאר די אנפאנג סטאדיע פון א וויסענשאפטליכען פראצעס, וועלכער וועט אהן צווייפעל זיך ניט אפשטעלען אויף זיין וועג און וועט אין דער צוקונפט נאך פיל רייכע רעזולטאטען ברענגען. יעדענפאלס

אכילעס לאַריאַ

לויט די רעזולטאַטען וועלכע זענען שוין דערגרייכט געוואָרען קען מען אורטיילען וועגען די וואס דארפען ערשט דערגרייכט ווערען. עס וועט ניט זיין צו געוואַגט צו זאגען, אז די פארגלייכענדע מעטאדע וועט אויך באלייכטען די וויינינגער אויסגעפארשטע סטאדיען אין דער עוואלוציע פון דער מענשליכער געזעלשאפט. מען וועט זיכער געגען אונז ארויסשטעלען דעם באקאנטען פראנצויזישען שפריכווארט, וועל־כער איז ווארשיינליך ניט מעהר ווי א מאדיפיקאציע פון די אידעען וועלכע זענען איינגע׳חזר׳ט געווארען דורך דער מעטאפיזישער ער־ציהונג Comparaison n'est pas raison (א פארגלייך איז ניט קיין ראיה). אבער שפריכווערטער זענען פונקט ווי אלע מענשליכע זאכען פארבייגעהענדיג. די פארגלייכענדע מעטאדע אין איהרע נייע אנווענדונגען באווייזט אויפ׳ן גלענצענדסטען אופן אז די אורזאכע פון ערשיינונגען ווערט פיל קלערער דורך דער פארגלייכונג פון זאכען איידער דורך פארגלייכונג פון גרונדלאזע ספעקולאציעס. אויף דער געגענווערטיגער וויסענשאפט איז אלזא אנווענדבאר די אלטע אינדישע לעגענדע וועגען דער אנשטעהונג פון פייער: מען דערצעהלט אז אין דער צייט וואס אלע הייסע תפילות פון די איבערגעגעבענע פון אגני, דעם גאט פון ליכט, האבען ביי איהם ניט געקאנט אויסבעטען אפילו איין פונק פייער, איז אבער דער לעבענסשאפענדער פלאם ווי א בליץ ארויסגעשפרונגען פון צווישען צוויי שטיקער האלץ, וועלכע זענען גע־ריבען געווארען איינס אן דעם צווייטען אין דער צייט ווען די פרומע האבען געבראכט א קרבן.

שלום־וואָרט.

איך וועל פאַרענדיגען מיינע לעקציעס מיט א וואונש אז זיי וועלען געבען כאָטש א קליינע און פאַרהעלטניסמעסיגע פאַרשטעלונג וועגען דעם וועזען, צילען און באַדייטונג פון דער נייער וויסענשאַפט וועלכע איך האָב דאָ געפּרואווט באַלייכטען. לײדער איז יעדער איינער וועך עס ווידמעט זיך צו אָט דער וויסענשאַפט, אויב ער האָט אפילו געהאט דאָס גליק צו האָבען א מעהר קאָמפּעטענטען לערער ווי איך בין, טראָגט ער דאָך ארויס דעם איינדרוק אז אין דער סאָציאָלאָגיע איז נאָך דאָ פּלאַץ פאר וויכטיגערע לערער און וועזענטליכע אויסבעסערונגען. אָבער מען דאַרף זיך ניט איילען שולדיג מאַכען די לערער אין די שולדען פון דער נייער וויסענשאַפט. מיר ווייסען אַלע אז אויף די גרעסטע פּלאַנעטען, אויב מען זאָל זיי אויספאָרשען מיט די מיטלען וועלכע די געגענוואַרטיגע וויסענשאַפט באַזיצט, קען מען געפינען פיל פּלעקען, אָבער פונדעסטוועגען וואָלט דער ווער עס דערנעהענטערט זיך צו אָט די געהיימע וועלטען אדער ווער עס וויל אין זיי אריינדרינגען וואָלט אפשר דערזעהן אז דאָס וואָס קוקט אויס פון דערווייטענס ווי פּלעקען זענען אין דער ווירקליכקייט בליהענדע טאָלען און ראָמאַנטישע פעלדער, וועלכע זענען ארומגערינגעלט מיט בילד־רייכע בערג און געדיכטע וועלדער. ווער ווייס, אפשר וועלען די טונקעלע פלעקען פון דער סאָציאָלאָגיע ערקלערט ווערען דערמיט וואָס מיר שטודירען אָט די וויסענשאַפט בלויז פון דערווייטענס און מיט דער הילף פון א זעהר אומפּאַלקאָמענעם גייסטיגען טעלעסקאָפּ.

מיר דאַרפען אַלזאָ באַפרייען אונזער געדאַנק פון קליינליכע צווייפלען, פון שרעק פאר ציימווייליגע שוועריגקייטען. פאָרווערטס! פאָרווערטס מיט דאָפּעלטער באַגייסטערונג איבער די קרומע שטעגען פון פאָרשונג צו דער אנטדעקונג פון די גרויסע געזעצען וואָס זענען איינגעוויקעלט אין געהיימניסען. אויב אונזער וועג וועט אונז אפילו

ברענגען אויף א צייט אין א ווילדערניש, וועלכער וועט מיט בלוט באדעקט זיין. וועט אבער קומען א טאג ווען די פינסטערניש וועט זיך צוגעהן, ווען די בערג וועלען זיך פאנאנדערוקען. ווען פון אומעטום וועלען אריינשטראמען ליכטיגע שטראלען און אין יענעם טאג, וועט אונז באצאלט ווערען פאר אונזער מיה און ליידען, ווייל מיר וועלען דאן ענדליך דערגרייכען דאס צוגעזאגטע לאנד פון אמת.

ענדע.